STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02115

A HOLETS FUN POYLN

Yehiel Mor

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה העברית העממית

יחיאל מאַר / אַ חלוץ פון פוילן

I

JEHIEL MOHR

HALOUTZ DE POLOGNE

(Roman)

הילע געצייכנט פון: — אהרן גרונדמאַן

© by Jehiel Mohr PARIS, 1977

Imprimerie IMpressions POpulaires, 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris

יחיאל מאָר

א חלוץ פון פוילן

ראמאן

1977 פאַריז תשל"ז

דאָס בוך ווידמע איך מיין טרייע
לעבנס-באַגלייטערין ל י נ אַ

דער מחבר

אקדמות

(איידער איך הויב אָן)

אין מיינע יאָרן ווייסט מען שוין, אַז — מען ווייסט נישט; און אַז אפילו דאָס, וואָס מען ווייסט שוין יאָ, איז אויך נישט פון גרויס באַדייט.

אין מיינע יאָרן, ווייסט מען באמת אַ סך זאַכן, נאָר וואָס עס איז דער עיקר — ווייסט מען נישט.

דעריבער קאָן מען זען ביי פיל פען־מענטשן, מיט אַ נאָמען, וואָס האָבן דערגרייכט אַ שיבה טובה, אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער, שרייבן — ביים סוף פון זייער לעבן —: עיקר שכחתי... וואָס וויל הייסן: איך האָב אַ סך געזאָגט און געשריבן אין מיין לעבן, נאָר דאָס וויכטיקסטע, דאָס, וואָס מען דאַרף צו זאָגן, האָב איך נישט געזאָגט. פאַרגעסן דעם עיקר.

פאַרגעסן? ניין, טייערער שרייבער, האָסט נישט פאַרגעסן. דו ביסט נאָר נישט זיכער געווען, וואָס דער עיקר איז...

גלויב מיר, מיין ליבער פריינט — ווען דו האָסט ווידער די געלעגנהייט, דאָס נאָכאַמאָל צו מאַכן — בעסער וואָלסטו עס נישט געמאַכט. און דער „עיקר שכחתי" וואָלט ווידער פאַרבליבן.

דאָס געהערט צום „סיסטעם", צום „לעבן", וואָס איז נישט, און קאָן נישט, און וועט דאָ קיינמאָל נישט זיין פולקאָם.

דאָס, מער ווייניק, ווייסט מען אין מיינע יאָרן.

דעריבער, אַז מען גיט אַרויס אַ יידיש בוך אין פאַריז, אין יאָר 1976, אויף אייגענע „בן שבעים וחמש'דיקע כוחות", ווייסט מען, אַז מען וואַרפט אַן אָנגעצונדן שוועבעלע אין אַ פינצטער־רער נאַכט אַריין. ווייסט מען: עס האָט זיך געמערט נאָך אַ קול קורא במדבר...

מען ווייסט אויך, אַז עס איז נישטאָ ביי אונדז קיין ליטעראַרישע מאָס, און קיין וואָג, און אַז אַ יידיש בוך איז נישט קיין מטבע עובר לסוחר. ווייסט מען, אַז אָפשאַצן, אָננעמען, אָדער אָפוואַרפן אַ ספר, געהערט — ווייל דאָס איז די העכסטע און לעצטע אינסטאַנץ — (אין אַלע ליטעראַטורן) צו דעם יונגן לייענער. מיר האָבן אים נישט.

ווייסט מען, אַז מען האָט אויף קיינעם נישט זיך דאָ צו פאַרלאָזן, נאָר אויף זיך, אויף זיך אַליין. (אין בעסטן פאַל, אויף אַ גוטן פריינט, אַ חבר,) און אַז מען ווייסט דאָס אַלץ פון פאָרויס, און מען נעמט עס אָן אַזוי ווי עס איז, (ווייל אַנדערש קאָן עס נישט זיין) פאַרשפאָרט מען אַ סך ערגערנישן, אַנטוישונגען און עגמת נפש.

אין דעם פעריאָד, פון וועלכן איך דערצייל, זענען טויזנטער יונגע יידן, ווי איך, געגאַנגען איבער דעם זעלבן וועג; מיטן אָרעמען בינטל אונטערן אָרעם, וואָס די מאַמעס אונדזערע, (אַז אָך און וויי צו זיי) האָבן אונדז מיטגעגעבן, איז מען מער צופוס געגאַנגען ווי געפאָרן, אין חומש־לאַנד אַריין... אַהיים... דער גאַנצער פעריאָד, און די פאַסירונגען, וואָס עס האָבן פאַסירט מיטן חלוץ פאַלק, נעמט אַרום די יאָרן פון דער דריטער עליה, תיכף נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

וואָס איז דען פאָר אַ חילוק, צי אַלץ דערין איז וואָר, אָדער אויסגעטראַכט? צי געהערן נישט די וואָרסטע מעשיות, מיט אַן אָפשטאַנד פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, סיי ווי סיי, צום עולם הדימיון? אין שרייבן, איז דאָך נישט דער עיקר די אויטענטישקייט פון דעם סיפור המעשה, נאָר דער אופן, דער טעם, ווי אַזוי מען דערציילט. ווו איז די גרענעץ צווישן דער רעאַליטעט און דער פאַנטאַזיע? צי געשעען דען נישט אין טאָג־טעגלעכן לעבן פאַסירונגען, וואָס שטייגן איבער יעדע מענטשלעכע פאַנטאַזיע?

און אַז מען ווייסט שוין דאָס אַלץ, אין מיינע יאָרן, ווייסט מען אָבער נאָך אַלץ נישט דעם עיקר. נו, שאַפט זיך, גלויב איך, יעדער מענטש, זיין אייגענעם עיקר.

ר׳ שמואל יוסף עגנון דערציילט ערגעץ אין זיינע מעשיות, אַז גייענדיק אַזוי אין די שמאָלע טונקעלע געסעלעך פון אַלט־ירושלים, האָט ער אַריינגעטראָפן צו אַ שוסטערל, אַ לאַטוטניק; זיך צערעדט מיט אים, האָט ס׳שוסטערל געלויבט אַ מעשה, וואָס

דרוקט זיך פון איינעם אַ שרייבער מיטן נאָמען עגנון יעדן ערב שבת, אין אַ צייטונג; און אַז ער וואַרט אויף דעם המשך פון דער דאָזיקער שיינער מעשה, מיט פרייד, און מיט האַרץ־קלאַפעניש. און עגנון פירט אויס: צו האָבן אַזאַ קורא־ותיק, אַזאַ געטרייען לייענער, איז שוין כמעט כדאי צו זיין אַ סופר בישראל...

נישט, חלילה, צו מאַכן אַ פאַרגלייך מיטן גרויסן העברע־אישן שרייבער, ר׳ שמואל יוסף עגנון, קום איך דאָ...

נאָר אויך איך, מיין ווייניקייט, אַז איך נעם אָפּ גרוסן פון מאָנטאָן, פון ליאָן, פון אַנטווערפּן (פון פּאַריז, אָדער ליל, איז דאָך שוין אָפּגערעדט) פון מיינע געטרייע לייענער, אַז זיי לייענען גערן מיינע מעשיות, זאָג איך מיר:

אפשר איז דאָס דער שכר פון אַ יידישן שרייבער? דער: לפום צערא אגרא?

יאָ, אין מיינע יאָרן, אפנים, ווייסט מען שוין, אַז אַ גוט וואָרט פון אַן אַנאָנימען, געטרייען לייענער קאָן זיין אַ דערמו־טיקונג אַ טרייסט...

ווער ווייסט? — — —

יחיאל מאָר.

אַראַס. (זומער 1976)

ערשטער טייל

ווין

קאַפּיטל 1

ווין, די געפאַלענע קרוין-שטאָט

אַ שניי איז אַרויסגעפאַלן און צוגעדעקט די הונגעריקע, געוועזענע קרוין־שטאָט ווין, מיט אַלע אירע טורעמס, קופאָלן, מיט אַלע אירע קלויס־טער־שפּיצן און מאָנומענטן.

דאָס ברויט איז ליימיק און שווער. וואָרעמערהייט, צעגיסט זיך עס פון די צעפּלאַצטע רינדלען, ווי בלאָטיקע וואַפּנע. אין די קאַפעס פון ערשטן באַצירק זופּט מען אַ שוואַרצע פּלעדרעכץ, וואָס מען רופט עס מיטן אַמאָ־ליקן לשון; קאַפּעע... מען בלעטערט די צייטונגען, און מען בלייבט דאָרט שעהן לאַנג זיצן. צו די נישט־באַהייצטע דירות ציט עס נישט; ווייל דאָ איז געמיטלעך און וואַרעם, אַ פונק נאָך פון אַמאָליקן פאַרמלחמה׳דיקן רחבות. מען לעבט פון אַמעריקעס חסד. אין די שטאָטישע שולן טיילט מען אין די קאַלטע פרימאָרגנס שעלעכלעך הייסן קאַקאַאָ מיט פּעניצלעך צווי־באַק, פאַר די שול־קינדער אַ מתנה פון אַמעריקאַנער רויטן־קרייץ.

אין די גרויסע טעאַטערן, און אין דער „שטאַאַטס־אָפּער" שטייען אויף די אויבערשטע שטאָקן פון דער גאַלעריע פּראָפעסאָרן, סטודענטן און קייען אין די צווישן־אַקטן די קלעפּעדיקע ברויט־שטולן, באַשמירט מיט מאַרגאַרין, און מען „פאַרזופּט" מיט אַן אַריע פון „טאָסקאַ", אָדער מיט אַ פּסוק פון „פאַוסט".

אויף די ראָגן, אַרום די רייכע האָטעלן, פון ערשטן באַצירק, שטייען אין די אָוונטן די מיניצים, די פּעפּיס און די אַנערלס, זיי לויערן אויף די געסט, וועלכע האָבן פאַרפלייצט די גרויסע האָטעלן, מיט זייערע גוטע לע־

דערנע וואַליזעס און מיט זייערע גרינלעכע פּאַפּירענע דאָלאַרן. זיי שטייען מידע פון אַ גאַנצן טאָג זיצן אין די ענגע, טונקעלע ביוראָס, כדי זיך צו „פאַרדינען" אַ פּאָר זאָקן, אַ האַלקע, אַ „פּעש"־היטעלע.

— יאָ — זאָגן זיי איינפאַך און קינדיש — פאַר דעם ביסל אונדזערע לומפּיקע קראָנען, וואָס מיר באַקומען פאַר אונדזער שופּטעריי, נאָך אַ גאַנצן טאָג אָפּהאָרעווען אין די ביוראָס, קאָנסטו אָן שיכלעך און אָן אַ קליידל אַרומלויפן...

דערנאָך זיצן זיי, צעפּלאַמט, און שטיפעריש, מיט קינדיש פינקלדיקע אויגן, און טרינקען אַ וואַרעמען שאָקאָלאַד מיט „שלאַג־זאַנע"...

אין יידישן „אַרבעטער־היים" זיצן די „יאָסעלעך", די „הערשאַלעך", די „שמוליקלעך", צוזאַמענגעדריקט אויף די לאַנגע בענק, אַרום געשייערטע דעמבענע טישן. מען לעפלט מיט גרויס חשק די לינדזן־זופּ, און מען פאַרבייסט מיט אַ פּאָרציע ליימיקן טייג, וואָס האָט נאָר אַ נאָמען בלויז: ברויט. יונגוואַרג אַנגעלאָפן פון שטעט און שטעטלעך, פון נאָרוואָס אויפגעשטאַנענעם פּוילן, זיצן מיטן אָרעמען קלימעקל אויף די קני, אין מאַמישן טיכל ליגט דאָרט צעקנאָדערט אַ העמד, די תפילין, עטלעכע טאַשן־טיכלעך. וואָס אַמאָל אַלץ איינגעשרומפּענער ווערן די היימישע מאַמישע בינטלעך, וואָס ווייטער אַלץ גרינגער, אַלץ אָרעמער...

וווהין לויפט איר דאָס אַזוי יידיש יונגוואַרג? און אייער טאָן וואָס איז? די היים אייערע ווו איז זי?

נאָכן „נאַכט־עסן" בלייבט מען ווי צוגענאָגלט צו די בענק. מען וואָלט אַזוי אַמבעסטן זיצן געבליבן אַ גאַנצע נאַכט, צווישן אייגענע חברה. נאָך אַ גאַנצן טאָג אָפּהאָרעווען אין די ווייטע, פאַרוואָרפענע באַצירקן, אויסערהאַלב דער שטאָט, קאָן מען זיך, צוליבן קנאַפּן לוין, אויף אַ טראַמוויי־בילעט נישט פאַרגינען. מען האָט קיין כוח און קיין מוט נישט זיך צו שטעלן אויף די פיס, און אַוועקשפּאַנען אין דער קאַלטער, נאַסער נאַכט אַריין, צו די נישט־באַהייצטע „שלאָף־שטעלן". אַ טיש־שכן זאָגט דאָרט אַ מידער צו זיין חבר:

— זעסטו! פאַבריק־אַרבעטער האָבן אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט, איין און דאָס זעלבע פּנים... דער זעלבער הולך, די זעלבע אויסגעריבענע הויזן. אפילו דאָס זעלבע מידע קול, נאָר די לשונות זענען פאַרשידן...

אין ווין, ווו דאָס אַמאָליקע גדלות איז פאַרקערפּערט אין מאַרמאָר, אין בראָנז; דאָרט ווו עס טורמען זיך שטאָלץ און מאַיעסטעטיש די ריזיקע מאָנומענטן, באַרימטע סקולפּטורן פון דער מעכטיקער פאַרגאַנגענער קייזער־און־קעניגלעכער האַבסבורגער אימפּעריע; דאָרט, אַרום די מוזע־

אומס, דעם בורג־טעאַטער, די וועלט־באַרימטע סטעפאַנס־קירכע, די רחבותדיקע קאַפע־הייזער, דאָרט האָט מען אין אַ ווינטערדיקן פאַרנאַכט, אין די טראַמווייען, אין די אַרומיקע גאַסן, געשלאָגן דורכגייער און פאָרער, מיט קענטלעכע יידישע פנימער... נישט אַזוי ווי אין פוילן דווקא — מיט אייזערנע שטעקנס איבערן קאָפ... ניין! אַ ביסל איידעלער: מען האָט געוואָרפן פון די קאַפעס, פון די פאָרנדיקע טראַמווייען, געפּאַטשט... דערנאָך האָבן זיך ביידע צדדים — די וואָס האָבן געגעבן פעטש, און די, וואָס האָבן זיי באַקומען — זיך אָפּגעווישט דאָס מויל, און עס איז ווידער שטיל געוואָרן. פּאָליציי איז דאָרט געשטאַנען און געהיטן. אָרדענונג מוז זיין!...

אין יידישן „אַרבעטער־היים” זאָגט עמיצער צום אַרומיקן עולם:

— ווי אַ שטיין, ווען מען וואַרפט אַריין אין אַ רואיקן טייך שאַפן זיך רינגען אַרום דעם אָרט, ווו ער פאַלט; די ערשטע רינגען ברויזן אויף ווי די כוואַליעס, די ווייטערע שוין אַ ביסל שוואַכער, און ברייטער און אַזוי ווייטער, אַלץ שוואַכער און ברייטער, ביזן קומענדיקן וואָרף...

מען קוקט אים פאַרחידושט אָן, נעמט ער גלאַטן פאַרטייטשן זיין משל:

— אין אוקראַינע האָט דער יידישער טייך מיט אַ מעכטיקע פויסט, באַקומען אַ קלאַפ, קאָכט עס דאָרט און שוימט... די שוואַכערע רינגען האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ פוילן ביז דאָ אַהער, קיין ווין, האָט דער יידישער טייך אַ ציטער געטאָן; ביז אַרום די מוזעאומס... אַרום בורג־טעאַטער.

— אין אַ קראָקע, אָדער וואַרשע, קאָן דאָס נישט פּאַסירן... — פאַלט אַן ענטפער פון אַ זייטיקן טישל — דער „בונד” האָט דערויף אַ מיטל...

— דאָס איז מער געשטאָכן, ווי געוואָלט עפּעס זאָגן — ענטפערט שאַרף אָפּ אַ בחור אין דיקע אויגן־גלעזער.

אין בעל־המשלס סביבה פילט מען זיך געטראָפן:

— וואָס וואָלט מען געוואָלט — זאָגט דאָרט עמיצער גלאַטן — „אַרבעטער־היים” זאָל אַרויסגיין, באַשיצן די „שיבערס” דאָרט? מיר האָבן נישט קיין „באַיוווקעס” מער...

אַ שטאָך פאַר אַ שטאָך, און שוין איז די „אַרבעטער־היים” געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן;

— וווהין זאָלסט זיך נישט אויסדרייען, קריגט מען קלעפּ — זאָגט פון אַ ווינקל אַרויס אַן עלטערער מענטש מיט אַ פּאָר טרויעריקע אויגן — אין אוקראַינע — קלעפּ, אין פוילן — קלעפּ, אין פּאַלעסטינע אפילו... און דאָ אויכעט.

— אין פּאַלעסטינע — ענטפערט עמיצער פון צווישן עולם, מיט אַ שווערן חיתוך הדיבור — דדדאָרטן קקקריגט מען נישט בלויז, מען גגגיט אויך צוריק...

—אַ קניפּ אין דער באַק, די פאַרב זאָל שטיין... — וואַרפט אַריין אין דער זייט אַ שטובן־מאָלער אין אַ ווייס כאַלאַטל, אויסגעשמירט מיט פאַרבן פון „כל המינים”, שלום עליכמ׳ס אַ גלייכווערטל. מען צעווערטלט זיך, יעדער וואַרפט אַריין אַ וואָרט. מען שטעכלט זיך. די דיסקוסיע נעמט אַרום וואָס מער עולם; מען פאַרפּלאָנטערט זיך אין רייד. איינער דעם צווייטן וויל אויפווייזן ז י י ן אמת, דעם אמתן א מ ת... מען שרייט, מען פלאַמט. קיינער הערט שוין נישט דעם קעגנערס רייד. און צו קיין טאָלק דערגייט מען נישט. די פאַרעדיקע לינדזן־זופּ אין די בלעכענע שיסלען מאַכט אַ סוף צום הייסן וויכוח. עס ווערט שטיל, און מען הערט נאָר די צי־נענע לעפלען אַרבעטן מעשים, און אַ פּאָר מנינים ליפּן בלאָזן און מליאָס־קען; זאָגט עמעצער, אַזוי ווי אָפּצושליסן דעם גאַנצן ענין;

— די צרה איז, וואָס מיר האָבן נישט קיין איינהייטלעכן פּראָגראַם. שטיקלעך פון אַ סך פּראָגראַמען האָבן מיר, אָבער נישט קיין איינציקן גאַנצן פּראָגראַם... און איבעריקנס — גיט ער צו, נאָך אַ היפּשער הפסקה — די צייט פון דיסקוסיעס איז פאַרביי...

קאַפּיטל 2

אין בעסערן יידישן רעסטאָראַן

אין „בעסערן יידישן רעסטאָראַן” זיצט מען אין די גוט־צוגעשניטענע קאָסטיומען פון בעסטן ריינעם וואָל־שטאָף, אין די זויבערע געשטרייפטע זעפיר־העמדער, מיט רייכע, בונטפאַרביקע זיידענע קראַוואַטן, און מען ווענדעט זיך דאָרט צום קעלנער, אַ ביסל מיחוסדיק און בייזלעך:

— קעלנער! אַ לאָקשן באָגנען.

דער קעלנער כאַפּט פלינק אויף דעם גאַסט׳ס פאַרלאַנג, און טוט אים אַזוי ווי אַ גומי באַל אַ שליידער אין ענגן, שמאָלן פענצטערל אַריין פון טונקעלן קעכל:

— אאאיין — לאָקשן — באָגנען.

באָטאָגען באַטאָנט ער נאָר שטאַרק דעם „אאיין”, די איבעריקע צווי

װערטער קומען ביי אים שוין פון אונטער דער נאָז אַרויס. אַ צװייטער גאַסט פאַרלאַנגט, אַביסל אומעטיקער:

— אַ פלוימען צימעס.

דער קעלנער חזרט איבער ס'זעלבע מיטן פריערדיקן נוסח: אַ פלאָ־מענסימס...

מען זיצט און מען עסט. דער רעסטאָראַן איז אַ זייטיק געסל, אין צװייטן באַצירק, באַשטייט פון צװיי פּראַנטיקע פאַרטערן־שטיבלעך, מיט צװיי שױבן אין שמאָלן געסל אַריין. די שטיבלעך אינעװייניק זענען אָפּגע־טיילט צװישן זיך מיט אַ גלעזערנע טיר, װאָס שטייט תמיד אָפן. עטלעכע טישלעך מיט װייס־געדעקטע דאַמאַס טישטעכער, מיט פיר בענקלעך אַרום יעדן טישל, און אַ „בופעט" אַקעגן איבער דער איינגאַנגס־טיר, מיט אַ ·בו־קעט טויטע בלומען, אין אַ גאָלד־געפאַרבטע װאַזע... דאָס איז דער גאַנ־צער מאָביליאַר פון רעסטאָראַנדל.

אין טריבע טעג צינדט מען אָן די עלעקטרישע לעמפלעך אַרום די ברוין־טאַפּיצירטע װענט. דאָס קעכל קאָמוניקירט מיט דעם עס־זאַל דורך אַ שטענדיק אָפן ליפטשיקל. פאַרבאַהאַלטן פון די אויגן פון די געסט היג־טערן בופעט זיצט, „אַ געמאַכטע" די עלטסטע טאָכטער פון הויז. װאָס זי טוט? גאָרנישט! זי לייענט אַ ראָמאַן... נאָר פון צייט צו צייט טוט זי עפּעס פלינק אַ פאַרשרייב, און נישט אויפהויבנדיק די אויגן, זאָגט זי זייער שטיל און געהיימנישפול צום קעלנער:

— מאַקס, שאָן גוט...

דער בעל־הבית, אַ ייד אין אַ קאַפּל, װאָס קיין שום שטורעם־װינט װעט דאָס נישט אַראָפּבלאָזן פון זיין קאָפּ, מיט באָרד־און־פּיאות, אַ ייד פון דער מלחמה אַהער פאַרטראָגענער, ערגעץ פון די גאַליציאַנער זאַמדיקע קאַנטן, װאַקסט אויס אַמאָל צװישן די געסט, און אַמאָל אין קעכל; ער איז אומעטום. ער װייזט דעם קעלנער אָן װוּ אַ גאָפּל צוצולייגן, װוּ אַ טעלער אַראָפּצונעמען, צו װעלכן טישל אַ קאַראַף װאַסער צוצושטעלן:

— מאַקס, דוכן נישט!...

אין קעכל טיילט ער אַליין אויס די „פּאָרציעס" פאַר יעדן גאַסט באַ־זונדער:

— אַ פּולקעלע... — זאָגט ער מיט גרויס חשיבות, כמעט מיט געשלאָ־סענע אויגן — אַ פּולקעלע! ס'איז פאַר קאָפּל גראָסגליק, פאַר קאַפּלען... — חזרט ער איבער, מיט אַ ניגון פון די הקפות.

ער צעגייט, דער ייד; ער װייסט, אַז ער פאַרמאָגט אַ גאָלדן געשעפטל. ער װאָלט עס נישט פאַרטױשט אויף די גרעסטע „עסטעראַנען" פון זיין

באַצירק. וואָרים וועד, מישטיינס געזאָגט, קומט דאָרט אַהין אין די „גרוי־סע עסטאָראַציעס״? ס׳ביסל שראַבערלעך, די פידלערס, אַקטיאָרשטשיקעס, ס׳ביסל בידנע שטודענטן מיט די הונגעריקע פּראָפעסאָרן, מיט אויסגעריי־בענע הויזן, און מיט אָפּגעכוימלטע פראַקן, טאַקע אַזוי... ביי אַזאַ עניות אין דער קרוין־שטאָט, ווו דער פּאַרדינסט איז כמעט דער זעלבער ווי פאַר דער מלחמה, און דער „קראָן״ איז דאָס שטיקל פּאַפּיר נישט ווערט; איז עפּעס אַ חידוש וואָס זיי „פּעכניען״ פון הונגער?... הממ... — באַפּאַלט אים אַ שטאָלץ — דריי אַרבעטאָרערס פּאַרדינען דאָס נישט אַ גאַנצן טאָג, וואָס ביי אים קאָסט אָפּ איין און איינציק מיטאָג.

ער באַטראַכט די געסט, זיינע געסט... די, וואָס קומען צו אים, אין זיין רעסטאָראַן. אָט זיצט קאַפּל, שוין איינמאָל אַ קאַפּעלע, אָט דער... אַ פּאַרדינער, אַן איינרייסער, אַ רוח. שוין טאַקע נישט קיין יינגל... אָבער...
— ער וואַרפט אַ בליק אויף זיין עלטסטער טאָכטער הינטערן בופעט.
— יאָ! — טוט ער שטיל אַ זיפץ — ווען גאָט וויל...

און אָט יענער קליינער דאָרט; דער מיט די גנבישע אייגעלעך, שיעלע. שיעלע העכט... און דאַנטשיק, און שוואַרצמאַן. אַלע זיינע געסט קען ער ביי די נעמען. ער ווייסט אפילו די שטעטלעך, פון וואַנען זיי שטאַמען. און די עלטערן זייערע, אויף די עלטערן זייערע פרעגט ער זיך אויך נאָך. אַלץ וויל ער וויסן פון זיינע געסט. ער האָט דאָך נאָך אַ טאָכטער — אַ ברי־ליאַנט — זי גייט אפילו נאָך אין די „שקאָלעס״ אָבער די יאָרן שטייען ניש... אוי! שטייען זיי ניש, די יאָרן...

די געסט האָבן אָפּגעגעסן, בלייבט מען רואיק זיצן אויף די גוט־גע־פּאָלסטערסטע שטולן. וואָסי? אין פּאַבריק אַריין דאַרף מען צוריקלויפן? אָדער אין די ביוראָס דאַרף מען זיך אײַלן? די „געשעפטן״? „געשעפטן״ דערליידיקט מען דאָ אין דער פרי, פון צען ביז צוועלף... דערנאָך האָסטו דיר אַ גאַנצן טאָג אַ פרייען; אויף אַ קערטל, אויף גיין אין קינאָ, און אויף נאָך עפּיס... מען רייכערט, און מען איז זיך מכבד מיט די שמעקנדיקע „מעמפיס״ ציגאַרעטן, מער זיך צו באַווייזן איינער פאַרן אַנדערן מיט די מאָנאָגראַפּירטע גאָלדענע טאַבאַק־דאָזן, ווי זיך מכבד צו זיין מיט אַ צי־גאַרעט... מען פּלוידערט מיט הנאה און מען איז גוט אויפגעלייגט, ווי תמיד יונגע מענטשן נאָך אַ געשמאַקן, היימישן מיטאָג. ביי אַ הייס גלעזל טיי מיט לימענע, אָדער מיט מאָלינע זאַפּט, זיצט מען צעקנעפּלט, איינגעהילט אין אַ בלאָען, שמעקענדיקן רויך. באַקומסט עס היינט נישט אין די בעסטע צוקערניעס פון ווין, מיטן עכטן צוקער, ווייס ווי שניי, מיטן אמתדיקן פאַר־מלחמה׳דיקן טיי, מיטן פיינעם היימישן קוכן.

איבער די דעכער אינדרויסן, אין געסל, צעשפּיזלט זיך אַ לייכט שנייעלע; עס ווערט טונקל אין רעסטאָראַנדל, די עלעקטרישע לעמפּלעך צעצינדן זיך. ס׳איז וואַרעם און היימלעך. מען זופּט דעם פּאַרעדיקן טיי מיט אַ הנאה און מיט אַ קרעכצנדיקן הנאה, ווי די טאַטעס אַמאָל אין שוויץ-באָד אויף דער אויבערשטער באַנק. דאָס שנייעלע אין געסל נעמט זיך איילן, פּאַלן געדיכטער, עס דאַכט זיך, אַז עס האָט אַ ווייטן וועג פאַר זיך, דאָס שנייעלע, און בכדי עס זאָל נישט פאַרשפּעטיקן, לאָזט עס זיך תיכף נאָכמיטאָג אין וועג אַריין.

איצט זיצן אַלע מיט די פּנימער אויסגעדרייט צו קאָפּלס טישל. דאָרט זיצן בייזאַמען שוואַרצמאַן, דער קליינער שיעלע, און פּסח׳ל שטיין מיט קאָפּלען „נאַשפּיץ”. די איבעריקע זיצן אַרום די זייטיקע טישלעך און וואַרפן אַמאָל אַריין אַ וואָרט, אָדער פּאַטאַקעווען מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ קאָפּלס „קלוגע רייד”...

כמעט אַלע יונגן זענען פון דער מלחמה דאָ־אַהער פאַרטראָגענע; פון די גאַליציאַנער שטעטלעך איז מען דאָ אַהער געקומען זיך אויסבאָ־האַלטן פאַרן „פראָנט”, פאַר די „פייער־ליניעס” ערגעץ. די ערשטע צייט האָבן די סוחרישע טאַטעס געשיקט געלט, איז מען מיט יעדערן יאָר „יונ־גער” געוואָרן; איז מען געשטאַנען אין די קורצע הויזן אין די קאַפעען און „צוגעקוקט” צו די קאָרטן־פּאַרטיעס, צו די בילאַרד־שפּילן; און דערנאָך געלאָפן אויף „ראַנדעוווס” מיט די בלאָנדע קינדערישע מיטצים און לי־זעלס...

שפּעטער צו, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן אין דער קרוין־שטאָט צו פעלן פון אַלצדינג, האָט מען פון די שטעטלעך אָנגעהויבן צו שיקן צו די „באָ־האַלטענע זין” בייטלען מעל, שטיקער פּוטער, זייטלעך קאַלב־פלייש, וויאָ־דרעס אייער... האָבן די יונגן מיט אָט די „פּעק” באַקומען אַ צוטריט, צו די גרעסטע טאַבאַק־פירמעס, צו די לעדער־פאַבריקן, צו די ריזיקע שטאָף־לאַגערן; די פאַבריקאַנטן און זייערע דירעקטאָרן, האָבן געלאָזט רעדן צו זיך...ביים אָנבליק פון אַ פרישע שטיק פּוטער, זענען זיי זייער ווייך געוואָרן, די דאָזיקע קייזער־און קעניגלעכע „האָף־ליפעראַנטן”, די „געהיי־מע” קאָמערץ־ראַאטן, די „אָבער” און „אונטער” גענעראַל־ראַאַטן, מיט אַלע זייערע משרתים, און צוהעלפער. זיי אַלע זענען מיטאַמאָל געוואָרן זייער פלייסיקע קאָפּל גראָסגליק־ליפעראַנטן.

— אָן הערן פאָלדי שטיין, גלאָקן גאַססע, נומער עלף... אָן הערן קאַאופל גראָסגליק... אָן הערן שוואַרצמאַן...

אַזוי האָט מען זיך געדראַפּעט, און אַלץ העכער און העכער, איז מען

געקראָכן אויפן לייטער פון געלט, פון מאַכט... פון אַ טובה געשעפטל, איז געוואָרן אַ פאַרצווייגטער „אויסטויש־געשעפט" מיט שטאַרקע קעגנזייטיקע אינטערעסן. און איצט ווען סחורה איז מיט גאָלד צוגלייך, ליגן ביי די יונגען אין זייערע בחורישע דריי־צימער ווינונגען פעק מיט „וואַרע", אָנגע־שטאָפּט ביז צום באַלקן... אַ סך זענען גאָר ווייט אַוועק; חתונה געהאַט און געוואָרן „ערנסט", אָװעקגעצויגן זיך פון די אַלטע, ענגע געסלעך, צו די גרינע, ברייטע „אַלעען" מיט אַן אויסבליק צו די בערג, צום „ווינער וואַלד", צום דאַנאַו, אין ליכטיקע, רחבותדיקע אַפּאַרטאַמענטן, מיט ווינדעס און באָד־צימערן; אַריינגעשטעלט מאהאַני־מעבל אין די שפּיגלדיקע סאַלאָנען, מיט פּערסיאַנער טעפּיכער אויף די גלאַנצנדיקע פּאַרקעט־באָדנס. אפילו בודוארן פאַר די הויז־דאַמען און טורנהאַלעס פאַר די קינדער האָט מען נישט פאַרגעסן. די עלקעס, האָבן זיך געלאָזט רופן פון די בלאָנדע שלאַנקע דינסט־מיידלעך: גנעע פראַו עלזע. די גיטל'ס — גוסטאַ... און די גנעע פּראַוס האָבן גערופן אין די לאַנגע באַטעפּיכטע קולוארן אַריין זייערע זי־שע'ס און אָשער'ס: „אַאויגוסט, קאַם־מאַל", „זיגפריד", שאַאו...

דאָס רעסטאָראַנדל האָט זיך געהילט אין אַ שמעקנדיקן אַראָמאַט פון די העל־געלע „מעמפיס"־ציגאַרעטן; מען האָט זיך איינער ביים צווייטן באַקוקט די גוט־געשניטענע אָנציגער פון די בעסטע ענגלישע שטאָפן, נאָך פון פאַר דער מלחמה. די גוטע ווייכע, געשטרייפטע זעפיר־העמדער, די זיידענע בונטפאַרביקע, ברייטע קראַוואַטן; מען האָט געזאָגט, האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס:

— נישט אַנדערש געווינט פון דער היים אויס...

מען האָט זיך געווערטלט, געשטעכלט, און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיטן שנייאיקן נאָכמיטאָג אין דרויסן. יעדער יונג ביי זיך האָט געוווסט, אַז ער איז ווערט גאָלד, איז ער ווערט. די היימישע יידן; די, וועלכע די מל־חמה האָט דאָ אַהער פאַרוואָרפן, ביי וועלכע ס'דרייען זיך אַרום אַ שטוב מיט מיידן, ווערן נישט מיד נאָכצולויפן זיי און זיי חנפענען:

— קום אַמאָל אַרויף — האָבן זיי זיך געבעטן ביי די יונגען — אַ שבת, קום אַמאָל צוגיין, וועסט פאַרברענגען אין אַ יידישער שטוב... וועסט דעך דער־מאָנען אין דער היים, וועסטו דעך... ווי קען מע דאָס אַזוי זאָאַן?... אַזאַ...

זיי האָבן נישט פאַרענדיקט, די פּראָסטע, פאַרדגה'טע יידן, וואָס דער עול פּרנסה האָט דערדריקט אין אָט דער ריזיקער, פרעמדער שטאָט. די יונגען זענען זיי נעלם געוואָרן. אינמיטן די רייד, זענען זיי שטיין געבליבן און גערעדט צום ווינט...

קאַפּיטל 3

דאַנטשיק

אזוי ווי אין יעדער סביבה פון מענטשן, זאָט און צופרידן פון זיך אַליין, ווו מען פאַרברענגט אין פוסטע רייד גאַנצע נאָכמיטאָגן; זוכט מען זיך אויס איינעם פון דער סביבה, זיך לוסטיק צו מאַכן איבער אים; אַזוי האָט חברה געזוכט אַרום זיך איר קרבן.

שוואַרצמאַן, דעם אַמאָליקן גביר׳ס אַ זון; ער, דער כלומרשטער „לערנער" פון דער חברותא, וועלכער האָט זיך געוואָרפן „אויף געלט" מיט אַ געפיל פון נקמה; וועלכער האָט אַלץ פאַרלייקנט, צעטרעטן, האָט מיט געלט קיין שייכות נישט געהאַט; ער, וועלכער האָט אין גאַרנישט גע־גלויבט, נאָר אין כח פון גאָלד. אים, וועלכן ס׳געלט האָט אויסגעמיטן, ווי אויף צו להכעיס, ווי מען קאָן דעם אייגענעם שאָטן נישט דעריאָגן, אַזוי האָט ער — אַ טאַטנס אַ קינד — דאָס „טייערע פאַרשאָלטענע געלט", נישט געקאָנט דערגרייכן... ער האָט מיט זיינע האַלב־פאַרשלאָסענע, שפּאָטישע אייגלעך אויסגעפונען דעם אין אַ זייט זיצנדיקן דאַנטשיקן. דאַנטשיק איז דאָרט ביי אַ זייטיק טישל געזעסן, איינער אַליין, און פאַרענדיקט ס׳עסן.

— יאָ! — האָט חברה צוגעשטימט — מיט דאַנטשיקן וועט טאַקע ווערן פריילעך. דער דאַנטשיק — ס׳איז וואָר — האָט זיך תמיד געהאַלטן אין אַ זייט פון דער גאַנצער „כאַליאַסטרע". ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס. מיט געלט קאָן ער „זיי" אַלע באַשיטן... אַנגעטאָן איז ער ווי אַ גראַף, דאַנ־טשיק. ער שמעקט אַוועק, דער יונג. ער טאָקט. אָט דעם שוואַרצמאַנען קאָן ער נישט פאַרטראָגן; ער ווייסט נישט... אַז ער דערזעט יענעמס נאָז בלויז, די ביינערדיקע, די לאַנגע און שמאָלע, די דיקע פייכטע ליפּעלעך, מוז ער זיך אויסדרייען אין אַ זייט, דאַנטשיק, אַז נישט קאָן ער נישט עסן... קיין מפּיל קינד איז ער אויך נישט, דער דאַנטשיק; זיינע שטאָל־גרויע אויגן קוקן איינעם ערלעך אָן, ווען ער רעדט מיט עמיצן, און קיין פּחדן איז ער אוודאי נישט, נאָר וואָס דען? וואָס איז די אויסמיידעניש, וואָס ער מיידט אויס, דאָס מזרח־וואַנט־טישל מיט קאַפּלען נאַשפּיץ?

— לאָמיר פרעגן דאַנטשיקן — צעקאָלערט זיך שוואַרצמאַנס חזניש קעלעכל.

דער לעצטער ביסן בלייבט דאַנטשיקן שטעקן אין דער קעל. ער טוט אַ שטאַרקן שלונג, און באַרואיקט זיך באַלד.

— וואָס אַזוינס ? — פרעגן כלומרשט תמעוואַטע, שיעלע און פסחל

— וואָס עפּעס פרעגן ביי דאַנטשיקן — בליצט שיעלע מיט די גנבישע אייגעלעך — פאַרוואָס נישט קאַפּלען, אָדער מיך ?

דאַנטשיק מאַכט זיך נישט הערן, גלייך נישט אים מיינט מען דאָס.

— לאָזט דאַנטשיקן צורו — הערט זיך קאַפּלס הייזעריקלעך קול, און ער גיט צו מיט חשיבות : — ער האָט מיט זיך, נעבעך, געגוג צו טוען...

ער זאָגט דאָס, ווי אַ טאַטע צו זיינע שטיפערישע קינדער ; דער קאַפּל, ער שוויגט אַלץ, דן. ער פייפט אויף אַלעמען דאָרט. נאָר אָט דער, ער האָט, „נעבעך" מיט זיך אַליין צו טוען... דאָס ברענגט אים אַרויס פון די כלים. אָט דאָ טאַקע ליגט דעם יונגס שוואַכקייט. וויל אַלע ווייסן דאָ, אַז ער „גייט איין" נאָך דער זעכצניאָריקער טאָכטער פון רעסטאָראַן־באַלעבאָס. ער „פעכניעט" נאָך דעם מיידל וואָס גייט נאָך אין דער שול, מיט די שוואַרצע, גלאַנציקע, שווערע צעפּ, נאָך אירע הייסע, ליכטיקע, גרינע אויגן. ס'ווערט אים צאַפּלדיק ביים האַרץ, ווען ער דערהערט איר זאַפטיק געלעכטער דאָרט אין קעכל...

נאָך פאַראַיאָרן זומער, זי איז נאָך געווען אַ ס'מאַריקל, האָט זי אהיים־גייענדיק פון שולע אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג, אַוועקגעוואָרפן אינמיטן גאַס דאָס ראַניעץ מיט די ביכער און העפטן, און זיך געשטעלט טאַנצן, אין דעם ביז איבער די קני קורצן קליידל. ס'זענען דאָרט מענטשן שטיין געבליבן, געקוואַלן און געלאַכט פון דעם ווילדן מיידל. פון דעמאָלט אָן, אַז ער פאַרמאַכט די אויגן, דאַנטשיק, זעט ער זי אַ טאַנצנדיקע אינמיטן אַ זוניקן פּלאַץ. ער וואָלט שוין לאַנג עוקר געווען פון דאַנען, אָהער נישט אַריינגעשמעקט אפילו... נאָר גיי זיי אַ שטאַרקער, און קום נישט מער דאָ אַהער. ער הויבט פּאַמעלעך, אַ ביסל שווערלעך, אויף זיינע שטאָל־גרויע אויגן, און זאָגט איינגעהאַלטן, זיך ווענדנדיק צום טישל :

— וואָס עפּעס ? אַ שיף מיט ווייץ איז מע אונטערגעגאַנגען ? וואָס האָב עך מיט מע „נעבעך" אַזוי צו טוען ?

„ס'מזרח־טישל"" קוקט זיך איבער ; מ'ווייסט, ער איז אויף דער ווענטקע, דער דאַנטשיק... ער האָט געביסן אין האָקן... שוואַרצמאַנס חזניש קעכעכל לאָזט זיך ווידער הערן ; „יאָ מיט דע צו טוען, נישט מיט דע צו טוען... ס'איז נישט דאָס... מיר האָבן דעך נאָר געוואָלט עפּעס פרעגן ;

און שליסנדיק די אויגן מיט הנאה, כמעט מיט תאווה, גיט ער צו :

— אַ שאלה האָבן מיר דעך געוואָלט פרעגן...

דאָס רעסטאָראַנדל האַלט איין דעם אָטעם. ס'איז שטיל. די געסט הענגען מיט די אויגן אויף דאַנטשיקן. אינדרויסן פאַלט שוין דער שניי פלינק

און געדעכט, לייגט זיך אויף די פענצטער מיט אַזאַ געדרענג, גלייך ער וואָלט נייגעריק געווען, דער שניי, וואָס וועט דאָ אין רעסטאָראַן איצט געשען...

שוואַרצמאַנס שוואַרצע, דראָבנע, געקרויזלטע האָר, זיינע שפּאַטישע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, זיין חזניש שטימעלע זיין גאַנצע רויב־פויגלשע צורה, צעראַיען תמיד אין דאַנטשיקן די געבלוטן. ער שטעלט זיך גע־לאַסן אויף, דער יונג, ער טוט זיך אַ רייב די באַרינגלטע ריינע הענט אַ הויב די ברייטע אַקסלען אַזוי אַז דער האַלדז פאַרשווינדט אין זיי. די אויגן ווערן ביי אים קלענער און שפּיציקער, ער בלייבט אָבער שטיין אויפן אָרט, און זאָגט קלאָר און דייטלעך:

— קיין שאלות פּסקנען קאָן עך ניש... כ'קום נישט אַרויס פון קיין „קלייקוידיש״. מיין טאַטע הייסט באַ אונדז אין שטעטל לייזער קאַניאַזש... און יעך בין דאַנטשיק, לייזער קאַניאַזש'ס זון... און יעך אַליין בין אויך אַ גראָבער יונג...

דעם גאַנצן יחוס זיינעם זאָגט ער אָפּ אין איין אָטעם, און זייער ערנסט. אַהאַ! ער איז נישט קיין נאַר, דער דאַנטשיק. מיט זיינע פּראָסטע, ערלעכע רייד האָקט ער איבער, ווי מיט אַ האַק, דעם גאַנצן אויסגעקליגלטן געשפּעט פון „מזרח־טישל״. מען בלייבט דאָרט זיצן, גלייך אַ גראַנאַט וואָלט אויפ־געריסן. מען טרויט זיך דאָרט נישט איינער דעם צווייטן אין די פאַרשעמטע אויגן צו קוקן.

קאַפּיטל 4

שוואַרצמאַן

אין רעסטאָראַן פאַרבלאָנדזשעט אויך אַמאָל „אַ זייטיקער״, פון אַ שטעטל, אַן ערשט געקומענער. קומט נישט אַליין צוגיין, דאָס ברענגט מען אים צופירן. אַ גאַסט ברענגט דאָ זיינעם אַ לאַנדסמאַן, און איז אים מכבד מיט אַ מיטאָג. ער זעצט זיך מיט אים ביי אַ באַזונדערס טישל. וואַרפט אַלע ווילע אַ פאַרבאָרגענעם בליק צו די איבעריקע טישלעך, צו „מען זעט״. ער רעדט פאַר אים, באַשטעלט פאַר אים די מאכלים, ער לערנט אים זיך „האַלטן״ ווינעריש... ער לאָזט אים קיין רגע נישט אָפּ, „העלפט״ אים.

דער ניי־געקומענער, מיט אַ פּאָר שיך, וויפל מען זאָל זיי נישט שמירן און

פוצן מיט ציווילנע מיטלען — דעם זעלנער פון זיי ווערט מען נישט פאַר־טריבן. דער „יאָלד" זיצט דאָ אינעם איבערגעניצעוועטן, מיליטערישן רעקל, מיט די אויף בלאָ געפאַרבטע זעלנערישע הויזן, און לאָזט זיך שוויַיג־דיק „העלפן".

פון די זייטיקע טישלעך באַטראַכט מען אויפמערקזאַם דעם ניי־געקו־מענעם, מען קוקט זיך נייגעריק צו, צו זיינע „קליינשטעטלדיקע" תנועות. מען דאַרף נישט לאַנג איבערלייגן; מען זעט, אין גאַנצן הולך פון פרעמדן, אין זיין גאַנץ געשטעל, ווער ער איז. די דיקע אויגן־גלעזער, די לענגלעכע האָר, דער קוק, דער שמייכל אפילו, דער „מאך" מיט די האַנט בשעת'ן רעדן, דאָס אַלץ זאָגט: מען האָט געבערענגט צופירן אַ לערערל אין רעסטאָ־ראַן אַריין, און אַ „לערער" הייסט, אַ העברעאישער; און אַ העברעאישער לערער הייסט: אַ שרייבער; אַלע דריי טיטלען — טראַכט שוואַרצמאַן, רייסנדיק שטיקער פון אַ פעטע פאַרציע גענדזנס, — פון אַלע דריי טיטלען צוזאַמענגענומען, באַקומט זיך — קבצן!

פונדעסטוועגן פילן זיך די געסט פון רעסטאָראַנדל היינט בעסער ווי אין אַנדערע טעג ביים מיטאָג. פאַרט אַ פאָלק... די יידן... מיט לערער, מיט שרייבער, ווי ביי אַלע פעלקער. און אין פראַנט? איז ער אוודאי אויך גע־ווען; אפשר פאַרווונדעט געוואָרן אויך, און זיך „אויסגעצייכנט", ווי דען? מיר האָבן זיך דען נישט געשלאָגן, ווי אַלע פעלקער? מיר זענען דען אַ פאָלק פון לויטער סוחרים? ווייניק אָרעמעלייט האָבן מיר? אָרבעטער, וואָס שטאַרבן פון הונגער... און די חלוצים? אָן שיך זענען דאָך דאָ אָרומגעלאָפן, אין די פרעסט... אָן אַ העמד אויפן לייב... אידעאַליסטן... און איינשטיין?... און טשאַרלי טשאַפּלין? און ווער נישט?...

שוואַרצמאַן — דעם געוועזענעם גביר'ס אַ זון; ער האָט שוין אַזעלכע טראַכטענישן אויך שוין נישט געטראַכט... ער האָט געזופט — זולל־וסו־בה'דיק — די פלוימען־יויך און געטראַכט; ער וועט באַלד אויפשטיין, אָט דער קבצן, און צוגיין פון טיש צו טיש, מיט אַן אייגן פאַרפאַסט ביכל און זיך אַנידערשטעלן שוויַיגנדיק פאַר די געסט, ווי אַמאָל אין שטעטל יענע יידן אויף דער שוועל פאַר זייער טיר: בעטן אַ נדבה.

אַז ער דערזעט אַ ביכל, ווערט אים ענג אין דער קעל, עס פעלט אים לופט... פון בערג שרייבט מען דאָרט, פון דער „נאַטור"... און פון בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זעך „שטערבלעך" ליב... זיי האָבן דען מער וואָס צו טוען? איין קבצן באַשראַאַבט דעם צווייטן... און טאָמער באַשראַאַבן זיי אַן עושר, זענען זיי אים מקנא, און האָבן אים פיינט... אַז ער גייט דורך אַ מוזעאום — שוואַרצמאַן — אַ ביבליאָטעק, ווערט אים קאַלעמוטנע, אַ טרוי־

ער נעמט אים אַרום ; נישט אַזוי, ווען ער גייט אַרום אַ בערזע ; דאָרט קאַכט, רוישט. ס'רודערט זעך... ער האָט ליב צו זען לאַגערן, אָנגעשטאָפּט מיט לעדער, מאַגאַזינען פול מיט גוטע שטאָפן האָט ער ליב צו זען ; און גרויסע, רחבותדיקע באַנק־הייזער, מיט ריזיקע שילדן, מיט גאָלדענע אותיות, מיט ברייטע מאַרמאָרענע טרעפ, מיט... מיט... ער האָט פיינט ביכער און שראַבער... ע ר וואָלט דען נישט געקענט שראַבן — ווען ער וויל ?

ביים שרייבערס טישל זענען שוין פאַרזאַמלט עטלעכע געסט פון די אַי־בירקע טישלעך. מען איז דאָרט צוגעגאַנגען דעם פרעמדן אָפּגעבן שלום עליכם.

שוואַרצמאַן איז געבליבן איינער אַליין ביי זיין טישל, מיט אַ טעלערל צעקנאָקטע פלוימען־קערלעך, וועלכע ער האָט געקנאַקט, נישט ווויסנדיק וואָס ער טוט, אין זיין בייז טראַכטעניש. ער האָט זיך שלעכט געפילט : אַוועקגיין ? בלייבן ? פונדעסטוועגן... ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי. האָט ער זיך פלוצלינג דערזען ביים ניי־געקומענעמס טישל.

אפשר איז ער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דרך ארץ פון די אַרומ־שטייענדיקע, און בכדי דאָס געפיל צו פאַרטרייבן פון זיך, האָט ער, ווי נישט מיט זיין אייגן קול, אַ זאָג געטאָן :

— הע ! הע ! וואָס הערט זיך, וואָס ? שלום עליכם, אַ ייד... וואָס דער־ציילט מען עפּעס ?...

אַהאַ ! דער שוואַרצמאַן ! ער האָט זיך פאַרטרינקען געוואָלט אין זיינע אייגענע רייד...

קיינער האָט אים דאָרט נישט געענטפערט, און נישט אָנגעקוקט אפילו. דער ניי־געקומענער האָט גראָד פאַרענדיקט אַן עפּיזאָד פון אַ שטעטלדיקן פּאָגראָם...

קאַפּיטל 5

עמיגראַנטן

דער פריער פרילינג האָט צעטייעט דעם שניי איבער דער קרויז־שטאָט. האָט מען אויסגעטאָן די האַרטע דענטעס און די ווייכע קאַפּעלושן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אָפּגעריבענע מאַנטלען, און אונטערגעשטעלט

די קעפּ, די פּלייצעס אונטער דער וואַרעמער גלעטנדיקער זון. אויך די גרויסע ייִדישע שטראָמען, וועלכע זענען דאָ שטיינגעבליבן ווי פאַרפרוירן איבערן ווינטער, האָבן אויפגעטייעט און ווידער גענומען פליצן, מיט זייער געפליי, אין דער גרויסער וועלט אַריין...

צום מיטללענדישן ים, אין דער „נייער היים" אַריין, איז געראָנען אַ שמאָל קליין ריטשקעלע פון יונגוואַרג, אין האַלב־זעלנערישע, האַלב־ציווילע מלבושים; די פּנימער נישט אויסגעשלאָפן, מיט פאַרשמאַכטע, טרוקענע ליפּן, אין די אויגן — אַ געמיש פון קינדערישן טרויער, פון מענלעכער אַנטשלאָסנקייט און עקשנות...

אין פּוילן איז שטיל געוואָרן; אויס מלחמה, אויס פּאָגראָמען, און ביי די ברעגן פון ים התיכון האָט דער ענגלענדער געהיט און פאַרשטאָפּט דעם אַריינפאָר פון הייליקן לאַנד. יאָ! עס האָט געטריפט טראָפּנווייז, דאָס קליינע שמאָלע ייִדישע טייכל אין דער „נייער היים" אַריין.

דערפאַר אָבער, האָט צום אַטלאַנטיק אַ פליי געטאָן אַ מעכטיקער שטראָם ביז אַריבער די ברעגן. קילאָמעטער לאַנגע באַנען, מיט גרילצנדיקע לאַסט־וואַגאָנען, האָבן פון אַלע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, פון צענטראַל און־מזרח אייראָפּע, רואינירט פון איבער פיר יאָר מלחמה, געשלעפּט צעשראָקענע מענטשן מיט פּעק בעטגעוואַנט, מיט פאַרקלאַפּטע אַלטע קאָפערטן, מיט צוזאַמענגענייטע אָנגעפּילטע ריזיקע זעק, ווי די עלעפאַנטן, פון פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן. גאַנצע משפּחות, שבטים גאַנצע, פון אור־אייניקלעך ביז די עלטער־זיידעס, זענען געזעסן אויף די דאָזיקע פּעק, אין די אייראָפּעאישע באַן־סטאַנציעס, פּאָרטן און געשלאָפן, אָדער געקייעט...

פראַנקרייכס און בעלגיעס גרויסע פּאָרט־שטעט זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן פון אָט דער ריזיקער פעלקער־וואַנדערונג.

ס'איז וואַרעם און זוניק, זיצט מען אַרום די ספּעציעלע „עמיגראַנטן האָטעלן", אַרום די אָפּגייענדיקע שיפן, אַרום לאַגערן, פאַרצוימט מיט שטעכל־דראָט.

אַן עמיגראַנט, וועלכער האַלט זיך נאָר אויף, אויף דורכצופאָרן דורך אַ לאַנד, דורך אַ שטאָט, אים איז אַ קנאַפּער חילוק ווי אַזוי מען קוקט אויף אים, און וואָס מען „דענקט" פון זיין פּערזאָן... ער איז פריי אין זיין באַנעמען, פּרימיטיוו אין זיינע מאַניערן; ער פאַרהאַלט זיך אַזוי, גלייך ער וואָלט געווען איינער אַליין ביי זיך אין שטוב.

ווי קינדער ווערן זיי, אָט די וואַנדערער, וועלכע זענען ערשט נעכטן,

אין זייערע פאַרלאָזטע היימען, געווען דער „קאָפּ" פון משפחות, פון געשעפטן, עצה־געבער פון קהילות; זענען זיי מיטאַמאָל ווי אומבאַהאָלפענע קינדער געוואָרן. מען פירט זיי אַרום ווי שטומע. מען רעדט פאַר זיי, מען הייסט זיי גיין שלאָפן, אויפשטיין, זיין שטיל. זיי ווערן אַרומגעפירט פון אַ יונג מיט אַ קאַשקעט, ווו מיט געלן פּאַדים און אויסגעצניים אַרום דאַשיק די צוויי פרעמדע, קאָמישע ווערטער: „קונאַרד לייז"... לאַנגע, אומעטיקע פאַרטאָגן, וואַרט מען אויפן פאַרשלאָפענעם יונג, ווי אויף משיח'ן:

— ר'איז נאָך נישטאָ? דער... דער... קונע־לעמל... — וואַרפט אַריין אַ ייד אין אַ זיידן וועסטל.

ס'יונגוואַרג יאָגט זיך אַרום די פּעק, שטיפעריש, שפּילנדיק. אין אַ ווינקל האַלטן זיך צוויי פאַרליבטע ביי די הענט... אין זייערע אויגן זעט מען, אַז זיי זעען קיינעם נישט. קינדער שפּילן זיך אומעטום מיטן זעלבן אימפּעט, סיי אין שטעטלדיקן מאַרק, אויפן שול־הויף, אָדער אויפן ברוקירטן פּלאַץ פון אַ פראַנצויזישער פּאָרט־שטאָט. לויטן הימל, קוקן זייערע קינדערישע אויגן אויף גאָטס וועלט, לויט דער זון, הימל און זון זענען די־זעלבע אומעטום...

— ער איז נאָך אַלץ נישטאָ? — פרעגט מען זיך אַרום די צעוואָרפענע פּעק־לאַגערן.

אָט גייט ער.

— ווער?

— „קונאַרד־לייז" גייט.

קאַפּיטל 6

אין די באַראַקן „צום שוואַרצן בער"

ווי אַ שטראָם, וואָס איז אַרויס פון די ברעגן, פליִצט אין יענע יאָרן דאָס יונגוואַרג פון פּוילן, גאַליציע, ליטע, אין דער גרויסער וועלט אַריין. די ערשטע סטאַציע, איז די געוועזענע קרוין־שטאָט ווין. דאָרט אַהין גיסן זיך אַלע שטראָמען צוזאַמען. דאָרט זאַמלט מען זיך, מען בלייבט שטעקן אויף אַ צייט, און מען גרייט זיך ווידער אין ווייטן וועג אַריין. פון דאָרט טאָקע גייען צוויי הויפּט־שטראָמען אַוועק. איינער, אַ שמאָלער, אַ קליינער, אין דער נייער היים, קיין ארץ ישראל, איבערן מיטלענדישן ים. דער צווייטער שטראָם, אַ ברייטער, אַן אומענדלעכער, צו דער נייער וועלט, איבערן אַטלאַנטיק. אַ סך בלייבן שטעקן אין זאַמל־פּונקט, אין דער קרוין־שטאָט גופא, נישט אַהין און נישט אַהער.

די פּאָרערס, אין דער נייער וועלט צעשיטן זיך אין די ביליקע האָטעלעכ־

לעד, שלאָף־שטעלן, אָדער ביי קרובים, און גרייטן זיך דאָרטן אין וועג אַריין. די פאָרערס אין דער נייער היים פירט מען אָפּ, אין די גרויסע באַראַקן, „צום שוואַרצן בער״, אין די הויפּט־אַלייען, וואָס הינטער פּראַטער־קוואַרטאַל... צוליב זיי שטייען ספּעציעלע שליחים, געשיקט פון „פּאַלעסטינע־אַמט״ אויף די ווינער וואָקזאַלן, און רופן: חלוצים, הנה! אין בלוי־ווייסן באַנד אַרום אַרבל דערקענט מען זיי...

פון באַנהויף גייט מען שוין אין מאַרש, ווי די זעלנער. מען איז מיד, הונגעריק און נישט אויסגעשלאָפן, גייט מען מיט פינצטערע פּנימער, מען שפּאַנט, און מען שטומט.

אין די באַראַקן, וואָס אין דער הויפּט־אַלייע, ליגט מען צעשפּרייט אויף האַלצערנע פּריטשן, אויף שטרוי־זעק, אויף דער הוילער ערד, און מען רוט זיך אויס פון וועג. מען ווייסט נאָך גאָרנישט פון זיך, פון דעם אַרום, מען וואַרפט זיך אָן אַנגעטוענער, אַזוי ווי מען שטייט און גייט, אויף די געלעגערס, און מיטן אָרעמען קלימעקל צוקאָפּנס, שלאָפט מען איין, ווי אין הינערפלעט...

אַז מען כאַפּט זיך אויף, זעט מען אַ זייער לאַנגן באַראַק, אין דער פאָרם פון אַ דלד, מיט זייער אַ סך פענצטער פוןביידע זייטן, מיט פּריטשן און שטרוי־זעק, אַרום די ווענט. די פענצטער שטייען אָפן, די גלעזערנע טירן צעשפּראַלט, ס׳איז שפּעט זומער, ס׳איז וואַרעם, די באַראַקן שטייען אינמיטן אַ גרויסן פּאַרק, כמעט אַ וואַלד. ביימער קוקן אַריין דורך די פענצטער. ביימער און זון. הימלעכע באַראַקן. גייט מען אַרויס זיך אַרומוואַשן, צו דער גרויסער פּלומפּ, וואָס אינמיטן הויף, מען וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל, דאָס העמד, מען בלייבט שטיין האַלב־נאַקעט, מען שטעלט אונטער אונטערן קאַלטן וואַסער דעם קאָפּ, די אַקסל, דעם נאַקעטן אויבער־קערפּער, און מען קען זיך גאָרנישט אָפּרייסן פון דערפרישנדיקן, מחיהדיקן שטראָם, וואָס פלייצט פונעם קראַן. ס׳איז זוניק, ס׳איז יונג דער טאָג, מען איז יונג אַליין, און פריילעך איז מען און טרויעריק. מען ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... דער־נאָך באַקומט מען אַ שטיק ברויט מיט טיי; שטייט מען און מען קייט. מען קוקט אויף די אַרומיקע יונגען, מען קען כמעט קיינעם נישט. פרעמדע פּני־מער, אָבער קענטלעכע, היימישע... בליקן, וואָס באַטראַכטן זיך מיט חידוש, אָבער מיט וואַרעמקייט, מיט יוגנטלעכן פאַרטרויען. די ערד איז נאָך גרין, דער הימל בלוי, און ס׳איז פריילעך און גוט אויף דער נשמה...

אָוונט צו גרייט מען זיך אויף אַ קבלת פּנים צוליב איינעם „אַ גרויסן״, וואָס דאַרף אַראָפּקומען אין באַראַק אַריין. ביי דער מזרח־וואַנט וואַקסט דאָרט אויס אַ פּאָדיום מיט צוויי מעכטיקע ווייס־בלויע פאָנען, מיט אַ מגן־דוד

פוןביידע זייטן. פון וואַרשע — זאָגט מען — קומט דער גאַסט, און איז אויך עולה... באַלד נאָכן אָונט־ברויט קומט דער גאַסט צוגיין מיט אַ קליינער סוויטע. אַ נידעריקער, רירעוודיקער, און אַ צוויקער רייט ביי אים, אויף דער שטאַרקער, קורצער נאַז. אַ דרשה, אַ גלעזל ווייַן אין אַ ענגן קרייז, און עס צעפלאַקערט זיך אַ הורה...

דער טאַנץ, נעמט נישט אַרום דעם גאַנצן באַראַק. פאַרקערט, אין אַ ווינקל פון אַ צענדליק שטרוי־זעק דרייט מען דאָרט מיט די נעז, אויף די דרשות, און אויפן הורה פון מזרח־וואַנט...

— און דער פאָטאָגראַפטשיק ?... — פרעגט מען דאָרט, מיט אַ כיוון, הויך אויפן קול — און דער פאָטאָגראַפטשיק ווו איז ?

און אַז מען וויל וויסן, וואָס זיי זענען אויסן דערמיט, זאָגן זיי : „אויף זיך צו פאָטאָגראַפירן, און די פאָטאָגראַפיע צעשיקן אין אַלע יידישע צייטונגען אין גאָר דער וועלט"...

ווילסט וויסן, ווער זיי זענען, די אומצופרידענע, די נאָז־דרייער, די שטענדיק מורמעלנדיקע, קורצע און בלאָנדע יונגען ? „ברענערצעס" זע־נען דאָס, אויף אַלע זייערע חפצים, אויף אַלע זייערע קופער׳לעך און רוק־זעק, אויף די רובאַשקעס זייערע, אומעטום איז פאַראַן ביי זיי אַן אויפשריפט: קבוצה־ברענער. און קיין מחותנים מיט קיינעם דאָ פון אייך זענען מיר נישט... אַזוי שיילן זיך אַרויס פאַרשידענע גרופּקעס שטרוי־זעק, וואָס נישט בלויז זיי האַלטן זיך צוזאַמען ווי ברידער, נאָר ווילן זיך נישט מישן אפילו מיט אַנדערע גרופּן. יאָ, אפילו ריידן וויל מען נישט מיט קיינעם... יעדע קבוצה באַטראַכט זיך אַליין, נאָר זיך אַליין, ווי די אויסדערוויילטע, ווי די אמתע חלו־צים. אַלע אַנדערע זענען אַ צוזאַמענגעלאָפענע באַנדע. און אַ נאָמען האָט יעדע קבוצה, און אַ ראש, וועמען אַלע גיבן אָפּ טשעסט... איז אָך און ווי צו די יחידים, צו די אַליינפּאַרערס. זיי רודפט מען ווי די מצורעים... נו, האָבן זיך די יחידים אויך צוזאַמענגענומען אינאיינעם.

—אַ נאָמען ? — האָט איינער פון זיי געזאָגט — אַ נאָמען ? מיר וועלן זיך רופן : בני ברק.

אַ צווייטער זאָגט, מיט אַ שמייכעלע כלומרשט :

— מיר, חברה, דאַרפן נישט קיין „ראש"... — און וואַרפנדיק אַ איראָ־נישן בליק אויף די שכנותדיקער גרופּע, גיט ער צו : — מיר האָבן זיך דאָס מיטגעבראַכט פון דער היים...

פון אַלע זייטן בליצן, אין דער ריכטונג פון דער בני ברק, פאַספאַרענע בליקן, מלא רציחה. מען איז דאָרט גרייט צו דערלאַנגען מיט פויסטן און מיט קולאַקעס. אַהאַ ! דער באַראַק איז געענוג לאַנג, מען זאָל פון איין זייט האַלטן

דרשות, און דרייען זיך אין אַ ראָד, און אין דער צווייטער זייט — זיך צע־ממיתן. נאָר ניין. צו קיין געשלעג קומט עס נישט. מען האָט זיך נאָר אויפן אויג....

אין מזרח־וואַנט, ווו מען הורה'ועט נאָך מיט די לעצטע כוחות, פון וואַנען עס דערטראָגט זיך אַ פלעסקעריי פון הענט, אַ טופען פון אַ פּאָר צענ־דליק פיס, און אַ שווער סאַפּענדיק געזאַנג: חי, חי, עם ישראל חי! באַווייזט זיך פלוצלינג אויפן פּאָדיום אַ מענטש מיט לאַנגע האָר, מיט אַ פידל אין איין האַנט, מיט אַ סמיטשיק אין דער צווייטער, און מאַכט פאַרצווייפלטע זשעסטן אָפּצושטעלן דעם טאַנצנדיקן קנויל, און שטיל צו מאַכן דעם גאַנצן ליארמענדיקן באַראַק. „חברים — שרייט ער — הסו! זאָל זיין שטילו!" און אַז מען הערט אים נישט, הויבט ער אויף דעם פידל מיטן סמיטשיק אין דער הויך, איבערן קאָפּ זיינעם, און בעט זיך, אין אַ וואָלאָזשינער ישיבה לשון: במטותא חברים! במטותא...

קאַפּיטל 7

דאָס חלוצל

קוים, מיט גרויס מי, אָפּגעשטעלט דעם טאַנץ, שטיל געמאַכט, די הייזעריקע קולות, ווערט דער גאַנצער באַראַק אויפמערקזאַם אויפן יידל מיטן פידל, און מען רוקט זיך נענטער צו, צו דער מזרח־וואַנט.

— חברים! — ווענדעט ער זיך, צום שטיל־געוואָרענעם עולם — מיר ווילן אייך פאָרשטעלן דעם מחבר פון ליד „חלוצ'ל", וואָס איז ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען מיט אַ גרופּע חלוצים פון פרעשבורג, וואָס אויף יענער זייט דונאַי...

אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע שטופּט מען, כמעט מיט געוואַלד אַרויף אַ בחורל מיט אַ פּאָר גרויסע ברוינע, נאַאיווע אויגן, מיט אַ צעשויבערטן, קופּער־פאַרביקן קאָפּ האָר. ער שטייט ווי פאַרלוירן אויף דער סצענע און זעט פאַר־זיך, ווי אין אַ רויך, אַ ים מיט קעפּ אין דעם לאַנגן באַראַק. ס'איז שטיל, מען קען הערן „מאָן זייען". דער מיט די לאַנגע האָר, סוד'לט זיך עפּעס מיטן חלוצל, פאַרלייגט די פידל אונטערן קין־באַק, טוט אַ פיר מיטן סמיטשיק איבער די סטרונעס, און דאָס חלוצל, אַ שעמעוודיקער, אַ נישט־דרייסטער, גייט אַרויס מיטן סוד און זינגט:

S.R.

בין איך מיר אַ חלוצל,
אַ חלוצל פון פוילן,
טראָג איך אַ פּאָר שיכאַלעך —
שיכאַלעך אָן זוילן.

און אַ אַנצוג טראָג איך מיר,
האַרצעדיקער טאַטע,
טאַקע ווי אַ חלוצל —
אַ לאַטע אויף אַ לאַטע.

פּשוט די מעלאָדיע, פּשוט די ווערטער, כאַפּט כמעט דער גאַנצער באַראַק אונטער, דעם רעפריין:

בין איך מיר אַ חלוצל,
אַ חלוצל פון פוילן,
טראָג איך אַ פּאָר שיכאַלעך —
שיכאַלעך אָן זוילן.

די מזרח־וואַנט, מיטן חשובן גאַסט, דער „עולה" קוקן זיך איבער. נאָר שוין שטייט דער גאַנצער באַראַק, אין פלאַם פון יונגן געזאַנג:

בין איך מיר אַ חלוצל,
אַ חלוצל פון פוילן...

דערמוטיקט און דערוואַרעמט פון די נייגעריקע בליקן, פון דער חברה יונגוואַרג, ווערט זיכערער ביי זיך, און פעסטער, דער יונגער מחבר, און עס גייט אַוועק, ווי אויף אַ גלייכן אויסגעפּלאַסטערטן וועג:

און איך האָב קיין צרות נישט,
קיין לייד, און קיינע זאָרגן,
האָב איך ברויט, איז עס איך מיר,
איך זאָרג מיך נישט פאַר מאָרגן.

און עס צעפלאַקערט זיך אַ רעפריין:

חלוץ, חלוץ, חלוצל,
חלוצל פון פוילן,
טראָגסט אַן אַנצוג לויטער לאַטעס,
שיכאַלעך אָן זוילן.

דער מיט די לאַנגע האָר, מיטן אויער אויפן פידל, מיט צונויפגעפרעסטע אויגן, צעגייט, דאָס פּנים, גלייך ער וואָלט געחלומט, לאָזט נישט אָפּ דעם רעפריין:

חלוץ, חלוץ, חלוצל... א. א. וו.

און ווידער שטיל. און ס׳בחורל אויף דער בינע, גייט אַרויס, אַזוי ווי צום טאַנץ, מיט אַ נייעם סטראָף:

ווייסט איר ווער עס זאָרגט פאַר מיר?
איך קען אַ מיידל חוה.
דאָס ברענגט זי מיר יעדן טאָג
ברויט מיט שוואַרצע קאַווע.

כאָטש ס׳איז שפּעטע נאַכט, ווערט דער יונגער עולם אַלץ מער וואַכעדיקער, און אין איין שמע ישראל, ווערט דאָס מיידל חוה, דאָס מיידל פון גאַנצן באַראַק, און פון אַלע חלוצים... מיט אָפענע מיילער, שלינגט מען די פּשוטע רייד, דאָס וואַרעמע לשון פון די מאַמעס... דערנאָך ווערט דאָרט דערציילט אין ווייטערדיקן לידל טאַקע — וואָס פאַר אַ מעלה די שוואַרצע קאַווע האָט, געמישט מיט סאַכאַרין:

זי פירט אָפּ דירעקט
פון פרעשבורג ביז קיין ווין...

און דאָרט זאָגט זיך אַזוי:

ווי נאָר עס קומט די נאַכט
צעלייגט מען זיך ווי פּריצים,
פון איין זייט דעזערטערן,
פון דער צווייטער זייט חלוצים.

און נאָך דערציילט זיך דאָרט אין דעם לאַנגן לידל, פון פּעסער, און פון וויזעס, און פון גרענעצן, פון פרעמדע גרענעצן, פון שמוגלען פרעמדע באַוואַכטע גרענעצן... און צום סוף:

און איך, אָרעם חלוצל,
שריי: האַרצעדיקער פאַטער!
ווי ווערט מען שוין פון פרעשבורג
און פון די גרענעצן פטור...

קאַפּיטל 8

ברענער׳אָווצעס

די שפעטע זומער־נאַכט, די ווינער, שמעקט אַריין דורך די אָפענע פענצטער און טירן, די נאַקעטע, גרעלע עלעקטרישע לעמפלעך לעשן זיך פּאַמעלעך, איינצלווייז אויס. די גרופּעס און די קבוצות מאַכן, יעדער לויט איר אופן, נאַכט. דאָס חלוצל געפינט נאָך אַ ווינקל, און אַ שטרוי־זאַק, צווישן די בני־ברק, און ער שלאָפט דאָרט איין, מיט אַ אומרואיקן שלאָף...

אין באַראַק שפּינט זיך עפּעס. ס׳איז אַ געגיי, אַ גרייטן זיך, עס קאָכט... דאָס גרייט זיך „קבוצת־ברענער" אין וועג אַריין. מען פּאַקט די רוק־זעק, די קופערטלעך, צען מאָל איז מען זיך בודק די ברוסט־טאַשן, די קעשענעס, מען נעמט דאָרט אַרויס פאַרשידענע זאַכן, און מען לייגט זיי ווידער צוריק אַריין, נישט וויסנדיק וואָס מען טוט. מען פאַרעט זיך, מען איז צעפלאַמט, עטלעכע מאָל נאַכאַנאַנד הערט מען רופן איין און דעם זעלבן נאָמען: „יעיסיף, יעיסיף! אַ ווו ביסטו?" „שמוליק, אַהער צו, חיימקע, ריר זיך". די קבוצה שטעלט זיך אַרום באַראַק אויף „סמאַטר", ביי אַלעמען איבער די אַקסל פאַרוואָרפן, הענגען מאַנדאָלינען... וואָסי? אַ מאַנדאָלינען־קלוב איז דאָ עולה? נאָר ניין. רירסטו זיך צו, צו אָט די מאַדאָלינען, זיינען זיי שווער ווי די שטיינער. אין באַראַק ווייסן אַלע, אַז די מאַנדאָלינען זענען אָנגעשטאָפּט מיט רעוואָלוער־קוילן און — מיט רעוואָלווערן. קונציק האָט מען זיי צענומען, זיי אָנגעפילט, און ווידער צוזאַמענגעקלעפּט. עטלעכע פון בני־ברק באַטראַכטן די אָפּפאָרנדיקע, אַלע קורצע און ברייטע יונגען; בלאָנדע, זייער קורץ געשוירענע האָר, מיט קליינע פאַרזשמורעטע, גרויע אויגן ביי זיי. ווען נישט ס׳מאַמע־לשון, וואָלט מען געקאָנט מיינען, מי יודע ווער איז עולה... נישט די נעז און נישט די אויגן ביי זיי, און נישט די שטעכיקע באַרשטן־האָר, האָבן צו טאָן מיט אַ יידיש פּנים. „זעסט? מיט וואָס מען פאָרט אין דער נייער היים? — זאָגט דאָרט איינער, צו זיך גע־

לעגער־שכן — מיט רעוואָלווערן פאַרט מען״... עמעצער פון די בני־ברק ענטפערט: „דאָס איז אַ תשובה, אויפן הייעריקן פסחדיקן פּאַגראָם דאָרטן״...

און אז די מאַנדאַלינען־גרופּע, מיט מיליטערישע שריט, באַגלייט פון קורצע, אָפּגעהאַקטע באַפעלן: אחת, שתים! אחת שתים! חת! חת! פאַר־שווינדט צווישן די ביימער, צערעדט מען זיך צווישן אַ חברה באַגלייטער, און איינער זאָגט דאָרט אַזוי: „די ענגלענדער — זאָגט ער, ווי איינרוימענ־דיק די אַרומשטייענדיקע אַ סוד — זוכן זייער שטאַרק ביים אַריינקומען אין לאַנד אַריין. געוועהר זוכן זיי, נו? מוז מען אים, דעם ענגלענדער, אָפּטאָן אויף... טערקיש״...

יעדן טאָג פאָרן אָפּ אַנדערע קבוצות און גרופּן, קיין נייע קומען נישט צו... דער קוואַל האָט זיך דאָרט ערגעץ פאַרשטאָפּט. פּוילן שטייט אין גרויסן, פאַרצווייפלטן געראַנגל, מיט בודיאַניס באַרוועסע רייטער־מחנות... און אויף די גרענעצן איז סכנות נפשות. פאַרהעמערט, נישט אַריין, נישט אַרויס. דער יידישער טייך איז איינגעהאַלטן, האָט אויפגעהערט צו פליצן לעת עתה...

אין באַראַק בלייבן ליגן פאַריתומטע שטרוי־זעק, ליידיקע פּריטשן. עס ווערט שטילער און אומעטיקער. דער באַראַק לעשט זיך פאַמעלעך אויס. די נעכט זיינען שוין קילע, אַ ווינט צעקריגט זיך מיט די ביימער, און רייסט ביי זיי די בלעטער פון קאָפּ. די האַלצערנע ווענטלעך פון די באַראַקן, די לייכטע זומערדיקע פענצטער און שויבן־טירן, קרעכצן, אונטער דער פּיי־פעריי פון ווינט, וואָס בראַיעט דאָ אין דרויסן.

אַ סך פון די בני־ברק, גייען אַוועק אין שטאָט אַריין זוכן אַרבעט און ווערן שוין דאָרט ערגעץ פאַרפאַלן, קומען שוין אין באַראַק אַריין מער נישט צוריק. אַנדערע בלייבן און וואַרטן נאָך אויף עפּעס... זיי גייען יעדן טאָג אין „עליה־אַמט״ אַריין. דאָרט וויל מען אפילו נישט רעדן מיט זיי. נאָך וואַרטן גאַנצע טעג, אויפגענומען צו ווערן פון אַ בחור אין ברילן, אָדער פון אַ מיידל מיט אַ פּנים פון אַ מאַנספּערשוין. הינטער ענגע פענצטערלעך, פרעגט מען דאָרט שטרענג און קאַלט: מדוע אתה חפץ לעלות? דמי הנסיעה יש? האם חלוץ אתה? (פאַרוואָס ווילסטו עולה זיין? און געלט אויף רייזע־הוצאות האָסטו? ביסטו דען אַן אמתער חלוץ?). דער שכן פון געלעגער זאָגט דאָן צו זיין חבר, דאָס חלוצל: „קום אַוועק. האָב זיי אין דר׳ערד... דו זעסט דאָך מיט וועמען מיר האָבן צו טון... קום!״. אַ גאַנצן טאָג שפּאַנט מען דעמלט אַרום איבער די ווינער הונגעריקע גאַסן. ערשט מיט דער נאַכט

צוגלייך, לאָזט מען זיך דורכן באַלעבטן פּראָטער צו די הויפּט־אַלייען, אין די באַראַקן אַריין.

אַ צענדליק יונגען ליגן צעלייגט אין די קליידער און פלוידערן אויף די געלעגערס זייערע, פאַרן אַנטשלאָפן ווערן: „שוין — זאָגט דאָרט עמעצער אין דער טונקל, ווי צו זיך אַליין — שוין אויס פּאַלעסטינע אויך"...

צווישן די עטלעכע יונגען, וואָס קלאַמערן זיך נאָך אין באַראַק, ווי אין אַן אונטערגייענדיקער שיף, האַלטן, דער לאַנגער עוזר — וועלכן אַלע רופן דאָ: עוזר דלים — און ס'חלוצל, שטאַרק צוזאַמען. מען פרעגט איינער ביים צווייטן: „ביסט הונגעריק? ס'איז דיר קאַלט?"... און מען טיילט זיך מיטן לעצטן ביסן, מען דערציילט זיך מעשיות, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. „דו שלאָפסט?" — פרעגט ער. „ניין. וואָס איז דען?" „עהה, גאָר־נישט"...

קאַפּיטל 9

עוזר דלים

אַהאַ, דער האַרציקער גוטער יונג, ער זוכט עפּעס זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ, זוכט ער. נאָר ער טרויט נישט, ווייל ער מיינט, אַז עס איז נישט וויכטיק... פון זיין שטעטל וואָלט ער געוואָלט רעדן, פון זיין מוטער, און פון זיין מיידל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים. ס'איז דען וויכטיק?

די נעכט זענען לאַנג און פינצטער. אין דרויסן, אין ריזיקן פּאַרק, ראַנגלט זיך דער ווינט מיט די ביימער אַזש די באַראַקן טרייסלען זיך. קיין שלאָף נעמט נישט, רעדט עס זיך אין דער פינצטערניש, ווי צו זיך אַליין: „האָסט שוין אַמאָל שטאַרק און לאַנג געוויינט? — פרעגט ער". און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, רעדט ער ווייטער: „נישט אַלס קינד, נאָר שוין אַ דער־וואַקסענער, געשטאַנען ערגעץ אין אַ פרעמדער שטאָט, מיטן פּנים אויס־געדרייט צו אַ וואַנט, און געוויינט, געוויינט"... ער בלייבט שטיל, עס דויערט אַ היפּשע ווילע, הויבט ער ווידער אָן: „זעסט? דאָס דאַרף מען ביי קיינעם נישט פרעגן... ווייל... וואָס פאַר אַן ענטפער, קען מען דערויף געבן? אַז מען קען — פאַרענדיקט ער זייער שטיל — זאָל מען דערפון, שרייבן אַ ליד..."

ער שוויגט דערנאָך זייער לאַנג, ער שלינגט דאָרט אין דער טונקלע־ניש זייער פּאַמעלעך, — גלייך ער וואָלט געטרונקען — אַ שלוק נאָך אַ

שלוק... שלאָפסט? ניין. ער הויבט אָן ווי פון דער מיט: „די מאַמע אָבער... מיין מאַמע זיצט מיר תמיד פאַר מיינע אויגן, אין מיטן מאַרק זיצט זי, מיט אַ קויש עפּל, און וואַרט"...

דער ווינט שמייסט די שויבן־פענצטער מיט נאַסע קאַלטע שפּיזיקע ריטלעך, אַט, אַט און דער באַראַק ברעכט זיך איין. ס'ווערט אַ ווײלע שטיל, עס דוכט זיך, אַז דער ווינט זאַמלט אין דער פינצטער פרישע כוחות, בכדי מיט אַ נייעם, מעכטיקן בלאָז דעם גאַנצן הילצערנעם בנין פון דער ערד אָפּצווישן. „איך ווייס — דרייען זיך רייד, ווי אויף אַ פּליטע, אין פינצטערן חלל — איך ווייס: אַזוי לעבן קאָן מען נישט... פאַרוואָס געפינען איך מיך דאָ, אין באַראַק? ווייל אַראָפּגייענדיק פון דער באַן, בין איך געגאַנגען מיט דעם וועג, וועלכער איז מיר אַמנאָנטסטן געווען צו מיין געמיט, צום האַרצן"... ער זעצט זיך אויף: „דאָ אַהער — יאָגט אַ טרויער פון זיינע רייד — דאָ אַהער... האָב איך נאָר פאַרבלאָנדזשעט... און אַקעגנאַיבער, אינמיטן מאַרק, וווּ מיין מאַמע איז געזעסן, — הויבט ער אָן מיט אַ זינגענדיקן קול, — איז געווען אַ הויז מיט פינף שטיינערנע טרעפּלעך. דאָרט פלעגט שטיין מיין דאָבעלע, אין די זוניקע טעג, די לאַנגע בלאָנדע צעפּ אַרומגעוויקלט אַרום קאָפּ, ווי אַ קרוין. און געלאַכט — — — געלאַכט" —

עס האָט גענומען פרישען מיט אַ דריבנע רעגנדל. אין טיפן פאַרק, וווּ דער באַראַק איז געשטאַנען, האָט מען געטאָפּטשעט אין נאַסע בלעטער ביז איבער די קנעכל. אין אַ ווינקל פון באַראַק האָבן דריי יונגען זיך געפּאָרעט אַרום זייערע בינטלעך, געשטופּט ס'ביסל אָרעמקייט אין די רוק־זעק אַריין, און אויפלאָדנדיק זיי איבערן אַקסל, זיך געלאָזט גיין מיט פעסטע טריט, מיט דער הויפּט־אַלייע, צום פראָטער צו. פון צייט צו צייט האָט אַ רייטער, אָדער אַ רייטערקע, אין געפּאַסטע רייט־הויזן, דורכגעשניטן די ביימער־אַלייע, און פאַרשוווּנדן אין פרימאָרגנדיקן האַרבסטיקן גרוי.

ס'איז שטיל געווען אַרום, נאָר דאָס אומעטיקע קראַקען פון די וואָראָנעס, צווישן די נאַסע בלעטער, האָט אָנגעזאָגט, אויף אַ נודנעם קאַלטן רעגן אָן אַ סוף, וואָס האָט זיך דאָ געשטעלט איבער עסטרייכס קרוין־שטאָט.

די יונגען האָבן געשפּאַנט מיט אָפּגעצוואָגענע קעפּ און געשוויגן, נאָר אַרום די ענגע געסלעך פון צווייטן באַצירק, איז איינער פון זיי נעלם געוואָרן. געבליבן זענען נאָר עוזר און ס'חלוצל.

נאָך אַ לאַנגן מאַרש דורך אַ לאַבירינט פון געסלעך, דורך הענגל־בריקלעך, אַלטע שטיינערנע טויערן, זענעןביידע חברים צוגעקומען צו אַ גרויסן ברוקירטן פלאַץ, און שטיין געבליבן פאַר אַ ריזיקער געביידע. הינטער אייזערנע שטעכעטן און בראַמעס, האָבן לאָקאָמאָטיוון געצישט, געדריכערט

און שווער געסאָפּעט. דאָרט האָבן ביידע יונגען אויסגעלײדיקט די קעשע־נעס פון זייער לעצט ביסל פּאַפּירענע קראַנצן. עוזר האָט גענומען אַ באַן־בילעט צו דער גרענעץ... זיי האָבן זיך געזעגנט אָן רייד, מיט די אויגן בלויז. זיי האָבן ערלעך, און מיט ליבשאַפט געקוקט איינער אויפן צווייטן, און געשוויגן... אין ענגן געדרענג פון דער געדיכטער מאַסע, איז עוזר נעלם געוואָרן...

אויף די פּייכטע טרעפּן פון דער באַן־סטאַציע איז דאָס חלוצל שטיין געבליבן, איינער אַליין, און געקוקט, אויף דעם רעגנדיקן פּלאַץ פאַר זיך; ס'האָבן האַלב געדרימלט די קוטשערס און זייערע פערד. די טראַמווייען האָבן זיך מיד און פויל געשלעפּט, מאַכנדיק הקפות אַרום נאַסן ברוקירטן פּלאַץ.

ער איז געווען פאַרנומען, מיט איבערלייגן אין די געדאַנקען, וועלכע גאַס צו נעמען. די גאַס אויף רעכטס? אָדער די גאַס אויף לינקס, וואָס איז שמאָל און לאַנג ווי אַ טונעל.

קאַפּיטל 10

דער הער יאַן זאַביצקי

אַ מאַן אין אַ ברייטער פּעלערינע, מיט אַ טיראָלער קאַפּעלושל מיט אַ פּעדער, האָט אים בריסק פאַרהאַלטן ביים אַראָפּגיין פון די טרעפּ: „נו, יאָ, אויסלענדער? אָהנע פּאַפּירע... נו, יאָ". דאָס חלוצל איז גלייכגילטיק שטיין געבליבן, דערזען פאַר זיך אַ אויסגעפּרעסענע ראָזיקע גלאַט ראַזיר־טע מאָרדע, מיט קליינע, גרויע, שטעכיקע אייגעלעך; און דאָס בולדאָג פּרצוף, האָט מיט גרויס מי זיך אָנגעשטרענגט זיס צו שמייכלען. נאָך אַרויס־באַקומען האָט זיך, אַ פאַרקרומטע גרימאַסע: „קאָממען זי, ביטטע מיט... בי־טע, ביטע..."

און ס'חלוצל האָט דערפילט, ווי גלייך אַן אייזערנע שטאַבע וואָלט זיך אַרומגעפּאָלכטן אַרום זיין אָרעם, און אַזוי, אָרעם אין אָרעם, ווי צוויי גוטע באַקאַנטע, האָבן זיי ביידע אין מיליטערישן טראָט גענומען גיין דורך דער לאַנגער שמאָלער גאַס, ווי אין אַ טונעל.

געגאַנגען איז מען זייער לאַנג, און שווייגנדיק. נאָך עטלעכע חדשים זיין אין ווין, האָט אונדזער חלוצל, ווי בכלל אַלע דאָ דורכפאָרנדיקע חלו־

צים, געקענט די שטאָט אויף אויסנווייניק. פיל שעה׳ן איבערן מעת־לעת האָט מען זי געמאָסטן, די קרוין־שטאָט, אין דער לענג און ברייט. גאַנצע זומערדיקע נעכט, ביז אין די בלויע פאַרטאָגן אַרייַן, האָט מען געחלומט לענגאויס דער דאָנאו, מיט צעזונגענע בלוטן, מיט באַפליגלטע מחשבות... בין איבער די שפּיצן פון די בערג, וואָס רינגלען דאָ אַרום די אַלטע שטאָט פון די האַבסבורגער, טוט אַ יונגע זון אַ צעעפן איר שטראַלנדיקן פּעכער: ויהי בוקר...

לויט די גאַסן, האָט אונדזער אַרעסטאַנט דערקענט, אַז דאָס איז נישט דער וועג צו דער הויפּט־תפיסה, און נישט דער וועג צום הויפּט־פּאָליציי־אַמט. ווייל אַלע חלוצים, וואָס זענען לענגער, צוליב פאַרשידענע סיבות, דאָ שטעקן געבליבן, האָבן געמוזט אָפּזיצן זייער שטראָף פאַר אַריבערגיין אומ־לעגאַל די עסטרייכישע גרענעץ, און ווער פון דער יידישער יוגנט דעמלט איז לעגאַל „געגאַנגען״ איבער גרענעצן?...

אַכט טעג האָט מען געמוזט אָפּקומען אַ שטראָף אין דער ווינער תפיסה, נאָר מען האָט געקענט קומען זיצן, ווען מען האָט געוואָלט. ס׳חלוצל מיט זיין חבר, וואָס ער האָט אים דאָ נאָר וואָס באַגלייט צו דער באַן, זענען גע־גאַנגען זיצן אין רעגנדיקע טעג, און ווען זיי זענען הונגעריק געווען; און זיצן פלעגט מען גאַנצע גרופּן צוזאַמען. מען האָט געזונגען און געטאַנצט, געשפּילט טעאַטער אויף אויסנווייניק... דער זכות פון צוריקגיין אין הייליקן לאַנד אַריין, האָט די יונגע „אָסט יודן״ געגעבן פּרעסטיזש און אַנזען אין די אויגן פון די ווינער באַהערדן און פון דער באַפעלקערונג. מען האָט דרך ארץ געהאַט פאַר זיי, און אַ סך פאַרלייכטערט זייערע שווערע לעבנס־באַדינגונגען.

גייענדיק אַזוי מיט זיין אומבאַקאַנטן באַגלייטער, האָט אונדזער חלוצל געטראַכט פון דער תפיסה, ווי פון אַ גן עדן. ער וואָלט געווען צופרידן, ווען זיין אונטערפירער פירט אים דאָרט אַהין, אבי פּטור צו ווערן פון דער נאָנטקייט פון דעם פאַרשוין, פון די מעכטיקע אָרעמס, וואָס האַלטן אים ווי צוואַנגען צוגענאָגלט צום מענטש, מיט דער מאָרדע פון אַ בולדאָג...

געגאַנגען איז מען דורך הינטער־געסלעך. לויט די הייזקעס, האָט מען דערקענט, אַז מען דערנעטערט זיך צו די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, במילא צו דער ענד־שטאָט. מען האָט דורכגעשניטן ליידיקע פּלעצער, טייל באַשטעלט מיט פאַרוויכערטע פאַבריק־געביידעס, אַ טייל באַדעקט מיט צעטראָטעוועט גראָז. אַ ריח פון נאַפט, פון איבערגעברענטן אייל, אַ שאַרפער גערוך פון סמאָלע, איז געשטאַנען אונטערן נידעריקן, רעגנדיקן הימל און שווער גע־מאַכט דאָס אָטעמען.

הינטער אַ שוואַרצער, מיט פעך־אַנגעפּאַרבטער מויער איז מען שטיין געבליבן, מיט אַ אויסבליק אויף אַן איינשטאָקיקע געבײַדע, ענלעך אויף אַ פּויערישע פערמע, בײַ אַ פאַרמאַכטן, גרויסן הילצערנעם אַריינפאָר־טויער, און אַ געדיכט וועלדל אין הינטערגרונט.

— ששאַ! — האָט דער מענטש מיט דער ברייטער פּעלערינע, געטאָן אַ הירזשע אַרויס, ווי אַ הונט — דאָרט, אין דער געבײַדע... קענסטו פאַרדי־נען צוואַנציק קראָנען, צוואַנציק... — האָט ער צוויי מאָל געפּאַטשט מיט ביידע הענט — צען אונד צען... צוואַנציק... אַז דו וועסט צוגיין, און אָנקלינ־גען אין יענעם טויער... און פרעגן, אויב...

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אין זײַנע רייד, געמאַכט אַ פּויזע, גע־נומען שטאַרק זיך אַרײַנקוקן אין די אויגן פון זיין שליח, און זײַנע קליינע גרויע אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן מיט אַ פאַרשיכורטן גלאַנץ, ווי פון אַ יאַגד־הונט...

— פרעגן, אויב... אַ געוויסער... ניין! ניין! אויב דער הער... זאַביצ־קי... יאָ! יאָ! יאָהאַן... דער הער יאָהאַן זאַביצקי... איזט צו האַוזע... היער. דאָ.

און ער שטופּט דעם צעטומלטן חלוצל אַ לענגלעך־בלויען פּאַפּיר־שײַן אין דער האַנט אַרײַן, און טוט אים אַ שטויס אַרויס אויפן ליידיקן פּלאַץ, און אַליין פאַרשווינדט ער הינטער דער מויער.

איבער אַן אויסגעוויקטן, גליטשיקן, ליימיקן פּלאַץ שפּאַנט ס'חלוצל מיט שווערע טריט, מיט אַ שווער געמיט, צו דער ציגעלנער רויטער געבײַ־דע צו, מיטן הילצערנעם אַרײַנפאָר־טויער. אים דאַכט זיך, אַז דער פּלאַץ איז אומענדלעך לאַנג, ער גייט און גייט, נאָר צום טויער דערנענטערט ער זיך אַלץ נישט...

ער בלײַבט שטיין, דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן, און קוקט זיך אום. הינטער אים. — נידעריקע אַרבעטער־הײַזלעך, די מרה־שחורה'דיקע קאַלטע פאַ־בריקן, און די פינצטערע מויער, הינטער וועלכער דער מענטש מיטן הינ־טישן פּנים איז פאַרשטעקט. פאַרויס פאַר אים, אַ ציגעלנע געבײַדע, מיט אַ וואַלד אין הינטערגרונט, דער ווינער וואַלד... ער פילט די אויגן פונ'ם יאַגד־הונט אויף זײַן רוקן, אויף זײַנע פּלייצעס, און זיי שטויסן אים פאַרויס... ער דערזעט זיך פּלוצלינג פאַרן טויער. ער טוט אַ קלונג, און וואַרט. נאָך עטלעכע מאָל ציען דעם דראָט, עפנט זיך אַ קליינע פורטקע און ער גייט דערין אַרײַן. ער זעט נישט דעם מענטש, וואָס האָט אים ס'טויער געעפנט. עס פאַרהאַקט זיך באַלד, און ער בלײַבט שטיין אינמיטן אַ גרויסן ברוקירטן

הויף, פאַר אַ קליין דאַר מענטשל, וואָס קוקט אויף אים שטאַרק פאַרוווּנ־דערט.

— ענטשולדיקט... איך... — שטאַמלט דאָס חלוצל נישט פאַרשטענ־דלעכע, און אָפּגעריסענע רייד...

יענער וויזט אים אָן — נישט עפּענענדיק דאָס מויל — אויף אַ גלעז־זערנער טיר, וואָס פירט אין אַ קאָרידאָר אַריין; אָן אַ פּאָדלאָגע, לאַנג, טונקל איז דער קאָרידאָר, מיט אַ ריי שוואַרצע טירן אין זיין לענג. אַ פאַר־לעגענער ריח, ווי פון אַ פייכטן קעלער, שפירט זיך פון די ווינקלען זיינע. ס'חלוצל קלאַפּט אָן אין איינע פון די פינצטערע טירן. אין אַ שמאָלער עפענונג, וועלכע פאַרהאַלט זיך אויף אַ קייט, טוט אַ בלישטש אָן אויג, מעסט אָפּ דעם מאָדנעם אָנקלאַפּער פון קאָפּ ביז פיס. און אין איין אויגנבליק עפנט זיך ברייט די טיר. אין אָפענעם אַריינגאַנג בלייבט שטיין אַ ריז, מיט אַ צעשווי־בערטן קאָפּ בלאָנדע האָר, מיט אַ קורצער מעכטיקער נאָז, אַ פּאָר שטאָל־גרויע אויגן קוקן מיט חשד, געמישט מיט נייגער, אויף דעם בחורל, וואָס אָקעגן איבער אים. דער ריז שטרעקט אויס אַ האַנט, ווי אַ הויב־קראַן, דעם פרעמדן אין שטוב צו זיך אַריינצונעמען. ס'חלוצל רוקט זיך אָפּ אין פחד וויפל ער קען, כאַפּט אַרויס דעם צוואַנציק קראָן־שיין, און שטאַמלט:

— אַ פרעמדער בין איך, אַ פּוילישער, מ'האָט מיר באַצאָלט... אַ גע־הימער... באַצאָלט... דיר צו פרעגן... ער וואַרט אויף מיר... אינדרויסן, הינ־טערן מויער...

די ריזן־האַנט האָט זיך נאָכלעסיק און לאַנגזאָם אַראָפּגעלאָזט, די קאַלטע, שטאָל־גרויע אויגן האָבן זיך וואַרעם און קינדיש צעשמייכלט. ער איז אויף אַ ווײַלע פאַרשוווּנדן, און צוריק־געקומען מיט אַ פּאַפּירענעם געלט־שיין אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט און עס דערלאַנגט דעם צע־טומלטן שליח:

— נאַ! דאָ האָסטו אַנדערע צוואַנציק קראָנען צו פאַרדינען, ווען דו וועסט אַרויסגיין און זאָגן דיין העלדישן שפּיר־הונט, אַז יאָהאַן זאַביצקי איז ביי זיך אין שטוב... און זאָל ער, די כאָלערע, דאָ אַהער קומען... — האָבן ביי אים ווילד די אויגן אַ בליץ געטאָן — דאָ אַהער זאָל ער קומען... דאָס פּאַסקודסטווע...

אינדרויסן, הינטערן מויער, איז שוין קיינער נישט געווען. דאָס חלוצל איז שטיין געבליבן, ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך נאָר וואָס אויף פון אַ שווערן, און פאַרפּלאָנטערטן קאָשמאַר. דער רעגן האָט גענומען שטאַר־קער גיסן. מיט צוויי קנאַקנדיקע צוואַנציק קראָנען אין דער טאַש, האָט אונדזער חלוצל פאַר פינף גרייצער זיך געלאָזט פירן ווי אַ שררה, פון ווינער

טראַמוויי ביז אויף דער גלאַקן גאַססע, וואָס אין צווייטן באַצירק, און דאָרט אין „קאַפּעע־ציאָן" געפראַוועט אַ סעודה כיד המלך, מיט אַ הייס טעפּל צי־קאָריע, מיט אַמעריקאַנער פּודער־מילך, און מיט אַ פּאָר שטוללען ראָזעווע ברויט, מיט עכטע מאַרגאַרינע.

קאַפּיטל 11

„קאַפּעע ציאָן"

די „קאַפּעע־ציאָן" איז פול געפּאַקט מיט די צוריק־געבליבענע חלוצים, וואָס האָבן דאָ איבערן זומער אָנגעפילט די באַראַקן „צום שוואַרצן בערען", וואָס אין דער הויפּט־אַלייע, הינטערן פּראַטער. און פון די „ראָססאַוער קאַ־סערן", אין וועלכע די ווינער יידישע קהילה האָט זיך אויסגעפּועלט ביים ווינער שטאָט־ראָט אָפּצוגעבן פאַר די חלוצים, וועלכע האָבן דאָ פאַרפלייצט אין די צענער־טויזנטער די קרוין־שטאָט פון די אַמאָליקע האַבסבורגער. איצט, סוף האַרבסט, שטייען די באַראַקן מיט אויפגעפּראַלטע גלעזערנע טירן, פאַרלאָזט און וויסט. אויך די „ראָסאַוער קאַסערן", מיט אירע שטיי־נערנע הייף, פּוסטעווען, און חלומען אפשר פון אַמאָליקן עסטרייכישן גדלות, פון די אַלטע גוטע פראַנץ־יאָזעף צייטן...

די יונגען, וואָס קאָכן און זידן דאָ אין די ענגע שטיבלעך, אַרום די טישלעך פון „יידישן קאַפּע" זענען שטעקן געבליבן צווישן דער אַלטער און נייער היים, און מיט יוגנטלעכן ברען און זאָרגלאָזיקייט, שפּינט מען חלומות, מען שרייבט בריוו צו קרובים, צו פעטערס אין קאָלומבוסעס מדינה: העלפט! און אַבי זיך איינמאָל גוט און צו דער זעט אָנגעגעסן, לאַכט מען פון דער וועלט, און מען פאַרגעסט אין דער נויט, און אין די צרות.

דאָס חלוצל, נאָך אַזאַ סעודה איז זיצן געבליבן אין זיין ווינקל, און די זאַטקייט, די וואַרעמקייט, דער געפילדער, האָט אים איינגעוויגט אין אַ גע־שמאַקן שלאָף...

אַזאַ ענגע שיף... און אַ ים? אַזאַ געדיכטער, אַזאַ געלער, אָן אַ סוף... און ווי ער שטורעמט, דער ים, און די שיף? וואַקלט זיך, אַמאָל אויף דער רעכטער זייט, אַמאָל אויף דער לינקער. ער מוז זיך פעסט אָרומקלאַמערן, ער זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן אין אַ פינצטערן קעלער אַריין. ווי זי הו־

דזשעט, די שיף, ווי זי פייפט און שווימט פאַרביי שפּיציקע סקאַלעס, מיט אויסטערלישע חיה'שע געשטאַלטן... זיי שטרעקן אויס די לאַפּעס צו אים... וויִנקען צו אים, מיט אימה'דיקע גרימאַסן... און וואָס טוט דער זיידע נח דאָ? דער זיידע נח אין די „ראָסאַוער קאַסערן"... מיט טרעפּן און שטאָקן. און אויף יעדן שטאָק פאַרשידענע חיות... דער זיידע נח קוקט אויף אים מיט גוטע אויגן, די חיות לאַכן צו אים... ס'איז דאָך גאָר דער פעטער נתן פון באַנקיוו... וואָס גלעט דעם קאָפּ פון אַ לעמפּערט... אַ לעמפּערט, וואָס הענגט אויף דער וואַנט פון רבינס סוכּה ביי זיי אין שטעטל... אַ לעמפּערט מיט אַ פּנים פון מעשל באַראַנאָווער, דער מאַמעס בן עיר... מיט אַ סוכּה... מען שטייט קעפּ אויף קעפּ. די סוכּה וואַקלט זיך אויף מעכטיקע כוואַליעס... וואָס טוט דאָ די מאַמע? זי שטייט ביים אויוון אין קעכל און וויינט... ער וויל עפּעס זאָגן, שרייען וויל ער...

צולויפן צו דער מאַמען... נאָר מען האַלט אים פעסט, און מען שאָקלט אים, מען רייסט אים... ער כאַפּט זיך אויף. אַ פּאָר שפּאָטישע קליינע, שוואַר־בע אייגעלעך קוקן אויף אים:

— דאָס ביסטו דאָס חלוצל? דו?

דער יונג וואַרט נישט אויף קיין ענטפער:

— כ'זוך דעך שוין צוויי טעג אַרום. שראַאַב מעס אַראָאַם, עך דע געען אַ ברויט... נאָ'דאָ אָסטע פּאַפּיער, און אַ שראַאַבפּענדל. שראַאַב!

ס'חלוצל קוקט אויף דעם קורצן, שוואַרצן יונג, מיט די גנבה'שע ציגיינערישע אייגעלעך: ער שטייט דאָ פאַר אים, און מיינט נאָך אַלץ, אַז ער חלומט... אויף די הייזעריקע קולות פון דעם שוואַרצן בחור"ס געוואַלד, שטעלט מען זיך אויף פון אַלע טישלעך אַרום, און שוין איז דאָס חלוצל אַרומגערינגל'ט פון גאַנצן קאַפּע יונגען, קעפּ אויף קעפּ שטייט מען, און פאַרשידענע הענט, בייזע און גוטע, אָן אַ שיעור הענט, שטרעקן זיך אויס צום חלוצל, מיט זאַרגלאָזע, הפקר'דיקע קולות:

— מיע אָאַך! מיאָ! מיע... מיע...

אינעם געטומל און אין שטויסעניש, רייסט זיך דורך מיט גרויס מי דורכן קלומפּן יונגען, אַ יונגערמאַן מיט אַ געשוירן בערדל, אין זויבערע געפּלעגטע בגדים, צום חלוצל'ס טישל, נאָר ס'געלינגט אים נישט, ווי אַ מויער נישט דורכצוברעכן, קלעפּן די יונגען איינער אויפן צווייטן, און די קולות ווילן נישט אויפהערן. געקומען צו זיך, שטעלט זיך דאָס חלוצל אויף, און וויל זיך דורכשלאָגן אַ וועג צו דער טיר. ווי פון אַ מעכטיקער כוואַליע, ווערט ער צוריקגעשליידערט אין זיין ווינקל. ערשט די קעלנערקע פון קאַ־פּע מיט אַ בוזים, ווי אַ הויך־אויפגעבעט איבערבעט, מיט אַ פּאָר נאַקעטע,

ראָזע אָרעמס, ווי אַ געשטאַלט פון די גיבעלונגען, טוט מיט איין פּאַרפאַר, מיט אַ קרעפּטיקן זאַפּטיקן „דאַנער וועטטער", צעשיט דעם גאַנצן קנויל יונגען. און אַזוי אַרום באַפרייט ס'חלוצל פון זיין קלעם.

דער יונגערמאַן, מיטן געשוירענעם בערדל, מיט די ציכטיקע בגדים, איז געלאָזן צוגעגאַנגען צום חלוצל, און אים געגעבן די האַנט, זיך באַגריסט מיט אים און אים געבעטן מיט אים מיטצוגיין אין שטאָט אַריין.

ס'חלוצל קוקט אויף דעם יונגערמאַן מיט דער משכילישער קליידונג, גוטע מאַניערן, און באַקומט צוטרוי צו דעם מענטש, וואָס זוכט זיין באַקאַנטשאַפט. זיי זענען לאַנג געגאַנגען און געשמועסט, און שפּאַצירנדיק אַזוי לענגאויס דער דאַנאַו, האָבן זיי נישט באַמערקט, ווי דער קורצער, כמורנער טאָג איז זיי, אין שטראָם פון די רייד, פאַרשוואונדן...

אין איינעם פון די גרויסע קאַפּע־הייזער, אַרום די סטעפאַנס קירכע, אַרום רינג, וואָס אין ערשטן באַצירק, האָבןביידע נייע באַקאַנטע זיך אַוועקגעזעצט. און זיצנדיק אין די ווייכע, גרינע, סאַמעטענע פאָטעלן, אַרום אַ מאַרמאָרן טישל, באַדעקט מיט אַ שווערן, ברוינעם טישטוך, באַשטעלט דער יונגערמאַן צוויי הייסע שאָקאָלאַד; און נאָך אַ פּויזע, הויבט ער בנימותדיק אָן:

— זענט איר, — הייסט עס — דער מחבר פון „חלוצל" ?...

דאָס וואָרט מחבר, באַטאָנט ער מיט וואָג און חשיבות, אַזוי, אַז דאָס חלוצל ווייסט נישט, צי מיינט ער דאָס ערנסט, אָדער שפּאַסט ער, זיין נייער באַקאַנטער.

ער איז מיד פון די איבערלעבענישן פון היינטיקן טאָג. דאָס באַגלייטן צו דער באַן זיין שכן פון די באַראַקן „צום שוואַרצן בער", וואָס איז אים שפּעטער דער נאָנטסטער מענטש דאָ געוואָרן, אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט. און איצט אים פאַרלאָזנדיק דאָ היינט פאַרטאָג, אין איינער פון די ווינער באַן־סטאַציעס, האָט ער פאַרלאָזט אַ נאָנטן, טייערן חבר, און מעגלעך אויף תמיד, אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. ווו איז ער איצט, דער גוטער ליבער יונג ? זיין נייער באַקאַנטער רעדט צו אים, און ער הערט נישט.

...ערגעץ צוגעטוליעט צו אַ פענצטער פון אַ באַן־וואַגאָן, זיצט ער, אַ באַן, וואָס לויפט צו אַ גרענעץ צו, צו זיין היימשטאָט, צו זיין מאַמען, צו זיין מיידל... ער זעט פאַרנאַכטיקע פעלדער און וועלדער פאַרביישוועבן, אַ וועכטער־הייזל, אַ ברונעם... אַ פאַסטעכקע מיט אַ צווייגל אין דער האַנט. און דאָס קלאַפּן פון די רעדער, שלאָגן אין זעלבן טעמפּאָ, ווי דער פּולס פון זיין האַרץ...

— נו — וועקט אים דער יונגערמאַן אויף פון זיינע מחשבות — איך זוך

איך שוין אַרום עטלעכע וואָכן. איר געדענקט — הויבט ער אָן ווי אײנמיטן — אין אײנעם אַ אָוונט, ווען ד״ר נתן בירנבוים האָט געהאַלטן פאַר די חלו־צים אין די באַראַקן זײַן גרויסע רעדע... איך בין דעמלט אַנוועזנד געווען און זיך נאָכגעפרעגט אויף אײַך, נאָר איר זענט יענעם אָוונט אין באַראַק נישט־געווען.

— אַ סך רעדנער זענען פאַר די לעצטע זומער־חדשים געקומען האַלטן דרשות פאַר אונדז... אַהאַ! דרשות איז לײַכט צו האַלטן — האָט ס׳חלוצל נישט דרייסט אַ שמייכל געטאָן.

— איך בין אויך נישט קיין ווינער תושב — נעמט דער יונגערמאַן רעדן, ווי פון דער מיט אַרויס — בעת דער מלחמה, פון טאַרנאָפּאָלער געגנט דאָ אַהער געפליכטעט, און אַזוי שוין דאָ פאַרבליבן. די מלחמה האָט אַ תל געמאַכט פון גאַנץ גאַליציע, פון מזרח-גאַליציען בפרט. איך בין אַ דרוקער פון פאַך, פאַרדין נישט שלעכט. איצט, ווען די שוהלן, בתי מדרשים, די ישיבות זענען חרוב געוואָרן. די ספר תורה׳ס און די ספרים זענען פאַר־ברענט, האָבן מיר דאָ אַ סך אַרבעט, אונטער דער השגחה פון די גדולי יש־ראל פון ווין, מיט ד״ר חיות בראש, דרוקט מען דאָ ווידער די הייליקע ספרים, און מען צעשיקט זיי בכל תפוצות ישראל...

דאָס חלוצל קוקט אויף דעם מענטש, וואָס זיצט דאָ אַקעגן איבער אים, און דאָס בית מדרש לשון זײַנס וועקט אויף אין אים, אַ שטילע בענקשאַפט צו זײַן ערשט נישט לאַנג פאַרלאָזטער היים...

— איך... איך וואָלט בײַ אײַך געוואָלט... אָפּ... נו, אָפּקויפן אײַער „חלוצל״ — טוט דער יונגערמאַן ניכטער אַ זאָג — און עס אָפּדרוקן בײַ אונדז אין דרוקערײַ.

— דרוקן? — האָט מיט חידוש איבערגעפרעגט דער מחבר — אָפּ־דרוקן מײַן „חלוצל״?

— יאָ! — האָט קורץ געענטפערט דער יונגערמאַן. — מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך געווען אין פרעשבורג, איך האָב איך דעמלט געהערט זינגען אײַער „חלוצל״, און יעדער, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, און פון אײַך פאַרלאַנגט, האָט איר עס אויסגעשריבן, און פאַרשענקט...

— אַזאַ זאַך, טוט זיך דאָך נישט אַזוי.

ס׳חלוצל האָט פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן: „חלוצים בעטן, שרייבט מען״.

— בקיצור — איז דער יונגערמאַן דרייסטער געוואָרן — איר שרייבט

מיר — אָט זיצנדיק דאָ אַזוי — דאָס גאַנצע „חלוצל" אַרויס, און איר באַקומט תיכף במזומנים, פינף טויזנט קראַנען, און נאָכן דרוק, צוויי הונדערט געדרוקטע עקזעמפּלאַרן...

קאַפּיטל 12

„יעקבֿ׳ס חלום"

דער פּאַרנאַכט האָט פּאַמעלעך איינגעהילט דעם רחבותדיקן רייכן רינג־פּלאַץ אינדרויסן. פון זייער טישל, וואָס איז געשטאַנען נאָענט ביים פּענצטער, האָט מען געזען, אַז דער רעגן האָט אויפגעהערט און אין מערב־זייט האָט אַ ראַזיקער פּאַס הימל, ווי אַ גאָלדענער רייף, אַרומגענומען אַ האַלבע קרוין־שטאָט. די טראַמען זענען געשוווּמען פול געפּאַקט מיט מענטשן. מענער און פרויען, פעסט געאָרעמט, האָבן זיך געאיילט, מיט צופרידענע, זאַטע פּנימער, ווי אויף אַ ראַנדעוו, ערגעץ מיט זייער אייגענעם גליק...

דער יונגערמאַן האָט געמיינט אַז דאָס חלוצל האָט נישט געהערט זיינע לעצטע רייד. — ער האָט געזאָגט: פינף אלפים איז דאָך אַ גאַנץ שיינע מטבע. דער מחבר האָט אים דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר געקוקט דעם שכן זיינעם אין זיינע בלויע אויגן, און מיט טינט און פעדער, מיטן שרייבגעצייג, געברענגטע פון קעלנער, אָנגעהויבן שרייבן סטראָף נאָך סטראָף.

אָפּגעשריבן, און אַריינגעשטעקט אין טאַש די פינף קנאַקנדיקע אין טויזנט באַנקנאָטן. (צוזאָגנדיק זיך צו טרעפן אין אַ וואָך אַרום אין קאַפע „ציאָן"), איז ס׳חלוצל שטיין געבליבן אין דער טונקל, איינער אַליין, אויף די ברייטע טראָטואַרן פאַר די באַלויכטענע קאַפע־הייזער. אויסגעוואָרעמט און זאַט, איז ער אַוועק איבער פרעמדע גאַסן און פלעצער מיט די ריזיקע מאָנומענטן, ביז ער איז שטיין־געבליבן פאַר אַ מאָדנע אייגנאַרטיקע געביידע מיט אַ רחבותדיקן אַריינפאָר־טויער פון אַ הויף.

אינעווייניק, אין הויף — אַ נישט גרויסער בנין, ווי אַ אַלטערטימלעכער שלאָס, אויף וועלכן ס׳איז מיט גאָלדענע אותיות געווען געשריבן: „קייזער אונד קעניגלעכער בורג טעאַטער"... ער איז צוגעגאַנגען צום קאַסע־פענצטערל און באַצאָלט פאַר אַ טעאַטער־בילעט. מיט ערפורכט, ווי מען גייט אַריין אין אַ קדשי קדשים, להבדיל, איז ער אַריין אין אַ האַלב־טונקעלן, רונדן זאַל און זיך אַוועקגעזעצט אין איינעם פון די טיפע פלושענע פאָטעלן.

אַרום רונדיקן זאַל, פון די טונקעלע געהיימנישפולע לאָזשעס, אין וועלכע עס זענען אַמאָל געזעסן די פּני פון האַבסבורגער הויף מיט זייערע שרייענדיקע טיטלען: פּרינצן, פירשטן, באַראָנען, גראַפן, מיט דייטשע, מאַדיאַרישע, און טשעכישע נעמען, האָט איצט געטראָגן זיך אַן אָטעם ווי פון קברים, פון אַ פאַרשוווּנדענע וועלט...

אַ בליאַסק פון אַ ראָזער פּרויען־האַנט, אָדער אַ פּראָסט פּנים, פון אַן אויפגעקומענעם עושר, האָט מיט אַ שימער פון אַ פּאָר ברילאַנטענע אוירינגלעך, אָדער אַן אָפּגלאַנץ פון אַ פּאָר גאָלדענע מאַנזשעטן־קנעפּ, אַ בליץ געטאָן פון הינטער יענע מיסטעריעזע, אין סאַמעט און זייד, געפּאָלסטערטע לאָזשעס...

אויף דער בינע, האָט אונטער אַ שטאַרק ליכט — גלייך די מזרח־זון וואָלט דאָ געבראָטן — מיט אַ שטעקן ביז איבער די אַקסלען, אין אַ שאָפּן־געוואַנט, מיט אַ לעדערנעם שנור אַרום די לענדן, הויך און קרעפּטיק, מיט מעכטיקע, אָרעמס, אַ מענטש זיך דאָ געבאַנט אַ וועג צווישן שפּיציקע שטיינער און סקאַלעס. אין ברענענדיקן מדבר, אַנטלויפט אַזוי יעקב פון זיין צאָרנדיקן ברודער, פון עשו'ן... 1).

---

1) ס׳איז געווען אַ סצענע פון דער באַוווסטער דראַמע: „יעקבס חלום“, פון יידיש־עסטרייכישן דראַמאַטורג ריכאַרד בעער האָפמאַן.

צווייטער טייל

בערלין

קאַפּיטל 1

די יידישע סטודענטן-היים

אין דער יידישער סטודענטן־היים, וואָס אויף דער לאַנגע פרידריך־שטראַסע, אין בערלינער „אָסטן”, גרייט מען זיך צום נאַכט־עסן. מען שטעלט זיך אין דער ריי אַקעגנאיבער דעם שמאָלן קיכן־פענצטערל. מען גיט דאָרט אָפּ אַ קוויטל מיט אַ שטעמפּל, און אַ נאַקעטע, פעסטע פרויען־האַנט, גיט אַרויס דעם מעניו, וואָס באַשטייט פון איין טעלער־מאכל און אַ פּאָרציע ברויט. אַז מען האָט נישט גענוג מיט איין טעלער, קאָן מען נאָך פאַרלאַנגען, מער קאָסט עס נישט.

נאָכן עסן קען מען זיך אויסוויילן איינע פון די שטיבלעך. ווער עס וויל הערן אַ לעקציע איבער אַ דייטשן דיכטער, ווער עס וויל לערנען עט־לעכע קאַפּיטלען תנ״ך, מיט אַ פּראָפעסאָר, אַ מומחה; און ווער עס זעצט זיך אַוועק אין דער ביבליאָטעק, צו בלעטערן אין די יידישע צייטונגען, וואָס קומען פון דער גאַנצער וועלט. פון צייט צו צייט קומען אַהער פּערזענ־לעכקייטן פון דער יידישער וועלט, לייענען אַ רעפעראַט פאַר די סטו־דענטן אויף פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע טעמעס, מייסטנס אָבער זייגען דאָס יידישע דיכטער און שרייבער, וועלכע זענען מזכה דער סטו־דענטן־היים מיט קולטורעלע און ליטעראַרישע אָוונטן, לייענען פון זייערע אייגענע ווערק.

אין איינעם אַן אָוונט גרייט מען זיך פיבערדיק אויפצונעמען דעם נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל. מען מאַכט עס טאַקע באַשיידן, אָבער מיט יוגנטלעכן ברען, מיט התלהבות.

קעפ־אויף־קעפ שטייט מען אַרום טיש, ווו ביאַליק זיצט, צוזאַמען מיט זיין פרוי. ענג, ווי אַרום אַ רבין, קלעפּט מען, אויפצוכאַפּן אַ וואָרט פון זיין מויל.

ביאַליק, קאַרג אויף רייד, קייעט געשמאַק אַן עפּל. ווער עס זעט ביאַליקן צום ערשטן מאָל, איז אַ ביסל ווי אַנטוישט. אַ פּנים פון אַן איינפאַכן, פּשוטן מענטש, און עפּעס נישט קיין יידישע אויגן, נאָר לעבע־דיק זענען די דאָזיקע אויגן... ער קוקט שאַרף און וואַרעם אויפן יוגנטלעכן עולם אַרום אים. מען זעט, אַז אין איין הרף־עין, האָט ער אַלץ אַרומגענומען, עד היסוד... אָט איז דאָס מיידל, דוכט זיך, נאָר וואָס אַרויס פון ביאַליקס „גאָרטן״, טוט זיך אַ צעפּלייך:

נישט געגנאַשט פון עולם הזה,
עולם הבא אויך נאָך גאַנץ.
וואָס זשע פעלט אונז? האַנט אויף אַקסל
און זאָל פלאַקערן אַ טאַנץ...

קיין דרשות האַלט מען נישט. אין ביאַליקס פאָלקס־לידער איז אַלץ פאַראַן. יוגנט שטייט צו, אַז ביאַליק זאָל עפּעס זאָגן, נעמט ביאַליק דעם כוס אין דער האַנט און זאָגט, מיט זיין אייגנטימלעכן העברעאישן אַקצענט: „לשנה הבאה בירושלים״... און זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט. און אַז אַ בחורל נעמט זינגען מיטן שטעטלדיקן נוסח דעם באַקאַנטן:

הכניסיני תחת כנפך,
והיי לי אם ואחות.
ויהי חיקך מקלט ראשי
קן תפלותי הנדחות.

שרייט איינער צווישן עולם: „הברה ספרדית! הברה ספרדית!״. הויבט ביאַליק אויף זיין האַנט און זאָגט: „טוב ככה... גוט אַזוי״... ווערט שטיל, מען קוקט זיך איבער: אָט דער ביאַליק זינדיקט נאָך אַלץ מיט דער הברה אַשכנזית?... שטעלט זיך אויף אַמאָל אַ בחור, אַמאָל אַ מיידל, און וואָס ווייטער אַלץ קרעפטיקער לאָזן זיך הערן ביאַליקס פריילעכע און זאַפטיקע פאָלקס־לידער:

נישט געטראַכט, געוואָרט אויף שפּעטער,
טאָמער כאַפּט זי אויס אַ צווייטער...

און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, צווישן איינער פון די מויערן אויף דער פרידריך שטראַסע, וואָס אין מזרח־בערלין, קאַכט עס און זידט, ווי אין אַ קעסל, אַרום אַ דיכטער, וואָס די יוגנט, ווי אַ פּאַקל צינדט זיך אָן און ברענט אַרום אים. און מיט אַ צעפּלאַמטן: „באו שכם אחד לעזרת העם", לעשט זיך אויס דער געזעגענונגס־אָוונט...

אַז עס קומט צוגיין די גרויסע יידיש־דייטשע דיכטערין עלזע לאַס־קער שילער, ווערט אָן איבערקערעניש. זי קומט אַריין פון אַ זייטיקן צי־מער, ווען די עלעקטרע אין זאַל איז אויסגעלאָשן. זי לייענט ביי צוויי ליכט, וואָס ברענען אין צוויי לייכטער. ס'מוז זיין זייער שטיל. אַ מורמל, אַ הוסט, חלילה, ווען עמעץ טוט, קען זי אינמיטן לייענען פאַרלאָזן דעם זאַל. אירע שוואַרצע אויגן גליען אומהיימלעך, ווען זי לייענט. לויט איר צעבראָכע־נעם קערפּער, איז איר שטימע אַ קרעפטיקע, וואָס קומט ווי פון אַ הייל אַרויס:

אונד יאַקאָב וואַר, דער ביפּפעל זיינער הערדע...

פּלוצלינג הערט זי אויף צו לייענען, הויבט די אומהיימלעכע אויגן אויף און ביים שיין פון די ליכט, שפּילט דאָרט אַ פייערל אין זיי... מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג פאַרלאָזט זי דעם זאַל און פאַרשווינדט אין דער־בייאיקן חדרל. זי האָט עפּעס דערהערט אַ מורמל צווישן עולם, וויל זי מער נישט לייענען. מען דערבעט זי קוים; זי קומט ווידער, דאָס מאָל איז איר קול ווייכער, ווי אַ געבעט:

אימנער ווינטש איך מיר וואסס...

גלייך אַ וויאָלאָנטשעל וואָלט געקלאָגט ערגעץ אין דער פינצטער, צווישן חורבות... עלזע די גרויסע יידיש־דייטשע דיכטערין, אפשר האָט זי שוין דעמלט, מיט איר רוח הקודש, פאָרויסגעפילט דעם גרויסן חורבן פון איר פאָלק.

ס'איז געווען די צייט פון קאַפקאַ, די צייט פון געאָרג פינק'ס „מיך הונגערט", די צייט פון עריך רעמאַרק. כאָטש ס'איז שוין געווען נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער ריזן־אַרמיי פון דער פרייסישער סאָלדאַטעסקע, און פון דער האָהענצאָלערן־דינאַסטיע, זענען די בערלינער גאַסן נאָך אַלץ פול געווען מיט מענער, אין אָפּגעריבענע זעלנערישע מלבושים, נישט ראַזירט, מיט אָפּגעצערטע, גרויע פּנימער. ביי פיל האָט טויט נאָכגעהאָנ־גען אַ לײדיקער אַרבל פון מיליטערישן רעקל, אָדער אַ האָלצערנער קינסט־לעכער פוס האָט טעמפּ אָפּגעקלונגען אויף די טראָטואַרן, און אויף די טרעפּן פון די אונטערגרונד־באַנען.

די תפיסות זענען, דער עיקר די „מאָאַביט", פול געווען מיט די גע־

וועזענע „ספּאַרטאַקיסטן". פֿון צייט צו צייט איז מען געלאָפֿן מקבל־פּנים זיין אַ באַפֿרייטן פֿון תּפֿיסה: עריך מיהזאַם, ערנסט טאָלער. אין די אַר־בעטער־פֿאַרשטעט פֿון וועדינג און אַרום דעם שלעזישן באַנהויף, האָט דאָס פּראָלעטאַרישע בערלין געקאָכט און געזאָטן אין אונטערערד, און געהיים. מיטאַמאָל, און פּלוצלינג, האָט זיך בערלין אויסגעלאָשן, פֿינצטער געוואָרן, און אַלע רעדער זענען שטיין געבליבן, ווי ס'האַרץ ביי אַ לעבעדיקן מענטש...

עטלעכע טעג און נעכט פֿלעגט עס אַזוי אָנהאַלטן. די נעכט זענען געווען אימהדיקע און פֿול מיט דערוואַרטונג. איבער נאַכט זענען צענדלי־קער בעקערייען, וורשט־און פֿלייש־געשעפֿטן אויסגעליידיקט געוואָרן, אָן געשרייען, אָן שיסערייען, שטיל און פֿלינק איז עס געמאַכט געוואָרן פֿון געניטע, פֿאַכמענישע הענט...

ס'איז געווען די צייט פֿון ערווין פּיסקאַטאָרס שפּרעך־כאָרן, פֿון ריזן־מיטינגען אונטערן פֿרייען הימל, „אונטער די לינדען". פֿון אויבנ־אויף האָט אַלץ אויסגעוויזן ווי הפקר; ס'האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז ווער עס וויל, קען לייגן אַ האַנט אויף דער הויפּט־שטאָט און אויפֿן לאַנד, און קיינער וועט נישט שטערן, זיך נישט קעגנשטעלן. אָבער ערגעץ אין געהיים, באַהאַלטענערהייט, האָט אַ מעכטיקע האַנט געהאַלטן פֿעסט דעם רודער פֿון דער צעראַיעטער קרוין־שטאָט, און אָנגעפֿירט מיט איר, ווי אַ געניטער שיפֿס־קאַפּיטאַן פֿירט אָן מיט זיין שיף אין אַ צעשטורעמטן ים...

די שפּורן פֿון די נאָסקעס, פֿון קאַפּ־פּוטש, וועלכע ס'פֿאָלק האָט גערופֿן „דער בלוט־הינט"", זענען נאָך געלעגן אין אַלע ווינקלען פֿון די אַרבעטער־פֿאַרשטעט. אין די היימען פֿון די אייזנבאַנער, פֿון די מעטאַלורגיסטן, האָט מען הייס און מיט ליידנשאַפֿט דעבאַטירט וועגן פֿאַראַט פֿון די נאָסקעס, שיידעמאַנס און פֿון די איבעריקע „פֿאַרוועטס לייט".

אין איינעם אַזאַ אומרואיקן האַרבסטיקן אָוונט, אַרום „פֿרידריכס־האַין", האָט אַ שטאַמיקער מאַן אין אַן אָפּגעבליאַקעוועט מיליטערישן רעקל, פֿון וועלכן איין אַרבל איז געווען ליידיק, געבערענגט אַריין אין דער ריזן־האַללע פֿון אַ פֿאַבריק, אָנגעלענט אויף זיין מעכטיקן אַקסל, אַ מענטש אין כאַקי־הויזן, אַ שוואַרץ־האַריקן, מיט אַ טונקל, אָפּגעצערט פּנים. ס'איז געווען אַן אַלגעמיינער ענטוזיאַזם פֿון ריזיקן פֿאַרזאַמלטן עולם. דער מאַן האָט אים צוגעטראָגן ביז צו דער טריבונע, און אים דאָרט אַראָפּגעשטעלט.

— פּראָלעטאַריער פֿון בערלין! ברידער! — האָט דער מאָגערער מענטש אָנגעהויבן אין פֿראַנצויזיש און איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן פֿון אַ יונגער פֿרוי, לעבן רעדנער.

— מיר ברענגען אייך אַ גרוס פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט!

אַ שטורעם פון באַגייסטערונג און אַפּלאָדיסמענטן, האָט אויפגעריסן אין זאַל, און אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן.

— דער קאַפּיטאַל און די סאָלדאַטעסקע פון אונדזערע ביידנס מלוכות — זאָגט ווייטער דער רעדנער — זענען באַגאַנגען די זעלבע פאַרברעכנס, אַנרייצנדיק אונדזערע פעלקער, איינער קעגן צווייטן, און איבער פיר יאָר האָבן מיר זיך קעגנזייטיק געקוילעט... אין נאָמען פון וואָס? פאַר וועמען? ערשט לעצטנס איז דער פראַנצויזישער קאַפּיטאַל באַגאַנגען נאָך אַ פאַר־ברעכן, שיסנדיק אויף שטרייקנדיקע אַרבעטער אין דער שטאָט „עססען״, אין רור־געביט. יונגע אומשולדיקע אַרבעטער זענען געפאַלן פון די מער־דערלעכע קוילן. איך קום אייך זאָגן אין נאָמען פון פראַנצויזישן פּראָ־לעטאַריאַט, אַז מיר פאַראורטיילן און פאַרדאַמען אַזאַ באַרבאַרישן טאַט. נישט פאַר דעם האָט אונדזער פאָלק באַצאָלט מיט מיליאָנען יונגע לעבנס, מיטן בלוט פון אונדזער אומה, אַז דער מאָרד זאָל ווידער קענען געשען! צוליב וואָס, פרעגן מיר? פאַר וועמען?

אַ וואַלד מיט פויסטן, און אַן אומהיימלעך שווייגן האָט ווי פאַרשטיי־נערט די ריזיקע אַודיטאָריע, די מערסטע, אין אָפּגעבליאַקעוועטע מילי־טערישע מונדירן. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן. וואָרט ביי וואָרט האָט די מאַסע נאָכגעזאָגט ווי אַ שבועה דעם רעדנערס רייד:

— זאָל לעבן די סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער־קלאַס! פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פאַראייניקט אייך!

דער רעדנער אין יענעם האַרבסטיקן, פינצטערן און הונגעריקן בער־לין איז געווען דער מחבר פון „פייער״, דער גרויסער שרייבער און פראַנ־צויזישער הומאַניסט: אַנרי באַרביס.

קאַפּיטל 2

אין „ראָמאַנישן קאַפע״

אין ראָמאַנישן קאַפע, וואָס אין ווערסטן בערלינס, איז פאַרבליבן, נאָך פון אַמאָליקן גדלות, די קרישטאָלענע לאָמפּן, די מאַרמאָרענע טרעפּ ביים אַריינגאַנג, די ברייטע, רחבותדיקע פענצטער, די ווייכע פאָטעלן און קאַ־

נאַפּעס. וואָרעם און ליכטיק, זיצט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, מען איילט זיך נישט אַהיימצוגיין אין די בחורישע ענגע מאַנסאַרדע־שטיב־לעך, ערגעץ אַרום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ און גרענאַדיר־שטראַסע, וואָס אין דער יידישער געגנט.

צווישן ראָמאַנישן קאַפע, וואָס שטייט אין געדיכט־באַבוימערטן גאָרטן פון זאָאָ, ווי אַ כישוף־שלאָס, און יידישער סטודענטן־היים, וואָס אויף פרידריך־שטראַסע, אָן אַ בוים, אָן אַ ביסל גרינס, אַרום ענגע, טונקעלע געס־לעך ווי שטיינערנע קאַסטנס — צווישן אָט די ביידע אינדזלען רינט דאָס שמאָלע יידישע באַהעמע־קאַנאַלעכל אין רווישיקן, מעכטיקן בערלינער ים.

מען זיצט ביים ביסל ביטערן ערזאַץ־קאַפע, און מען פאַרבייסט מיט די קלעפּעדיקע שניטן ברויט מיט מאַרגאַרין; מען באַטראַכט די אַריין־און אַרויסגייענדיקע באַזוכער פון קאַפע, ווו יעדער זוכט אויף דאָ זייניקע: די דיכטער שאַרן זיך אַרום זייערס גלייכן, די מאָלער, די שרייבער, די כלל־טוער, זיצן אין גרופּן און דיסקוטירן הייס. די גרויסע, די שוין אָנערקענטע, זיי קומען אַליין צוגיין, זיצן אַליין און גייען אַוועק... פון צייט צו צייט קומט אַ באַקאַנטער שרייבער, אין באַגלייט פון אַ פרוי סודותדיק געהיים, מיט פאַרהאָנגענע וואָלן אַרום היטעלע, אַרום פּנים...

אָט איז זלמן שניאור משכמו למעלה, מיטן זויבער צוגעשפּיצטן, גע־פלעגט בערדל, אין בלענדיק־ווייסע זומער־הויזן, לאַקירטע שיך, אַ פיינעם שטרויענעם הוט אויף זיין געדיכטן קאָפּ שוואַרצע האָר. ער בלייבט שטיין אינמיטן זאַל, קוקט זיך אום אויף רעכטס, אויף לינקס, פאַרטראַכט אַ ווײַלע און — פאַרשווינדט. ה. ד. נאָמבערג, וועלכער איז נישט קיין בערלינער תושב, זיצט דאָ אויך ביי איינעם אַ טישל. ער זופּט אַ וואַרעמע שאָקאָלאַד, און רופט אויף אַ קול:

— קעלנער! נאָך איינע שאָא־לע שאָקאָלאַד.

לעבן אים זיצט אַ יונג, געפּאַקט מיידל מיט נאַקעטע, ראָזע אָרעמס, מיט אַ פּאָר פריילעכע אויגן, געווענדעט צום פאַראַדנעם אַריינגאַנג. זי האַלט אָן אויג אויף די אַריינגעקומענדיקע יונגע קינסטלער. זי זופּט מיט הנאה איר הייסן שאָקאָלאַד און נישטערט פלינק די פּנימער פון די אַרומיקע טיש־געסט. פלוצלינג שפּרינגט זי אויף מיט פרייד און גייט אַ שטראַלנדיקע צו צו איינעם פון די טישלעך. נאָמבערג שפּרינגט אויף און שרייט איר נאָך אויף אַ קול:

— וואָ געהען זי שאָאָן ווידער, וואָ?...

ביי די טישלעך פון די יונגע, קוקט מען נייגעריק נאָך די גרויסע, די אָנערקענטע. מען ווייס, אַז צו זיי קאָן מען זיך נישט גלייכן. זיי באַקומען פּאַר זייער שרייבן אויסגעצאָלט מיט אויסלענדישע וואַלוטע, אין דאָלאַרן. און דאָ ביי די טישלעך פון די יונגע, וואַרט מען אָפטמאָל שעהן לאַנג, ביז אָן אייגענער קומט אויסלייזן און באַצאָלן פאַר די עטלעכע טעפלעך קאַווע, אַרום וועלכע מען זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

אַרום איינעם אַ טישל אַזאַ זיצן אַ צענדליק יונגע מענטשן, היימישע, שטעטלדיקע, און מען רעדט אויף אַלע יידישע דיאַלעקטן. דער יושב ראש פון אָט דעם טישל איז דער שוין דעמלט באַקאַנטער, טאַלאַנטפולער דיכטער משה קולבאַק. מען קומט צו אים מיט באַשריבענע העפטלעך לידער, מען וואַרט אויף זיינס אַ הסכמה. אָבער מען האָט אויך ליב צו הערן אים לייענען זיינע אייגענע לידער, וועלכע ער רעציטירט אויף אויסנווייניק, אַזוי זיצנ־דיק אַרום טישל, מיט ברען און מיט גרויס טאַלאַנט:

איז געווען דער קרעווער דוכס,
ווייס ווי שניי, ווייס ווי שניי...
העי! העי! העי אַנטאָשע, טו אַ זינג,
טו אַ קלינג,
אויף דער באַנדורע, שורע, מורע, טורע,
אָט אַזוי, העי, העי!...

ער זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן, דאָס טונקל־ברוינע פּנים, די גע־דיכטע, שוואַרצע ברעמען, די פעך־שוואַרצע האָר, וואָס שוואַרצקייט מיניען זיך אין טונקל־בלוי, אין שוואַרצן, זויבערן קאָסטיום, מיטן שניי־ווייסן העמד. אַלץ האָט מיטגעווירקט, און זיין קול איז געוואָרן — געזאַנג. מען האָט גערעדט צווישן זיך וועגן קולבאַקס שייכות צו דער „ווילנער טרופּע". און ווען ער האָט גענומען לייענען זיין ליד:

אין אַ וואַלד אַ יאַדלאָוון,
ווו ס׳ציטערט שטיל אַ פּאַזימקע...

ווערט די „ראָמאַנישע קאַפּע" פאַרוואַנדלט אין אַ כישוף־שלאָס, ערגעץ אין אַ וואַלד, אַ יאַדלאָוון, ווו מען הערט ווערן און וואַקסן אַ פּאַ־זימקע...

קאַפּיטל 3

דער פּאָגראָם

אָן אָנגעכמורעטער, מיט אַ שווער געמיט, לייגט זיך דער האַרבסט איבער בערלין. די רינג־באַן, וואָס נעמט אַרום די פּעריפעריע פון דער שטאָט, ווי אַן אייזערנע רייף נעמט אַרום אַ פאַס, שלעפּט זיך וואַכעדיק פון סטאַציע צו סטאַציע, און מיט אַ געטראַסקעריי פון אייזן אויף אייזן, שניידט זי דורך די צענדליקער בריקן, די צעמענטירטע וויאַדוקטן פון צענטער. אָן אויפהער, פון די פריסטע פרימאָרגן־שעהן ביז טיף אין דער שפּעטער נאַכט אַריין, הוידען זיך טרויעריק און מאָנאָטאָן, די ענגע האַלצערנע וואַגאָנדלעך, דאָס אויסזען און די קליידונג פון די פּאַסאַזשירן ענדערט זיך לויט די שעהן פון טאָג, און לויט דער געגנט. קען מען טאַקע אַזוי פאַרפאָרן עטלעכע שעהן, מיט אַ בוך אין דער האַנט, אָדער מיט אַ צופעליקער באַגעגעניש מיט אַ מיידל מיט געדיכטע פעסטע צעפּ, און אַ פּאָר ליכטיקע, וואַרעמע אויגן.

פאַלק טראַכט אין איינעם אַזאַ וואַגאָנדל פון די קלאַפּנדיקע באַן רעדער צווישן פּאַריז און אַנטווערפּן, צווישן אַנטווערפּן און עססען, וואָס אין רור־געביט. שוין איז דער זומער אַוועק, זינט ער איז דאָ אָהערגעקומען, און שוין האָט ער באַוויזן זיך איינצוהיימישן, גלייך ער וואָלט דאָ יאָרן שוין געוווינט. עס איז די שפּראַך, דאָס לשון, וואָס איז אים אייגן נאָך פון קינדוויי אָן, וואָס מאַכט אים גרינגער איבערצוטראָגן די שווערע, ווי מיט נעגל באַשלאָגענע, שטיוולדיקע שטאָט...

אַרויסקוקנדיק דורכן קליינעם וואַגאָן־פענצטערל, אַנטפּלעקט זיך פאַר אים דער ריזיקער שטח פון די אַרבעטער־פאָרשטעט, דער פאַרצווייגטער געפלעכט פון שטאָל און אייזן, פון פאַבריקן און קאָנצערנען, איינגעהילט אין אַ גרויען נעפּל, אונטערן בלייערנעם, נידעריקן, אַשיקן הימל. אַ געדיכטער רויך שטייט דאָ איבער דער געגנט, גלייך אַ ריזן־שרפה וואָלט דאָ געברענט טאָג און נאַכט, אָן אויפהער. נאָר אין רור־געביט, אונטער דער פראַנצויזישער באַזעצונג, שטייען קאַלט, אויסגעלאָשן און אומהיימלעך די פאַבריק־קוימענס. דאָ אָבער, אַרום בערלין, קלאַפּן די רעדער, רויכערן די קוימענס פון די מעטאַל־פאַבריקן מיט אַ פיבערדיקן אָטעם.

און מאָדנע, ווען פאַלק שליסט די אויגן צו אויף אַ ווײַלע, אין זיין מוח דאָס גאַנצע בילד פון דער ריזן־שטאָט אַרומצונעמען, שטעלט זי זיך

אים פּאַר, מיט אַ שטאָלערנעם העלם אויפֿן קאָפּ, מיט באַנאַגלטע שטיװל־דיקע פֿיס...

אין טריבן נאָכמיטאָג קומט פֿאַלק אין דער גרענאַדיר־שטראַסע, אין צענטער פֿון דער יידישער געגנט. די גרענאַדיר־שטראַסע און די אַרומיקע געסלעך, זעט ער, זענען באַזעצט פֿון דער „שופּאָ" (שוץ־פּאָליצײ). זײ פּאַר־שטעלן דעם צוטריט צו דער געגנט, נישט אַרײַן און נישט אַרויס. פֿון דער װײַטן זעט ער, אַז אויף די טראָטואַרן און אויפֿן אַספּאַלטירטן ברוק, איז עס װי נאָך אַן אויפֿרײַס. מען טרעט אויף בראָכוואַרג, צעבראָכן גלאָז פֿון די אויסגעזעצטע שויבן, פֿון די אַרויסגעשלײַדערטע שטוב־זאַכן פֿון די הײַזער, און פֿון די קעלער־שטיבלעך...

פֿאַלק האָט ערשט פֿאַר עטלעכע װאָכן באַקומען אַרבעט אין אַ קלײ־נער בוך־האַנדלונג אין דער גרענאַדיר־שטראַסע. הײַנט, אין זײַן ערשטן פֿרײַען טאָג, װאָס ער האָט געהאַט, איז ער מיט דער נאַכט צוגלײַך, װען די „שופּאָ" האָט אָפּגעטרעטן, אַרײַן צו זײַן בעל־הבית, און געװואָר געװאָרן אַט װאָס: שוין פֿון די פֿריִע מאָרגן שעהן אַן זענען מחנות יונגען מיט שטעקע־נעס אין די הענט דורכגעלאָפֿן די געסלעך, מיט קולות און זידל־געשרײַען: „דויטשלאַנד, ערוואַכע! יודע, פֿעררעקע!!..." שפּעטער צו זענען אַנגעקומען די לײַט מיט קוישן, מיט זעק, און אָנגעהויבן ראַבירן די געשעפֿטלעך און די שטובן, געשלאָגן די, װאָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. ביז פֿאַרנאַכט האָט אָנגעהאַלטן דער פּאָגראָם. אויף די אַלאַרם־רופֿן פֿון די יידן דורכן טעלעפֿאָן, האָט די פּאָליצײ נישט געענטפֿערט. אויך אין די אַרומיקע גאַסן זענען נישט געװען קײן פּאָליצײ, און פֿון דאַנען ביזן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, ביז צום הויפּט־צענטער פֿון דער בערלינער פּרעפֿעקטור איז נאָר עטלעכע טריט...

ערשט פֿאַרנאַכט צו זענען אָנגעקומען אַ צענדליק פּאָליצײ־קעטש־לעך (װען די געסלעך זענען שוין לײדיק געװען פֿון המון) און באַזעצט די געגנט, פֿרעגנדיק בײַ די אײַנװוינער פֿון די געסלעך פּאַספּאָרטן. אַן אויס־װײַז, פּאַפּירן, און קײנעם נישט אַרויסגעלאָזן פֿון זײַן שטוב.

פֿאַלק שטײט און קוקט אויף זײַן יונגן בעל־הבית, אויף זײַן פּרוי, אויף דײער צװײ־יעריק, בלאָנד מײדעלע, אויף די צעשיטע ספֿרים פֿון דער ענגער, קלײנער בוכהאַנדלונג, װו עס װאַלגערן זיך צעפּליקטע בלעט־טער, צעבראָכן גלאָזוואַרג. דער בעל־הבית פֿון בוכהאַנדלונג, אַ הויכער אַ בלאָנדער מיט אַ צוגעשניטן געפֿלעגט בערדל, מיט גרינלעכע אויגן פֿול מיט תמימות, אַ געװעזענער פֿראָנט־זעלנער פֿון דער קײזער־און קעניגלעכער אַרמײ פֿון פֿראַנץ יאָזעף, שטײט אַ צעטומלטער, און גלויבט נישט זײַנע

אויגן, אַז דאָס, וואָס איז געשען מיט עטלעכע שעה צוריק, איז געשען אין בערלין און נישט ערגעץ אין אַ קאָלאָמיי, אָדער אין בראָד...

זיי קוקן זיך שטוינענדיק איבער, פאַלק און זיין בעל־הבית, און שווייגנדיק נעמען זיי צוריקשטעלן אויף זייער אָרט די פאַרשעמטע, צע־וואָרפענע ספרים...

אַרום אַלעקסאַנדער־פּלאַץ האָט זיך פאַלק געדונגען אַ קוואַרטיר, נאָ־ענט צו זיין אַרבעטס־אָרט, און נישט מוזן פאַרפאַרן זיין לוין מיט דער אונ־טערגרונד, אָדער מיט דער רינג־באַן. ס׳האָט זיך געמאַכט אין יענער דעוואַ־לואַציע־צייט, אַז נאָכן אָפּאַרבעטן אַ חודש, האָט ער פאַרן פאַרדינסט נישט געקענט באַצאָלן דאָס דירה־געלט. מען האָט איינגעפירט צווישן אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־נעמער, אויסצוצאָלן די לוינען יעדער וואָך. און אַז נאָך אַ וואָך אַרבעט זענען ס׳ביסל מאַרקן געוואָרן גאָרנישט, האָבן אפילו נישט געקלעקט צו דערנערן זיך, שוין אָפּגערעדט פון אַ משפחה, האָט די ריזן־שטאָט ווי באַקומען פיבער, אַרומגעגאַנגען מיט צעגליטע אויגן. אַ ריח ווי פון ביליקן אַלקאָהאָל האָט זיך געטראָגן איבערן שטאַרק־באַפּעלקערטן צענ־טער ; ס׳האָט זיך גערדוכטן, אַז אַ מינדסטער פונק וועט גורם זיין אַ אויפ־רייס, אַ שרפה. די יידישע גרענאַדיר־שטראָסע האָט געווימלט מיט פאַר־דעכטיקע מענטשן, און מיט וואַסערדיקע, אויסדרוקלאָזע, פאַרזשמורעטע אויגן...

בעקערייען און שפּייז־געוועלבלעך זענען איבערגעפאַלן און אויסגע־ליידיקט געוואָרן. די איבערפאַלער האָבן זיך שנעל צוריקגעצויגן, שטיל און פלינק, ווי די קעץ...

אין דער ביכער־האַנדלונג זענען אָפט געקומען דורכפאַרנדיקע אַמע־ריקאַנער יידן, פאַרהאַרעוועטע שניידער־און שאַפּ־אַרבעטער פון שיקאַגאָ און ניו־יאָרק האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די אַמאָליקע געבורטס־שטעטלעך פון גאַליציען, גרויס־פּוילן און ליטע, מיט זייער ביסל שווער אָנגעשפּאָרטע, אויסגעהאָרעוועטע פאַר דאָלאַר. זיי זענען דאָ פּלוצים געוואָרן עשירים פון טאָג, פּרינצן פון „טויזנט און איין נאַכט״, מיט זייערע אָרעמע פאַר דאָלאַר... זיי זענען געזעסן אין די ערשטע רייען, אין די לאָזשעס פון דער „שטאַאַטס־אָפּערע״, „אונטער דען לינדען״ און געשוויצט ביי אַן אַריע פון די „ניבע־לונגען״, אָדער אונטערן געבראַזג פון אַ ריזיקן בלעך־אָרקעסטער פון „פליענדיקן האָלענדער״. די גרויסע האָטעלן, ווו זיי זענען איינגעשטאַ־נען, האָבן זיי באַזאָרגט מיט בילעטן. אין די רייכע קאַבאַרעטן אַרום קור־פירסטענדאַם, האָבן זיך די גרויסע, די הומאָריסטן־העכט געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, צו מאַכן לאַכן די אַמעריקאַנער און נישט באַ־

וויזן... ביי פאלקן אין ביכער־האַנדלונג האָבן זיי אויסגעלײדיקט די פאַכן מיט סדורים, מחזורים, מזוזות און טליתים; דער יונגער בעל־הבית האָט געזאָגט צו פאלקן:

— די ביכער פון סוקולוב, אחד־העם, טשערניכאָווסקי און ביאַליק, בלײבן ליגן נישט פאַרקויפט, אפילו אויף מענדעלע, שלום־עליכם, און פרץ, איז נישטאָ קיין קונים. דאַרף מען אויסשרייבן סדורים, מחזורים, מזוזות און טליתים, אַז נישט איז אויס מיט דער פרנסה.

גערעדט אַזוי געטון, און וואַרשע, קראָקע, לעמבערג, זענען געוואָרן די הויפּט־ליפעראַנטן פון דער קלײנער ביכער־האַנדלונג, אויף די גרענאַ־דיר־שטראַסע אין בערלין.

דאָס, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן געצאָלט פאַר דער כשרער סחורה מיט טריפהנע דאָלאַרן, דאָס האָט געמאַכט לעבן עטלעכע משפּחות אַרום דער בוך־האַנדלונג, און אויך מעגלעך געמאַכט דאָס אײנקויפן די סחורה אין אויסלאַנד. פאַלק, מיט זײנע עטלעכע דאָלאַרן לוין אַ וואָך, איז געוואָרן דער מלאך מושיע פון זײנע צוויי ברידער, זײן שוואָגער מיט זײן משפּחה, וועלכע האָבן זיך מפרנס געווען דורך געבן העברעאישע לעקציעס ביי פאַרמעגלעכע יידן אין שטאָט. נאָך אַ וואָך האַרעווען האָבן זיי קיין אײנציק ברויט אפילו נישט מער געקענט קויפן... ס׳איז אויסגעקומען צו צאָלן, פאַר אַ שטיקל זײף, פאַר אַ ביסל צוקער, פאַר אַ הערינג, מיט גאַנצע שטויסן פאַפּירענע מאַרקן, אויף וועלכע ס׳איז מיט אַ רויטן שטעמפּל גע־ווען אָפּגעדרוקט, ציפערן מיט אַ האַלב טוץ נולן... אַ פּאַפּירל אַזאַ פון אַ ווערט פון צען, אָדער צוואַנציק מיליאָן מאַרק איז נישט כדאי געווען אויפ־צוהויבן פון רינשטאָק...

פונדעסטוועגן האָט די ריזן־שטאָט געקאָכט און געזאָטן. די רינג־באַן האָט געהאַמערט איבער די קעפּ פון אומענדלעכן שטראָם מענטשן וואָס האָט פאַרפלייצט די גאַסן, די אונטערגרונד־באַן האָט טויב און אומ־היימלעך געדונערט אין די אינגעווײדן פונעם בויך פון דער שטאָט.

אין יידישן סטודענטן־היים האָט מען געפירט הייסע וויכוחים וועגן די געשעענישן אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, און די אַרומיקע געסלעך. די הויפּט־פראַגע איז באַשטאַנען, אין גיין אַהין און שאַפן אַ שוץ־גרופּע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג פון יענער געגנט. אַ סך סטודענטן זענען גרייט געווען צו גיין און איבערנעמען די אָנפירונג פון דער דאָזיקער גרופּע, אַ טייל איז געווען קעגן.

— וואָסי? — האָבן זיי געטענהט — מיר זענען נישט מחויב זיך צו מישן מיט די שיבער־און דאָלאַרן־הענדלער און זייי פאַרטיידיקן...

— אַט קומען מיר פון דאָרטן איצטער — דערציילן צוויי בחורים, וואָס רעדן מיט אַ ליטווישן אַקצענט — מיר האָבן געזען יונגען, צעשטעלט אין אַלע ווינקלען פון די געסלעך. זיי לאָזן נישט דורך קיין שום דורכ־גייער! „לאָקשן! לאָקשן!"... 1) — רוימען זיי איין יעדן אַ סוד — מיר קויפן און פאַרקויפן צו די העכסטע פרייזן: לאָקשן! לאָקשן! — קרומען נאָך די צוויי בחורים.

— נו? — מישט זיך אַריין אַ צווייטער, מיט אַ ברייטן יידיש

— איז וואָס? וועגן עטלעכע לאַבוסעס דאָרטן, דאַרפן מיר לאָזן אויף הפ־קר עטלעכע הונדערט יידישע משפחות?...

— און טאָמער ווילט איר וויסן — מישט זיך אַריין אַ דריטער — זענען די יונגען אַרויסגעשיקט פון אַ פּאָר בערלינער בענק טאַקע, אויפצו־קויפן פאַר זיי דאָלאַרן... און פון צייט צו צייט שיקן די זעלבע בענק אַרויס פּאָליציי, די יונגען צו כאַפּן, צומאַרגנס זענען פול די צייטונגען: „יידישע דאָלאַרן־הענדלער און שמוגל־באַנדע, פערהאַפטעט..."

— וואָס איז? ס'פעלט זיי פּאַפּירענע מאַרקן מיט רויטע שטעמפּלען, די געוועזענע קייזער און קעניגלעכע באַנקירן?...

אין „ראָמאַנישן קאַפע" רעדט מען וועגן די געשעענישן פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, נאָר ווי וועגן אַ עגין וואָס האָט אַ שייכות צו אַ אַנדערן פּלאַנעט:

— אַ פּאָגראָם? — פרעגט מען זיך איבער — טאַקע פּשוט אַ פּאָ־גראָם?...

עטלעכע טעג און נעכט וואַכן אין די געסלעך אַ האַלב טוץ פאַר־האַנגענע פּאָליציי־קאַמיאָנען, און די גרענאַדיר־שטראַסע באַרואיקט זיך. די יידישע סטודענטן־היים — אויך.

אין דער בוך־האַנדלונג, ווי פאַלק אַרבעט, האָט זיך מיט אַמאָל אויס־געלאָזט, סיי די מחזורים און טליתים, סיי די קונים מיט זייערע דאָלאַרן. פּאַפּירענע דייטשע מאַרקן האָט אויסלאַנד נישט געוואָלט אַננעמען, און דע־וויזן האָט מען נישט געטאָרט אַרויסשיקן. האָט זיך פאַלק אָפּגעזעגנט מיט זיין ברויט־געבער, און יענער האָט אויפגעהאַנגען אַ שלאָס אויף דער שמאָ־לער טיר פון געוועלבל, אַרויסגעהאַנגען אַ צעטל אויף יידיש־טייטש: „לאַ־אַדען צו פערמיטען"...

אַ שניי איז אַרויסגעפאַלן, און האָט די שוואַרצע אייזערנע, ריזן־שטאָט אַביסל ווייכער און היימישער געמאַכט.

די מענטשן זענען אָבער שטרענגער געוואָרן, צאַרנדיקער. צוליב

1) לאָקשן — דאָלאַרן, אין שמוגלער־לשון.

דער קעלט איז דער ריטם איבער די גאַסן אייליקער און שנעלער געוואָרן. די מאָגערע אויפגעשעלטע קעלנערס פון די זומער־מלבושים, די פויסמן טיף פאַרפּרעסט אין די קעשענעס, איז מען כמעט ווי געלאָפן, פאַרשוונדן, ווער אין די וואַרעמע אונטערגרונד־־באַן־טונעלן, ווער אויף די טרעפּן פון דער רינג־באַן. מ׳האָט דאָרט געקאָנט טרעפן פּראָפעסאָרן און סטו־דענטן אַרבעטן איבער זייערע אויפגאַבן, אין די וואַרעמע וואַגאָנדלעך, פון די אייביק לויפנדיקע באַנען. פאלק און זיינס גלייכן זענען אָפּגעזעסן אין ענגן ביבליאָטעקל פון יידישן סטודענטן־היים, אָדער אין וואַרעמען לייען־זאַל פון דער גרויסער סינאַגאָגע, אויף דער אָראַניענבורגער שטראָסע. דאָרט האָט מען פון צייט צו צייט אַ בליק אַריינגעגעבן אין וועלט־באַקאַנטן „בערלינער טאָגעבלאַט”, אָדער „די פאָסישע צייטונג”, (ביידע צייטונגען האָבן געהערט צו דעם דעמלסטיקן גרויסן יידיש־דייטשן פּרעסע־מאַגנאַט ט. וואָלף). אין איראָנישע, בייסיקע אַרטיקלען האָט מען דאָרט אָפּגעחוזקט פון דעם מאַן מיטן אייביקן העלן רעגן־מאַנטל, און מיט „פליעגע אונטער דער נאַאָזע”; דעם, וועלכן מען האָט פאַרן נישט־געלונגענעם פּוטש אין בייערן פאַרמשפּט אויף אַ יאָר תפיסה...

קאַפּיטל 4

דער מיניסטער פון גערעכטיקייט

אין סטודענטן־היים איז מען אין איינעם אַן אָוונט געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ. אַ מענטש, אַ מיטעלער, אַ טונקל־האָריקער, אַן אויסגעמאָגער־טער, מיט גוטע אויגן, שטייט פאַרן רעדנער־שטענדערל, ווי אַ שטעטלדי־קער בעל־תפילה פאַרן עמוד, און עס קומט אים אָן שווער דאָס געבן צו פאַרשטיין זיינע יונגע, ברוגזדיקע צוהערער דעם תוך פון זיינע רייד. אַ גרופּע סטודענטן האַלטן זיך צוזאַמען אין אַ ווינקל פון זאַל, שלאָגן אָפּ איבער דעם רעדנערס רייד, מיט מאָדנע, אומקלאָרע צווישן־רופן:

— וואָס איז דאָס קלאָגעניש, וואָס איר קלאָגט? — שרייט איינער.

— וואָס? — כאַפּט אונטער אַ צווייטער — אַ שיף מיט זויערמילך איז אייך אונטערגעגאַנגען?...

ס׳ווערט אַ טומל אין זאַל. דער רעדנער פאָכעט מיט די הענט, לאָזט זיי פאַלן אָפּהענטיק און ווערט פאַרשוויגן. פון דער מזרח־וואַנט רוקט מען

זיך צו דער גרופּע צווישנרופלער. העגט הויבן זיך, פאַרשידענע יידישע דיאַלעקטן לאָזן זיך הערן:

— ערשל, וואָס שטעיסטו ווי אַ געילעם, וואָס?

— שוואַגץ, לאַבוסעס, שוואַגץ?...

נאָר עס בלייבט בלויז ביי רייד. ווייטער דערגייט עס נישט צווישןביידע קריגערישע צדדים. דער רעדנער מיט אַ שוואַכער שטים, הויבט ווידער אָן:

— כ'האָב שוין געזאָגט, אַז דאָס האָב איך אויף וולאַדימיר איליטשעס פאַרלאַנג, אָנגענומען די שווערע פונקציע פון אַ גערעכטיקייטס-מיניסטער, אין זיין קאַבינעט, טראָץ מיין אַנגעהעריקייט צו די מענשע-וויקעס, פון וועלכן איך האָב קיינמאָל קיין סוד נישט געמאַכט, און וואָס לענין האָט זייער גוט געוווסט...

— הערט! הערט — האָט מען געשריגן פון דער גרופּע צווישנרופלער

— אַרומזעענדיק זיך — זעצט ווייטער פאָר דער רעדנער, מיט אַ געבראָכן קול — אַז מיין אויספיר-מאַכט ווערט באַשרענקטער פון טאָג צו טאָג, האָב איך וולאַדימיר איליטשן פערזענלעך מודיע געווען פון מיין באַשלוס, זיך אָפּצוזאָגן פון מיין פונקציע...

— נאָר געמאַכט האָט איר ויברח, ווי אַ פאַרעטער!... — שרייט מען דאָרט אין ווינקל.

ס'ווערט ווידער אַ טומל. דער רעדנער, אַן ערלעכער מענטש, אים גייט אין לעבן צו באַווייזן, געבן פאַרשטיין די יונגע, היציקע סטודענטן, אַז ער, דער מענשעוויק י. נ. שטיינבערג, יוסטיץ-מיניסטער ביי די באַלשע-וויקעס, האָט פאַרלאָזט זיין פּאָסטן און דאָס לאַגד, מיט לענינס הסכמה... ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָבן זיי זיך געקאָכט און געאַמפּערט, די גרופּ-קעס, נאָך יענעם רעפעראַט, אין איינעם אַ ווינטערדיקן אָוונט, אין דער יידישער סטודענטן-היים אין בערלין.

אין „ראַמאַנישן קאַפע" האָט מען געווייגלעך געוווסט מער פון אַזעל-כע ענינים, ווי דער יונגער, נאַאיווער עולם פון יידישן סטודענטן-היים, ווו מען האָט אָפטמאָל נישט געוווסט דעם אונטערשייד צווישן פליאַטקעס און פאַקטן, צווישן שקר און אמת. דאָרט, אין „ראַמאַנישן קאַפע", האָט מען דערציילט פאַרשידענע ווערסיעס פון אָט דעם שטיינבערגס קורצער, אָבער ברוייזנדיקער ממשלה; אַ מענטש מיט אַ ווייך האַרץ, בטבע, אַ בעל-רחמים, אויף אַזאַ מענטש איז עס אויסגעפאַלן אין דער ערשטער צייט נאָכן איבער-נעמען די גאַנצע מאַכט פון די באַלשעוויקעס צו זיין, אויף לענינס פאַר-לאַנג טאָקע, דער מיניסטער פאַר גערעכטיקייט-ענינים. אין זיין האַנט איז

עס געלעגן צו באַשטימען: מי לחיים ומי למות... איז נישט קיין ווונדער, אַז ווער עס זאָל נישט געווען זיין, סיי אַ גענעראַלס אַ פרוי, וועלכע איז גע־קומען בעטן פאַר איר מאַן, וואָס מען האָט פאַרמשפּט, סיי קרובים פון געוועזענע מיניסטאָרן, וועלכע מען האָט פאַרשפּאַרט אין תפיסה, יעדער, וואָס איז נאָר אָנגעקומען צו שטיינבערגן און געוויינט פאַר אים, געבעטן אים רחמים, פלעגט ער באַלד נעמען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און קלינגען צו לענינען. ער האָט זיך אָפּטמאָל נישט באַגנוגנט מיטן בלויזן טעלעפאָן, נאָר געלאָפן פערזענלעך צו אים, אין זיין ביוראָ, און פאַרלאַנגען פון אים באַפרייאונגס־שיינען... לענין פלעגט אים אין דער ערשטער צייט אויפנע־מען, אים אויסהערן מיט פאַרשטענדעניש, אָפּט אים אויך בייהילפיק זיין. נאָר מיט דער צייט האָט שטיינבערגס שתדלנות אָנגענומען אַזעלכע פאַר־מען וועלכע האָבן נישט געשטימט, נישט מיט דער רעוואָלוציע, נישט מיט זיין פונקציע...

— מען דערציילט — האָט איינער אַ סוד איינגערוימט און מיט אַ געהיימען ווונק געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע צוהערער, — מען דערציילט, אַז מיט דער צייט, ווען ס׳איז שוין אפילו געלונגען דעם יוסטיץ־מיניסטער צו באַפרייען אַ פאַרמשפטן, איז יענער, דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט באַפרייען, שוין מער נישט געווען אין תפיסה...

— ס׳טייטש, נישט געווען? — שטוינען די צוהערער.

— גאָר פשוט! — ענטפערט יענער — דזשער־זשינסקיס מענטשן זענען געווען פלינקער, האָבן אים באַצייטנס ליקווידירט...

— אַזוי — פאַרענדיקט דער בעל־סוד פון „ראָמאַנישן קאַפע" — האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוועט־געיעג צווישן יוסטיץ־מיניסטער און דזשער־דזשינסקיס מענטשן... היינט פאַרשטייט איר שוין שטיינבערגס דאָ אַהער לויפן?...

נאָך אָט די ווערסיעס וועגן דעם ענין, גייט זיך יעדער צוריק צו זיינע עסקים, און איבערן גאַנצן אמת וועגן שטיינבערגן בלייבט הענגען אַן אומקלאָרער נעפל, פון וועלכן קיינער איז נישט קליגער געוואָרן.

קאַפּיטל 5

מזרח און מערב

אין יענע יאָרן איז בערלין געווען דער הויפּט־צענטער, איינער פון די געדיכטסטע ישובים פון דער יידישער עמיגראַציע אין מערב־אייראָפּע;

אַ ריזיקער קנופּן־פּונקט פון פאַרצווייגטע אייזן־באַן־סטאַציעס, פון וועלכן עס גייען אָפּ ליניעס אין אַלע עקן וועלט. אַזוי זענען פון בערלין אויס אָפּ־געגאַנגען, צוגעקומען שטראָמען פון כוואַליעס פון מזרח־אייראָפּע, געפּלייצט ווייטער אין אַלע פאַרוואָרפנסטע עקן וועלט, וווּ עס איז נאָר אויפגעגאַנגען אַ שפּראָץ פון אַ יידישן ישוב...

אין מזרח פון בערלין זענען געזעסן, ענג און געפּאַקט, די היימישע יידן אַרום דער גרענאַדיר־שטראַסע, מיט די געשעפטלעך, יאַטקעס, בעקע־רייען, כשרע רעסטאָראַנדלעך, חסידישע קלייזלעך און שטיבלעך. עטלעכע גאַסן ווייטער — די יידישע סטודענטן־היים, די גרויסע סינאַגאָגע אין דער אָראַנענבורגער שטראַסע.

אַז עס האָט באַדאַרפט רעדן ביאַליק פאַרן פאָלק, האָט מען גענומען אַ גרויסן זאַל אַרום דער ענגער יידישער געגנט, און פאַר אַ ריזיקן עולם, אָקסל ביי אָקסל, האָט דער גרויסער משורר אויף זיין שטייגער, אָנגעהויבן זיין דרשה אין העברעאיש; „רבותי, יהודים יקרים״... נאָך עטלעכע ווערטער אין לשון קודש, איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַ זאַפטיקן יידיש, דורכגע־מישט מיט מאמרי חז״ל און פּסוקים פון תנ״ך, נישט שוינענדיק מיט זיין האַרבן אמת קיינעם נישט, געזאָגט מוסר דעם עם הספר, און וואָס איז געוואָרן פון אים דאָ, אין וועג...

און אַז ס׳איז געקומען דוד בערגעלסאָן רעדן פאַר עמך, איז ער נאָך נענטער צוגעקומען צום האַרץ פון די געסלעך, האָט אויף זיין שטייגער, פאַמעלעך דערציילט אַ מעשה פון אַ ייד, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין נסיעה אין ראַטנפאַרבאַנד, אין אַ קליינבאַן, אויף אוקראַיִנע ערגעץ, דער ייד, מיט אַ לאַנגער באָרד, און מיט אַ פּאָר שווערע שטיוול, האָט נאָך אַ ווײַלע שמועסן, אים אַ הייסן זאָג געטון: „עפּעס רעדט איר דאָך, ר׳ ייד, מיטן לשון פון „עמעס״...

דאָרטן, אין מערב־בערלין, אַרום בעלווי, אַרום זאָאָ, אַרום דער קאַנט־שטראַסע, און שאַרלאָטנבורג, האָבן זיך באַזעצט די רוסישע יידן מיט זייערע רוסיש־יידישע צייטונגען, מיט זייערע אינסטיטוציעס און ענגע קרייזן. און לעבן זיי — די ברייטערע, די יידישלעכערע רוסישע יידן, מיט זייערע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, מעדיצינישע, סאָציאַלע, מיט מאָדנע רוסי־שע ראשי תיבות... אין די קאַלטע, עלעגאַנטע זאַלן אַרום קורפירסטנדאַם, פלעגט זשאַבאָטינסקי אָפּהאַלטן זיינע רעפעראַטן. אָפּגערעדט, איז ער פאַר־שוווּנדן דורך אַ זייטיקע טיר.

אויך דער דיכטער זלמן שניאור האָט דאָרט פאַרגעלייענט פאַר אַן ענגן קרייז זיינע לידער און פּאָעמען, וועגן די שווייצער בערג, אויף הע־

ברעאיש. דער זאַל און די צוהערער זענען געווען עלעגאַנט און — קאַלט.

די „ראָמאַנישע קאַפע״ איז אין יענע יאָרן געווען דער צענטער פון דער יידישער באָהעמע, פון מזרח און פון מערב. ווי אַ שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים, האָט זיך געוויגט, און גערוישט די „ראָמאַנישע קאַפע״; ווי בילדער פון אַ פילם, האָבן דורכגעשוועבט פּנימער און אויגן פון יונגע מענטשן, מיט מאָדנע אויסדרוקן און ווי סודותדיק אין זייער גאַנצער האַלטונג. מאָלער, סקולפּטאָרן, ראָמאַניסטן און פּאָעטן, אַרטיסטן און בינע־קינסטלער, זינגער און מוזיקער. זיי זענען ווי אויף אַ סצענע פון אַ טעאַטער אויף־און אָפּגעגאַנגען איבער די באַלויכטענע שפּיגלדיקע זאַלן...

אין איינעם אַן אָוונט איז דער שרייבער סטעפאַן צווייג שטיין געבליבן אינמיטן זאַל און אַ היפּשע ווײַלע זײַנע אויגן נישט געקענט אָפּרייסן פון איינעם אַ ווינקל, וווּ ס׳האָט געברויזט און געקאָכט אויף יידיש, אַ חברה יונגע מענטשן, מיט צעפלאַמטע פּנימער, הייסע אויגן. ער איז לאַנג געשטאַנען, דער דייטש־יידישער שרייבער און געקוקט, און געקוקט...

אַלץ, וואָס עס איז דעמלט געשען אין יידישן לעבן אין בערלין איז אָבער געווען ווי אויף דערווייל. ווי אין אַ וואַרטע־זאַל פון אַ גרויסן וואָקזאַל, מיט די רענצלעך אין די הענט, איז צוגעגאַנגען דאָס טוען און דאָס שאַפן פון דער יידישער אינטעליגענץ. די ליטעראַרישע חודש־און וואָכןזשורנאַלן אין יידיש און אין העברעאיש, זענען אויף־און אונטערגעגאַנגען אין געציילטע חדשים. מאסן־מיטינגען, קאָנצערטן פון באַרימטע פאָלקסזינגער, פידל־ווירטואָזן, בילדער־אויסשטעלונגען פון נאָכנישט באַקאַנטע מאָלער, רעציטאַל־אָוונטן פון אויפגייענדיקע וואָרט־קינסטלער, דער שוין דעמלט פּאָפּולערער, טאַלאַנטפולער יידישער שוישפּילער אויף דער דייטשער טעאַטער־בינע, דער בחור פון מזרח־גאַליציע, אלעקסאַנדער גראַנאַך, האָט אויף יידישע אונטערנעמונגען פאַרגעלייענט מיט ברען „דאָס קראַנקע יינגל״ פון י. ל. פּרץ. דער געוועזענער בעקער־געזעלן פון דער גרענאַדיר־שטראַסע האָט שפּעטער איינגענומען די פאָלקס־בינע פון ערווין פּיסקאַטאָר, און דאָס „דויטשע פאָלקס־טעאַטער״, אונטער דען לינדען...

באַשיידן, אָן רעש, פלעגט קומען ש. י. עגנון, פון זיין צייטווייליקן וווינ־אָרט אין „באַד הומבורג״ קיין בערלין, אַ קוק צו געבן אין פאַרלאַג „שאָקען״, ווי עס האַלט מיט זיינע סיפּורים, וועלכע דרוקן זיך דאָרט אין דייטשישער איבערזעצונג. שטיל געקומען און שטיל פאַרשוווּנדן. אַ רואה ואינו נראה, פלעגט מען זאָגן אין די העברעאישע קרייזן. ביאַליק פלעגט דערויף זאָגן, אויף זיין שטייגער, צו זיינע מקורבים: „עגנון? ער! ער קומט דאָ צו אונז „מאיגרא רמא לבירא עמיקתא״ (פון דער העכסטער

הויך, ביז אַ טיפן גרוב) אַן אַנדייט אויף עגגונ׳ס ווין־אָרט אין באָד הומ־בורג, וואָס ווערט אָנגערופן אויף דייטש: (באַד הומבורג פאָן דער העהע) און אַ פאַרגלייך מיט דער שטאָט בערלין, מיט אירע טונעלן און אונטער־גרונד־באַנען, וואָס מען קען פאַרגלייכן מיטן שאול התחתון און מיט כף הקלע...

אין שלום־עליכם־קלוב אויף דער קאַנט שטראַסע, האָט געקיניגט דוד בערגעלסאָן אַרום זיינע נאָענטע. ער האָט דאָרט דערציילט, ווי אַזוי אין איינעם אַ רעגנדיקן אָוונט (ביי בערגעלסאָנען אין זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען רעגנט כמעט שטענדיק, אַ נודנער רעגן, שפּיזלט דאָרט אַזוי באַלכסון — אין דער שיף). לויפט ער אַזוי אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, ס׳איז שמחת־תורה אויף דער נאַכט, צו די הקפות. געגנוי ווייסט ער נישט ווו ס׳חסידים־שטיבל געפינט זיך, גייט ער נאָכן געטומל נאָך, וואָס קומט פון איינעם פון די הייפלעך אין דער גערנאַדיר־שטראַסע, ווו עס הערט זיך אַ געזאַנג און געפלעסקעריי מיט די הענט. אין געאייל, טרעפט ער אָן אויף אַ יונגנמאַן מיט אַ בערדל און פּיאות, וואָס קומט גראָד פון חסידים־שטיבל.

— אַ נו? — טו איך אַ פרעג דעם יונגנמאַן — ווו האַלט מען דאָרט?

דער בחור בלייבט שטיין, און מעסט מיך אַהין און מעסט מיך אַהער, און זעענדיק, אַז איך אייל מיך שטאַרק, טוט ער אויף מיר נאָך אַמאָל אַ קוק און דערלאַנגט אַ זאָג:

— שוין נאָך אַלעמען...

דאָס גיט בערגעלסאָן אָנצוהערן, אַז דער חסידישער יונגערמאַן האָט אים דערקענט, און אים געענטפערט מיט זיינס אַ טיטל פון זיין באַקאַנטן ראָמאַן: „נאָך אַלעמען״...

נאָך דעם עפּיזאָד, צוויי, פלעגט בערגעלסאָן שטיל ווערן, אַפשווייגן אין אַ ווינקל אַזוי אַ גאַנצן אָוונט. זיין פּנים פלעגט באַקומען אַן אויסדרוק פון אַ מאַסקע. נאָר די אויגן זיינע האָבן ערגעץ געקוקט, געקוקט...

קאַפּיטל 6

„אַ ז ע״

אין איינע פון די זויבערע, מיט פלאַטאַנען פאַרפלאַנצטע, שטילע געס־לעך, אַרום גאַללענדאָרף־פּלאַץ, אין בערלינער ווערסטן, אין אַן אַפּאַרטעמענט

פון אַ צענדליק צימערן, אויפן ערשטן שטאָק, האָבן זיך אַ צעפּויק געטאָן אין אַ גרויסן פירעקיקן צימער אַ האַלב טוץ שרייב־מאַשינען מיט יידישע אותיות. ביי די שרייב־מאַשינען זענען געזעסן אַ האַלב טוץ יידישע מיידלעך מיט פריש־פאַרקעמטע פריזורן, און זויבערע, ווייסע בלוזקעלעך. גלייך עס וואָלט דאָ אָנגעגאַנגען אַ געווער, וועט עס וועט פריער אויסשפילן אַ זייטל ווייס פּאַפּיר מיט די פירקאַנטיקע יידישע אותיות. די גוט־געפלעגטע, ראָזיקע שיינע פרויען־פינגער זענען געשפרונגען איבער די קלאַווישן ווי פון אַ קלאַוויר.

ביי אַ טישל איז געזעסן אַ יונגער מענטש מיט אַ גוטמוטיק פּנים, מיט אַ קינדישן שמייכל אויף זיינע מיידלשע ליפּן. גערעדט האָט ער אַ געפלעגטן ווילנער יידיש. דאָס ביוראָ־פּערסאָנאַל האָט אים היימיש און חבריש גערופן: דאָקטער פרידמאַן. ער איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ מאַנוסקריפּט, מיט אַ דראָבנעם יידישן כתב, און מיט אַ רויטן בליי אין דער האַנט האָט ער פון צייט צו צייט אונטערגעשטראָכן אַ ליניע, אָדער ביי די ראַנדן פון מאַנוסקריפּט עפּעס פאַרצייכנט. ביי אַן אַנדער טישל לעבן פענצטער איז געזעסן פאַלק, מיט אַ שטויס פאַרענדיקטע בלעטלעך פון די שרייב־מאַשינען, זיי פאַרזיכטיק איבערגעקוקט און אַכטונג געגעבן אויפן עקזאַקטן יידישן אויסלייג, אויף דער קאָרעקטקייט פון די העברעאישע ווערטער. דאָס זענען אַלץ געווען מאַנוסקריפּטן פון באַקאַנטע ווילנער און קאָוונער יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן דאָ אין בערלין, אין די וועלט־באַקאַנטע יידיש־דייטשע דרוקערייען און פאַרלאַגן, געלאָזט דרוקן זייערע געזונטהייט־ביולעטינען אויף יידיש, זיי זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין פּוילן, אין דער ליטע און אין דעם פּאַגראָמירטן אוקראַינע, אין צענטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

פאַרן אויג פון פאַרבייגייער איז דער רחבותדיקער אַפּאַרטעמענט אויפן ערשטן שטאָק מיט גאָרנישט נישט אויפגעפאַלן; אפילו דער איבער הונדערט קילאָדיקער בעקער פון אַקעגנאיבער, וואָס האָט יעדן פרימאָרגן געפרייכט אויף זיין געפלאָכטענער שטרוי־שטול, האָט גאָרנישט באַמערקט פון דעם מאָדנעם באַנעם פון זיינע נייע שכנים.

נישט קיין שילדל, נישט קיין נאָמען, האָבן אָנגעזאָגט, אַז דאָ, אין דעם בירגערלעכן דייטשן הויז, האָט זיך איינגענעסטיקט איינע פון די עלטסטע, רוסיש־יידישע געזעלשאַפטן, וואָס טראָגט די מאָדנע רוסישע ראשי תיבות: „אָזע" (אָבשעסטוואָ אָכראַנאַ זדראָוויע עווריעיאָוו), וואָס אויף מאַמע־לשון באַדייט דאָס: „געזעלשאַפט אָפּצוהיטן דאָס געזונט ביי יידן". שרייב־מאַשינען אויף אַ צענדליק לשונות, און דער טעלעפאָן האָט געקלונ־

גען פון אַלע עקן וועלט. „האַלאָ! האַלאָ! דאָ רעדט ניו־יאָרק... נעוו יאָרק רעדט... אה? דאָקטער יעפּים זאַלמאַנאָוויטש... פון דזשאָינט... סודאַ גאַוואַריט גורוויטש... דאָקטער נאַאום גורוויטש”.

אָט קלינגט מען פון ווילנע. ווער? ווער רעדט? אה, דאָקטער שאַבאַד? דאָ רעדט פרידמאַן... דאָקטער פרידמאַן... פאַרוואָס האָט דער נומער „פאָלקס־געזונט” פאַרשפּעטיקט דאָסמאָל?

אָט קלינגט מען פון קאָוונע. פון דאָרט וויל מען וויסן אויב ס'איז אמת, אַז פּראָפעסאָר איינשטיין האָט טאַקע מסכים געווען צו פּרעזידירן איינע פון די זיצונגען, פון דער וועלט־קאָנפערענץ וואָס עס גרייט צו, אויף היי יאָר אין זומער, דער בערלינער „אָזע”...

פאַלק האָט, ווען דער טעלעפאָן האָט געקלונגען פון יידישע צענטערס אין דער וועלט, געמוזט לאָזן ליגן זיין קאָרעקטאָר־אַרבעט, און צוהעלפן דעם דייטש־יידישן טעלעפאָן־מיידל, צוליב דעם, וואָס כמעט אַלע אויסלענדישע טעלעפאָן־ריידער האָבן אָנגעהויבן זייער געשפּרעך אין רוסיש, אָדער העברעאיש, און איבערגעגאַנגען אויף אַ שטעטלדיקן יידיש... פאַלק האָט קיין צייט נישט געהאַט אפילו קיין מיטאָג אָפּצועסן; ער און די טעלעפאָניסטקע זענען ביידע געבליבן אין גרויסן, לײדיקן ביוראָ און געוואַרט מען זאָל זיי פון דער „צענטראַלע” פאַרבינדן מיט בוענאָס איירעס, אָדער לענינגראַד, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ טעלעפאָן־געשפּרעך מיט עטלעכע שעה שפּעטער.

ווען פאַלק איז אין מיטן פרילינג צוגלייך אָנגעקומען אַרבעטן אין „אָזע”, איז עס געווען אַדאַנק דעם עלטערן בחור פון ריגע, וואָס האָט געשריבן פיינע און קורצע נאָוועלעטן אין יידיש און געהאַט אַ באַזונדער ביוראָ פאַר זיך, אין איינע פון די שטיבלעך דאָ, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פינאַנציעלן טייל פון דער געזעלשאַפט. נישט קאָנענדיק נאָכקומען דעם ווערטיקאַלן באַרג־אַראָפּ פון דייטשן פּאַפּיר־מאַרק, זיין כסדרדיקן פאַלן, זיין ווערטלאָזיקייט, איז דער „אָזע” איבערגעגאַנגען אויפן „דאָלאַר” און געצאָלט זיינע מיטאַרבעטער אין דער אַמעריקאַנער וואַלוטע.

די „אָזע” איז אין יענע יאָרן געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט; און אָנגעפירט מיט איר אין בערלין האָבן ערלעכע, אַרבעטזאַמע מענטשן. גאַנצע וואַגאָנען מיט מעדיקאַמענטן און הילפס־מיטלען זענען אָפּגעגאַנגען אין די פּאָגראָמירטע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע. פון צענדליקער אַזעלכע הילפס־קאָנוואָיען זענען קיין שום ידיעות נישט צוריקגעקומען; מען פלעגט זיי אָדער צעראַבעווען אויף יענער זייט גרענעץ, אָדער פּשוט

פֿאַרניכטן, דורך די פֿיל באַנדיטן־באַנדעס, וואָס האָבן דעמלט געפּאַנעוועט אויף אוקראַינע.

שווייגנדיק און מיט פֿאַראַנטוואָרטונג, האָבן די מענטשן פֿון „אָזע" געאַרבעט; אין די ביוראָען האָט געהערשט אַן ערנסטקייט, ווי פֿון משפּחה־מיטגלידער, ווען זייער אייגענע משפּחה איז ערגעץ אין אַ סכּנה... די טעלעפֿאָן־רופֿן נאָך הילף, דער אינהאַלט פֿון די בראָשורן, די ביולעטינען, געקלאַפּט אויף די שרייב־מאַשינען, וועלכע פֿאַלק האָט קאָרעגירט, האָבן אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע טראַגעדיע פֿון די אוקראַינישע יידן אין יענע פֿינצטערע פּאָגראָם־יאָרן...

דאָס בעסטע, וואָס יידן האָבן פֿאַרמאָגט, האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פֿון דער דאָזיקער הילפֿס־געזעלשאַפֿט. דורך די ביוראָען פֿון „אָזע" זענען דורכגעגאַנגען אין יענע יאָרן כּלל־טוער פֿון אַ באַזונדערן שניט; פֿון אַ זעלטענעם פֿאַרנעם, מיט מאָדנע פֿאַרטרויערטע אויגן, מיט איידעלע זשעסטן, מיט געמאָסטענע, שטילע רייד, וואָס האָבן דערמאָנט פֿאַרצייטיקע גוטע־יידן פֿון דער ערשטער גרויסער תּקופֿה פֿונעם חסידות...

קאַפּיטל 7

אַ מאָדנער גאַסט

אין אַ פֿאַרמיטאָג האָט די אַריינגאַנג־טיר פֿון אויפֿנעם־צימער נישט דרייסט זיך געעפֿנט, און אויף דער שוועל איז שטיינגעבליבן אַ מיטלוויק־סיקער, ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט אַ ווילד־צעשויבערטן קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך שוין געזילבערט ביי די שלייפֿן פֿון זיין שיינעם, שטאָלצן קאָפּ. די געדיכטע גויאישע וואָנסעס אונטער זיין גראָבער יוואַנישער נאָז איז שוין אויך געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט זילבער, נאָר די שוואַרצע אויגן האָבן נאָך יונג, און יידישלעך געלויכטן. דער מאַן האָט געטראָגן אַ טונקעלען פֿאַלטן פֿון אַ גראָבן שטאָף, כאָטש ס'איז שוין געווען וואַרעם און זוניק אין דרויסן. איין קעשענע פֿון מאַנטל איז געווען אָנגע־שטאָפּט מיט זשורנאַלן און צייטונגען, אין דער אַנדערער קעשענע איז גע־לעגן פֿאַרפּאַקט אין גראָב פּאַפּיר עטלעכע שניטן שוואַרץ ברויט...

דער מאַן האָט געבעטן צו מעלדן דעם שעף פֿון ביוראָ, אַז דאָקטער

776584
JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פֿאָלקס ביבליאָטעק

טשערניכאָווסקי פאַרלאַנגט אויפגענומען צו ווערן. נאָך אַ ווײַלע וואַרטן, האָט אים דאָס טעלעפאָן־מיידל אַריינגעפירט צום שעף אין ביוראָ.

פאַלק האָט באַלד דערקענט אין צעשויבערטן דאָקטער דעם גרויסן העברעאישן פּאָעט, שאול טשערניכאָווסקי. ער האָט אים געקענט פון די בילדער, נאָך פון שטעטל אויס. די מאַשיניסטקעס האָבן אויך אויפגעהויבן די קעפּ, ביי זיין דערשיינען; ווייל סיי זיין ווינטער־הלבשה, אַנהויב זומער, און סיי זיין פּנים, וואָס איז ברוין ווי ביי אַ ציגיינער, האָבן אַרויסגערופן שטוינונג, חידוש. נאָר ווער דער מענטש איז, האָבן זיי נישט געוווּסט.

נאָך אַ ווײַלע זיך זוימען אין ביוראָ פון שעף, איז ער ווידער באַשיידן אַרויסגעקומען; נאָר דאָס מאָל האָט זיך פאַלק געפעדערט, אים מיט דרך־ארץ אויפגעעפנט די טיר, און זייערע אויגן האָבן זיך מאָדנע באַגעגנט...

ביי פאַלקן האָט זיך דערנאָך, אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, אין זיינע געדאַנקען איבערגעזוונגען אַ מעלאָדיע, וואָס האָט געטראָגן אויף אירע פליגל, באַקאַנטע שטילע ווערטער, וועלכע דער נאַרוואָס אַוועקגעגאַנגענער מענטש האָבן אין אים דערוועקט:

שחקי, שחקי על החלומות,
זו אני החולם שח,
שחקי כי באדם אאמין,
כי עודני מאמין בך.
(לאַך נאָר, לאַך נאָר פון חלומות,
און אפילו אויך פון מיר.
לאַך! אַז איך אין מענטש טו גלויבן;
אַז איך גלויב נאָך אַלץ אין דיר...)

קיין בערלין איז ער אין יענע יאָרן געקומען אָן רעש. געלעבט אַ צייט אין סווינעמונדע, ביים באַלטישן ים, און אַ צייט אין פּיכטענגרונד, נישט ווייט פון בערלין. געלעבט אין נויט און אין דחקות; געשריבן ווונדערבאַרע לידער און פּאָעמעס; און אָן רעש אַזוי, אַוועק קיין תל אביב. אויך דאָרט געלעבט אין נויט און געשאַפן די שענסטע פּערל אין דער העברעאישער פּאָעזיע...

ביז אויף זיין לעצט באַרימט ליד:

אני — לי משלי, אין כלום. גם לא שולחן...
(איך מיין אייגנס, האָב גאָרנישט, אפילו קיין טיש
נישט קיין אייגענעם..)

קאַפּיטל 8

און קומען וועט...

ביי דער אַלטער פּרוי האַשקע, האָט פאַלק געדונגען אַ צימער, אויפן ערשטן שטאָק, אין דער גיפּס־שטראַסע, נומער איינס; פון דאָרט האָט מען מיט דער ליניען־שטראַסע געקאָנט דערגרייכן, סיי אין יידישן סטודענטן־היים, ווען מען איז געגאַנגען אויף לינקס, סיי די אָראַניענבורגער שטראַסע, צו דער גרויסער סינאַגאָגע, ווען מען איז געגאַנגען אויף רעכטס. די גרע־נאַדיר־שטראַסע איז אויך דאָ געלעגן ערגעץ צווישן איינס פון די גע־קעסטלטע, שטיינערנע ענגע געסלעך.

די אַלטע פּרוי האַשקע האָט פאַלקן דערציילט מעשות פון אירע מיידל־יאָרן, ווען עס האָט זיך אין איר געליבט אַ פּרינץ. פלעגט יעדעס יאָר קומען אויף יאַגד אין איר געבורטס־אָרט, אַרום די מאַזורישע וועל־דער, אין אָסט־פּרייסן.

— אויף „אַ גאָלדענער שטול" וואָלט איך היינט געקאָנט זיצן, ווען איך וואָלט נאָר געווען געוואָלט, אין מיינע מיידל־יאָרן...

זי האָט זיך פאַרטראַכט, אַ בויג געטאָן אין אַ זייט איר פויגל־קעפּל, און אַ זאָג געטאָן:

— „שאָען" זעט דייטשלאַנד היינט אויס, אַז פאַרן גאַנצן מאָנאַט „מיטהע" (דירה־געלט), וואָס איך באַקום, קאָן מען קוים אַ קילאָ שווייַנען־שמאַלץ קויפן... נאָר די אויסלענדער קאָנען זיך אַלץ לייסטן...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, און דערנאָך, ווי אין חלום געמורמלט:

— ווי קאָן זיין אַ וועלט, אַז זיין עקסעלענץ, דער דייטשער קייזער, האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין אייגענעם לאַנד?...

אין איר שוואַרץ־געשטריקטן שאַלעכל, וואָס זי האָט שטענדיק גע־טראָגן אויף אירע שמאָלע קינדישע אַקסלען, האָט זי אויסגעזען ווי אַ קראַנ־קער פויגל; פלאַפּלענדיק אַזוי, פלעגט זי איינדרימלען אין איר געפלאָכ־טענער שטרויענער שטול.

דער זומער האָט זיך געשטעלט מיט ריינע, בלויע הימלען; „אונטער דען לינדען" און אין אומענדלעכן „טירגאַרטן" האָבן זיך צעבליט די לינדן און אַקאַציען־ביימער, און אביסל געלינדערט די שטרענגע, שטיינערנע שטאָט...

אויך די פּנימער פון די מענטשן אויף די גאַסן זענען ווייכער גע־

וואָרן, האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין, געשמייכלט. אין דער ענגער לאַנגע פרידריך־שטראַסע, אין מענטשן־געדראַנג, אַז מען פלעגט זיך באַ־געגענען מיט די צווי ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן פון דער יידיש־דייַ־טשער דיכטערין עלזע לאַסקער שילער, האָט פון זיי אַ פלאַקער געטאָן מיט אַ פלאַם פון „ברענענדיקן דאָרן״... זי האָט אין יענער צייט, געשריבן אַ פּאָעמע, וועגן איינעם פון די יונגע יידישע פּאָעטן, וואָס האָט זיך אָנגע־פאַנגען מיט:

„אונד זיינע בלאַוע יאַרדאַן־אַאוגען״...

כאָטש ס׳איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָכן קאַפּ־פּוטש, נאָכן מאָרד איבער ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט, ערשט נישט לאַנג נאָכן דערמאָרדן וואַלטער ראַטענאו, איז נאָך אַלץ טהעלמאַן געזעסן אין דער תפיסה פון „מאָאַביט״ און די זונטיק־געשלעגן, צווישן די „שטורם־טרופּן״ און דעם „ראָט פראָנט״ האָבן וואָס ווייטער אַלץ מערער געפלאַקערט. די מאָנטיק־צייטונגען פלעגן מעלדן וויפל טויטע קערפּערס מען האָט אַרויס־געצויגן פון דער „שפּרעע״, נאָך אַזאַ זונטיקדיקן געשלעג...

דורך די פענצטער פון דער יידישער סטודענטן־היים האָט מען גע־זען אין די זונטיק־פרימאָרגנס, אַדורכדעפּילירן קורצע, ברייטע יונגען, מיט האַרטע פּנימער און בייזע, בלאָע אויגן, הינטער פירקאַנטיקע ליים־פאַרביקע קאַשקעטן, געהאַלטן מיט אַ לעדערן רימענדל אַרום דער גאָמ־בע, אין כאַקי העמדער, מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל, ביז צו די עלנ־בויגנס, אין ברוינע רייט־הויזן, וואָס האָבן געשטעקט אין שווערע, באַ־נאַגלטע שטיוול. צו אַכט אין דער ברייט, האָבן זיי געשפּאַנט גלייך ווי אַ ווירע, מיט אַ מעכאַנישן קאַסערן־טראָט. אָן געזאַנג, פינצטער און שטום, מיט אָן „אָבער״ אין דער שפּיץ. דער ברוק פון דער לאַנגע פרידריך שטראַסע האָט טויב געקלאַפּט צום טאַקט, אין דעם זומערדיקן, ליכטיקן פרימאָרגן:

איינס! צוויי! איינס! צוויי!...

אין יידישן סטודענטן־היים ווו יעדן זונטיק אין דער פרי, האָט איינשטודירט, און געפּראָבט דער סטודענטן־כאָר, האָבן נאָכן אַדורכמאַרש פון די „שטורם טרופּלער״, אַ צוויי צענדליק יונגע מענטשן, פּילשטימיק, זיך אַ צעזינג געטאָן דאָס ליד פון אברהם רייזען:

אוּן קומען וועט,
צי פרי צי שפּעט,
די צייט פון גליק און שלום...

די יידישע סטודענטן־היים, איז צו יענער צייט געווען ווי א קוואל, וואָס אַט נעמט ער צו, אַט נעמט ער אָפּ. פאַרשידענע פּנימער פלעגן דאָרט, אין די ענגע חדרימלעך, פּלוצלינג דערשיינען, און סודותדיק אַזוי, באַלד פאַרשווינדן. אַט די מאָדנע געשטאַלטן פלעגן איבערלאָזן נאָך זייער נעלם ווערן, אַן אומקלאָרע בלאָנדזשעניש פון מענטשן, וואָס האָבן אין לעבן קיין שום אָנהאַלט נישט, וואָס דו ווייסט נישט פון וואַנען זיי קומען און וווהין זיי גייען.

אַזוי איז דאָ, אין איינעם אַ וואָכנדיקן אָוונט שטיינגעבליבן אין דער אָפענער טיר, אַ טונקעלער סילועט פון אַ מאָגערער פרוי מיט אַ יונגער פי־גור, אין טונקעלע קליידער, דאָס פּנים אָפּגעצויגן, מיט שוואַרצע רינגען אַרום די מידע אויגן; מיט פאַמעלעכע טריט, איז זי צוגעגאַנגען צו איינס פון די טישלעך, וואָס זענען געווען צעשטעלט אַרום די פענצטער, און זיך דאָרט שווייגנדיק אַוועקגעזעצט. קיינער האָט נישט גערעדט צו איר, זי איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, די דאָזיקע אין טרויער געקליידעטע פרוי. ערשט אַ שעה שפּעטער, נאָך איר נעלם ווערן, האָט דער ביבליאָטעקאַר, דער סטודענט פון מאַטעמאַטיק לאַמאַס, אַ זאָג געטאָן אויף זיין שאַרפן קאָוונער יידיש:

— דאָס איז די יונגע אלמנה, פון דעם ערשט נישט לאַנג פאַרשטאָר־בענעם פּראַגער דייטש־יידישן שרייבער פראַנץ קאַפקאַ.

— קאַפקאַ? — האָט מען זיך איבערגעפרעגט — קאַפקאַ? אַה... דער... וואָס מאַקס בראָד האָט אים אַנטדעקט?

און דערמיט האָט זיך דער ענין געענדיקט. אין דער אמתן איז עס געווען דאָראַ דיאַמאַנט, קאַפקאַס לעבנס־באַגלייטערין פון די לעצטע יאָרן זיינע, וואָס איז דאָ שטיין געבליבן, אין איינעם אַן אָוונט, אין דער יידישער סטודענטן־היים אין בערלין, אַ פרעמדע, פון קיינעם נישט באַמערקטע, איז זי געזעסן אַ ביסל, ווי מען זיצט שבעה נאָך אַ טויטן, און אין אירע קליידער האָט זי מיטגעבראַכט דעם לעבעדיקן אָטעם, פון דעם שפּעטער וועלט־באַרימט־געוואָרענעם פּראָפעסער פון „פּראָצעס", פראַנץ קאַפקאַ.

אין איינעם אַן אויפדערנאַכט, ביים נאַכט־עסן, איז שטיינגעבליבן מיט אַ טעלער געקעכטס אין דער האַנט אַ מיטלוווקסיקער מענטש מיט אַ פאַר־שלאָסן פּנים, מיט אַ פּאָר ברילן פון אַ שטאַרק קורצזיכטיקן אויף זיין פּעס־טער נאָז; געשטאַנען אַ ווײַלע, און געזוכט אַ טישל, וווּ זיך אַוועקצוזעצן, אָפּצועסן זיין אָוונט־ברויט. אין זיין הילוך, אין זיין באַנעמען, האָט מען גע־זען, אַז דער מענטש געהערט צו דער משפּחה שווייגערס; האָט מען דערי־בער גאָרנישט געוווסט, פון דאָזיקן פאַרשלאָסענעם מענטשן, נישט פון וואַנען

ער קומט, נישט וווהין ער פאָרט. אין סטודענטן־היים האָט מען נישט גע־וווסט, אַז דאָ זיצט ביי איינעם פון די טישלעך דער ברודער פון אָט דעם אין פאַלעסטינע, ערשט נישט לאַנג דערמאָרדעטן, פון אַראַבישע הענט, דעם גרויסן פובליציסט, און באַוווסטן העברעאישן שרייבער, יוסף חיים ברענער.

קאַפּיטל 9

די סאָוויעטישע האַנדלס־מיסיע

אַז די סאָוויעטישע האַנדלס־געזעלשאַפט האָט זיך געניוויטיקט אין אָנגעשטעלטע אין אירע רחבותדיקע, פּרימיטיוו־מעבלירטע ביוראָען, אין איינע פון פון די גאַסן, אַרום די לייפּציקער שטראַסע, האָט מען געמוזט אָנקומען צו דער יידישער סטודענטן־היים; די קאָוונער און ווילנער יידי־שע בחורים מיט זייער רוסיש, און זייער יידיש־דייטש, זענען באַלד גע־וואָרן דער פונדאַמענט, פון דער דאָזיקער וויכטיקער, יונגער „קאָמער־טשעסקע״ אינסטיטוציע. די יידישע סטודענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער סאָוויעטישער האַנדלס־געזעלשאַפט זענען, אַ חוץ דעם, וואָס זיי זענען געווען פּעאיקע בחורים, זענען זיי אויך געווען נאָענט צום רעזשים פון דער יונגער סאָוויעטישער מלוכה.

אָרליוק, דער ווילנער, ראַוויטש, דער ביאַליסטאָקער, ווישניאַק, דער קאָוונער, זענען געווען באַקאַנט צווישן די סטודענטן ווי הייסע אָנהענגער פון דער „סאָוויעטסקי וולאַסט״. מעלאַמוד, דער באַרדיטשעווער, וואָס האָט געשריבן קורצע נאָוועלן אויף העברעאיש, האָט פאַרטוישט זיין פּרנסה פון אַ העברעאישן לערער, אויף אַן אָנגעשטעלטן אין דער סאָוויעטישער האַנדלס־מיסיע, (ווי מען האָט זי אין יענער צייט גערופן). ער האָט דאָרט געאַרבעט פלייסיק און ערלעך, איז באַלד געוואָרן פון די ערשטע און פון די אָממערסטן פאַראַנטוואָרטלעכע. טראָץ זיין נישט פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם, וואָס די שעפן האָבן גוט געוווסט, — און בכיוון זיך נישט וויסנדיק גע־מאַכט — איז ער באַלד אַליין געוואָרן אַ בעל־הבית איבער אַ ביוראָ פון די צענדליקער אָפּטיילונגען פון דעם אַנשטאַלט.

דער עיקר, האָט מען די יידישע אָנגעשטעלטע פאַרטרויט די פינאַנץ־ענינים; אַזוי ווי אין יענער צייט איז אַלץ געגאַנגען, אין דער איינציקער

וואַליוטע, דעם דאָלאַר, האָט מען די רוסישע אַנגעשטעלטע, — די בלאָנדע, ברייטפּלייציקע יונגן פון מאָסקווע און לעבינגראַד, יונגן מיט נעמען, טאַטנס זינדלעך, נישט געטאָרט אָנפּאַרטרויען די לענגלעכע, גרינע, כישופדיקע בילעטן, פאַר וועלכע מען האָט „אַלץ" געקאָנט באַקומען אין יענע יאָרן, אין דייטשלאַנד'ס פאַראַרעמטער הויפּט־שטאָט. די שעפן פלעגן מוסר'ן זייער רוסישן פּערסאָנאַל און זיי ברענגען פאַר אַ מוסטער און ביישפּיל די ראַ־וויטשעס, די מעלאַמודס: „עטא נאַסטאָיאַשטשע נאַראָד... ראַבאָטנאָיע אי פּראַווילניע"... די יונגען פלעגן פאַרקרומען די נעז און בייז פּאָנפען: „ררוס־קי טשעלאָוויעק... עטאָ ניע יעווריי"!... עס פלעגט דערגיין אַזוי ווייט, אַז פון צייט צו צייט האָט אַזאַ יונג עוקר געווען מיט אַ סומע געלט, און ווי אין וואַסער אַריין; אין דער בערלינער פּאָליציי, האָט מען געלאַכט אין די פויסטן: „אַך! די באָלשעוויסטן... די באָלשעוויסטן"...

קאַפּיטל 10

„פּער אסטרא אד אסטרא"...

אָרליוק, דער ווילנער, האָט געשריבן וווּנדערבאַרע פּערזן אין זיין אייגנאַרטיקן ווילנער יידיש, און פלעגט זיי פאָרלייענען אויף אָוונטן, איינ־געאָרדנט פון דער יונגער גרופּע פּאָעטן, אין דער יידישער סטודענטן־היים.

זיין פּנים און זיינע קליינע, גרויע קאָסאָקע אויגן פלעגן באַקומען די האַרטקייט און אומבאַוועגלעכקייט פון אַ מאַסקע, ווען ער פלעגט, אויף אויסנווייניק, מיט ביידע הענט אָנגעלענט אין טישל, פאַר וועלכן ער איז געשטאַנען, כמעט אַ זינג טאָן:

רייס איך אויס פּאַפּיר אַ שטיקל גרויע
און שמיר עס אויס אַזוי, אין ראַז אין בלוי.
צי קאָנסטו מיר אַ טאָג פון מיינע לעבנס רויע
אויסשמירן אַזוי ?...

בשעת איינער אַזאַ קולטור־מאַניפעסטאַציע, אין איינעם פון די גרוי־סע זאַלן, נאָענט צו דער געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, ווו מען איז

געשטאַנען יוגנטלעך צוזאַמענגעדרענגט, אַקסל־ביי־אַקסל, און ווו אַ צענ־דליק יונגע יידישע פּאָעטן האָבן געלייענט פון זייערע מאַנוסקריפּטן און העפטלעך אויף אַ ברייטער רחבותדיקער סצענע; אויף אַ לייוונטענעם טראַנספּאַרענט, פון איין עק בינע ביז דער צווייטער, איז געווען מיט גרויסע יידישע אותיות געשריבן: „אַזוי גייען מיר, מיר די יונגע „כאַ־ליאסטרע" פּער אַסטראַ אד־אַסטראַ"... (משה בראָדערזאָן).

אויף דעם אָוונט, צווישן באַגייסטערטן יונגן עולם, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, אַנגעלענט אין איינע פון די מאַרמאָרנע זיילן, וואָס האָבן אונטער־געהאַלטן דעם ריזיקן סופיט פון רחבותדיקן זאַל, דער שוין דעמלט באַ־קאַנטער, אוקראַיניש־יידישער פּאָעט, לייב קוויטקאָ, וואָס האָט זיך צופעלי־ליק געפונען אין בערלין אויף אַ קורצן וויזיט, און אַנוועזנד געווען אויף דעם אָוונט, אַלס גאַסט, און אַלס צושויער; ער האָט — נאָכדעם ווי אַר־ליוק, דער ווילנער, האָט איבערגעלייענט אויף אויסנווייניק עטלעכע פון זיינע לידער — אַ זאָג געטאָן, מיט אַ פּאָר צעשמייכלטע כלבויניק־אויגן:

— זעט! ווי זיי האָבן זיך עס אַ נעם געטאָן צו אונדז, די ליטוואַקעס...

לייב קוויטקאָ, וועלכער איז אומגעריכט אויף אַ קורצער צייט, דער־שינען אין בערלין אין יענע יאָרן, און שטילערהייט ווידער נעלם געוואָרן; האָט גאַרנישט געהאַט אין זיין אויסערלעכקייט פון אַ פּאָעט. נישט אין זיינע קאַרגע רייד, נישט אין זיין באַנעמונג, נישט אין זיין קליידונג און נישט אין זיין פול, קיילעכדיק פּנים, מיט די קליינע, קלוגע אויגן.

דאַקעגן דוד האָפשטיין, וועלכער האָט זיך אויך אין יענער צייט געפונען אין בערלין און אָרום וועלכן עס האָט געשוועבט עפּעס אַ פּאָר־שלייערטער סוד, פון אים און פון זיין גאַנצן וועזן — האָט אויסגעשטראַלט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז שווער צו דעפינירן. אין זיין קעגנוואַרט האָט מען געפילט, אַז מען געפינט זיך פאַר אַ מענטש, וואָס איז אַנדערש פון אַנ־דערע, וואָס איז א יוצא מן הכלל, אַ מענטש, וואָס אין זיינע אינגעווייזדן קאָכט עפּעס און זידט. ס'האָט זיך געטראָגן פון זיינע פאַרנעפּלטע, פאַר־חלומטע אויגן אַ געוועב פון אַ בראשית'דיקן פאַרטאָג, פון יענע פאַרטאָגן, וואָס זאָגן אָן, אָדער אַ זון, אָדער אַ שטורעם... זיינע לידער, וואָס ער האָט געלייענט בזכרון, האָט ער נישט געלייענט אין דער סטודענטן־היים, נאָר אין אַ דערבייאיקן קליין טיי־שטובל, פאַר אַ מנין יונגע מענטשן; אַרליוק און פאַלק זענען געזעסן, איינער אין זיין רעכטער, און דער צווייטער אין זיין לינקער זייט. מיט אַ קול וואָס קומט ווי פון זייער ווייט, און מיט אַ ניגון, ווי פון אַ תפילה, האָט ער פאַרשליסנדיקן די אויגן, אַ לייען געטאָן:

אין ווינטער פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער,
ווו קאָן מען זיין עלנטער... ווו קאָן מען זיין עלנטער...

אָדער:

פון וואָלגע ביזן ירדן, איז פאָלג מיך אַ גאַנג...

שטיל און באַשיידן, איז ער דאַן צוזאַמען מיט ביאַליקן אַוועק קיין ארץ ישראל (אַלס זיין סעקרעטאַר) און אין אַ קורצער צייט אַרום פון דאָרט צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד.

קאַפּיטל 11

די וועלט-קאָנפערענץ פון „אָזע"

ביז אין שפּעטן זומער, איז די „אָזע" געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט; דאָס האָט מען געגרייט די וועלט-קאָנפערענץ פון דער וויכטיקער אינסטיטוציע. פון אַלע עקן וועלט זענען זיך יידישע דעלעגאַציעס צוזאַמענגעפאָרן; און גערעדט האָט מען אויף דער קאָנפערענץ אויף שבעים לשונות, נאָר יידיש איז געווען דער הויפּט-מחותן. די דעלעגאַטן פון קראָקע, לעמבערג, וואַרשע, קאָוונע, ווילנע און ריגע, האָבן פאַרנומען אין צאָל דעם אויבן אָן; אָבער געצאַצקעט האָט מען זיך מיט די דייטש-יידישע פּראָפעסאָרן, פון בערלין, פראַנקפורט, פון מאַינץ, און פון שפּייער, פון ברעסלוי און פון קעלן, און מיטן דעמאָלט שוין באַרימטן פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין.

דער גאַנצער פּערסאָנאַל פון „אָזע" האָט געוואַכט אין די קליינע נעבן־צימערן, אַרום גרויסן קאָנגרעס־זאַל, אָקעגנצוקומען דעם פאַרלאַנג, פון די הונדערטער אויסלענדישע שליחים. פאַלק האָט אָפּגעהיטן זיין פונקציע, און איז באַשטאַנען פון צונויפזאַמלען די יידישע רעדעס, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן, זיי געזאַמלט, בכדי זיי שפּעטער אַרויסצוגעבן אין אַ בראָשור דורך „אָזע". אַממערסטן האָט ער געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט מיט עפּעס משמש צו זיין דעם גרויסן פּראָפעסאָר מיטן ליכטיקן פּנים, און זיינע פאַרחלומטע, גוטע אויגן.

און ער האָט זיך דערוואַרט. פון פּרעזידיום-טיש האָט מען פאַרלאַנגט

אַ קאַראַף וואַסער מיט אַ גלאָז; פאַלק האָט זיך געפּעדערט, אַרויף אויפן פּאָדיום און זיך געשטעלט הינטערן שטול, ווו עס איז געזעסן פּראָפעסאָר איינשטיין און פּרעזידירט די זיצונג. פאַלק האָט באַמערקט אַ בוך אין איינשטיינס האַנט. בשעת די רעדנער האָבן גערעדט, האָט דער פּראָפעסאָר אַרייַנגעקוקט אין זיין בוך. פאַלק האָט געכאַפּט אַ בליק דעריין. לויטן דרוק־פאָרם, האָט ער דערקענט אַז דאָס זענען פּאָעמעס... אויפן שער־־בלאַט פון בוך האָט ער איבערגעלייענט: ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע...

און אַז פאַלק האָט שפּעטער דערציילט זיין בעסטן חבר, אַרליוק'ן, זיך גערימט פאַר אים, צו האָבן געזעזן פּנים אל פּנים דעם באַרימטן פּראָ־פעסאָר, האָט אַרליוק פאַרבאָרגן אַ שמייכל אין זיינע קינדישע קאָסאַקע אויגן און געזאָגט:

— צום פּראָפעסאָר איינשטיין אין שטוב קום איך צוויי מאָל א וואָך, ווייל איך גיב דאָרט זיין טעכטערל אַ לעקציע אויף גיטאַרע...

אַז דאָס איז אמת, האָט פאַלק קיין איין רגע נישט געצווייפלט, נאָר אין דער סטודענטן־היים האָט דערפון כמעט קיינער נישט געוווסט.

קאַפּיטל 12

יידישע טעכטער

אַז עס האָבן זיך אין דער יידישער סטודענטן־היים אַרומגעדרייט פּריילײַדיקע מיידלעך, קאָן מען נישט זאָגן. כמעט אַלע סטודענטקעס, וואָס פלעגן דאָ אַרויפקומען, זענען שוין געווען „פאַרנומען". אַ טייל שוין חתונה געהאַט, אַ טייל כלות און אַ טייל, וואָס זענען געקומען און געגאַנגען תמיד מיט די זעלבע בחורים.

לאָמיר נעמען למשל מלכה'ן... אָט די, אַז זי טוט אַ לאַך, צעשיט זיך איר פּנים, איר שטערן, אירע קלוגע אויגן, אין אַ ים פעלדעלעך און יעדעס גריבעלע האָט טויזנט חנען און טעמען... אַז מען דערהערט פון די אָפענע פענצטער אַ געלעכטער, אַ זאַפּטיקס, וואָס פאַרנעמט זיך אויף לאַנג און קאָלערנדיק, נאָר פּלוצלונג הערט עס אויף, ווי אָפּגעהאַקט... ווייסט מען שוין: מלכה גייט. און נאָך איר — דער דאַרער, מיטלוווקסיקער חבר ראַ־וויטש... אָדער די וואַרשעווערן, וואָס רעדט אַ ברייטן יידיש און שטעלט ברייט די פיס ביים גיין, מיט איר שוין באַלד „געקינטשעטן" קורצן דאָק־

טער שפּירא, וואָס יעדער נעמט זיי ביידן פּאַר שוועסטער און ברודער, זע־נען זיי גאָר מאַן און ווייב... אָדער די מאָגערע, פאַרזאָרגטע בעלא, וואָס טראָגט אַ וואָלענע, געשטריקטע וועסט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, איז די פרוי פון קאָכנדיקן סטודענט ווישניאַק.

און די „קראָקעווערין", די שיינע שולמית, זי האָט יעדן טאָג גע־טוישט די ווייבערישע זשאַקעטלעך, סוועטערלעך און ווייסע בלוזקעלעך, זיך באַוועגט ווי אַ טענצערין; זי זעט מען תמיד מיטן זעלבן, גוט געקליי־דעטן סטודענט וואַפּסי דימענשטיין, וואָס קיינער ווייסט נישט אין וואָס אייגנטלעך זיין שטודיום באַשטייט.

נאָר איין זינא קומט אַליין און גייט אַליין אַוועק. זינאַ איז אַ שלאַנקע, האָט אַ טונקל־ברוינע הויט, שיינע, קלוגע אויגן; אַז זי טוט אַ קוק אויף איינעם, ווערט דוכט זיך יענעם גרינגער אויף דער נשמה, פילט זיך נישט מער אַזוי שטאַרק אין דער פרעמד. איר יידיש איז נישט פליסיק, בלייבט אָפטמאָל שטיין און זוכט אַ וואָרט: „פּאָניעמאַיעטע, עטאָ פּאַכאָזשע"... זי באָרגט אויס אירע ביכער.

— איך לייען דאָך נישט קיין רוסיש, זינאַ...

— ניטשעוואָ...

און דאָס בוך בלייבט אין דער האַנט פון יינגנמאַן. אין עטלעכע טעג אַרום ברענגט מען איר צוריק דאָס בוך, און מען ווייזט איר דעם פינף דאָ־לער־באַנקנאָט, וואָס מען האָט געפונען צווישן די בלעטלעך. זאָגט זי:

— קניגאַ מאַיאַ... (דאָס בוך איז מיין) נאָר די פינף דאָלער? ניע זנאַיו...

נו, בלייבט שוין דאָס גרינע פּאַפּירל ביים בחור, וואָס קאָן דערפון עסן אַ חודש צייט צו דער זעט, אויך דערפון באַצאָלן דירה־געלט אויף אַ צייט... אַז מען טרעפט דערנאָך, אַזאַ פאַרהונגערטן סטודענט, מיט אַ פּאָר רויטע באַקן, פרייליכע אויגן, ווייסט מען שוין: זינאַ האָט אים אוודאי אויס־געבאָרגט אַ בוך...

פריילידיקע מיידלעך פלעגן נאָר אַרויפקומען פון דער גרענאַדיר־שטראַסע, פון אירע אַרומיקע געסלעך...

לאָמיר נאָר באַטראַכטן דאָס לאַנגע מיידל, מיט די געטאָקטע שיי־נע פיס, זי זעט אויס, ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך, אויף איר פאָטער, דעם חסידישן רבי'ן. ער פראָוועט רבי'סטווע אין איינעם פון די צענדליקער הייפלעך אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, פירט שבתדיקע טישן מיט די

יונגע בעלי־בתים, וואָס האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אַרום די געסלעך, ווילן זיך פירן, ווי ס'האָבן זיך געפירט זייערע טאַטעס אין דער ערשט נישט לאַנג פאַרלאָזענער אַלטער היים...

דאָס מיידל זוכט אַ תיקון, נישט קיין חתן. נישט אירע אַרויסגעזעצטע אויגן, נישט אירע האָר, נישט איר ראָזעווע פּנים פאַלן אויף. זי איז נישט שיין. דערפאַר איז איר וווקס, איר גאַנג, פון אַ ווייבלעכן רייץ. דעם קאָפּ פאַריסן ווי אַ יונגע סאַרנע, טריט, וואָס באַרירן קוים דעם באָדן, שוועבט זי, נישט זי גייט. ס'איז נישט מעגלעך זיך נישט אומצוקוקן אויף איר, ווען זי שפּאַנט אַדורך די גאַס. זי איז פאַרטאָן, פאַרזונקען אין מחשבות. זי מורמלט תמיד מיט די ליפּן, גלייך זי וואָלט גערעדט מיט עפּעס אַ נישט־געזעענעם באַגלייטער...

פאַלק האָט זי איינמאָל בייַנאַכט אַהיימבאַגלייט פון סטודענטן־היים, האָט זי אים אַנטפּלעקט איר שטרעבן, איר ציל: „טעאַטער! די דייטשע בינע איז מיין העכסטער באַגער"... — האָט זי אַ גלאַנץ געטאָן מיט אירע קליינע, גרויע אויגן — איך בין שוין געווען ביי אַלעקסאַנדער גראַנאַך... ביי מאָיסי... ביי ערווין פּיסקאַטאָר... נאָר גראַנאַך... ער האָט אפילו נישט געהערט, וואָס איך האָב רעציטירט פאַר אים... איך רעד פון מיר אַרויס די נשמה... און ער, ער מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז פיס, מיט אַ פּאָר גלעזערנע שליפּיעס..."

ווען זי האָט דעם זעלבן אויפדערנאַכט, ביי פאַלקן אין צימער רעציטירט, ביז נאָך האַלבער נאַכט, אַ צענדליק פּרויען־הויפּט־ראָלן, — אויף אויסנווייניק — פון דעם געשפּילטן דייטשן בינע־רעפּערטואַר, האָט פאַלק פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די סטודענטן מיידן זי אויס, ווילן מיט איר מער נישט אַרויסגיין... ווייל הערן אַ מיידל רעציטירן ליבע־סצענעס, זיך דערקלערן אין ליבע אָן אויסגעטראַכטן, אימאַזשינירטן פּאַרטנער... דאָס ווילט זיך קיין שום בחור נישט...

אַרויפגעקומען אין דער סטודענטן־היים איז אויך דאָס בעל הבתישע מיידל אסתר גרין. אַ שמייכלענדיקע, אַ זיכערע אין זיך, האָט זי רואיק געוואַרט ביז ער וועט אָפּעסן זיין אַרעם אוונט־ברויט, דער שטאַרק־קורצזיכטיקער און פרייַלעכער סטודענט לעוויט. זי איז מיט אים געלאָסן, אַ שטאָלצע, אַראָפּ אין גאַס אַריין.

שטיין בלייבן פלעגט אויך אין דער אָפענער טיר, נאָכן נאַכטמי־עסן, דאָס קליינע מיידל, מיטן קלוגן פּנימ'ל מיט אַ קוק אין אירע אויגן וואָס

זאָגט צו „גילדענע בערג" און ווי מיט אַ מאַגנעט, אַ צי געגעבן אַ בחור מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ בראָנזענע האָר, מיט אַ פּאָר פּאַרליבטע אויגן... און ביידע זענען זיי פאַרשוווּנדן, ווי צוויי פייגל, אין דער בערלינער וואָרעמער נאַכט אַריין...

קאַפּיטל 13

די אָקטאָבער - רעוואָלוציע

— קום! — האָט אין איינעם אַ שפּעט־האַרבסטיקן פאַרנאַכט אַר־ליוק אַ זאָג געטאָן צו זיין חבר פאַלק — איך האָב דאָס רעכט מיטצונעמען מיט זיך אַ גאַסט אויף דער „אָקטאָבער־אַקאַדעמיע", וואָס עס גרייט, די סאָוויעטישע האַנדלס־מיסיע היינט אָוונט, לכבוד דעם זיבעטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. עס זאָגט צו, צו זיין אינטערעסאַנט... פאַר־שטייט זיך — האָט ער ערנסט, מיליטאַנטיש צוגעגעבן — די הויפּט־איני־ציאַטיוו פון דער פייערונג, קומט פון דער היגער סאָוויעטישער אַמבאַ־סאַדע...

פאַלק, וואָס האָט שוין מער נישט געאַרבעט אין „אָזע", ווייל די וויכטיקע יידישע געזעלשאַפט האָט בהדרגה רעדוצירט איר פּערסאָנאַל, עטאַפּנווייז, זיך איבערגעצויגן קיין פּאַריז ווייל בערלין איז געוואָרן אומ־זיכער מיטן שטייגן פון היטלערס איינפלוסן. פאַלק האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג פון זיין חבר, אַ נייגעריקער, ווי ער איז תמיד געווען, האָט ער זיך פיבערדיק געגרייט צו דעם פאַנטאַסטישן אינטערעסאַנטן אָוונט.

אין איינעם פון די רייכע, עלעגאַנטע זאַלן, אַרום קורפירסטנדאַם, אין בערלינער „וועסטן", מיט מאַרמאָרענע, ברייטע טרעפּ ביים אַריינגאַנג, מיט רחבותדיקע, געשליפענע גלעזערנע טירן, האָבן, פון פאַרנאַכט אָן, פאַר־לעכוויז און אין גרופּקעס, געשפּאַנט אַ פאַרשידנאַרטיקער, מאָדנער עולם, מיט אַ שפּראַך אין מיט זשעסטן, וואָס זענען פרעמד געווען די איינוווינער פון דער שטילער, בירגערלעכער געגנט.

ווען אַרליוק און פאַלק זענען אַריין אין ליכטיקן פאָדערהויז, איז דער גרויסער זאַל נאָך געווען האַלב־טונקל און האַלב־ליידיק, נאָר די קליי־נע נעבן־זאַלן זענען שוין געווען העל באַלויכטן. מאַרמאָרענע זיילן, מולטי־

קאַלירנדיקער בליאַסק פון די קרישטאָל־לאָמפּן און זשיראַנדאָלן. דער בופעט איז געווען באַלייגט מיט פאַרשידענע מאכלים און משקאות, אַהער־געבראַכטע פון די ווייטע רוסישע פּראָווינצן און גובערניעס; די פּרויען הינטערן בופעט — אין זייערע טראַכטן און פאַרביקע קליידער. באַלד האָט זיך אויך דער זאַל אָנגעפילט, מיט אַ טומלדיקן, רירעוודיקן עולם; מען האָט זיך איבערגערופן פון איין עק זאַל אין צווייטן; מען איז זיך אַקעגנגעגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט צעשטראַלטע אויגן; מען האָט זיך געקושט און געהאַלדזט:

— אך! דאָראָגאָי טי מאָי...

— דושאַ מאָיאַ, דאָראָגאַיאַ...

און נעמען האָבן געשווישטשעט, ווי אַ שווישטש פון בייטשן:

— אך! טאָוואַרישטש סטעפּאַנאָוויטש... ניקאָלאַיעוויטש... קאַרפּאַנאָוויטש... אך! אך!...

אין הויפּט־זאַל, לאַנג און ברייט, איז געווען צעשטעלט, רייען ווייס־געדעקטע טישן, מיט בראַנפן און „זאַקוסקי". אין פאָדערגרונט, הינטער אַ פאַרהאַנגענער בינע, האָבן זיך געהערט טענער פון מוזיק־אינסטרומענטן, אַ געשושקעריי פון מענער־און פרויען־שטימען. אָרליוק האָט זיך באַגריסט מיט זיינע אַרבעטס־קאָלעגן. פאַר געוויסע מיידלעך און יונגעלייט, האָט ער פאָרגעשטעלט פאַלקן. ביי די טישן האָבן זיך אויסגעזעצט גרופּן, חברות, פריילעך אַרומגעפלוידערט. יעדע גרופּע האָט זיך אויפגעזוכט זיינע לאַנדס־לייט, שטאַם אָנגעהעריקייט. אוקראַאינער צו אוקראַאינער, גרוזינער צו גרוזינער, קאַזאַקן האָבן אויפגעזוכט זייערע מענטשן. די אַזיאַטישע גרופּן פון פאַרשידענע געגנטן האָבן געגעסן און געטרונקען צוזאַמען.

אויך די יידישע גרופּע אָנגעשטעלטע אין דער האַנדלס־מיסיע האָבן זיך געקליבן צוזאַמען... מלכה און איר חבר ראַוויטש, דער סטודענט וויש־ניאַק און זיין פרוי, דער לאַנגער חפץ איז געקומען אַליין. מעלאַמוד האָט אויך מיטגעבראַכט זיין פרוי, די רוסישע לערערין, וואָס האָט גערעדט אַ פּערפעקטן רוסיש, אָן אַן אַקצענט, כאָטש געקרעכצט האָט זי אויף יידיש... מעלאַמוד האָט, אַ פאַרשעמטער, געזאָגט צו פאַלקן:

— מיינע קרעכצט צוליב אירע נייע, ענגע שיך, וואָס זי האָט זיך היינט נאָכמיטאָג געקויפט לכבוד יום־טוב... פון דער אונטערגרונט־באַן סטאַנציע, ביז דאָ אַהער, איז זי קוים, אַ לעבעדיקע, אָנגעקומען... דערביי זענען מיר נאָך פאַרפאָרן אַ סטאַנציע ווייטער, ווי מען דאַרף... — האָט אַ גוטמוטיקער שמייכל זיך צעפינקלט אין זיינע קלוגע אויגן — אַ גליק,

וואָס די יידישע גרופּע אונזערע איז נישט מחויב צו געבן קיין טאַנץ־ספּעקטאַקל...

אַרליוק, האָט זיך אויך צוגעזעצט צום יידישן ווינקל; און נאָך דער רעדע פון אַ בכבודיקן אַלטיטשקן, מיט אַ „קאַלינין פּנים", נאָך אַ כוסה און פּאַרבייסן, האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער טייל פון ספּעקטאַקל. אַ סצענע פון אַ „איזבא". פיר מענטשן זענען אויף דער בינע; צוויי פון זיי — אין נייע מונדירן פון רויט־אַרמייער. די אַנדערע צוויי זענען אַ פּויערטע און אַ יונגער פּויער, איר זון. די צוויי יונגע רויט־אַרמייער, שכנים פון דער משפּחה, זענען געקומען מיטנעמען זייער חבר מיט זיך אין דער שלאַכט קעגן די ווייסע... די מוטער אָבער לאָזט נישט... דער גאַנצער דיאַלאָג ווערט געזונגען. די פּרימיטיווע מעלאָדיע און דאָס געזאַנג נעמט אַדורך, האַלט דעם גאַנצן עולם אין פּאַרכטיקער שטילקייט. די צוויי חברים מוסרן דעם יונגן פּויער:

— וואַניאַ! וואַניאַ! דו דרייסטער! אַדלער דו. וואָס איז פון דיר געוואָרן?

די מוטער אָבער, מיט אַ טיף און וואַרעם מאַמעדיק קול, זאָגט:

— ניעט! אי ניעט!... גייט אייך געזונטערהייט, וואַניושקאַס חברים; איך האָב דעם לעצטן קריג פּאַר אַ קרבן אָפּגעגעבן מיין מאַן, מיין געליבטן מאַטוועי... און איצט ווילט איר נאָך מיין זון מיר צונעמען? מיין לעבן?... די נשמה מיינע... ניעט! אי ניעט!...

די חברים גייען אַוועק, און דער רעפּריין זינגט זיך ווידער: „אי בעז טעביאַ, באָלשעוויקי אַבאַידוטסיאַ"... (אויך אָן דיר, וואַניאַ וועלן אונזערע זיך אַן עצה געבן...). פּאַרהאַנג. נאָך די ספּעקטאַקלען, גיט יעדע עטנישע גרופּע באַזונדער איר אַ סקעטש, אָדער אַן איינאַקטער. נאָך אַ דונערדיקן כאָר־פינאַל; „קראַסנאַיאַ אַרמיאַ, אַד ווסעך סילנאַי"! (די רויטע אַרמיי איז שטאַרקער פון אַלע) הויבט זיך ערשט אָן די גרויסע הוליאַנקע: עס און טרינק און לאָז דיר ווילגיין...

די גרוזינער, אין זייערע טראַכטן, אין די ברוינע, שוואַרצע לאַנגע אַבאַיעס, באַצירט מיט פּאַטראָנען־טאַשן אַרום דער ברוסט, מיט קורצע, זילבערנע קינזשאַלן אַרום די לענדן, ציען צו דעם עולם מיט זייערע „לעזגינקעס" און שווערדן־טענץ. זיי עסן און טרינקען מיט אַ מאָס, ס'איז פרייער אַרום זיי. ביי די אוקראַינער, מיט זייערע בלאָנדע, און פעסטע ווייבער, גייט מען אַרויס אין אַ ווילדן, טומלדיקן „קאַפּאַק", אַזש די פאַלירטע פּאַדלאָגע קרעכצט אונטער די רויטע, גלאַנצנדיקע שטיוול. אַרום אַ בופעט עסן

און טרינקען, מיט אַפּעטיט, אַ גרופּע קאָזאַקן־משפחות; די שיינע ווייבער זייערע זענען דער מיטלפּונקט פון ספּעקטאַקל. דאָרט לאַכט מען הויך אויף אַ קול מיט פאַרשלאָסענע אויגן, מיט געזונטע, יונגע ציינער. מען קרעכצט פאַר תאווה, ווען מען לאָזט אַראָפּ אַ גוטן ביסן, אָדער מען דערקוויקט זיך מיט אַ כוסה... עד!...

פאַלק שטייט ביי יעדן בינטל אַביסל, קאָן זיך נישט זאַט אָנקוקן פון די מנהגים, פון זייערע בונטפאַרביקע קליידער, פון די טענץ, פון יעדער עטנישער גרופּע באַזונדער. ער קוקט אויף די פרויען פון די פאַר־שידענע רוסישע גובערניעס און פּראָווינצן; טונקל־ברוינע, מיט גליאיקע, שוואַרצע אויגן און האָר; שלאַנק און בויגעוודיק, אין זייער לייכטן גאַנג; פרויען, בלאָנד־האָריקע, מיט ווייסע מילכיקע פּנימער, הויך און ברייט אין די היפּטן, מיט אָפּגעדעקטע, ראָזיקע נאַקנס און אָרעמס; זייער זאַפטיק געלעכטער, מיטן פולן מויל, מיט תאווה׳דיקע, רויטע, פרישע ליפּן, וואָס צעעפענען זיך, און דעקן אויף צוויי שורות ווייסע, בלענדנדיקע ציין. קוקנ־דיק אַזוי אויף זיי, ווערט ער מיטגעריסן פון זייער זאַרגלאָזיקייט, פאַרשי־כורט פון זייער ווייבלעכן ריח. דאַכט זיך פאַלקן, אַז ער געפינט זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן צווישן עכטע פרויען... נאָך די סטודענטקעס, פון דעם יידישן סטודענטן־היים, נאָך די מיידלעך פון דער גרענאַדיר־שטראָסע, וואָס קומען אין די אָוונטן דאָרט אַרויף; פון זיי פון די כלה־מיידלעך, קען ער נאָר די צניעותדיקע אויגן זייערע, די בלייכע ליפּן, די טרויעריקע הענט... דאָ אָבער זענען די ווייבערישע, בלענדנדיקע נאַקנס און ברוסטן, אָפּגעדעקט בריוות, — נאַדיר און זע! פון די ברייטע קליידער אָפּער, אין צעפלאַקער פון אַ ווילדן, צעברויזטן טאַנץ, דעקן זיך אָפּ ווייסע, פעסטע פיס, ביז טיף איבער די קניען אַריבער.

ער שטייט און גאַפט, דער יידישער בחור, מיט הייסע אויגן; די קו־לות ווערן אַלץ העפטיקער און טומלדיקער. אין גרופּע וויל די צווייטע איבערשטייגן; דאָס קאָנקורירן די ווייבער־שבטים צווישן זיך, מיט זייערע טענץ... מיט זייערע בונטפאַרביקע קליידער... מיט זייער ווייבלעכ־קייט... ער קוקט זיך אַרום. אַרליוקן האָט ער ערגעץ פאַרלוירן דאָ, אין דעם ברויזנדיקן מענטשן־ים.

די יידישע גרופּע איז בטל בששים געוואָרן צווישן די פעלקער פון גרויסן רוסלאַנד... זיי האָבן זיך ערגעץ אויסגעמישט און ער געפינט זיי נישט מער. פון אַ טיש רייסט זיך איינער אויף מיט מיט קול נגינה, מיט אַ שפּרונג, שטייט ער אויפן טיש, און צעפירנדיק די לאַנגע אָרעמס, טוט ער אַ ווײַן אַרויס:

פּעי, מאַיאַ דיעווושקאַ...
פּעי, מאַיאַ מילאַיאַ...
עטאַ, פּלאַכאַיע ווינאַ...
אַבאַ, מי נישטשעיע,
אַבאַ, מי בידנעיע...
שטשאַסטסיע נאַם ניע דאַנאַ...

(טרינק מיין מיידל, טרינק מיין ליבינקע, דאָס איז אַ שוואַכינקער ווייַן... ביידע מיר אָרעמע, ביידע מיר אומגליקלעכע, דאָס גליק וועט פֿאַר אונדז שוין נישט זיין...)

צוויי יונגעלייט, מיט בייזע אויגן, רייסן דורך דעם קרייז אַרום דעם זינגער, מען הייבט אים פֿלינק אַראָפּ פֿון טיש, מען טראָגט אים אין אַ זייטיק צימערל.

פּלוצלינג ווערט אַ צוזאַמענלויף אין אַ ווינקל פֿון זאַל, אַרום אַ ליאַ־רעמדיקע גרופּע בגילופֿנדיקע. פֿאַלקן דוכט זיך, אַז ער הערט אַרליוקס קול, וואָס איז אים אַזוי היימיש און באַקאַנט. ער ווערט געטראָגן פֿון שטראָם, וואָס רוקט זיך צו יענעם טיש, פֿון וואַנען דאָס קול קומט. יאָ! ס'איז אַרליוק, וואָס רעדט הויך. הינטער אים — מלכּה, ווייס ווי קרייד, און הינטער איר — ראַ־וויטש מיט אַרויסגעזעצטע אויגן. דער לאַנגער חפֿץ, מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אַרומיקן עולם, זעט אויס גלייך ער וואָלט געשטאַנען אויף אַ באַנק. ער שרייט צו אַרליוקן אויף יידיש:

— לאָז אים נישט אָפּעט, אַרקע!

אַרליוק, איבערגעבויגן איבער אַ יונג, וועלכן אַ האַלב טוץ יונגען, מיט צעשויבערטע געלע טשופּרינעס, באַשיצן, זאָגט געלאַסן, אָבער שטרענג:

— אַ נאַ! פּאַווטאַרי. שטאָ טי סקאַזאַל?...

דער יונג פּינטלט ווי נישט מיט זיינע אויגן:

— סקאַזאַל? יאַ... סקאַזאַל...

און וואַקלענדיק זיך, וואַרפֿט ער גלעזערנע בליקן אַרום זיך. פֿון דער חברה אַרויס הערט זיך אַ קול:

— העי! סטעפּאַן! פּאַווטאַרי, ניע באַיס... (זאָג, האָב נישט קיין מורא).

— יאַ סקאַזאַל — באַקומט דער יונג מוט — שטאָ יעווריעיע, עטאַ פּאַדמאַזאַווּשי עעלע — — — מענט...

און אַז אַרליוק האָט אים דער ערשטער פֿאַרפֿאַרן אין דער מאָרדע,

און דעם יונגס חברים האָבן זיך געוואָרפן אויף אַרליוקן, איז פאַלק מיט אַ שפּרונג געשטאַנען לעבן אַרליוקן; און זאַלבע דריט (דער לאַנגער חפץ, פאַלק און אַרליוק) האָט מען אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט די פויסטן. ווייל די ווייבער פוןביידע צדדים האָבן פלינק אַראָפּגעכאַפּט די פלעשער און די גלעזער פון די טישן.

קיין גרויסן עולם האָט דאָס געשלעג נישט ארומגענומען. פאַר־קערט, מען האָט די שלעגער באַלד איזאָלירט, מען האָט געשאַפן אַרום זיי אַ קרייז פון אַ פּאָר פעסטע מענער, און קיינעם מער נישט צוגעלאָזט צו די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן צווישן זיך. מלכה האָט געטופּעט מיט אירע קליינע פיסלעך, געשיפּעט ווי אַ שלאַנג:

— ארקע, דערלאַנג אים, דעם כוליגאַן! זיין טריפהנעם פּרצוף צע־קלאַפּ!...

ווישניאַק, האָט ביים ערשטן געפּעכט, באַלד פאַרלוירן די ברילן, איז ער געלעגן צווישן ווייבערישע און מענערישע פיס, און געזוכט... מעלאַמוד, מיטן ווייב, וואָס זענען נאָר געקומען „יוצא" צו זיין, זענען שוין לאַנג אַוועק; אַזוי זענען נאָר ביים יידישן צד געבליבן פיר שלאַכט־לייט. דער לאַנגער חפץ, ראַוויטש, פאַלק און אַרליוק: מיט מלכה׳ן פאַר אַ צוגאַב, זי האָט געפּאַטשט ווער נאָר עס איז איר געקומען אין אירע ד׳אמות. זי וואָס האָט געקאָמאַנדעוועט מיט דער יידישער גרופּע:

— אַט יענעם, דעם געלן שמויגער... אַרקע, דערלאַנג!

נישט קאָנענדיק די קריגער פונאַנדעררייסן, האָט מען זיי אָנגעהויבן שטופּן צום אַרויסגאַנג. אָבער ביז די אַרויסגאַנג־טירן איז געווען ווייט, האָט מען זיך געשלאָגן מיט הפסקות... דער צד שכנגד, איז געווען אַ סך מער אין צאָל, ווי דער יידישער. דאָס זענען געווען יונגען, לאַנג און ברייט. זיי זענען אָבער אַוועקגעפאַלן, ביים ערשטן טראַסק, וואָס די יידי־שע פויסטן האָבן זיי דערלאַנגט. טויט־שיכור, האָבן זיי זיך געממיתט צווישן זיך גופא, אבי יענער האָט נאָר געהאַט טונקעלע האָר און שוואַרצע אויגן...

צוביסלעך האָט דער „שלאַכט־רוף" יעוורעי, אָפּגענומען, און דאָס וואָרט „זשיד" האָט פאַרטרעטן דעם קאַמפּס־פאַראָל. מיט אַ סך מי איז דעם גרעסטן טייל פון עולם געלונגען, ביידע שלעגער־מחנות אַרויסצו־שטופּן, ביז צו די ברייטע, מאַרמאָרענע אַריינגאַנגס־טרעפּ און פאַרהאַקן די טירן הינטער זיי.

די יידישע מחנה האָט דאָ אינצווישן, בעת דער דרענגעניש, פאַרלוירן מלכה׳ן און ראַוויטשן און זיי זענען געבליבן זאַלבע דריט.

דערפאַר אָבער זענען די אוקראַינישע יונגן אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער צאָל. דאָס זענען געווען צומייסטנס נייגעריקע, וואָס האָבן ליב צוצוקוקן אַ געשלעג. אָבער ווען די געלעגנהייט איז געווען האָבן זיי צוגעלייגט אַ פויסט...

אויף די גליטשיקע, פייכטע טרעפּן האָבן דעם לאַנגן חפץ געדינט זיינע לאַנגע הענט און פיס. שיצנדיק זיך דעם רוקן, האָבן די יידישע „סטראַטעגן" זיך געהאַלטן מיט די פּלייצעס ביי די פאַרשלאָסענע טירן; זיך פאַרפעסטיקט אויף די אויבערשטע טרעפּ, האָט חפץ געקאָנט דער־לאַנגען וועמען ער האָט נאָר געוואָלט. אַ שטרעק אויס אַ פוס, אָדער אַ האַנט, האָט ער אַראָפּגעשליידערט א יונג פון אַלע טרעפּ... אַרליוק און פּאַ־לק האָבן נאָר געהאַלטן „אויג" אויפן קעגנער:

— חפץ, פאַרנעם זיך אויף רעכטס... דערלאַנג אויף לינקס...

און ער האָט אומגעוואַלגערט די צעפּלאַשעטע, שיכורע יונגן, וואָס זענען געקראָכן אויף זיי, מיט פאַרמאַכטע אויגן, און אָן שכל...

די שלעגער פון ביידע צדדים זענען סוף כל סוף מיד געוואָרן. די צוקוקערס, פאַר וועמען זיך צו פלייסן, — זענען שיטערער געוואָרן. אַ טייל יונגען פון קעגנערישן לאַגער האָבן שוין פעסט געכראָפּעט אויף די קאַלטע מאַרמאָרענע טרעפּ... אַ טייל האָט געבורטשעט, שלאָפנדיק:

— אובעי !... בעי זשי...דאַוו...

און אויסגעצויגן זיך אויף די שטיגן.

אַרליוק מיט פּאַלקן האָבן זיך געזעגנט מיטן לאַנגן חפץ. נאָך אַנ־דערטהאַלבן שעה מאַרשירן איבער די נאַכטיקע גאַסן און אַלעען איבער בער־ליק, זענען זיי אָנגעקומען אין זייער שותפות־קוואַרטיר, אין דער שאַסעע־שטראַסע, באַטראַכט זייערע פּנימער אין שפּיגל, האָבן זיי זיך יינגלעריש צעלאַכט: פאַרבלוטיקט און פאַרבלאָטיקט זענען געווען זייערע יונגע פּני־מער... ביי פּאַלקן אויפן קאָפּ איז ווייליונגעריש געזעסן אַ באַראַנקאָווע, יווניש קאַלפּאַקל מיט לאַפּן. ער האָט עס בשעתן געשלעג, נישט ווויסנדיק אפילו, אַראָפּגעריסן פון איינעם אַ יונגס קאָפּ און זיך פאַרשלייערט דער־מיט. אַרליוק האָט געזאָגט, באַטראַכטנדיק דאָס היטל:

— כ'וואָלט אַ בעלן געווען, די „טשאַפּקע" מיטצונעמען אין דער האַנדלס־מיסיע... נאָר קיינער, בין איך זיכער, וועט זיך נישט באַקענען דערצו... זיי וועלן זיך שעמען, די אויסגעניכטערטע קאָליגאַנעס...

ביידע חברים האָבן ערשט דערפילט זייער מידקייט, און אַזוי, אין אָנטאָן, זענען זיי יעדער אין זיין נאַרע, באַלד און פעסט איינגעשלאָפן...

קאַפּיטל 14

אין יענע בערלינער יאָרן...

אין יענע בערלינער יאָרן 1924־25, פלעגט זיין, פאַלק׳ס שוואָגער, מאיר מוהר, אַ באַקאַנטער פּאָעט, מיטנעמען אים אויף פאַרשידענע מסיבות און וויזיטן ביי העברעאישע דיכטער און שרייבער, וואָס האָבן צייטווייליק געוווינט אין בערלין. איינעם אַזאַ וויזיט געדענקט ער ביי חיים נחמן ביאַ־ליק, אין זיין באַשיידענער בערלינער דירה. טרעפן פלעגט מען ביי ביאַ־ליקן פאַרשידענע פּערזענלעכקייטן, מענטשן מיט נעמען, סיי אָנפאַנגער, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו העברעאישער ליטעראַטור. שטענדיק אָבער האָט מען געטראָפן ביי ביאַליקן אַ מיטל־וווקסיקן, רויטלעכן מענטש, ברייט אין די פּלייצעס, מיט אַ פּנים, פון אַ קלוגן בעל־מלאכה. צווישן די געסט האָט מען גערעדט, אַז דער מענטש איז ביאַליקס לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע, באַזונדערס וואָס שייך תלמוד און זיינע מפרשים... און אַז דער מענטש האָט געקאָנט אויפוויזן, שוואַרץ אויף ווייס, אַז אין אַ שווערער פּלוגתא, צווישן „אביי און רבא״ אין אַ „מסכתא״ ערגעץ אין דער „גמרא״ האָט רבא זיך „סותר״ געווען און רעכט געהאַט האָט „אביי״... גערופן האָט זיך דער מענטש ברוך, לויט זיין פאַמיליע־נאָמען: קרופּניק. דער דאָזיקער ברוך קרופּניק האָט צונויפגעשטעלט און אַרויסגעגעבן אַ העברעאישן ווערטער־בוך, וועלכער איז נאָך ביז היינט גילטיק און ווערטפול...

צו יענער צייט, האָט ביאַליק געזאַמלט און צוגעגרייט מאַטעריאַל פאַר דעם באַרימטן „ספר אגדה״, וואָס ער האָט שפּעטער, צוזאַמען מיט ראַווניצקין, אַרויסגעגעבן אין ארץ ישראל. ער פלעגט דעריבער זיין שטאַרק פאַרטאָן אין נישטערן און נאָכזוכן אין אַלטע ספרים, אין זיין חדר מיוחד, אין זיין קליינער דירה, אָנגעשטאָפּט מיט ביכער, יקר־המציאות׳ן. ער פלעגט אַריינקומען פון ספרים־שטיבל מיט אַן אָפּגעריבן אָפּן ספר׳ל אין האַנט, גייענדיק אַזוי, נישט אויפהויבנדיק די אויגן, אַ מורמל טאָן:

— און איך בעבע... און בעבע... אַ לעבן לאַנג... און דאַ קומט צו גיין אַ ייד, אַן ערך, קנאַפּע טויזנט יאָר פאַר מיר... און זאָגט אין איין שורה, וואָס איך האָב צענדליקער יאָרן נישט באַוויזן צו זאָגן...

דאָס האָט ער געפונען, אַ זעלטענע שורה אין אַ שיר פון ר׳ שלמה איבן גבירול, אָדער פון משה בן אבן עזרא; און אַריין אין אַן עקסטאַז פאַר אַ געלונגען וואָרט פון יענע העברעאישע שפּאַנישע פּאָעטן, אָדער פאַר זיי־

ערס אַ װוּנדערלעכן סטראַף... נאַטירלעך, האָט ביאַליק איבערגעטריבן אין זײַן ענווות לגבי יענע גרױסע דיכטער... איך „בעבע" — האָט ער אויף זיך געזאָגט — און „בעבע"... פאַרשטײט זיך, אַז ביאַליק, װאָס איז שױן דעמלט געװען דער אַלגעמײן אַנערקענטער אַלימפּ פון דער העברעיִשער ליטעראַטור, דער אלף און דער תיו. דער פּסוק אחרון אויף דעם געביט, האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו רעדן פון זיך אין אַ לײַכטן, כמעט חוזק־טאָן... װײַל דער קלוגער פסוק אין משלי: יהללך זר, ולא פיך... (זאָל דיך אַ פרעמדער לויבן, נישט דײַן אײגן מויל) איז ביאַליקן געשטאַנען פאַר די אויגן. חוץ דעם איז „בעבען" געװען ביאַליקס אַ באַליבט װאָרט, אין זײַן זאַפטיקן ייִדיש...

פאָלק געדענקט אַ ריזן־מיטינג פון אַ פאָר טויזנט ייִדישע צוהערער אין אײנעם פון די גרױסע בערלינער זאַלן, מיט ביאַליקן אַלס הויפּט־רעדנער. פאַר ביאַליקס הויפּט־דרשה האָבן גערעדט פאַרשידענע אַנדערע רעדנער, און דער לעצטער, פאַר ביאַליקן, האָט גערעדט ד״ר יהושע טאָן, פון קראָקע. געװען איז ד״ר יהושע טאָן, אַ חוץ אַ ראַבינער אין דער באַרימטער שטאָט קראָקע, אויך סיים־דעפּוטאַט אין װאַרשע, שעף־רעדאַקטאָר פון דער פּויליש־ציוניסטישער צײַטונג, אין קראָקע „נאָווי דזשיענניק". צוליב דעם פאָלקס־כאַראַקטער פון יענעם מיטינג, און צוליב דער אוידיטאָריע פון די „ברײטע מאַסן" (אַ „פאָרמולע", װאָס איז דעמאָלט געװען זײער אין דער מאָדע), האָט דער קראָקעװער ד״ר ראַבינער, רעדאַקטאָר און סיים־דעפּוטאַט, אויך גערעדט ייִדיש...

און אַז ביאַליק האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דרשנען, האָט ער אָנגעהויבן אין זײַן זאַפטיקן, פּערלדיקן ייִדיש:

— רבותי! טײַערע ייִדן אונטערװעגנס... שוין אַ האַלבע שעה, װי דער ד״ר טאָן, בעבעט און בעבעט, און בעבעט...

דער זאַל האָט אַ לאַך געטאָן, און פאָלק האָט זיך זײַנע אויערן נישט געטרויט, צי ער האָט ריכטיק געהערט... זײַן גאַליציאַנער „פּאַטריאָטיזם" האָט אַ רגע בלויז זיך געפילט געטראָפן... נאָר דערזען, אַז דעם ראַבינערס פנים, מיטן גוט־געפלעגטן, ברוינעם, זײַדענעם בערדל פון ד״ר יהושע טאָן, האָט אויך אַ שמײכל געטאָן, האָט דעם עולם אַרומגענומען אַ הײטערקײט און דער גאַנצער זאַל האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט... און יעדער האָט פּלוצלינג פאַרשטאַנען, אַז ביאַליק מעג...

בכלל, האָט זיך ביאַליק מתיר געװען אַ סך אַזעלכע זאַכן. ער געדענקט אַ גרױסן, יום־טובדיקן זאַל אין דער קאַנט־שטראַסע, אין בערלינער

„וועסט״. דאָס האָבן די פּני פון דער בערלינער יידישער קהילה געפּייערט אַן „אפשיידס־אָוונט״ לכבוד ביאַליקן, צו זיין עולה זיין קיין ארץ ישראל...

אַלץ, וואָס בערלין האָט דעמאָלט פאַרמאָגט פון נאַציאָנאַל געשטימטן יידנטום, איז געווען אָנוועזנד אויף דעם „נשף הפרידה״ (אָפּשיידס־אָוונט) לכבוד ביאַליקן. דאָס רעדנער־לשון איז געווען דייטש און העברעאיש. דייטש האָט מען גערעדט אַ סך, און לאַנג. עס האָט גערעדט: דאָקטער זאָ אונד זאָ... און הערן פּראָפעסאָרן דער אונד דער... מענטשן מיט נעמען, פּערזענלעכקייטן. אַרום ביאַליקן זענען געזעסן די הויפּט־מחותנים פון מז־רח־יידנטום, כלל־טוער און שרייבער. ביי ביאַליקס רעכטער האַנט האָט געקיניגט זלמן שניאור, ביי זיין לינקער האַנט איז באַשיידן און קלוג געזעסן ד״ר שמריהו לעווין.

נישט ביאַליקס אויגן, נישט זיינע אויערן האָבן אנטיילגענומען אין דעם געזעגענונגס־אָוונט. לויטן אויסדרוק פון זיין פּנים, האָט מען געקאָנט מערקן, אַז ער הערט זיך נישט צו צו קיין שום רעדנערס רייד. זיי האָבן זיך געפלייסט איבערצושטייגן איינער דעם אַנדערן מיט דער אויסגעפּלאָס־טערטער, גלאַטיקער שפּראַך פון געטע און פון העלדערלין...

ערשט ווען ד״ר שמריהו לעווין האָט אים געזעגנט, אין אַ פּאָר פּשו־טע ווערטער, אין העברעאיש, האָט ביאַליק אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף אים, און אים מיט ליבשאַפט אָנגעקוקט. זלמן שניאור איז די גאַנצע צייט געזעסן, ווי ברוגזער: זיך אַ פּאָר מאָל אויפגעשטעלט, און פאַרלאָזט זיין פּלאַץ; אַריינשפּאַצירט אין די אַרומיקע קלענערע, ליכטיקע זאַלן, איז נאָך אַ ווײַלע צוריקגעקומען און, געלאַנגווײַלט, ווידער פאַרנומען זיין אָרט צווישן די געסט. זעענדיק שניאורן, ווי ער לאַנגווײַליקט זיך, האָט אַ יונ־גערמאַן, מיט אַ פּאָר פאַרזשמורעטע אויגן, מיט אַ קאָפּ לאַנגע, געלע האָר, וואָס זענען אים אַראָפּגעפאַלן ביז אויף זיינע אַקסלען, אַ זאָג געטאָן צו זיין שכן:

— אַן „ווייבער״, וואָס האָט דאָ זלמן שניאור צו טאָן?

פונדעסטוועגן האָט דער עולם געוואָרט, אַז שניאור זאָל „עפּעס״ זאָגן; עטלעכע ווערטער כאָטש, דערמאָנען עפּעס אַן עפּיזאָד פון זייער (ביאַליקס און שניאורס) באַקאַנטשאַפט, פון זייער ערשטער באַגעגעניש... גאָרנישט; שטום און זויער איז ער געזעסן, דער שיינער מאַנספּאַרשוין, דער טאַלאַנטירטער פּאָעט, און זיך אַליין באַשטראַלט...

ביאַליק, גלייך ער וואָלט די גאַנצע צייט געטראָגן אויף זיך די לאַסט פון שניאורס אומצופרידנקייט, האָט געפילט, אַז זיין באַשיינער, וואָס ביי זיין רעכטער האַנט, זיצט דאָ, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה... האָט ער

אים מיט עפּעס געוואַלט אַנטקעגנקומען, אים עפּעס געבן. אויפשטעלנדיק זיך צו האַלטן זיין דרשה, האָט ביאַליק אָנגעהויבן, צום חידוש פון גאַנצן עולם:

— אומרים עלי, שאני מפזר הסכמות... (מען זאָגט אויף מיר, אַז איך גיב אַרויס לייכט הסכמות). זה לא אמת! (דאָס איז נישט ריכטיק). הסכמה אחת נתתי, ולא טעיתי... (אָבער איין גוטע צייגעניש האָב איך אַרויסגעגעבן, און זיך נישט טועה געווען). וזה הוא (און דאָס איז ער) — אָנווייזנדיק אויף שניאורן, האָט ביאַליק מיט זיין רעכטער האַנט אים אַ נישקשה׳דיקן טראַסק געגעבן אויף זיין אַקסל... שניאור איז רויט געוואָרן, ווי אַ יונג כלה־מיידל און אויסנוצנדיק דעם טומל, וואָס איז אַנטשטאַנען, ווען דער עולם, נאָך ביאַליקס קורצער דרשה, האָט גענומען טרינקען לחיים; אויס־נוצנדיק דעם גערודער, איז שניאור, מיט אַ צעפלאַמטן קאָפּ, אויפגעשטאַ־נען פון טיש, און פאַרשווינדן אין איינער פון די אַרויסגאַנגס־טירן פון ליכטיקן, יום־טובדיקן זאַל...

דריטער טייל

וואָרמס (ביים רהיין)

קאַפּיטל 1

דער לאַנדווירט האַנעס שינדלער

אין איינעם אַ רעגנדיקן סוף־אַפּריל פֿאַרנאַכט, קומען אָנצורוקן, מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס, מיט פֿאַרבלאָטיקטע, באַנאַגלטע, שווערע, זעלנערישע שיך, צוויי חלוצים, צוגעשיקטע פֿון בערלינער חלוצישן צענ־טער. זיי קלאַפּן אָן אין ערשטן שוואַך־באַלויכטענעם דאָרפֿישן הייפֿל.

אַ הונט אויף אַ קייט מאַכט דאָרט אינעווייניק אַ געוואַלט; נאָך אַ ווייל, פֿרעגט אַ פֿרויען־שטימע פֿון הינטערן טויער:

— צו וועמען דאַרף מען?

— צום לאַנדווירט שינדל — ענטפֿערט איינער פֿון די יונגען.

— שינדל?

— אך! ניין! שינדלער אוודאי.

— און צו וועלכן? — פֿרעגט אַלץ די פֿרויען־שטימע, אויפֿעפֿענענדיק אַ שמאָלן שפּאַלט פֿון טויערל — צו האַנעסן, אָדער צום ברודער?

— צו האַנעסן! — זאָגט איינער פֿון די צוויי חלוצים.

— זאָלן זיי נאָר גיין גראַד אויס, ביז צום קלויסטער־פּלאַץ, דאָרט אַקעגנאיבער וווינט ער, דער שינדלער האַנעס.

אין הויף ביי שינדלערן, האָט מען שוין פֿאַרענדיקט די אַרבעט פֿון טאָג. די בהמות און די משפּחה, זענען שוין נאָכן עסן. די פֿויערטע פֿאַרעט זיך נאָך אַרום דעם געפֿעס, אין דער פֿויער, מיט דער קורצער געמאַלעווע־טער פֿאַרצעלייענער פּייקע צווישן די ציין, זיצט אויבנאָן ביים טיש, באַלויכטן

פון אַ קאַרג עלעקטריש לעמפּל, פּאַרטאַטשנע באַהאַפטן צו דער וואַנט, פּאַרטיפט אין דער מאַגערער לאָקאַלער צייטונג. די עלטערע פון די צוויי טעכטערלעך העלפט דער מאַמען ביים געפעס, די יונגערע, ס׳מוזשיניקל, בלעטערט לעבן פאָטער אַ יוגנטלעכן בילדער־זשורנאַל. אַ ריח פון גע־פּרעגלטע וווּרשט, רויך פון אַ שטאַרקן פּייקע־טאַבאַק, הילט איין דאָס האַלב־טונקעלע קעכל. די יונגען, פאַרשוויצטע, דורכגעווייקט פון גאַס־רעגן, לייגן אַוועק די רוקזעק אין אַ ווינקל. די פויערטע הייסט זיי אויסטאָן די רעק־לעך, צום טרוקענען, און ווייזט זיי אָן אַ פּלאַץ ביים טיש. זי בלאָזט אויף דאָס פייער אין אייוועלע, פאַרעט זיך אַרום אַ פאַן, און אַ געציִשעריי פון צעשמעלצנדיקן שמאַלץ צעשפּריצט זיך מיט אַ היימישער פריילעכקייט. דער פויער לייגט אַוועק די צייטונג, באַטראַכט מיט די קלוגע אויגן די צוויי „בערלינער" און טוט אַ פאַנפע פון די גראָבע שוואַרצע וואָנסעס אַרויס:

— דורכגעווייקט געוואָרן, וואָס ?

— יאָ! פון נאָענטן באַן־הייפל, ביז אַהער, איז אַ גוטע שעה גאַנג, און ביי אַזאַ גאַס...

— ס׳איז אָבער זייער נויטיק דער רעגן. אַ גאַנצן חודש אַפּריל האָבן מיר טרוקן וועטער געהאַט, די ערד — האַרט ווי צעמענט, און דאָ האַלטן מיר ביים קאַרטאָפל זעצן באַלד...

ער רעדט, די פּייקע צווישן די ציין, אַז מען פאַרשטייט אים נישט קיין סך, כאָטש ער פּלייסט זיך מיט די גרויס־שטאָטישע צו רעדן „הויך־דייטש". ס׳טעכטערל ביים אַלבום כאַפּט בגנבה אַ פאַרבאַרגענעם בליק אַמאָל אויף איינעם, אַמאָל אויפן צווייטן יונגנמאַן. זיי זיצן דאָ ווי צוויי באַשעפעניש פון אַ ווייטער, פרעמדער וועלט. די הויכע פויערטע שטעלט צום טיש אַ קרוג ווייַן מיט צוויי גלעזער, לייגט אַוועק אַ גרויס קיילעכדיק קאָרן־ברויט, אַ גאָפּל מיט אַ מעסער, און יעדן אַ טעלער מיט געפּרעגלטע וווּרשט־ און בראָט־קאַרטאָפל :

— זופּ! — זאָגט זי — עסן מיר נישט אויפדערנאַכט.

נאָכן עסן זאָגט די פויערטע, אַז מ׳איז מיד, זענען די בעטן שוין גע־מאַכט.

— ניין — מען איז נישט אַזוי שטאַרק מיד — ענטפערט מען. און מען בלייבט זיצן.

— ווי הייסט מען ? — פרעגט דער פויער.

איינער פון די צוויי חלוצים זאָגט זיין נאָמען : פירשטנבערג...

— פירשטנבערג ? — חידושט זיך דער פויער, חזרט איבער, גלויבנ־דיק, אַז ער האָט נישט גוט געהערט — פפירשטענבערג ?...

— און ער? — ווענדעט ער זיך צום צווייטן חלוץ אין דער דריטער פּערזאָן.

— פֿאַלק! — פּאַלט אַ קורצער, טרוקענער ענטפֿער פֿון צווייטן חלוץ.

— יודן?

— יאָ!

— צי מען האָט שוין אַמאָל געאַרבעט לאַנד־אַרבעט — וויל דער פּויער וויסן.

— ניין! — ענטפֿערט פּירשטענבערג — מיר זענען געקומען דאָ לערנען... כּדי צו קאָנען שפּעטער אונדזער לאַנד באַאַרבעטן...

אין דער קיך־טיר זאָגט אַ מיידל־קול „אַ גוטן אָוונט". זי בלייבט דאָרט שטיין אין דער טונקל.

— ווער איז? — פֿרעגט דער פּויער צו די שטוביקע. די קליינע טאָכטער זיינע זאָגט:

— ס'איז אַננאַ, דעם פּעטער יאַכב'ס.

די פּויערטע פֿרעגט די אַריינגעקומענע:

— וואָס איז? און וואָס עפּעס קומסטו אין דער שעה?

ס'מיידל גייט פֿון ווינקל נישט אַרויס, און פֿון דער טונקל דאָרט זאָגט זי:

— דער פֿאָטער אירער הייסט פֿרעגן ביים פּעטער האַנעס, אויב... אויך... — זי שטאַמלט, געפֿינט נישט קיין פּאַסיק וואָרט. זי טוט שנעל אַ מורמל — אויב „אונדזערער" איז אויך שוין אָנגעקומען...

עס ווערט אַ ווײַלע שטיל. זי שטייט דאָרט, די אַננאַ, בלויז די אויגן אירע לויכטן אין קיכן־ווינקל.

— אָה! — כאַפּט זיך פּירשטנבערג אין וואָס דאָ גייט — מיין פֿריינט? יאָ, מיר זענען צוזאַמען אַרויסגעפֿאָרן פֿון בערלין, די זעלבע באַן גענומען; נאָר ער, מיין פֿריינט, איז איבערן טאָג אין פֿראַנקפֿורט געבליבן ביי זיינע אַ מומע; ער וועט וואַרשיינלעך קומען מאָרגן.

שיין דאַנקענדיק, פֿאַרשווינדט דאָס מיידל פֿון קיך. די פּויערטע זאָגט:

— כ'ווייס נישט צו וואָס יאַכן דאַרף האָבן נאָך אַ מענטש אין זיין ווירטשאַפֿט... אַ קנעכט, און אַ דינסט־מויד איז אים ווייניק? וואָס וויל ער? אַ פּרינצעסין מאַכן פֿון זיין טעכטערל?... — און מיט אַ חוזק שמייכעלע גיט זי צו: — די „שליחות" אין אַזאַ מבול רעגן האָט זי אויך נישט געמאַכט צוליב איר פֿאָטער; פֿיל מער די נייע געקומענע יונגעלייט צו באַקוקן...

די קליינע מויד ביים בילדער־אלבום צעלאַכט זיך זאַפּטיק און מיט אַ ווילדער הנאה...

— אַהע! אַהע! — דרייט דער פויער בייז מיטן קאָפּ — וואָס גייט עס דיך דאָס אַלץ אָן... ווייב!

ער שטעלט זיך אויף.

— צייט — טוט ער אַ ברום אין די וואָנסעס אַריין — נאַכט צו מאַכן, און שלאָפן גיין.

קאַפּיטל 2

די קליינע עמאַ

ער איז שוין איינגעהיימישט, פאַלק. ער קען שוין דעם אַקער פון זיין פויער; עס פילט זיך שוין פון אים דער ריח פון שטאַל און פון פעלד. אין אַ קלאָר, זוניק וועטער, אַז מען קוקט פון וויין־בערגל אויס, זעט מען די שפּיץ־טורעמס פון היידלבערג; אויף דער רעכטער זייט, צום רהיין צו, ליגט וואָרמס, אויף דער לינקער זייט — די אַלטע שטאָט שפּייער, אַביסל ווייטער — פירמאַסענס. דער הימל איז לויטער, די טאַונוס־בערג פון דער ווייט בלענדן אין דער זון.

מיטן היי־גאָפּל אין דער האַנט, שטייט ער אין דעם בליענדיקן גערשטן־פעלד, אויסצורייסן דאָס שלעכטע גראָז.

די קליינע, דרייצניאָריקע עמאַ איז מיט אים, עס קומט אים שווער אָן נאָכצוקומען איר אין דער אַרבעט. ביים צווייטן פרישטיק, אין שאָטן פון ריזיקן ניסן־בוים, זיצן זייביידע אויפן גראָז און רוען אויס אַ ווײַלע נאָכן עסן.

די זון שטייט שוין הויך אין הימל. אַ לערכע האַלט זיך דאָרט גרינג אין דער לופטן, און באַזינגט מיט חדווה די בליענדיקע, פרידלעכע געגנט. די קליינע פאַרעט זיך אַרום אַ רויט געבלימלט טיכל, איר קאָפּ פון דער הייסער זון צו באַשיצן. זי פלעכט עס קונציק אַרום אירע גלאַנציקע קאַשטאַניען־האָר, ווי אַ דערוואַקסענע. זי זיצט אין איר דינעם פערקאַלענעם „דירנדל״־קליידל, ווי אין אַ רונדן פאַרביקן קרייז אַריינגעזעצט; בלויז דער אויבערשטער טייל פון איר שוין געפאָרמטן יונגן קערפּער, שטעקט אַרויס פון הויכן גרינעם גראָז. ס׳פּנימל אירס לויכט ווי אַ מאַלינע אין

פּאַרטאָגיקן טוי; אירע הייסע, ברוינע קינדערישע אויגן, די קאַרשן־רויטע ליפּן, אַ נישט פּאַר איר עלטער, זאַפּטיקער פרויען־געלעכטער, דער שטאַר־קער וווקס אירער, וויגט זיך צווישן קינד און פרוי...

אַהאַ, די קליינע, שטראַלנדיקע עמאַלע... רכילות אַפילו קאָן זי אויך שוין רעדן פּונקט ווי אַ גרויסע. און אויף וועמען רעדט מען דאָס אַזוי, מיט אַזאַ אייפער, און מיט ברען? אויפן פעטערס יאַאַכנס בת־יחידה, די „פּרינ־צעסין" אַננאַ.

— ביי אונדז אין שטוב — זאָגט זי — מוז מען שווער האָרעווען. אַלע! דער פאָטער, די מוטער, די שוועסטער, און אַפילו איך. נישט אַזוי, ביים פעטער יאַאַכן. אַננאַ? אויף קיין אַקער גייט זי נישט אַרויס. אין שטאָל אַריין? וועט זי זיך די לאַקירטע שיכלעך פאַרשמירן. זי קלימפּערט דער־פאַר אויפן קלאַוויר, און שפּאַצירט אַרום אין אַ שטרוי־הוט מיט אַ רויטן באַנד.

זי פּליקט, פאַרטועגערהייט, דאָס גראָז אַרום זיך און מיט אַן ערנס־טער מינע גיט זי צו:

— אַלץ דערפאַר, וואָס פעטער יאַאַכן איז אַ גוטער.

באַלד צעלאַכט זי זיך. מיט אַ זאַפּטיק געלעכטער, בייגט זי זיך אויס מיט איר גאַנצן אויבער־קערפּער אויף צוריק, אַזש דאָס צוזאַמענגעשנירטע דירנדל־קליידל אַרום איר שמאַלינקער טאַליע ווערט אַנגעצויגן ווי אַ הויט אַרום אירע שלאַנקע היפטן:

— דו ליבער הימל! — טוען אַ בלענד אין דער זון אירע יונגע ציין — צו מיין פאָטער אין די הענט אַריין ט'זי באַדאַרפט אַנקומען, די פּרינצעסין אַננאַ!...

מען זעט, אַז די קליינע רעדט דאָס נאָך דער מוטערס רייד. און פון־דעסטוועגן פילט זיך, אַ סך אייגענע נישט פאַרגינערישקייט און חוזק אין אַט די קינדישע רכילות אירע...

— און דו? — זאָגט פאַלק — דו האָסט אויך אַ שטרוי־היטעלע?

— יאָ! — ענטפערט זי ערנסט — אָבער נאָר אויף זונטיק. און מיט בלאָע סטענגעס.

— אַ רויטן באַנד?...

טוט זי אַ ברי אָפּ פאַלקן מיט אירע הייסע, ברוינע אויגן.

— ניין! קיינמאָל נישט וועט זי טראָגן אַ רויטן באַנד אַרום אַ שטרוי־הוט...

— אַפילו ווען דו וועסט אַזוי גרויס זיין ווי אַננאַ? — פרעגט זי פאַלק.

— יאָ! — ענטפערט זי שטרענג און ערנסט — יאָ! אַפילו אַזוי גרויס...

די אַרבעט אין פעלד, וועך עס איז נישט געוווינט צו איר, פון די קינדער-יאָרן אָן, צעברעכט גלידער און קנאָכן. אויף דער נאַכט פילט מען מער נישט קיין הונגער, פאַר מידקייט; צום שלאָפן גיין, קאָן מען מער די פינגער נישט איינבויגן פאַר שטייפקייט, נאָך אַ גאַנצן לאַנגן זומער-טאָג אַרבעטן מיט די פעלד-מכשירים; צום אויפשטיין פאַרטאָג, מוז מען איינציקווייז די פינגער אויפמאַכן, צו קאָנען האַלטן דאָס שטיקל זייף ביים וואַשן זיך; שטייף און געליימט זענען זיי, די פינגער, ווי די שטעכער פון אַ גאָפּל. מיט אַ שווערן רויש אין קאָפּ, צעחושט, הערט מען דעם פויערס שווערע פויסט, און זיין גרילצנדיק קאָסערן-קול רייסט אויף די דינע טיר פון שלאָף-קעמערל:

— אַאָאופף!

די געלענקן פון די הענט ווילן נישט געהאָרכן, זיי ברעכן און טוען ווי ביי יעדן באַריר מיט די זאַכן. די האָר פון קאָפּ צו פאַרקעמען איז שווער. און דאָ וואַרט אויף איינעם ריזיקע וועגענער מיסט אויפצולאָדענען, די פערד צו פוצן, די בהמות צו פיטערן, און די אַרבעט אין פעלד אַ טאָג-לאַנג, וואָס ציט זיך אָן אַ סוף.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען פאַלק אַרבעט איינער אַליין מיטן אַקער ביים „נאַפּאָלעאָנישן" הויפט-וועג, זעט ער אין טאָל, וווּ דער וועג לויפט אַדורך, איינעם אַ מענטש שפּאַנען, שנעל און לייכט שפּאַנט דער מענטש, צו דער נאָענטער באַן-סטאַציע. פאַלק מאַכט אַ דעכעלע איבער די אויגן מיט דער רעכטער האַנט זיינער, דעם בליק פון די קעגנאיבערדי-קע זון-שטראַלן צו שיצן. אין דער לינקער האַנט האַלט ער די מאָטיקע ביי זיינע פיס, ווי אַ זעלנער די ביקס. יאָ! פון וועג אַהער ווינקט מען צו אים. ס'איז טאַקע פירשטנבערג, דער „חלוץ שני", זיין אַרבעטס-„גענאָסע". מיט די קורצע פיס איילט ער פון דאָרף אַרויס, מיט זיין שטאָטישן „אַקטן טאַש" אונטערן אָרעם און אויפן רוקן — די שטראַלן פון דער יונגער זו-מערדיקער פרימאָרגן-זון... ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַ ווייל און שרייט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פנים צום בערגל צו, גלייך ער וואָלט געשריגן צום הימל:

— דאָס איז נישט... פאַר מיעע...

קאַפּיטל 3

אַננאַ

די טעג ווערן לענגער, גליאיקער, מען גרייט זיך אויפן היי־שניט. דער פויער, נאָך זון־פאַרגאַנג, נאָכן נאַכט־עסן, נוצט נאָך אויס דאָס ליכט פון טאָג, אויף צו שמירן און איילן די שנייד־מאַשין. מיט דער געמאַלעוועטער פאַרצעלייענער פייקע צווישן די ציין, קניט ער דאָרט אַרום די שטאָלערנע מעסערס, שרויפט, פיילט און פלוכט. אַ זאַפּטיקער „דאָנער־קייל" רייסט זיך אים אַרויס פון צווישן די בייערישע גראָבע, שוואַרצע וואָנסעס. און ווי צו דעם, וואָס שטערט אים דעמאָלט אין זיין עבודה. ער שטעלט זיך אויף, באַטראַכט דעם הימל אויף צפון־זייט. ער טוט אַ פאָנפע, ווי צו זיך אַליין: „אַז דאָס טרוקענע וועטער וועט אַזוי וייטער אָנהאַלטן, וועט מען איז אַ פּאָר טעג אַרום קאָנען אָנהויבן שניידן"...

אויף דער באַנק אין הייפל, צווישן צוויי לינדן־ביימער, זיצט פאַלק. עמאַ, אין אָפענעם פענסטער, ס׳קעפל אָנגעלענט אויפן געזימס, זיצט מיט די פיס אין שטוב, און מיטן ראַזיקן פּראָפיל צום געסל צו, און זינגט שול־מעסיק און מיט טאַקט:

איך ווייס נישט וואָס זאָל עס בעדויטן
דאָס איך זאָ טראַוריק בין,
איין מערשען אַאוס אוראַלטען צייטן
דאָס קאָמט מיר נישט אַאוס דעם זין...

פאַלקן לויפט דורך אַ גרויל דורך דער חוט השדרה. דאָס בלוט ווערט אים קאַלט אין די אָדערן; ער האַרכט דאָס ליד מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער שטעלט זיך האַסטיק אויף, און מיט לאַנגע, פעסטע טריט, נעמט ער שפּאַנען נישט ווייסנדיק וווהין. פּאַר אַ בריקל בלייבט ער שטיין. אַ וואַסערל וואַשט רוישיק אונטן די פאַרביקע מירמל־שטיינער. דער ברוזיג־דיקער געוויש באַרויקט אים, ער גייט אַראָפּ צום שטראַמל צו, און זעצט זיך דאָרט אַוועק אין טיפן גראָז אַריין. ס׳איז טונקל אַרום, נאָר אין מזרח־זייט ווערט דער האָריזאָנט אַלץ ליכטיקער און העלער, ווי אַ פייער וואָלט דאָרט געפלאַקערט, פון הינטער די בערגלעך.

„איך ווייס נישט וואָס זאָל דאָס באַדייטן" — חזרט ער איבער אין

יידיש דאָס נאָר וואָס געזונגענע ליד פון זיין פויערס טעכטערל. יאָ! — טראַכט פאַלק — דאָ אַרום דעם רהיין, האָט דאָס ליד גאָר אַן אַנדערן באַדייט. ער פליסט זיך פאַרצושטעלן דעם דיכטער פון דעם ליד — אַ בלאַסער... אַ פאַרחלומטער... ער גייט, דער פּאָעט, לענגאויס מיטן ברעג פון רהיין... אפשר ביי וואָרמס? — טוט פאַלק נישט ווילנדיק אַ מורמל אַרויס דעם נאָמען פון דער שטאָט; יאָ! — ווערט ער זיכער ביי זיך: נאָר אַרום דער אַלטער יידישער שטאָט וואָרמס, האָט היינע געבוירן זיין באַרימט ליד...

די לבנה, אַ פולע, אַ פייערדיקע, איז אַרויס פון הינטער די נאָענטע בערגלעך; די געגנט אַרום איז שטיל און „היינע׳איש". ער ווערט אַוועק פון דעם דאָרף — טוט אים פּלוצלינג אַ בליץ אין זיין מוח, נישט וויסנדיק פאַרוואָס... — אין אַ פאַבריק אַריין. אין אַ גרויסער שטאָט, צווישן מאַשינען און אַרבעטער; דאָרט, ווו ס׳איז נישטאָ קיין „וויכע טאָלן", קיין טרויעריקע וועלדער, קיין זון־פאַרגאַנג איבער די בערג... קיין זינגענדיקע עמאַלעך... און נישט קיין היינע׳שע... ער בלייבט שטיל; די לעצטע געדאַנקען האָט ער אַרויסגעשריגן כמעט אויפן קול; זאָל דאָס זיין טריט, וואָס ער הערט? אַרום זיך זעט ער קיינעם נישט, און וואָס עס טוט זיך אויפן בריקל אויבן, קאָן ער נישט זען. פונדעסטוועגן דוכט זיך אים צו האָבן געזען אַ שאָטן פון אַ מענטש. ער שטעלט זיך אויף, מיט אַ לייכטן שפרונג, שטייט ער אויפן בריקל. ניין! ס׳איז שטיל אַרום.

ווען פאַלק גייט אַרויף צו זיך אין שלאָף־שטיבל, זאָגט די פויערטע: אַז זיינער אַ לאַנדסמאַן, דער וואָס אַרבעט ביים שוואָגער יאָאַכן, איז דאָ ערשט געווען, און געפרעגט אויף אים. ער איז באַלד ווידער אַוועקגעגאַנגען.

— מיר האָבן געמיינט — זאָגט די פויערטע — אַז ער, פאַלק, איז געגאַנגען צו זיין קאַמעראַד. נאָר מיין קליינע האָט געזאָגט, אַז זי האָט געזען פאַלקן גיין צום בריקל...

ביי די לעצטע ווערטער פאַרשווינדט דאָס עמאַלע פון פענצטער, פאַרשעמט און בייז מורמלט זי אַרויס פון אירע קינדישע ליפּלעך: „קוואַטש!"...

— אויב עס גייט אים שוין בעסער — פאַרציט די פויערטע דעם שמועס — מיט די הענט זיינע? און דער קרעם, וואָס זי האָט אים פאַר עטלעכע טעג געגעבן, איינצושמירן, האָט געהאָלפן?

פאַלק ענטפערט, אַז עס גייט אים וואָס אַמאָל בעסער. מיט דער צייט וועלן אים די שמערצן פאַרשווינדן.

— אַן עכטער פויער וועט ער מיט דער צייט ווערן — פאַרענדיקט ער לאַכנדיק און גייט אַרויף די טרעפּלעך צו זיך אין שטיבל.

די לבנה איז אויפגעגאַנגען, אַנגעגאָסן זיין שלאָף־חדרל מיט אַ בלוי־מילכיק ליכט. ער האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן, זיך געלייגט אַזוי אין זיין חלוציש פעלד־בעטל, אויסרוען נאָך אַ הייסן, זומערדיקן אַרבעטס־טאָג. ער איז נישט מער אַזוי מיד ווי אין די ערשטע וואָכן נאָך זיין קומען אַהער. אַן געפיל, אַן געדאַנקען האָט ער דאָ פאַרברענגט די ערשטע צייט. נו, קומט ער פאַמעלעך ווידער צו־זיך, הויבט זיך אָן אַרומצוקוקן, אויסצולעבן. דער בחור, וואָס אַרבעט ביי אַננאַ׳ס פאָטער, וואָס האָט ער דאָ געוואָלט? איינמאָל, האָט ער אים ערשט געזען זייט ער איז דאָ, אויפן צווייטן אָוונט שוין, נאָך יענעמס קומען אין דאָרף אַריין, איז ער דאָ ביי אים אין זיין שטיבל געווען; פאַלק האָט אים דעמאָלט נישט געהערט אָוועקגיין. ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן אינמיטן דעם בחורס רייד.

ווי הייסט ער דאָס? ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, עפּעס אַ נאָמען וואָס פאַרענדיקט זיך מיט „קינד". זאלקינד? ניין. ליבקינד? אויך נישט. ס'איז נישט וויכטיק. מיט אַ פידל איז ער געקומען צופאָרן; אַז ער וועט זיך לאָזן וואַקסן אַ בערדל — האָט ער דעמאָלט דערציילט — דערנאָך געדענקט ער, פאַלק, מער נישט יענעמס רייד. און אָוועקגיין האָט ער אים שוין אויך נישט געהערט. אַננאַ זעט ער יעדן זונטיק דורכגיין, אין קעגנאיבער צום קלויסטער, מיטן ברייטן שטרוי־הוט, מיט דער רויטער באַנד אַרום די ראַנדן, אויף אירע הויכע, שלאַנקע היפּטן וויגט זי זיך דערנאָך אַהיים, אויפן הויפּט־וועג צום בריקל. זי וויגט זיך אין אירע קליינע, לאָקירטע שיכלעך.

יאָ — דערמאָנט ער זיך — זיסקינד הייסט דער בחור מיטן פידל. דעם לעצטן זונטיק איז אַננאַ דאָ דורכגעגאַנגען, אין אַ ווייס לייכט מוסעלין קליידל, מיט געהאַפטענע שפּיצן אַרום דעקאָלט, אַרום די אַקסלען, — אַ בלאָער זיידענער שלייף אַרום איר טאַליע, אין ווינט, האָט זיך דאָס קליידל לייכט געוויקלט אַרום אירע היפּטן, און געצייכנט בולט איר גאַנצן יונגן מיידלשן קערפּער. דורכגייענדיק זיין מאַנסאַרדע־פענצטערל, וואָס גייט אַרויס צום קלויסטער־פּלאַץ, האָט זי — ווי אים האָט זיך אפשר אויסגעוויזן — פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט, זיך צורעכט געמאַכט איר בלאָען זיידןבאַנד, מיט וועלכן דער יונגער מאַי־ווינט האָט עזותדיק געשטיפט... אין דער מאָרגן־זון פלאַטערט איר געשטאַלט ווי אַ בונט־פאַרביקער שמעטערלינג...

זיסקינד באַגלייט זי אויפן קלאַוויר מיט זיין פידל. יעדן אָוונט הערט

מען מוזיק פון זייערע אָפענע פענצטער. די האַנעסטע, עמאַ׳ס מוטער, זאָגט דאַן הויך אויף אַ קול, אַזוי אַז פאַלק זאָל אויך הערן:

— כאַטש אַזויפיל האָט זי זיך אויסגעלערנט, נאָר דריי יאָר זיין אין דער קרייז־שטאָט, אין פענסיאָנאַט... צימבלען אויף אַ קלאַוויר...

צומאָרגנס פאַרנאַכט, מען זיצט נאָך ביי פאַלקס בעלי־בתים, ביים אָוונט־עסן, קומט אַריין זיסקינד, שוין אַ געגעסענער, אָן אַרומגעוואַשענער, אין אַ דיק, גרין זיידן העמדל, מיטן ברוינעם שאַרטל, אין פיינע לעדערנע סאַנדאַלן אויף די נאַקעטע פיס. די יינגלישע קליידער מיט דער פאַרלאָזטער, טונקל־רויטער באָרד, אַרום זיין קינדיש פּנים, גייען שלעכט צוזאַמען; פאַלק צעלאַכט זיך, אַז ער דערזעט אים:

— מען האַלט טאַקע וואָרט? — לאַכט פאַלק — און דאָס בערדל וואַקסט?

ער לויפט אַרויף צו זיך אין חדר׳ל, פאַלק, זיך אַרומוואַשן, זיך איבערטאָן. זיסקינד בלייבט זיצן מיט דער משפּחה אַרום טיש. מען גיסט אים אָן אַ גלאָז ווייַן. ער אַנטשולדיקט זיך:

— קיין אַלקאָהאָל! אַ דאַנק!

— שוין רעכט! — זאָגט דער פויער — אויף די בערלינער קאָן מען זיך אַלץ רעכטן... נאָר צו אַרבעטן האָבן זיי נישט ליב... אין זיין רעגימענט זענען אַ סך בערלינער געווען. ער האָט זיי קענען־געלערנט, די פייגל... פיר יאָר קריג האָט ער מיט זיי פאַרברענגט...

די האַנעסטע פרעגט, אַזוי נעבן־ביי:

— ווו איז אַנאַ? און פאַרוואָס ער, זיסקינד, איז אַזוי זונטיקדיק אָנגעטאָן? און וווהין גייען זיי דאָס ביידע, ער און פאַלק?...

זיסקינד שטאַמלט:

— אַ... גאָרנישט... — זאָגט ער — ער וויל נאָר ווייזן זיין פריינט זיינע אַרבעטן אין מוזיק; אַ ליד — גיט ער צו אַביסל נישט דרייסט — וואָס ער האָט דאָ זעלבסט פאַרפאַסט...

די פויערטע ווייסט, אַז דעם גאַנצן אמת זאָגט דער פרעמדער נישט; אַנאַ איז הינטער דעם אַלעם... אָן אויסגעפּוצטע, ביי זיך אויף דער וועראַנדע, זיצט זי דאָרט און וואַרט. אין שיין־געשטריקטן גרינעם סוועטערל אויף איר ראָזן דורכזיכטיקן בלוזל, מיטגעברענגט פון דער קרייז־שטאָט, קיניגט זי דאָרט, די פּרינצעסין...

אַז פאַלק קומט אַרונטער, אין זיין, ביז צום האַלדז פאַרקנעפּלטע סאַטינענע שוואַרצע רובאַשקע, מיט די ווייסע, לאַנגע ליינענע הויזן, זאָגט די פויערטע אַביסל בייזלעך:

— אַז ער וועט שפּעט אַהיימקומען, פּאַלק, ליגט דער שליסל הינ־טערן הויף־טויער. ער דאַרף נאָר די האַנט דורך די שטאַכעטן אַדורכצו־טוען, וועט ער אים שוין געפינען...

די קליינע עמאַ, פון איר ווינקל אַרויס, בליצט אַהער מיט אירע היי־סע, ברוינע אויגן, און איז לויטער אויער. אַז מען דערטאַפּט איר בליק, לאָזט זי אים שנעל אַרונטער. גאַרנישט... זי שפּילט זיך נאָר מיט דער קאַץ...

אין דרויסן, אויפן וועג גייענדיק, זאָגט זיסקינד צו זיין פריינט:

— ס'איז אַנאַס געבורטסטאָג. מיר האָבן ביידע איינשטודירט עט־לעכע לידער; מיר וועלן היינט אין אָוונט צוזאַמען שפּילן... זי האָט נישט געהייסן רעדן דערפון ביים פעטער... זיי לעבן נישט גוט צוזאַמען, די ביידע ברידער־משפחות... וועגן דיר? ניין! וועגן דיר האָט זי גאָרנישט גערעדט... דאָס האָט נאָר דער פאָטער אירער מיר געזאָגט, אַז ער וויל, זיסקינד, קאָן ער מיטברענגען זיין פריינט. קיינער וועט דאָרט נישט זיין, אַ חוץ מיר ביידע און אַנאַ מיט איר פאָטער. די מוטער? ליגט דאָרט אַ קראַנקע שוין זייט צוויי יאָר אין איר שטוב. אויף דער ווערענדע זעט מען זי אַמאָל יאָ ליגן אין אַ לען־שטול... זי איז בלאַס און מאָגער; זי רעדט נישט מיט קיי־נעם... זיין אַרבעט? — זיסקינד שמייכלט — ער האָט כמעט נישט וואָס צו טאָן... דער קנעכט איז אַן אַרבעטס־אָקס, אַלץ ווערט געמאַכט אין דער צייט, און מען זעט אים קיינמאָל נישט זיך איילן. די דינסט אויך אַזוי, טוט און שווייגט. ער פּאָרעט זיך אַרום די קרוליקעס, זיסקינד, אַרום די עופות, און שפּילט פידל... ווירקלעך! ס'אַ קינדער־שפּיל, זיין אַרבעט...

יאַאַכנס ברייטער פּריצישער בנין, מיטן נייעם בלעכערנעם דאַך, שטייט אין עק דאָרף, נישט ווייט פון בריקל. דער ברוקירטער הויף מיט די שטאַלן זענען תמיד אויפגערוימט און זויבער. הינטער די שטאַלן איז די געמויערטע מיסט־גרוב און די קעמערלעך פאַר די חזירים, קרולי־קעס און עופות; הינטערן הויז שפּרייט זיך אַן אויבסט־גאָרטן, מיט שטאַ־כעטן אַרומגעצוימט, וואָס פירט צום טאַל, צום קוועלנדיקן, רוישיקן וואַ־סערל; פאַרשידענע סאָרטן בלומען אויף גוט געפלעגטע בייטן בליען דאָרט און וואַקסן אין פאַרשידענע סעזאָנען פון יאָר. זי, אַנאַ, פאַרברענגט דאָרט גאַנצע זומערדיקע נאָכמיטאָגן, און אויך ער, זיסקינד, קומט דאָרט אַמאָל צוגיין. זי לייענט דאָרט ראָמאַנען, די אַנאַ, אין פראַנצויזיש...

זיי גייען דורך אַ גלעזערנע ווערענדע, מיטן פראָנט צום גאָרטן צו, דעם לאַנגן, מיט בילדער באַהאַנגענעם קולואַר, און דורכגייענדיק עטלעכע צימערן, קומען זיי אַריין אין אַ קליינעם זאַל, באַלויכטן פון אַ געדעמפּט רויטלעך ליכט. עס שטייען דאָרט טונקל־ברוינע, מאַסיווע מעבל. ביי איין

וואַנט, אין האַלב־טונקל, גלאַנצט אַ שוואַרץ־פּאָלירטער קלאַוויר. איבערן קלאַוויר הענגען, פון דער וואַנט אַרויס, צוויי, אין געשליפענעם גלאָז, עלעקטרישע לעמפּלעך. פאַרלאָשן זענען די לעמפּלעך, דער קלאַוויר צוגעמאַכט, מיט אַ ווייס שפּיצן־דעק צוגעדעקט. דאָס דריי־פיסיקע פּאָלסטער־בענקעלע שטייט אויך פאַריתומט. קיינער זיצט דאָרט נישט, אָנאָ איז נישטאָ. בלויז דער פאָטער זיצט ביים אָפענעם פענצטער אין גאָרטן אַריין; אין אַ טיפן ברוין־לעדערנעם פאָטעל, מיטן קורצן פייקע־ציבעכל צווישן די ליפּן, אין אַ ווייס, ליינען רעקל זיצט ער, די פיס אין אַ פּאָר שוואַרץ לאַקירטע פאַנטאָפל, און פּיפּקעט. דער טיש, אַ געדעקטער מיט עטלעכע לאַנגהאַלזיקע פלעשער וויין, שלאַנקע, געשליפענע גלעזער אַרום. אַ געשליפענע קרישטאָל־וואַזע, מיט אַ בוקעט צאַרטע, שלאַנקע רויזן באַצירן דעם צענטער פון טיש. די דינסט קומט שטיל אַריין, פּאַרעט זיך דיסקרעט אַרום געדעקטן טיש. זי צעשטעלט דאָרט טעלערלעך, לעפעלעך און פאַרשווינדט אין אַ זייטיקער טיר.

אויך זיסקינד ווערט נעלם אינצווישן. פאַלק בלייבט אַליין, מיטן האַלב־דרעמלענדיקן בעל־הבית. יענער ווייזט אים אָן אַ בענקל לעבן פענצטער, בעט אים זיצן:

— הייס, הע?

און נישט אויסדרייענדיק דאָס פּנים פון פענצטער אַוועק, זאָגט ער נאָך אַ קורצער פּויזע:

— צום היי־שניט דאַרף מען די זון. מען קאָן שניידן, און באַלד דעם היי אונטערן דאַך ברענגען. יאָ, נאָך עטלעכע טעג אַזאַ וועטער, און דער היי־שניט איז פאַרענדיקט. ווו האַלט מען מיט דער אַרבעט ביים ברודער?
— פרעגט ער.

— אַה! — ענטפערט פאַלק — ביז איצט איז שוין ס׳גרעסטע אָפּגעטאָן; דער גרויסער קאַרטאָפל־אַקער איז שוין פאַרטיק.

— מיטן זעצן אויך? — פרעגט דער בעל־הבית.

— אַלץ! — ענטפערט פאַלק — נאָר צום היי־שניט גרייט מען זיך.

— ווען וויל ער אָנהויבן צו שניידן, האַנעס?

— מאָרגן, איבערמאָרגן; ער ווייסט נישט גענוי — ענטפערט פאַלק. מען שווייגט.

— יאָ — זאָגט דער פויער אָן ערנסטער — שווער אַרבעט מען ביי מיין ברודער אין דער ווירטשאַפט. אַ האַרטער קאָפּ איז ער, דער האַנעס. אָן עקשן! די קינדער, ס׳ווייב, זיך אַליין, אַלע, וועט ער פאַרמוטשען.

און נאָך אַ פּויזע, ווענדט ער זיך פאַרטרוילעך צו פאַלקן, און זאָגט:

— צי ער ווייסט נישט, וואָס עס איז געוואָרן מיטן פערד, וואָס דער ברודער זיינער האָט געזאָלט קויפן.

— ס'שטייט שוין אין שטאָל, שוין אַכט טעג ווי ס'איז געקויפט — ענטפערט פאַלק — נאַר...

יאָאַכן טוט לעבעדיק אַ קוק אויף זיין גאַסט.

— נאַר?

— נאַר עס וויל נישט גיין אין שפּאַן, און ס'דאַכט זיך, אַז עס הינקט אַביסל, ס'נייע פערד...

— זיין בעל הבית — דערציילט ווייטער פאַלק — איז צעטראָגן, בייז, ס'איז נישט מיט אים אויסצוקומען, גאַנצע נעכט פאַרברענגט ער אין שטאָל, ביים פערד, שעלט און בורטשעט אויף יעדן איינעם...

יאָאַכן זאָגט:

— כ'האָב געוואָרנט, זיך אַקעגנגעשטעלט, קעגן קויף; און ער? ס'לעצטע ביסל געלט, און איצטער וואָס? צו די פירמאַסענסער גנבים אַריינגעפאַלן.

ער פּולט אָן די פּייקע, פאַרייכערט, פּיפּקעט שנעל, די פאַרויכערטע פּייקע ביים לעבן צו דערהאַלטן; דערנאָך זאָגט ער באַדויערנדיק:

— און דאָ רוקט אָן דער היי־שניט.

פאַלק דערציילט, אַז פאַר עטלעכע טעג איז שיעור נישט געשען אַן אומגליק צוליבן נייעם פערד טאַקע...

ער איז אַרויסגעפאָרן אַהיימברענגען צוקער־ריבן פון פעלד־קעלער; ער האָט געהאַט אין שפּאַן דעם אַלטן שימל, מיטן נייעם פערד. „פּאַשאַ" רופט מען עס... יאָ. די קליינע עמאַ האָט ער אויך מיטגעהאַט אין וואָגן. נישט ווייט פון קרייץ־וועג געפינט זיך דער צוקער־ריבן קעלער.

שטייט ער אַזוי, פאַלק, און לאָדנט. די קליינע פאַרעט זיך אין וואָגן. מיטאַמאָל, אַ מענטש אויף אַ מאָטאָציקל שניידט פאַרביי דעם קרייץ־וועג. „פּאַשאַ" טוט זיך אַ שטעל אויף די צוויי פאָדערשטע פיס און טוט זיך אַ ריס, מיטשלעפּנדיק דעם אַלטן שימל מיטן האַלב־געלאָדענעם וואָגן, פון פעלד אַרויס, צום הויפּט־וועג. די קליינע עמאַ טוט אַ פאַל מיטן פּנים אַראָפּ אויפן דנאָ פון וואָגן, און בלייבט אַזוי אַ פאַרחלשטע ליגן. די ערד איז ווייך און גליטשיק אין פעלד, לויפט דער יונגער אָגער נישט גענוג שנעל; און ער, פאַלק, נאָך דעם וואָגן. ער קאָן פון הינטן נישט מער אַרויף אויפן וואָגן. דער באַרג אויפגעלאָדענע ריבן שטערט אים. פון די זייטן זיך אַרויפכאַפּן איז אַ געפאַר. ער זעט, ס'איז שלעכט... „פּאַשאַ" ציט צום הויפּטוועג, און איינמאָל אויפן הויפּטוועג, אָן אַן אָנפירער, וועט געשען אַ קאַטאַסטראָפע.

און עמאַ, אַן אָטעם, ליגט דאָרטן אויף די ברעטער. נאָר פאַרן אַריבער־שפּרינגען דעם ריוו, פאַרלויפט פאַלק דעם וועג „פּאַשאַ". ווי הויך עס קאָן רייסט זיך ס'פערד, אויף די צוויי הינטערשטע פיס פון דישעל אַרויס. מיט אַ געלונגענעם שפּרונג, פּאַקט ער אים דאָך, ביי די מויל־צוימלעך. ער האַלט אים פעסט, און לאָזט נישט נאָך...

„פּאַשאַ" לויפט אַרום פעלד. אַבי דעם כאַטש שאַרפן לויף צום הויפּט־וועג פאַרשטעלט. נאָך יונג, ווערט דער „בחור" שנעל מיד פון אַרומ־שלעפּן דעם שווערן וואָגן אין בלאָטיקן פעלד. ער הויבט אָן נאָכגעבן, רואיקער ווערן. ער נוצט אויס די געלעגנהייט — פאַלק — שפּרינגט אַרויף רייטנדיק אויף זיין צעהיצטן רוקן. מיט אַ ווילדן טרייסל, וואַרפט אים דער „פּאַשאַ" פון זיך אַרונטער. ער פאַלט אַריין צווישןביידע פערד און בלייבט אַזוי הענגען איבערן דישעל... פאַלק האָט נאָך צייט מיט ביידע הענט די לייצן פון ביידע פערד צו פּאַקן. ער וואַרפט זיי אויף צוריק אין וואָגן אַריין. די לייצן אָבער זענען אים פאַרקראַמפּט אין די הענט. וויקלט ער זיי פעסט אַרום די דרענגער, וואָס ביי די זייטיקע ווענט פון וואָגן, און „פּאַשאַ" אַ ווילד־שוימענדיקער, מיט בלוטיקע מויל־ווינקלען, ציט אַלץ צום הויפּט־וועג, נאָר דער לויף איז שוין נישט מער דער זעלבער.

אויפן טראַקט אַרויף געקומען, גאַלאָפּירט ער נאָך, אָבער איינגע־האַלטן. ביז אין הייפל אַריין, נאָר פאַרן אַריינפאָר־טויער שטעלט ער זיך אַליין אָפּ און צעהירזשעט זיך...

די עמאַ ? גאָרנישט ! בלויז מיט שרעק אָפּגעקומען. יאָאַכן צעשמייכלט זיך מיטן גאַנצן פּנים.

— יאָ ! — זאָגט ער — אַ העלדיש מיידל, די עמאַ... די באָבע אירע... אונדזער גאָט־זעליקע מוטער אויסן אויג... נאָר — טוט יאָאַכן אַ בורטשע אין דער זייט — ער וועט זי אויך זאַמוטשען, האַנעס, מיט דער שווערער אַרבעט... אַזויווי די עלטערע טאָכטער ליסבעט, וואָס איז שוין, ווי אַן אַלטע באָבע מיט פּופּצן יאָר... מיין אַנגערל... — צעשטראַלט ער זיך — מיין קליי־נע...

פון אַ זייטיקער טיר קומען אַריין אַנאַ און זיסקינד ; דער פאָטער בלייבט שטיל. ער זאָגט :

— מיר פלוידערן דאָ אַביסל...

פאַלק שטעלט זיך אויף און אַנאַ אים אַקעגנקומענדיק, גיבן זיך די הענט, באַגריסן זיך. זי זאָגט מיט אַ ליבלעכן פאַרוואָרף צום פאָטער :

— פּאַפּאַ, האָט דאָך געקענט דערווייל אָנביטן אַ גלעזל ווייַן דעם גאַסט...

— מיר וואַרטן אויף דיר, מיידל — ענטפערט דער פאָטער — אויף דיר וואַרטן מיר...

טרינקענדיק, לויבט פאַלק דעם ווייַן.

— ס'איז אונדזער אייגענער... — איז יאָאַכן שטאָלץ — נאָך פון פאַרן קריג.

אַנאַ אַמפּערט זיך דאָרט אין אַ ווינקל מיט זיסקינדן:

— היינט וועט איר יאָ טרינקען.

— אַ ביסעלע בלויז — ווערט זיך זיסקינד ווי אַ צעפּיעשטשעט בחורל — אַ האַלב גלעזל.

געגומען צו גלעזער ווייַן, שטעלט זיך דער פאָטער אויף, און זאָגט:

— נו, קינדער, ווילט אייך דאָ אָן מיר. פאַר מיר איז שוין צייט אין בעט צו גיין.

ווינטשנדיק אַלעמען אַ גוטע נאַכט, און מיטנעמענדיק דער טאָכטערס אַ קוש, גייט ער, אַ מידער, צו זיך אין שלאָף־שטוב. אַנאַ פּילט אָן פאַלקס צווייטע גלאָז.

— מען קאָן? — פרעגט זי, מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל.

— אַ יאָ! — ווערט פאַלק אויפגעהייטערט — אַפילו אַ דריטעס אויך. כאָטש ער ווייסט נישט — זאָגט ער — וואָס פאַר אַ יום־טוב איז דאָס היינט...

אַנאַ רויטלט זיך אַביסל, און זאָגט:

— איך אַליין ווייס עס אויך נישט.

זיסקינדס נאַיווע, בלויע אויגן ווערן גרויס און שטויַנענדיק:

— וואָס הייסט — זאָגט ער — ס'איז דאָך פרייליין אַנאַס געבורטס־טאָג היינט...

פאַלק און אַנאַ צעלאַכן זיך זאַפטיק.

— אָך, יאָ! — פאַרשעמט זיך אַנאַ — עס שטימט שוין...

פאַלק טרינקט אַ דריט גלעזל און נאָך איינס; ער איז פריילעך, אָבער ער איז שטיל און ער שווייגט. „פרויען — טראַכט ער — זענען מייסטנס אַפענער קעגנאיבער אויפגעהייטערטע מענער. ער וויל היינט זען וואָס פאַרבאָרגט זי אין זיך, דאָס האַלב ערנסטע, האַלב ווילדע מיידל. קיין קינד איז זי שוין אויך נישט, די נייַנצניאָריקע אַנאַ, נאָך דריי יאָר זיין אין אַ פּענסיאָנאַט...

— פאַרוואָס ער שווייגט? — פרעגט אַנאַ.

— אָ, ער אַמוזירט זיך, ווי זי ערגערט זיך איבער זיין פריינט, בלע־טערנדיק די נאָטן.

— אַך! — זאָגט זי — וואָס מער די באָרד זיינע וואַקסט, אַלץ קיר־צער ווערט ביי אים דער זכרון...

זיסקינד צעלאַכט זיך ווי אַ קינד. אַט האָט ער פאַרטאָן אַ בלאַט פון אַ ליד, וואָס ליגט איר זייער דערין... און די פידל האָט ער אויך נישט אַראָפּגעבררענגט פון זיין שטוב.

— ניין! — זאָגט זי — ער איז צעטראָגן היינט, זיסקינד.

פאַלק טראַכט מיט פאַרגעניגן: און דו אויך, מיין קליינע... זי איז לייכט צעפּלאָמט, דאָס ראָזע, דורכזיכטיקע בלוזקעלע ליגט לויזלעך אויף אירע שוין רייפע, צאַרטע פרויען־אַקסלען, און צייכנט אָן ביי יעדן בויג אירן, ביי יעדער האַנט־באַוועגונג, די פיינע ליניעס פון איר לעבעדיקן נאַקן. אַנאַ פילט מיטן גאַנצן קערפּער אירן, אַז דער פרעמדער בחור, מיטן בראַנזענעם קאָפּ האָר, קוקט אויף איר היינט אָונט מיט אָפענע אויגן, נישט באַהאַלטענערהייט, ווי זי איז געווויינט מען זאָל אויף איר קוקן צווישן יונגעלייט. פאַלק זיצט דאָ, און זיינע וואַרעמע בליקן פאַלן אויף איר, ווי אַ פּראָזשעקטאָר, קאָנצענטרירט און קרעפטיק.

— ניין! — זאָגט זי, מיט אַ מינע פון פאַרצווייפלונג — מיר וועלן שוין היינט אָוונט דאָס ליד נישט געפינען...

פון אָפענעם דעקאָלט לייכט אַרויס, ווי מאַרמאָר, איר ווייסער, יונגער האַלדז, די קוים אָפּגעדעקטע בריסטן באַוועגן זיך וואָס אַמאָל שנעלער און נערוועזער. זי וועט אַרויפגיין צו זיך אין שלאָף־שטוב, אפשר האָט זי עס דאָרט געלאָזט ליגן. זיסקינד ווענדעט אָפּ: גייענדיק ברענגען די פידל, וועט ער ביי זיך אין שטוב אַ קוק טאָן. ער פאַרשווינדט. פאַלק פרעגט:

— צי איז דען דאָס ליד, וואָס פעלט, אַזוי וויכטיק?

אַנאַ שווייגט. פון זיסקינדן, ווייסט ער, אַז זיי האָבן די לעצטע וואָכן צוזאַמען איינשטודירט פאַרשידענע לידער אויפן הייגטיקן אָוונט. און דאָס ליד טאַקע, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען, האַרמאָנירט אַמבעסטן צווישן פידל און קלאַוויר. נאָר אַנאַ וויל פון איר מי און פלייס פאַרן היינטיקן אָוונט נישט רעדן. מאַכט זיך פאַלק אויך טאַמעוואַטע. זיי שווייגן. זי באַרו־איקט זיך פּאַמעלעך — אַנאַ — דער רויטער פלעק אַרום איר קין ווערט בלאַסער און פאַרשווינדט. זי מאַכט זיך צורעכט אירע טיף־שוואַרצע האָר, אָפּדעקנדיק אַ פיין, צאַרט, ראָזאַ אויער. די לאַנגע פינגער פאָרען זיך דאָרט אַרום דעם שפּאַנישן קאַם, וועלכער זיצט קאָקעטיש אויף איר קעפּל... די טונקעלע אויגן וואַרפן פון צייט צו צייט אַ שמייכלענדיקן בליק אין פאַלקס זייט: יאָ! זי איז שוין איינגאַנצן באַרואיקט. ער, דער פרעמדער בחור, קאָן זיך טאַקע עפּעס איינרעדן...

אַ שטראָלענדיקער, קומט זיסקינד צוריק מיטן בלעטל נאָטן אין דער האַנט, און מיט דער פידל אונטערן אָרעם. מיט אַ יינגלישער פרייד, עפנט ער אויף דעם קלאַוויר, און שטעלט אין שטענדער אַריין דעם העפט מיט די נאָטן. ער עפנט דערנאָך אויף זיין פידל־שאַכטל, נעמט אייקאַנפּערן דעם בויגן.

— אַמליבסטן — זאָגט אַנאַ — וואָלט זי היינט שוין גאָרנישט גע־שפּילט...

פאַלק שווייגט.

— וואָאָס ? — ווערט זיסקינד אין כעס — נאָך אַזויפיל וואָכן...

אַנאַ לאָזט אים נישט ענדיקן :

— מיר וועלן נאָך אַביסל צוּוואַרטן — באַרואיקט זי אים.

דאָס דינסט־מיידל קומט אַריין, דעקט אָפּ דעם טיש, נעמט אַראָפּ די ליידיקע פלאַשן און גייט אַרויס.

— אויב עס ליגט אים, פאַלקן, איבערהויפּט עפּעס דעריין, צו הערן מוזיק? — פרעגט אַנאַ שטיל.

— עס ווענדט זיך — ענטפערט פאַלק — וואָס מען שפּילט...

— און ווער עס שפּילט ! — גיט אַנאַ קאָקעטיש צו.

— מיר זענען דאָ נישט אין קיין מוזיק־קלוב — שפּאָסט פאַלק — אויף קיין פאַרהער זיצן מיר דאָ אויך נישט. ער קאָן נאָר פאַרזיכערן, אַז ער זיצט דאָ ליבער, ווי אויף אַ שטייפן קאָנצערט ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט...

אַנאַ ווערט לעבעדיקער. זיסקינד זאָגט :

— קיין מעדאַלן וועט מען דאָ היינט אויך נישט פאַרטיילן.

— מיר זענען דאָך נאָר אָנפאַנגער, און אַמאַטאָרן — באַוואָרנט זיך אַנאַ...

„די פרויען — טראַכט פאַלק — זיי ווילן זיך פון פאַרויס דעם דער־פאַלג פאַרזיכערן, וואָס זיי זאָלן נישט אָנהויבן. אויף זיכערע בריקן האָבן זיי ליב צו גיין... אין אַלעם אַזוי"...

אַנאַ שפּילט די אַלט־באַקאַנטע דייטשע „לידער". די שווערע, מע־לאַנכאָלישע, כמעט מאַנאָטאָנע שובערטישע, שומאַנישע, מאָצאַרטישע לי־דער ; פון אַ האַנס און אַ ליזל, וואָס דרייען זיך אַרום טרויעריקע... און פון לידער, וואָס בעטן אין די נעכט צו דיר... און פון אַ לינדנבוים, וואָס שטייט פאַרן טויער לעבן ברונעם... און פון אַ קעניג אין טולא, וואָס האָט זיין גאָל־דענעם בעכער אין רהיין אַריינגעוואָרפן... אהאָ ! די אַנאַ ! זי ווייסט נאָך

נישט, אַז די אַלע לידער האָט מען געשריבן און געזונגען, חלומנדיק פון איר... און אַז זי וועט זיך דאָס דערוויסן, וועט שוין זיין צו שפּעט...

פאַלק ענדיקט דאָס לעצטע פלעשל ווין איינער אַליין. אַנאַ באַנעצט קוים די זאַפּטיקע ליפּן. ער זאָגט:

— אַ דאַנק אייך, ליבע אַנאַ, פאַר אייער שפּילן.

ער זאָגט דאָס פּשוט און פון טיפן האַרצן אַרויס. די אַנאַ פילט זיינע אויפריכטיקע רייד און שטראַלט. אַ לעבעדיק, הערלעך ליד, שטייט זי דאָ פאַר אים, מיט צוויי ווונדערלעכע ליכטיקע אויגן...

ער האָט זיסקינדן נישט געהערט אַוועקגיין, נישט געהערט ווען אַנאַ האָט פאַרמאַכט דעם טונקעלן קלאַוויר; די טענער און די ווערטער פון דעם האַנס און דער ליזל קלינגען אים אין די אויערן. ער וועט באַלד אַוועקגיין פון דאַנען — באַשליסט פאַלק — אַראָפּ צום בריקל צו, צום שטראָמיקן טייכל אונטן. די לבנה דאַרף שוין האָבן אויפגעגאַנגען פון הינטער די בערגלעך... וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער... די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד... די צייט פון געזאַנג... — שיר השירימט פאַלקן אין קאָפּ... שטיי אויף, מיין געליבטע, מיין שיינע, און קום מיר... ער הערט נישט אַנאַס רייד, ער וויל איר ענטפערן, נאָר זיינע ליפּן זענען פאַרשלאָסן... ער שטעלט זיך האַסטיק אויף, געזעגנט זיך אַ שווייגנדיקער, און פאַר־שווינדט אין דער שטילער נאַכט אַריין... ביי זיך אין שטיבל וואַרפט ער זיך אויף זיין פעלד־בעטל, אַן אָנגעטועטער און אַן געדאַנקען, ווערט ער שנעל אַנטשלאָפן.

קאַפּיטל 4

דער „לאָמער פּאַשאַ"

אויפדערנאַכט, ערב שניט, קומט יאָאַכן צוגיין צום ברודער. די קליי־נע עמאַ דערזעט אים די ערשטע. זי זיצט אויפן פענצטער, מיט די פיס אין שטוב אַריין, און מיטן געטאַקטן העלדזל, ווי אַ סאַרנע, איז איר פּנימל אויסגעדרייט אין געסל אַריין, צום קלויסטער־פּלאַץ.

— דער פעטער יאָאַכן גייט אַהער — טוט זי שנעל אַ מורמל אין שטוב אַריין.

אין שטוב ווערט מען אַביסל צעדרייט, צעטומלט, נאָר מען באַרואיקט

זיך, שעמענדיק זיך פאַר פאַלקן, וועלכער זיצט ביים טיש. מען ווייסט, צווישן דער משפחה, אַז עס איז עפּעס נייעס. וואָרום שוין לאַנג, אַזביידע ברידער, נישט די פרויען זייערע, קומען נישט איינער צום אַנדערן. אויף דער גאַס, אָדער אויפן פּלאַץ, פאַרן קלויסטער, אַז די ביידע ברידער טרעפן זיך, רעדט מען אַפילו יאָ צו זיך, אָבי איבערצוקומען, און נישט לאָזן טרייבן רכילות די איינוווינער פון דאָרף. אָבער גיין צו זיך? דאָס נישט. פון האַ־נעסן גייען אַפילו די קינדער נישט צום פעטער יאָאַכן; גאָרנישט. עלעהיי פרעמדע... אַנאַ קומט יאָ אַמאָל, מוז עס שוין אָבער זיין עפּעס אויסערגע־וויינלעכס, ווי דאָס לעצטע מאָל, ביים אָנקומען פון די נייע יונגעליים.

מען רוימט אויף דער שנעל דאָס קעכל, מען נעמט אַראָפּ דאָס געשיר פון טיש. מען איז צעטראָגן. יאָאַכן נעמט פּלוצלונג און קומט אַהער? די פויערטע טוט פון דער זייט אַ קוק אויף פאַלקן, נעכטן אָוונט — טראַכט זי — איז ער דאָרט געווען, אָט דער בחור, אַהיימקומען האָט מען אים נישט געהערט; און געטרונקען האָט ער דאָרטן פאַרשטייט זיך, אויך. וואָס קאָן מען וויסן? און אַנאַ... איז מען דען נישט ברוגז צוליב דעם סמאַריקל? כאָטש פאַלק ווייסט פאַרוואָס מען איז ברוגז אין דער משפחה, נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסן. אָהאָ! די קליינע עמאַלע, אַלץ ווייסט זי. אַז פאַלק האָט זי אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— און פאַרוואָס איז מען ברוגז מיטן פעטער יאָאַכן?

ענטפערט זי, מיט אַן ערנסט פּנימל:

— בייז — זאָגט זי — איז מען, ווייל... די מאַמע האָט דערציילט אירס אַ שכנה... און אַן אַנדערע האָט מיין מאַמען דערציילט... אַז אַמאָל, ביינאַכט האָט מען געזען דעם לאַנגן יונגן אָבערמייער, דעם מילנערס זון, אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט קעגנאיבער אַנאַס צימערל, דאָרט, ווו זי שלאָפט...

— אַ גוטן אָוונט — טוט מען אַ פאָנפע אין דער טיר, און מען בלייבט דאָרט שטיין.

— זאָל יאָאַכן אַריינקומען — זאָגט די פויערטע פון איר ווינקל אַרויס.

האַנעס בלייבט זיצן און וויַיזט דעם ברודער אָן אַ בענקל:

— זיץ!

זיסקינד איז אויך מיטגעקומען. מען זעצט זיך אַרום טיש. דער בעל הבית פון שטוב טוט אַ ווונק צום ווייב:

— אַ קרוג וויין — זאָגט ער — און פיר גלעזער.

מען זיצט. מען שווייגט.ביידע ברידער זויגן די פּייקעס, ס'איז שטיל. נאָך אַ ווייל, פרעגט האַנעס דעם ברודער זיינעם:

— וואָס ברענגסטו נייעס, יאַאָכן?

יענער, אַ קנאַפּער בעל דברן, דרייט מיט די אויגן, נאָגט פון ציבעכל, גלייך נישט ער, נאָר די פּייקע זיינע דאַרף דאָ אַרויס מיט לשון... עמאָ, קוקנדיק כלומרשט אינדרויסן, הענגט לויטער אויער אַרום טיש.

— דו הויבסט אָן דאָס היי צו שניידן — ווען? — פּלאַצט יאַאָכן מיט גרויס מי אַרויס — אין וועלכן טאָג?

— אַז גאָט וויל — ענטפערט האַנעס — הויבן מיר אָן מאָרגן.

פאַלק הערט זיך נייגעריק צו, וואָס אַנאַס פאָטער וועט דאָ פאַר־שלאָגן.

— פאַראַיאָרן... האָסטו דיך אָנגעשונדן, מיט די שטוביקע דיינע — קייעט יאַאָכן זיינע רייד — און אַ סך שאָדן געהאַט. פאַר צוויי יאָרן אויך אַזוי. און אַלץ — קומט ער אַריין אין קלאָרע דיבורים — צוליב דיין עקשנות... צוליב אַ נאַרישן ברוגז צווישן די ווייבער...

— האָ! האָ! — ווענדט האַנעס אָפּ — שוין רעכט, שוין רעכט!

די האַנעסטע שטעלט אינצווישן צום טיש אָן ערדענע קרוג מיט קאַלטן, העלן וויין, פיר האַלבעס, און גייט צוריק אין איר ווינקל אַרום קעכל.

— דאָס יאָר — זאָגט יאַאָכן — לאָמיר שניידן און אַהיימנעמען צו־זאַמען, אַזוי ווי אַמאָל, אין די פריערדיקע יאָרן... און אַזוי ווי — קומט אים שווער אָן די לעצטע פאָר ווערטער — אַזוי ווי עס פירט זיך צווישן צוויי לייבלעכע ברידער...

אָפּגעזאָגט, שוויצט ער שוין אויפן שטערן, יאַאָכן, ווי נאָך אַן „עבודת הפרך", און פאַרויכערט זיך די אויסגעלאָשענע פּייקע...

צו דער מעשה מיטן הינקענדיקן נייעם פערד גייט יאַאָכן צו פאַר־זיכטיק און אַזוי ווי תמעוואַטע: ער ווייסט כלומרשט גאָרנישט פון קויף. פאַלק האַלט אים צו מיט די אויגן... יאַאָכן פאַרשטייט דעם בליק. ער הויבט דעריבער אומשולדיק אָן:

— הייסט עס, אַז דו שטעלסט מאָרגן ביידע פערד דיינע צום שניט.

— וואָס הייסט — ענטפערט האַנעס — ביידע... דעם דריטן, „פּאַשאַ" שטעל איך אויך — אין אַ טריאומף־פייערל פון נצחון צעפינקלט זיך אין זיי־נע שוואַרצע, בייערישע אויגן.

— פּאַשאַ? — חידושט זיך, מעשה תם, דער ברודער; און האַנעס נעמט אים דערציילן פון זיין קויף. אַז ער פאַרענדיקט די מעשה, זאָגט ער טרויעריק און בייז:

— ער האָט מיך פּעסט איבערן אויער געשלאָגן, דער יוד...

פאַלק איז זייער צופרידן, וואָס די מעשה מיטן לאָמען פערד קומט אויפן טיש אַרויף, ווען ער איז אויך דערביי; ווייל די לעצטע אַכט טעג, זינט דעם קנין, דרייט ער זיך דאָ אַרום ווי אויף גליאיקע קוילן. עפּעס זעט ער אין די שטוביקע די לעצטע צייט אויף זיך העגגען בייזע און שטע־כנדיקע בליקן. די פופצן־יאַריקע ליסבעט, די „זקנה”, האָט טאָקע פּאַר אַ פּאָר טעג אַזוי סתם אין דער וועלט אַריין, אַ האווקע געטאָן, אַזוי, אַז פאַלק זאָל דערהערן:

— אַזאַ פּנים האָט מען, אַז מען גייט איין מיטן יוד...

אָפּגעזאָגט, און נעלם געוואָרן פון שטוב אַרויס. די מוטער האָט איר בייז נאָכגעשריגן:

— נישט דיין עסק, סמאַריקל... איכל דיר דעם פּיסק איינפּאַטשן.

דער פויער רעדט נישט צו אים, און קוקט נישט אין זיינע דלד אמות; ער זוכט אַ קריגעריי מיט אים, וואָס פאַלק מיידט אויס. איצטער אָבער, ביים טיש — טראַכט פאַלק — ווער דער בלאָטער פלאַצן... אַהין, אָדער אַהער! ער טרינקט דעריבער מיט אַפּעטיט דעם קאַלטן ווייַן; און אַז זיסקינד וויל עפּעס אַריינוואַרפן אַ וואָרט, דריקט ער אים פּעסט די קני צו, אַ צייכן, אַז ער זאָל שווייגן, דער בחור מיטן פידל...

— וואָס הייסט — זאָגט יאָאַכן — ביים יוד האָסטו געקויפט? און איך האָב געמיינט, אַז דו האַנדלסט מיט דער פּירמאַסענסער חברה.

— עך! ניין! — ווערט האַנעס אין כעס — אין קריידלסהיים, ביים יוד, האָב איך געקויפט...

יאָאַכן זאָגט, אַז פון זיינע אַכט פערד, האָט ער פינף שטיק פון קריי־דלסהיים, און ער איז צופרידן. נאָר מיט די פירמאסענסער גנבים האָט ער יאָ געהאַט צו טאָן.

— עך! — טוט ער מיט ביטול אַ מאַך מיט דער האַנט — פערד־הענדלער זענען אַלע גנבים, אַזוי גוט די יודן ווי די קריסטן... נישטאָ קיין ערלעכע מענטשן צווישן זיי...

נאָר מיט האַנעסן, דעם שטאַרקן עקשן, איז נישטאָ וואָס צו מאַכן; ביי אים זענען אַלע יודן חיב... צוליב יענעם יידישן פערד־סוחר. פאַלק פילט אויף זיין אייגענעם לייב דעם אַלטן, דורותדיקן יידישן זאָג: ערבים ישראל זה לזה... (יידן זענען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן צווייטן).

— איז אויף וועלכן אַקער, הויבסטו אָן? — פרעגט יאָאַכן — איך זאָל וויסן צו שיקן מיינע מענטשן.

— אויפֿן גרויסן — ענטפֿערט דער ברודער — דער וואָס ליגט אויפֿן וועג קיין שפּייער. און פֿינף אַזייגער שוין אויפֿן פֿעלד צו זיין.

— שוין גוט! שוין גוט! — פּאַטאַקעוועט יאַאָכן, שטעלט זיך אויף — מען מוז היינט פֿרי צו בעט גיין — זאָגט ער — און ווינטשנדיק „אַ גוטע נאַכט”, גייט ער אַרויס.

פֿאַלק גייט מיט אָפּצופֿירן זיין פֿריינט זיסקינד. ער בלייבט שטיין אַ ווײלע מיט אים פֿאַר זיין בעל הבית׳ס הויף. אַנאַ, זעט ער, שטייט דאָרט אויף דער וועראַנדע, און קוקט אין דער נאַכט אַריין... זיסקינד זאָגט:

— האָסט צרות פֿון דיין פֿויער, וואָס?

— שטותים — באַרואיקט אים פֿאַלק, אַרויפֿלייגנדיק זיין האַנט, אויף זיין חבר׳ס אַקסל; און שפּאַנט מיט עפּעס אַ באַפֿרייט געמיט אין דער סאַמעטענער, אויסגעשטערנטער נאַכט אַריין אַהיים.

קאַפּיטל 5

אַ שטורעם

אויפֿן גרויסן אַקער, וואָס אויפֿן וועג קיין שפּייער, קלאַפּן ביידע ברידערס שנייד־מאַשינען, רעגלמעסיק און צום טאַקט, ווי די מאַשינען־געוועזן ביי ווערדון — זאָגט עזאו — יאַאָכנס קנעכט.

ער שניידט דאָרט מיט די שענסטע פֿערד פֿון זיין בעל הבית׳ס שטאַל. צום צווייטן פֿרישטיק האָט ער אַ פֿערט־חלק פֿון אַקער שוין אָפּגעגאָלט. זיינע דינע ליפּן, מיט די שמאָלע בלאַנדע וואָנסעלעך, געשוירן לויט „דער לעצטער מאָדע”, זענען שטום און שטאָלץ. ער רעדט נישט צו קיינעם. ער כאַפּט שנעל עפּעס איבער, אַ צי אַריין אַ האַלבע פֿלאַש וויין און שוין איז ער ווידער אויפֿן זאָטל פֿון דער אייזערנער מאַשין. אַ שמוצער מיט די ליפּן, אַ קורצן „אָהעע” — — — און שוין קלאַפּן די שנייד־מעסערס מיט אַ שנעלקייט פֿון אַ גאַל־שערל. ער ווייזט וואָס ער קאָן.

— עזאו?... — זאָגט מען אויף אים, צווישן די קנעכט — ער אַרבעט ווי אַ נאַר... דריי מענטשן דאַרפֿן נאָכלויפֿן נאָך זיין מאַשין, דאָס געשניטע־נע גראָז צו צעוואַרפֿן. און גלייך שניידט ער, ווי מיט אַ ווירע, געמאָסטן; אין שטאָלץ זיצט ער אַזוי, אויף זיין אייזערנעם זיץ, ווי די אַלטע רוימער אַמאָל אויף זייערע צוויי־רעדערדיקע מלחמה־רייטוואָגנס...

אין אַנדערן עק פון אַקער, צום וועג צו, מוטשעט זיך דאָרטן האַנעס, דער עקשן, מיט זיינע ביידע אומגלייכע פערד; מיטן אַלטן מיושבדיקן שימל און מיטן הינקענדיקן ווילדן „פּאַשאַ״. ער שעלט און פלוכט דעם יוד מיט פינצטערע קללות... פּאַלק און די ביידע שוועסטערלעך, די ליסבעט און די קליינע עמאַ, גייען נאָך דער שנייד־מאַשין און צעשפּרייטן מיט ווידלעס דאָס געשניטענע גראָז, אין דער זון צו טריקענען. צום מיטאָג־עסן גייט מען נישט אַהיים. די ווייבער, אָדער די דינסט־מיידן ברענגען דאָס עסן אין פעלד אַריין. מען יאָגט פון זיך אַרויס די נשמה, נאָך היינט דאַרף מען דעם גרויסן אַקער אָפּצואָלן. די זון באַקט, נעמט צו דעם אַפּעטיט צום עסן. ליידיקט מען אויס די באַנקעס וויין, די ערדענע קרוגן, די פלעשער ביר, און — גאָרנישט, גלייך מען וואָלט אין אַ באַק־אויוון אַריינגעגאָסן. די קעל בלייבט טרוקן, די צונג האַרט ווי לעדער. די זון און דער וויין צעחושן די מוחות ביי די שוויצנדיקע מענער. וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ די אויסגע־ווייקטע העמדער, מען אַרבעט מיט פלאַמענדיקע נאַקעטע פּלייצעס. אַנאַ ברענגט דאָס עסן פאַר אירע שטוביקע אין פעלד אַרויס. אַ גראַביע איז ביי איר פאַרוואָרפן איבערן אַקסל.

— אָט איז אַנאַ! — טוט דאָס קליינע עמאַלע מער אַ זאָג מיט די אויגן, ווי מיטן מויל — זי קומט אויך העלפן.

אַנאַ איז אין אַ געפּאַסט, איינפאַך ליינען קליידל מיט אַ רויט־גע־בלומט טיכל, ווי אַ טורבאַן איבערן קאָפּ. צום מיטאָג־עסן, זעצט מען זיך אויס אַרום ביימער, אין טיפע ריוון, זיך צו שיצן פאַר דער גליענדיקער זון. האַנעס איז פאַרצווייפלט, קוים ער איז עפּעס טועם שטייענדיקערהייט, טרעט ער נישט אָפּ פון די פערד און מאַכט הקפות איבערן „פּאַשאַ״. ער באַטראַכט אים פון אַלע זייטן. עס דויערט לאַנג ביז ער לאָזט זיך איבערעדן פון זיין ברודער, זיינע ביידע פערד אַריינצושטעלן צוריק אין שטאַל, און זיי לאָזן אויסרוען זיך ביז צום אַהיימפירן דאָס היי.

— צום שניידן — זאָגט יאָאַכן — שטעל איך נאָך צוויי פערד מיי־נע.

ביידע ברידער פאַרשווינדן פון פעלד. יאָאַכנס קנעכט, עזאָו, קוים אָפּ־געגעסן, טוט ער ווויליוונגעריש אַ זאָג:

— אַאוּפף! אונד „רראַן״ אַם פיינד...

— לאָז אַביסל אָפּאָטעמען די פערד... — זאָגט אַנאַ — וואַרט ביז פּאַפּאַ און פעטער האַנעס וועלן צוריקומען.

אָפּגעפּאַיעט די פערד, הערט ער נישט קיינעם און שוין זיצט ער אין אייזערנעם זאָטל. ער שרייט צו די איבעריקע:

— איר קאָנט זיך אויסרוען אויב איר זענט מיד, איך מוז פאַרענ־דיקן נאָך פּאָר זון־פאַרגאַנג...

— אייטלער נאַר... — וואַרפט אים אַנאַ נאָך אַ באַקאַנט פּאָלקס־ווערטל.

עמאַ מיט איר שוועסטער גייען זוכן פעלד־בלימלעך. די דינסט פון אַנאַ גייט נאָכן קנעכט נאָך דער שנייד־מאַשין. זיסקינד ליגט אין גראָז מיטן פּנים אַראָפּ, אַ האַלב טויטער ליגט ער, און דרימלט. פאַלק ליגט אויפן רוקן מיט די הענט אונטערן קאָפּ פאַרלייגט, און שטאַרט ערגעץ אויף איין פּונקט, אָן געדאַנקען. אַנאַ זוכט עפּעס אין איר קיישל, ציט דאָרט אַרויס אַ טיכל און פאַרדעקט דערמיט דעם נאַקעטן רוקן פון שנאַרכנדיקן זיס־קינד. זי זעצט זיך ווידער אַוועק אויף איר פריערדיקן פּלאַץ.

— אויב ער איז מיד? — פרעגט זי פאַלקן, און זי וואַרט נישט אויף קיין ענטפער, און זאָגט — שווערע טעג, די טעג פון היישניט.

פאַלק דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו איר: אָט זיצט זי דאָ די אַנאַ, און אירע קני לויכטן אין דער זון.

— ער דאַרף זיך אויך דעם קאָפּ צו שיצן, מיט אַ טאַשנטיכל — זאָגט אַנאַ — נישט קוקנדיק אין זיין זייט; — ווייל עס איז זייער אומגע־זונט — גיט זי צו — אין דער זון אָן אַ קאָפּ־באַדעקונג צו אַרבעטן.

— ער האָט דאָ אין זיין רוקזאַק, אַ גרויס טיכל — ענטפערט פאַלק מיט אַ שמייכל.

נאָר עס וויל זיך בשום אופן נישט האַלטן אויף זיין קאָפּ. ס׳איז שוין אָפּגעבליאַקעוועט, דאָס טיכל, און פאַרמעקט פון די יאָרן. ס׳איז אַ טיכל נאָך, פון זיין מוטער, וואָס זי האָט אים מיטגעגעבן, ווען ער איז אַוועק פון דער היים. זיי שוויגן ביידע.

— צי האָט זי אים ליב געהאַט, זיין מוטער? — עפנט אַנאַ גרויס אירע אויגן אויף, און קוקט פאַלקן אָן, גלייך זי וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל...

— אָה, ס׳איז שוין לאַנג... ווי אין אַ חלום מען דערמאָנט זיך...

קניענדיק איינער אַקעגנאיבער דעם צווייטן, פאַרעט זיך אַנאַ אַרום פאַלקס קאָפּ, אים גוט צו פאַרבינדן דאָס מאַמע׳שע טיכל. זיין פּנים איז איינ־גאַנצן איינגעדעקט אין אירע אָרעמס, אין איר הייסן אויבערקערפּער. זיינע אויגן ווערן פאַרבלענדט פון יונגן ווייסן האַלדז אירן. זיינע ליפּן באַרירן כמעט דעם צאַרטן אויסשניט פון אירע טיף אָפּגעדעקטע ברוסטן. ער שליסט די אויגן צו. די זון, דער ווייך רוישן אים אין זיינע געבלוטן. ער

פאַרבייסט די ליפּן. אָט דוכט זיך אים, וועט געשען אַן אויפרייס, און די בערג וועלן זיך צעשיטן...

ער הערט אירע רייד, ווי אין חלום. בלויז דער געשמאַק פון פעלד און פון געשניטענעם היי, פאַרמישט מיטן אָטעם פון דער יונגער פרוי האַרט נעבן זיך, פאַרשיכורן אים. זיינע קרעפטיקע אָרעמס רייסן זיך ער־געץ אַוועק, ער קראַמפּט זיך מיט די פינגער אין דער ערד, זיינע ווילד־געוואָרענע אָרעמס צו באַצווינגען. ער ראַנגלט זיך מיט פאַרביסענע ציין, אַקעגן פאַרבאָרגענעם פרעמדן כוח.

— אָט איז פעטער יאָאַכן מיטן טאַטן — דערהערט זיך דאָס קלינ־גענדיקע קול פון דער קליינער עמאַ, וואָס קומט אַנגעמאַטערט און רויט ווי אַ מאַלינע, מיט אַ בונט־פאַרביק בוקעטל פעלד־בלימעלעך...

יאָאַכנס פיר פערד באַווייזן וווּנדער. שוין אויפן דריטן טאָג זענען ביידע ברודערס לאַנקעס אָפּגעגאָלט, ווי די שעפּסן. אויפן גרויסן אַקער איז דאָס היי אינצווישן טרוקן געוואָרן, אין קופּקעס צוזאַמענגעשאַרט, לאָדנט מען די וועגענער, און מען פאַרשווינדט מיט די אויפגעלאָדענע וואָגנס. ביי־דע משפּחות אַרבעטן פלייסיק, מען רעדט נישט קיין איבעריקע רייד אין די דאָזיקע פאַרכטיקע טעג. אַ גאַנץ יאָר פיטערונג פאַרן פי, ליגט דאָ אין שפּיל, אין די עטלעכע מעת לעת...

האַנעס זאָגט, אויפהויבנדיק זיין צעשויבערטן, פאַרשוויצטן קאָפּ, צו די בערג צו:

— דאָס טונקל־גרויע וואָלקנדל דאָרט, אַרום דעם „דאַנערסבערג" געפעלט מיר נישט... היינט־מאָרגן וועט קומען אַ שטורעם...

מיט דריי ריזיקע וועגענער אַרבעט מען, און מיט דריי פּאָר יונגע פערד. איין גרופּע פאַרלאָדנט אויפן פעלד; די צווייטע גרופּע פירט אַהיים, און לאָדנט עס דאָרטן אויס אין די סטאַדעלעס. אין די עטלעכע טעג ווינט מען כמעט אויף די פעלדער. ביינאַכט, מען האָט נאָך רעכט קיין צייט נישט אין די בעטן זיך אומצודרייען, שטייט מען שוין ווידער אויף די פיס. אין פעלד גייט די זון אויף, אין פעלד פאַרגייט זי. דעם לעצטן נאָכמיטאָג איז מען צעמישט אויפן פעלד. דער „דאַנערסבערג" דעקט זיך איין, אין גע־דיכטע שטאָל־גרויע וואָלקנס.

פון צייט צו צייט דערטראָגן זיך פון יענער זייט באַרג, טעמפּע קאָ־לערנדיקע קלעפּ, גלייך מען וואָלט דאָרט ערגעץ אויפגעריסן מיט דינאַמיט די באַרג־שפּיצן. אַרום ביידע, שוין האַלב געלאָדענע, לעצטע וואָגנס, לויפט מען אַרום, ווי אַרום אַ שריפה. אַרום יאָאַכנס וואָגן, שאַרן אַנאַ און די דינסט דעם היי צוזאַמען אין שטויסן, און זיסקינד מיטן קנעכט עזאָו, דערלאַנגען

מיט די לאַנגע היי־גאָפּלען די בינטן צו יאָכענען הויך אויפן וואָגן אַרויף. דער האַנעס אויף זיין וואָגן, הויערנדיק אויף אַלע פיר, נעמט אָן ביי פאַלקן די פולע גאָפּלען היי, און טלאַטשעט עס מיט די פיס, אויסצופולן די ליידיקע ווינקלען פון וואָגן. עמאַ און ליסבעט, ביידע טעכטערלעך זיינע, שאַרן צו־זאַמען מיט גראַביעס דעם טרוקענעם היי. ער איז בייז, דער פויער האַנעס שינדלער, ער וואַרפט אַלע רגע אַ פינצטערן בליק אויפן ברודערס וואָגן, און זעט אַז יענער וואָגן וואַקסט אין דער הויך, און זיינער וויל נישט וואַקסן...

— ער זאָל זיך אַביסל צואיילן — שרייט ער צו פאַלקן — שנעלער מאַכן!

פאַלק ווייסט, אַז עזאַו גייט מיט אים אין אַ „געוועט", כאָטש ער איז איינער אַליין, און זיי זענען צוויי. ער שטרענגט זיך אָן, פאַלק, ווי ווייט ער קאָן, דער שטורעם הענגט אין דער לופט. ער זעט גאָרנישט אַרום זיך, עס שטיקט. די לופט איז שווער. קיין ווינטל בלאָזט נישט פון ערגעץ, אָפּצו־פרישן דאָס פּנים, ער וויקט אין שווייס און אין שטויב. ווי דורך אַ פּאָר־שמירטער שויב, זעט ער אַלץ אַרום זיך, די הייסע טראָפּנס שווייס רינען אים פון די האָר, פון די אויגן. די לעצטע גאָפּלען בינטן היי דערלאַנגט ער שוין זיין בעל־הבית אויפן וואָגן אַרויף, כמעט אָן כוחות. ער לאָזט זיי שווער פאַלן, די לאַנגע גאָפּלען, אין יענעמס אָרעמס אַריין. אַ קללה, וואָס רייסט זיך פון פויער, מאַכט אים אויפשרעקן. ער רוקט זיך אַביסל אַוועק פון וואָגן, כדי צו זען וואָס אויבן, אויפן שפּיץ וואָגן, איז געשען...

ער זעט האַנעסן, קניענדיק, זיך האַלטן פאַר דער ברוסט; ער מאַכט קולות און פלוכט. מען קומט צולויפן פון ברודערס וואָגן.

— וואָס איז געשען — פרעגט מען — וואָס איז?

— ער האָט אים מיטן הייגאָפּל, געוואָלט דערשטעכן... — ליאַרמט האַנעס, אַנווייזנדיק אויף פאַלקן. פאַלק מיינט אַז דאָס שפּאַסט ער, זיין בעל הבית; שטייט ער און שמייכלט, דער חלוץ...

אַביסל געקומען צו זיך, שפּרינגט דער פויער פון וואָגן אַרונטער, און לויפט מיט אויפגעהויבענע פויסטן אויף פאַלקן.

— ער וועט אים דאָ אַ געהרגעטן לאָזן אויפן פעלד — ברילט ער און שפּאַנט אויף אים, מיט רוצחישע אויגן...

פאַלק האָט נאָך צייט צו כאַפּן דעם היי־גאָפּל, זיך אָפּצושלאָגן. האַנעס שפּרינגט אַרום אין קרייז, ווי אַ צערייצטער גאָריל; אויף זיינע קורצע, קרומע רייטער־פיס, מיט די לאַנגע, אַראָפּהענגנדיקע הענט, מיט די אַטלע־

טיש־אויסגעבויגענע פלייצעס, מאַכט ער דאָ רעדלעך אַרום פאַלקן; ער שטשירעט די געלע ציין, אויסשיטנדיק דעם גאַנצן „אוצר“ מיט קללות...

— ער זאָל זיך נישט נאַריש מאַכן, שינדלער! — פאַלט שוין פאַלק אויך אַריין אין כעס — ער וועט זיך ביי אים נישט לאָזן...

אויף די קולות, קומען די איבעריקע משפחה־מענטשן אויך אָנצו־לויפן. די קליינע עמאַ וואַרפט זיך די ערשטע מיט אַ געשריי צווישן פאַלקן און איר פאָטער. זי שטעלט זיך מיט אויסגעשפרייטע אָרעמס, האַרט אונ־טער די שפיצן פון פאַלקס היי־גאָפּל:

— פעטער יאָאַכן! אָה! פעטער יאָאַכן! — שרייט זי מיט אַ בלאַס נעזל — העלף! דו ליבער גאָט!

פאַלק רוקט זיך צוריק, מיט די פלייצעס צום וואָגן היי, זיך צו שיצן פון הינטן. יאָאַכן לויפט מיט זיין גאַנצער גרויס אין ברודער אַריין און וואַל־גערט אים אום:

— האַנעס! דו נאַרישער קאָפּ! — שרייט ער — צעדרייטע בריאה... עקשן דו! ווּעסט אָפּזיצן?

זיסקינד, אַ בלאַסער, שטייט און שווידערט... אַנאַ בייסט אַ ליפּל, זי דרייט זיך האַסטיק אויס, און איילט אַוועק אַהיים...

אַ שאָס פון אַ דונער האָט אַ סוף געמאַכט צו דער מלחמה אין פעלד, האָט דערמאָנט, אַז מען דאַרף שנעל ענדיקן מיט דער אַרבעט.

— לאָז! — זאָגט יאָאַכן צום ברודער, וועלכער איז אַביסל ניכ־טערן געוואָרן — לאָז! מיר וועלן שוין פאַרענדיקן מיט דיין וואָגן אויכעט און צוזאַמען אַהיימפאָרן.

ער קריכט אַרויף אויפן ברודערס וואָגן, זיסקינד און עזאַו, דער־לאַנגען אים די לעצטע שטויסן היי.

אויסצולאָדענען בײדע וואָגנס האָט שוין קיין צייט נישט געסטייעט. שוין פאַרן הייפל האָבן איבער די פורן גענומען פאַלן הייסע טראָפּנס. דער שטורעם האָט ווילד אַ פלייץ געטאָן, אין וואָלקנס רויך און אין פייער שטייט די גאַנצע געגנט. קוים אַריינגעשטופּט די פולע פורן היי אין די שייערן, קוים די נאַסע פערד אויסגעשפּאַנט פון שוויס, און שוין שפּריצט עס ווי פון מיליאָנען אויפגעדרייטע קראַנען... עזאַו מיט זייער דינסט, זע־נען אַוועק פון פעלד, באַלד ווי נאָר די ערשטע רעגן־טראָפּנס האָבן גענו־מען פאַלן. מען קאָן די קראַנקע בעל הבית׳טע און די בהמות נישט לאָזן אַליין אין אַ שטורעם. נאָר זיסקינד און יאָאַכן זענען פאַרבליבן איבערצו־וואַרטן דעם גאָס־רעגן.

מען שטעלט קאַלטן ווײן צום טיש, נאָר קיינער טרינקט נישט. די

בליצן מיט די האַרטע קלעפּ, וואָס טרייסלען דאָס הייפל מיט די שטאָלן און שייערן, יאָגן אָן אַן אימה. מען שווייגט. איין בליץ, אַז ער כאַפּט זיך אַריין אין שייער, קאָן פּטרן די גאַנצע האַרעוואַניע פון יאָרן. מען זיצט, ווי מען קאָן. יאָאַכן פּיפּקעט זיין פּייקע־ציבעכל מיט פאַרמאַכטע אויגן. האַנעס שינדלער, דער שעף פון הויז, זיצט איינגעלייגט אויף זיין שטענדיקן פּלאַץ ביים טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן, שווערן קאָפּ, מען ווייסט נישט צי פון שרעק פאַרן שטורעם זיצט ער אַזוי, צי דער שטויס פון פאַלקס היי־גאָפּל טוט אים וויי. די פויערטע מיט איר עלטערער טאָכטער קלעבן ווי תמיד אַרום קעכל. זיסקינד, אַ צוזאַמענגעפאַלענער, דרעמלט אין אַ ווינקל, ווייט פון פענצטער...

פאַלק שטייט אין דער טיר פון פאָדער־הייזל, אין הייפל אַרויס, און דערקוויקט זיך מיטן פרישן רעגן; ביי זיין זייט שטייט די קליינע עמאַלע. אַ בליץ טוט אַ שליידער אַ פייערדיקע שאָל איבערן הויז. מיט אַ געשריי, פאַרקוועטשן אַלע די אויגן. אין דער זעלבער סעקונדע, מיטן בליץ צוזאַמען, פאַלט אַ טרוקענער קלאַפּ איבערן דאַך. אָט שוין — דוכט זיך — ווערט מען פאַרשיט אונטער די צוזאַמענפאַלנדיקע ווענט. די האַנעסטע ברעגגט צוטראָגן פון שלאָף־שטיבל, דאָס ווייסע שטיינערנע יוזל, און שטעלט עס אַוועק אויפן געזימס פון פאַרנטיקן פענצטער... מיט קורצע הפסקות חזרן זיך איבער די זעלבע בליציקע אויפרייסן. מען שטיקט זיך איינצוהאַלטן דעם אָטעם, דעם פחד. מען וואַרט. פאַלק קוקט צו די בערג. נישטאָ קיין בערג. שטיקער וואָלקנס וואַלגערן זיך איינער איבערן צווייטן, ווי אין אַ געווירבל פון דרייענדיקע רעדער, ווי אַן אומגעהויערער מעכטי־קער קעסל וואָלט געקאָכט, געזאָטן, איבערגעלאָפן מיט הייסן, פאַרעדיקן שוים.

— צי האָט ער נישט מורא? — הערט ער ווי די קליינע עמאַ רעדט צו אים, מיט אַ הייזעריק קול, אָנגעשטרענגט פון לאַנגן שווייגן.

ער דרייט אויס זיין פּנים צו איר און קוקט זי אָן, זי איז אַביסל בלאַס אַרום נעזל, אַרום די זאַפטיקע ליפּן. מיט מאַטע, אונטערגעשלאָגענע אויגן קוקט זי אויף אים. ער דערמאָנט זיך איר פאַרצווייפלט קינדיש קול אויפן פעלד, פאַרן שטורעם...

— אָה! פּעטער יאָאַכען! העלף! — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן, מער צו אים, צו פאַלקן געווענדט, ווי צום פּעטער...

— דו ליבער גאָט! אָהאָ! די קליינע פרוי... אַלץ וויל זי וויסן...

ער שמייכלט, פאַלק:

— און דו? — פרעגט ער זי — דו, עמאַ, דו האָסט נישט קיין מורא?

— האָ? איך... — שטאַמלט זי — אונדז?... באַשיצט אונדזער קליי־נער יעזוס... וואָס מאַמאַ האָט אַריינגעבערענגט פון שלאָף־שטוב... און ער, פאַלק, איז דאָך אַ... נישט קיין קריסט...

פון איין בליץ ביז צום צווייטן זענען שוין די הפסקות לענגער, די גרינגע פייערן בלאַסער; אויך דער געקאַלער פון די דונערן זענען נאָך יעדן בליץ שוואַכער געוואָרן, פאַרלוירן דעם מעכטיקן מעטאַלענעם קלאַנג. דער רעגן איז שוין אויך נישט מער אַזוי בייז. די ווילדע רציחה, וואָס איז געהאַנגען, געפּאַנעוועט אין דער לופט, איז מיושבדיקער, ווייכער. עס האָט נאָך אַלץ געמבולט, אָבער מיט רחמים. פון דער גרויסער שטוב אַרויס האָט זיך שוין אויך געלאָזט הערן די רייד פון די וואַרטנדיקע; אַ הוסט, אַ לעבעדיק וואָרט. דער דיאַלאָג צווישן עמאַ און פאַלקן האָט זיי מחיה געווען...

— מען זאָל זיך זעצן צום טיש — זאָגט די באַלעבאָסטע פון הויז, אַנגיסנדיק יעדן אַ גלאָז ווייַן.

דער שטורעם האָט זיך שוין כמעט ווי באַרואיקט. דער רעגן — אויך.

— יאָ! — הערט זיך יאָאַכנס קול — מיר האָבן גוט אָפּגעשניטן היי־יאָר מיטן היי־שניט...

— גאָט צו דאַנקען... — שטראַלט יום־טובדיק די האַנעסטע.

האַנעס באַקומט אויך לשון:

— אַ שפּילעכל — זאָגט ער — דעם גאַנצן היי אונטערן דאַך צו האָבן... פאַר דאָס אָבער — גיט ער צו — האָט מען אַ פעסטן שוויץ גע־כאַפּט.

ער ווינקט צום ווייב, אַנוווייזנדיק צום פאָדערהויז. די פּויערטע גייט אַרויס, און בעט פאַלקן אַריין צום טיש, פאַלק גייט אַריין, און עמאַלע, די גליקלעכע, גייט אים נאָך. אַלע זיצן אַרום טיש, יעדער אויף זיין אָרט, מען טרינקט מיט אַפּעטיט דעם קאַלטן העלן ווייַן...

די צוויי ברידער רעדן געשמאַק וועגן דער גוטער היי־יאָריקער היי־גערעטעניש.

— יאָ! — זאָגט האַנעס — ס׳אַ גוט יאָר פאַרן היי, מ׳קאָן נישט זאָגן.

— און איר — ווענדט זיך יאָאַכן פּאַטערלעך צו זיסקינדן — זיך גוט אָנגעהאָרעוועט, העט? נו! ביז צום גרויסן תבואה־שניט — טרייסט ער אים — איז די אַרבעט אַ קינדער־שפּיל...

— ער האָט זיך אויף קיין שווערער אַרבעט נישט צו באַקלאָגן — ענטפערט זיסקינד — און קיין בעסערע באַהאַנדלונג, ווי ער האָט ביי זיין

בעל־הבית, קאָן מען זיך נישט ווינטשן... ער איז העכסט צופרידן — פאַר־ענדיקט זיסקינד מיט שטאָלץ.

האַנעס לאָזט הענגען זיין קאָפּ און פאַרבאָרגט זיינע בליקן פון די אַרומזיצנדיקעביים טיש. ער פילט זיך שלעכט פון דעם בחורס לויבן זיין ברודער... די האַנעסטע קומט צוהילף איר מאַן:

— מיינער — זאָגט זי — איז אַן אויפגערעגטער, אַ כעסן, אָבער נישט קיין שלעכטער...

זי גייט אַריין אין שלאָף־שטיבל און קומט פון דאָרט צוריק מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. זי גיט עס פאַלקן צו לייענען:

— אָט — זאָגט זי — איז אַ צייגעניש פון אַ דאָקטאָר, אַז מיין האַ־נעס האָט דאָס פון דער מלחמה, דאָס שנעלע אויפרעגן זיך...

און זי נעמט דערציילן פון די שווערע פיר מלחמה־יאָרן... האַנעס גייט אין קריג אַריין. זי בלייבט אַליין מיט די צוויי „שוועלבעלעך" אויף דער האַנט... און דאָ אין ווירטשאַפט, די פי, די פעלדער... אַקערן אַליין, זייען אַליין, און שניידן אויך אַליין. די קינדער תמיד מיט זיך אין פעלד. אַפּטמאָל ווערט ס׳גערעטעניש פאַרפוילט אויף די פעלדער, נישטאָ קיין מענער־הילף צום אַראָפּנעמען... די בהמות הונגערן, גיבן קיין מילך נישט... און דאָ ווערט אַ קינד קראַנק... און ער, דער מאַן אירער, אין די מדבריות ערגעץ, ביים טערק, צי ווו...

ס׳איז שטיל אַרום טיש. פון דרויסן נאָר הערט מען די לעצטע טראָפּנס פון רעגן פאַלן, וואָס אַמאָל שוואַכער און שטילער.

— און פונדעסטוועגן — פאַרענדיקט די האַנעסטע מיט טרערן אין די אויגן — האָב איך אים אַלץ דערהאַלטן... אַבי נאָר ער איז לעבן גע־בליבן, און אונדז, מיט גאָטס הילף, צוריקגעקומען, געזונט און גאַנץ...

אויף זיין שטענדיקן פלאַץ ביים טיש, זיצט האַנעס שינדלער, דעם קאָפּ ביז צום טיש אַנגעבויגן, און וויינט. טרערן רינען אים איבער די איינ־געפאַלענע, קנאָכיקע באַקן, אין די גראָבע וואָנסעס אַריין.

— יאָ! — ווענדט זיך מאַמעדיק צו פאַלקן די פויערטע — ער דאַרף פאַרגעסן, פאַלק, וואָס אויפן פעלד דאָרט איז געשען... און ער, האַ־נעס! זאָל זיך אויך פון היינט אָן צוריקהאַלטן... אַזוינס... וועט שוין מער נישט געשען. זי וועט שוין זאָרגן דערפאַר.

זיך גוט אויסגעוויינט, דער הימל, איז אים לייכטער געוואָרן: אַ שטראַלנדיקער שטייט ער ווידער איבער דער געגנט. טאָלן און בערג, פעלדער און וועלדער, אויסגעוואָשענע, אָפּגעפרישטע. זיי שטייען דאָ אַרום אין קרייז, און אָטעמען לייכטער אָפּ, נאָך דער שווערער היץ. אַ פּאָרע

טראָגט זיך פון דער ערד; ווי קאַלט וואַסער, ווען מען גיסט אויף צעגליטע שטיינער. פרידלעך און שטיל קומט דער אָוונט צוגיין. פאַרן אונטערגאַנג, טוט אַ צעעפן איר גאָלדענעם פעכער די זון און צעשמעלצט די באַרג־שפּיצן, אין אָראַנזש, אין וויאָלעט און אין גאָלד. נאָך דער שווערער מי פון טאָג, ליגט פאַלק אַ נאַקעטער אויף זיין געלעגער, און טראַכט נאָך עפּעס פאַרן אַנטשלאָפן ווערן:

— אַנאַ... — טראַכט ער — ווי אירע קני האָבן געלויכטן אין דער זון אויפן פעלד... אַמאָל האָבן געלויכטן אַזוי די יונגע צאַרטע קני, אין דער שופטים־צייט פון רות...

קאַפּיטל 6

דער פערד־הענדלער איזאַק שטראַסבורגער

יאָ! — באַשליסט פאַלק אין איינעם אַ פרימאָרגן, באַלד נאָכן היי־שניט — עס קאָן אַזוי ווייטער נישט גיין. זיין פויער ווערט פינצטערער פון טאָג צו טאָג. לעכער, נישט קיין אויגן, זענען ביי אים. ער שלאָפט שוין אינגאַנצן אין שטאַל, נעבן דעם הינקענדיקן „פּאַשאַ". ער רעדט צו קיינעם פון די שטוביקע נישט אַרויס קיין וואָרט. פאַלקן מיידט ער אויס. ביים עסן ליגט ער מיט די אויגן אין טעלער און שטומט. פאַלק ווייסט, אַז דאָס גייע פערד לאָמט וואָס אַמאָל שטאַרקער, מען קאָן עס שוין צו גאָרנישט באַנוצן. עס קאָן נאָך אָוועקפגרן אויך. ווער קאָן וויסן?

פאַלק נעמט זיך אַ נאָכמיטאָג פריי.

— מען זאָל נישט וואַרטן אויף אים מיטן אָוונט־ברויט — ווענדט ער זיך צו זיין בעל־הבית׳טע — טאָמער קומט ער נישט צוריק היינט אויף דער נאַכט.

ער שפּאַנט אָוועק מיט לײדיקע הענט צו זיסקינד׳ס בעל־הבית, צו יאָאָכן שינדלער גייט ער. ער פרעגט ביי אים דעם וועג קיין קריידעלסהיים, און בעט ביי אים, אויסצובאָרגן אים אַ ביציקלעט. יאָאָכן פרעגט פאַלקן קיין סך נישט איבער, דער נאָמען פון דאָרף: קריידעלסהיים... דערמאָנט אים עפּעס און ער זאָגט:

— אַ ביציקלעט, אַן אייגענעם, האָט ער נישט. ביי זיין קנעכט עזאָו איז יאָ פאַראַן איינער. און ביי זיין אַנאַ — אויך. אַ דאַמען־ביציקלעט, פאַר־שטייט זיך. אַז ער וויל זיין טאָכטערס, קאָן מען פרעגן ביי אַנאַ.

פאַלק דאַנקט. ער וועט שוין גיין צופוס, זאָגט ער. יאָאָכן ווענדט אים אָפּ:

— ס׳איז זייער ווייט, אין אַן אַנדער באַצירק ליגט דאָס דאָרף.

אַנאַ קומט אַרויס אויף דער וועראַנדע, זי האָט געהערט — ווייזט אויס — דעם שמועס צווישן פאַלקן און איר פאָטער. אַן ווערטער, גייט זי אַריין אין איינס פון די קעמערלעך פון הויף, פירט פון דאָרט אַרויס איר ביציקלעט, און גיט עס איבער צו פאַלקן אין דער האַנט אַריין. זי גייט, אַ שווייגנדיקע, צוריק אין הויז אַריין. פאַלק פּאָמפּעט אָן די רעדער מיט לופט און פאָרט אַוועק.

נאָך אַ שטיק איידער ס׳ווערט נאַכט קומט ער צוריק אויף אַ צוויי־רעדערדיקן איינגעשפּאַן, מיט נאָך איינעם אַ מענטש; דעם ביציקלעט אַריינגעשטעלט אין וועגעלע, פאַרהאַלט מען זיך פאַר אַנאַס הויז, מען גיט צוריק דעם געבאָרגטן ביציקלעט, דערנאָך פאָרט מען צו פאַלקנס בעל־הבית. ביידע קריכן אַראָפּ פון איינגעשפּאַן. דאָס פערדל בינדט מען צו צום לינדן־בוים פאַרן הויז, און מען גייט אַריין אין הייפל. עמאַ שרייט די ערש־טע אין שטוב אַריין:

— פאַלק גייט! מיטן יוד, גייט ער!

האַנעס שטייט אינמיטן הויף; אַז ער דערזעט פאַלקן מיט „זיין״ יוד. בלייבט ער שטיין ווי צוגענאַגלט, באַוועגט זיך נישט, קוקט נישט אויף קיינעם. אָט גייט ער — טראַכט דער פויער — זיין מלאך המוות...

— אַ גוטן אָוונט, האַנעס! — טוט אַ זאָג דער פערד־סוחר.

אַ ייד פון דער געגנט, מיט אַ פּנים פון אַ קליין־שטעטלדיקן שוחט...

— וואָס עפּעס? נישט צופרידן פון קנין, הער איך. אמת, האַנעס?

און ער טוט דערביי דעם פויער גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע.

— ווו איז דער חולה? לאָמיר אים אָנקוקן, ווי ער זעט אויס.

האַנעס, ווי אַ שטומער, שטייט, מיט בליקן, ווי מיט שפּיזן. מען גייט אַריין אין שטאַל, מען שטעלט זיך אַרום קראַנקן פערד. דער פערד־סוחר, דערזעענדיק זיין סחורה, צעשטראַלט זיך ביי אים דאָס פּנים. ער זאָגט:

— מיר וועלן באַלד זען, ווער פון אונז ביידן „איז געשלאָגן געוואָרן איבערן אויער״, דער פערד־הענדלער איזאַק שטראַסבורגער, אָדער דער לאַנדווירט יאָהאַנעס שינדלער... לאָמיר אים — דעם פויגל — קודם כל אַרויספירן פון שטאַל אַרויס; ווייל ער האָט ליב אינדרויסן אַרומצובריקע־ווען, נישט זיין פאַרשלאָסן גאַנצע טעג אין דער „סוכה״, אמת „פּאַשאַ״?

ער טוט דערביי דאָס פערד אַ צערטלעך פּעטשל איבערן גלאַנצנ־דיקן הינטן. פאַלק נעמט אָן דאָס פערד פאַר די צוימלעך, און פירט עס אַרום איבערן הייפל.

— אויף דער גאַס אַרויס! אויף דער גאַס! — קאָמאַנדעוועט דער

ייד — מיר האָבן זיך, גאָט צו דאַנק, מיט גאָרנישט צו שעמען מיט אונד־זער אַדלער...

דאָס פערד שפּרינגט ווילד אונטער, רייסט זיך פון די צוימלעך, און פאַלק האַלט עס מיט שווערע מי אין טראָט. דער פערד־סוחר גייט נאָך פאַלקן, האַנעס פון הינטן שלעפּט זיך ווי נאָך אַ לוויה. די פויערטע קומט נישט אַרויס, נאָר די קליינע עמאַ קלעפּט אין פענצטער, מיט אויפגעריסענע, הייסע אויגן. מען שטעלט זיך אויס אויפן פאַרנאַכטיקן קלויסטער־פּלאַץ; פאַלק לויפט דורך, ווי פאַר אַ „קאָמיסיע", עטלעכע מאָל הין און צוריק מיטן פערד ביים צוימל.

— אָ! אָ! — וויזט האַנעס אָן אויפן פערד, אויפן לינקן הינטערשטן פוס — אָט דאָ אָ! לאָמט ער, דער „פּאַשאַ"! און וואָס אַמאָל ערגער... — גיט ער צו, אַ פאַרצווייפלטער.

יאַאָכן, מיטן ציבעכל צווישן די ציין, קומט אויך אָן פון וועג. זיס־קינד, אַ צעטראָגענער, אַ נייגעריקער, טענצלט הינטער זיין באַלעבאָס.

— נו, גוט! — זאָגט געלאַסן דער ייד — זאָל מען איצטער צוריק־גיין אין הייפל אַריין און באַטראַכטן פונוואַנען דאָס לאָמעניש שטאַמט. וואָ־רום, פון די געלענקן לאָמט ער ניט, דער בחור, דאָס האָט ער שוין גע־זען...

אין הייפל בינדט מען דעם „פּאַשאַ" צו צום טויער פון שטאַל; האַ־נעס נעמט דעם פערדס לאָמענדיקן פוס אויף זיין קני, יאַאָכן און פאַלק, פון ביידע זייטן מאָרדע, האַלטן אים פעסט ביי די צוימלעך. דער ייד בויגט זיך דאָרט טיף אַראָפּ, און מיט אַ גליטיק קראַצט ער דאָרט אַרויס דאָס פאַרטריקנטע מיסט פון צווישן די קלאָען. דאָס פערד טוט זיך אַ ריס און שליידערט האַנעסן אַוועק אין אַ זייט.

— ס'איז נישטאָ מער וואָס צו קוקן... — זאָגט אַ שטאָלצער דער פערד־הענדלער. — ס'איז דאָרט ביים פערד אַ געשוויר צווישן די קלאָען; פון אַ שטאָך אוודאי, פון אַ נאָגל, צי פון אַ פאַרזשאַווערט שטיק דראָט. מען דאַרף דערויף נישט קיין וועטערינער, אַ שמיד קאָן די „אָפּעראַציע" אויך מאַכן. ס'איז — זאָגט ער — גלייך אַ מענטש וואָלט געהאַט אַ בלאָטער אויף דער פּיענטע; נו? — טוט ער אַ הויב אויף אַ פּאָר שעלמישע אויגן אויף די אַרומשטייענדיקע: — וועט ער זיך שעמען צו לאָמען?

פאַלק טוט אַ שמייכל פון משל, ביי ביידע ברידער פאַרענדערט זיך אַפילו נישט דאָס פּנים...

נאָך אין דער זעלבער נאַכט שטייט שוין „פּאַשאַ" אין שטאַל, אָן אָפּערירטער, און אויפן דריטן טאָג גייט ער שוין אין שפּאַן ווי אַ טענצער,

וויגנדיק זיך אויף זיינע הויכע, יונגע פיס. ביים אָוונט־עסן איז מען גוט אויפגעלייגט אַרום טיש. די האַנעסטע זאָגט:

— פון דעם זונטיק איבער אַכט טאָג איז קערמעס אין פריילינגען... דאָרט פאָרן מיר אַלע יאָר צו אונדזער פאַמיליע און מיר פאַרברענגען דאָרט אַ טאָג מיט אַ נאַכט. דאָסמאָל וועלן מיר שפּאַנען דעם „פּאַשאַ", און פאַלק וועט אונדז פירן...

— יאָ, מאַמע! יאָ! יאָ! — פּאַטשט די קליינע עמאַ לעבעדיק מיט אירע קרעפּטיקע הענט — דאָס וועט הערלעך זיין...

מען טרינקט נאָך אַ קרוג וויין, און נאָך איינע. יאָאַכן מיט זיסקינדן זענען אויך ביים טיש. האַנעס זאָגט אַ שטראַלנדיקער:

— פאַלק! — זעט מען — וויל די לאַנדווירטשאַפט גרינטלעך דער־לערנען, און ער וועט זי אויך... נישט — זאָגט ער מיט ביטול — ווי די אַנדערע „בערלינער" דאָרטן...

אויף זיין געלעגערל אין פויערישן שטיבל, אין דער נאַכט, האָט דאָרט פאַלק מיט זיך אַ שטיקל סכסוך. ער איז צופרידן, דער „חלוץ", פון זיין שטיקל אַרבעט. ער קוועלט. ער שטרעקט זיך דאָ אין זיין גאַנצער קנאַכיקער לענג, און אין דער פינצטער שטראַלט זיין פּנים און פלאַמט. יאָ! — טראַכט ער — אַ קלייניקייט האָט ער געטאָן, און דערמיט אַ גאַנצע משפּחה גליקלעך געמאַכט. אַזוי! נאָר אַזוי! דאַרף אַ מענטש זיין לעבן אויספילן... שווייגנדיק צולייגן אַ האַנט דאָ, ווו ס'איז נויטיק: דעם אַקסל אונטערשטעלן הינטער אַ צעבראָכענעם וואָגן... אַזוי! און נישט וואַרטן אויף קיין דאַנק, אויף קיין שכר... אַ מעשה מיט אַ הינקענדיק פערד... וואָס איז דאָ אַזוינס דער מער? אַ „היסטאָרישע טאַט" איז ער באַגאַנגען? וואָס האָט ער דאָ אַזוינס געטאָן, דער שטעטלדיקער בחור? — וואָס איז די קוועלעניש, וואָס ער קוועלט פון זיך דאָ, אויף זיין בעטל, אין אַ דאָרף, ער־געץ אַרום רהיין...

פונדעסטוועגן... ער נעמט זיך אויף אַ שטרענגן פאַרהער. צוויי פאַלקס רעדן דאָס פאַרטרוילעך, איינער מיטן צווייטן. הער! — זאָגט איין פאַלק צום צווייטן — לאָמיר נאָר קאַלט אַ באַטראַכט טאָן דעם שורש פון דיין טאַט, דעם מאָטאָר, וועלכער האָט דיך אָנגעטריבן צו דיין האַנדלונג. ווען, למשל, דער פערד־הענדלער וואָלט נישט געווען קיין ייד, הע? ווען האַנעס מאַכט אַ שלעכטן קויף ביי אַ גוי?... וואָלט דיר דער ענין אויך אַזוי נאָענט געווען צום האַרצן? נישט אפשר דאָס „פּינטעלע ייד" איז דאָ דער גורם צו דיין — לאָמיר זאָגן — „מענטשלעכע" טאַט? עס איז נישט דאָס אַליין. — ענטפערט דער צווייטער פאַלק, מיט זיכערקייט — עס איז

נישט דאָס אַליין... און זי? אַנאַ? איז... עך! — ווערט זיך דער צווייטער — דאָס איז סתם חקירה, יידישער פּילפּול; אָט די אַלע געדאַנקען, מיט וועלכע ער ראַנגלט זיך דאָ אַרום. דאָס „פּינטעלע ייד", צי אַנאַ... צי כ'ווייס ווער... האַנעס שינדלער — שפּינט ער ווייטער זיין געדאַנק — האַנעס האָט ווידער זיין קרוין אויפן קאָפּ זיצן. מען דאַרף אים נאָר זען אַרום זיין „פּאַשאַ". און דאָס פערד גופא דאַרף מען האָבן געזען, נאָכן אויפפלאַצן דעם געשוויר. מיט זיין גלאַנצנדיקער ברוין־רויטער פעל, מיט זיינע קלוגע שליפּיעס, מיט זיין הערלעכן קאָפּ, די האַריקע גזשיווע, ווי פון זייד אַרום דעם לאַנגן האַלדז, זיין גאַנצער געשטעל, ווי אַ סטאַטוע פון רויטן קופער פון אַ קינסט־לער־האַנט אויסקולפּטירט. יאָ... — מאַכט ער די אויגן צו, אַנטשלאָפן צו ווערן — האַנעס איז פון דער מלחמה צוריק געקומען, צו די צוויי אָפּגעדאַר־טע אַלטע פערד; ער שפּאָרט אַ גראַשן צו אַ גראַשן; יאָרן אַזוי. ער פאַר־מעסט זיך גרויס... אַ ראַסיק פערד האָט זיך אים פאַרגלוסט אין די ליימיקע גריבער ערגעץ, אַרום ווערדון, צי אויפן באַלקאַן... טראַכט ער פון זיינע קליינע צוויי טעכטערלעך, פון זיין הילדען... פון אַ ראַסיק פערד, וואָס ער וועט קויפן, ווען דער הער גאָט וועט אים שענקען דאָס לעבן, נאָכן קריג... אַ יונגן, קרעפּטיקן אָגער, וועט ער ביי זיך אין שטאַל האָבן שטיין. דאָס שענסטע פערד פון דער געגנט — וועט מען זאָגן אין דאָרף — שטייט ביי האַנעס שינדלער אין שטאַל... זיבן יאָר האַרעוועט ער, שווערע און לאַנגע זיבן יאָר; ווי יעקב פאַר זיין שיינער רחל... ער האָט שוין דעם קאַפּיטאַל דערויף, ער פאָרט אַרויס קויפן, און ער קויפט שוין, מיט מזל, ברענגט אים אַהיים... זיין פיר יאָריקן מלחמה־חלום... אָט שטייט ער דאָרט אין זיין שטאַל, און פאַרבלענדט. און דאָ, זעט ער אים קרענקען, זיין חלום גייט איין, פאַר־לעשט זיך און קיינער קומט אים נישט צוהילף...

ער וויל אַנטשלאָפן ווערן, פאַלק. ער וויל מער נישט טראַכטן. אין דרויסן איז שטיל. דער האָן האָט שוין צום צווייטן מאָל געקרייט. נאָך אַ שווערן היי־שניט שלאָפט דאָס דאָרף. דאָס וואַסערל אונטערן בריקל שטראָמט, יאָגט מיט אַ געמורמל טאָג און נאַכט אַזוי, אייביק. אין דער פינצטער טרייבט עס איילנדיק צו אַ גרעסערן שטראָם צו, און דער גרע־סערער שטראָם פליסט צום רהיין, און דער רהיין — צום ים...

אַנאַ, ביים אָפענעם פענצטער פון איר שלאָף־חדר'ל הערט זי זיך צו, צום רוישן פון ברעג טייכל, וואָס שניידט אַדורך דעם גאָרטן. די קאַרשן־ביימער אין אַנאַס גאָרטן זענען שוין זאַפטיק און פול. די בלומען בויגן שווער די קעפּ צו דער ערד אַרונטער. די געדיכטע צווייגן מיט די טונקל־רויטע קאַרשן מאַנען און רופן, ווי אַנאַס ליפּן אויפן היי־פעלד דאָרטן...

קאַפּיטל 7

דער באַל

אַ שבת אויפֿדערנאַכט, נאָכן היי־שניט, איז לעבעדיק און פֿריילעך אין דערפֿל. ס׳יונגוואַרג איז פֿאַרפֿלאַמט אין דעם יום־טוב, וואָס וועט דויערן ביז מאָרגן, זונטיק, שפּעט אין דער נאַכט. מיט מוזיק און מיט טאַנץ הייבט זיך אָן דער דאָרפֿישער יום־טוב. גרופּנווייז און אַליין, שפּאַנט מען, פֿון ערב נאַכט אָן, אויסגעפּוצט און שיינענדיק צום „פּפֿעלצער ברונען״, די גרויסע גאַסטווירטשאַפֿט, וואָס שטייט אין אַנדערן עק דאָרף, לעבן דער אַלטער מיל. אויך ביי האַנעסן עסט מען היינט פֿריער ווי אין אַ געוויינטלעכן שבת. מען איז צעטראָגן, מען איילט זיך, מען ווייסט נישט, וואָס איז די איילעניש.

צו שיקן וועמען אויפֿן באַל האָט מען נישט. די עלטסטע טאָכטער זיי־ערע, די ליסבעט, האָט נישט „ליב״ צו טאַנצן. עמאַ? מיט אירע דרייצן יאָר זי שיקן אויף אַ באַל, אַליין צווישן יונגען? פֿאַלק? וואָס קאָן מען וויסן וואָס דעם „בערלינער״ וועט איינפֿאַלן? קיין טענצער זעט ער נישט אויס צו זיין. פֿונדעסטוועגן, אַז מען קוקט זיך גוט צו ביי האַנעסן אין שטוב דעם שבת אויפֿדערנאַכט, זעט מען אַז דער געאייל, דאָס צעטראָגן זיין, קומט טאָקע אינגאַנצן צוליב דער קליינער מויד. זי הענגט מיט אירע אויגן אַ גאַנצן אָוונט אויף פֿאַלקן. און ער, פֿאַלק, ווייסט וואָס זי וויל. זי האָט אים די לעצטע טעג אויפֿן פֿעלד אַ פֿולן קאָפּ אָנגעפּלוידערט פֿון „באַל״ נאָכן היי־שניט. איצטער בעט זי אים מיט פֿייכטע אויגן: „אַ פֿאַלק! העלף! דו ליבער גאָט!״. אַזוי ווי אויפֿן אַקער, פֿאַרן שטורעם, דוכט זיך אים, וועט זי זיך דאָ באַלד צעשרייען... זי חנפֿה׳ט דעם פֿאָטער, די מוטער. זי העלפֿט ביים געשיר וואַשן, זי רוימט צו די קיך. אומעטום לייגט זי צו אַ האַנט, און איז צעפֿלאַמט.

זי איז העכער געוואָרן היינט אָוונט, רייפֿער, ווייבלעכער.

זיסקינד קומט אַריינגעטענצלט, אויך אָן איילענדיקער. עפּעס דרייט ער זיך שטום אַרום פֿאַלקן, און קאָן מיט אים קיין אָנהויב פֿון קיין שמועס נישט געפֿינען.

— שוין אָפּגעגעסן — זאָגט ער — דו גייסט היינט אָוונט אַרויס? עס וואָלט נישט כדאי געווען אַ קוק טאָן דאָרט?

עמאַ, אין שלאָף־שטוב, אַמפּערט זיך מיט דער מוטער. אָן ענערגיש שנעל טופּען פֿון יונגע פֿיס הערט מען פֿון דער שלאָף־שטוב אַרויס.

— און האָרעווען ווי אַ גרויסע — שרייט דאָרט ס׳עמאַלע — דאָס יאָ ?...

האַנעס מישט זיך נישט, ער קוקט אויף זיין מוזיניקל, מיט אַ פּאַטער־לעכן בליק, ווייסט וואָס זי איז ווערט.

— און אַנאַ ? — פרעגט די באַלעבאָסטע פון הויז זיסקינדן...

זיסקינד שטאַמלט: אַנאַ — די גאַנצע יוגנט פון דאָרף גייט, וועט זי אויך גיין... כאָטש גרייטן זיך האָט ער זי נישט געזען.

— און ער זיסקינד. — פרעגט זי — ער וועט גיין ?

זיסקינד קוקט אויף פאַלקן און זאָגט:

— אויב זיין פריינט וועט גיין, גייט ער אויך.

דאָס פּנים פון דער האַנעסטע צעשטראַלט זיך:

— מיט פאַלקן שיק איך מיין עמאַלע אויך מיט... וואָס מיינסטו האַ־נעס ? — ווענדט זי זיך צו איר מאַן.

יענער ענטפערט נישט, נאָר אין שמייכל פון זיינע גראָבע וואָנסעס זעט מען, אַז ער איז מסכים, דער עקשן. פאַלק דערכאַפּט עמאַלעס בליק, פון פעלד: „אַ, פאַלק! ההעעלף!״... פאַלק לויפט אַרויף אין זיין חדר׳ל זיך איבערטאָן. אויך זיסקינד פאַרשווינדט צו זיך אין חדרל. די קליינע מויד שפּרינגט אַרויף אויף דער מוטער, און גייט מיט איר אַ רעדל אַרום קעכל, ווי אַ יונגער הונט, ווען ער צעשפּרינגט זיך פאַר פרייד...

שפּאַנענדיק מיט פאַלקן צום „פעלצער ברונעם״, גייט מיט עמאַ אָן לשון. זי וויל רעדן, נאָר זי קאָן נישט. זי האָט פאַרלוירן ס׳קול. די קניען ווילן זי נישט טראָגן. זי איז בלאַס, די ליפּן אירע ציטערן. זי איז מיט אַ קאָפּ העכער געוואָרן אין איר געפּאַסט זונטיק־קליידל, אין אירע נייע שיכ־לעך, וויגט זי זיך אויף אירע הויכע פיס, מיט אַ גראַציע פון אַ רייפער, יונגער פרוי... ביי די פענצטער שטעלט מען זיך קוקן אויף דער לאַנגער דאָרפס־גאַס:

ס׳עמאַלע... — זאָגט מען — פון האַנעסן, גייט. מיט זייער „וואַ־לאַנטער״ גייט זי...

אהאַ! די האַנעסטע! שטילערהייט פירט זי אָן אַ ווייבערישע מלחמה צווישן אַנאַ דעם פעטער יאָאַכנס, און איר מוזיניקל. פאָרט אַמאָל דורך אַ הויזירער דורכן דאָרף, קלויבט זי אויס דאָס שענסטע פולאָווערל, די שענסטע שלייף פאַר די האָר, ס׳טייערסטע דירנדל־קליידל, די בעסטע פאַר שיכלעך פאַר איר עמאַלע... יאָ, די שטאָטישע האַנעסטע, די אַמאַליקע שיינע ברונהילדע, ווייסט ווי אַזוי איר טעכטערל צו פוצן. אַזוי ווי איר מאַן, האַ־נעסעס שטאָלץ ליגט אין די פערד זיינע; אַזוי ליגט איר שטאָלץ אויף איר

קליינער, אויף איר עמאַ... אַזוי ווי אַ גוטער גערטנער איבער זיין גאָרטן, אַזוי וואַכט זיך איבער איר טעכטערל...

זי אַליין, ביי אַ מומען אויפגעצויגן, וואָס פאַר אַ יוגנט האָט זי דען געהאַט? געקליבן, געוואָרט... און קיינעם זיך נישט געקאָנט צוקליבן... ביז דרייסיק יאָר ביי איר מומען געלעבט אָן פרייד. איינגעאַנגען, אויסגעטרוקנט געוואָרן. חתונה געהאַט מיט האַנעסן. און אין עטלעכע יאָר שפּעטער ביידע קינדער געקומען. דאַן — דער ביטערער קריג... יאָ! עס גייט שנעל אין לעבן. איידער מען קוקט זיך אַרום, וואַקסן די קינדער אונדז ביז איבער די אַקסלען אַריבער... ניין, דאָס עמאַלע דאַרף איר יוגנט אַנדערש דורכלעבן, ווי איר מוטער... מיט מער פרייד, מיט מער... זי וועט שוין זאָרגן דערפאַר, אַכטונג געבן...

שוין פון דער ווייטנס, דערהערט פאַלק דעם מעטאַלענעם געבראַזג פון די שווערע, דאַרפישע בלעך־אינסטרומענטן. דער באַס־טרומפּייטער, די פויק מיט די טאַצן זאָגן אָן ווו דער „באַל" געפינט זיך. אין דער לאַנגער, הינטערשטער בודע אויפן הויף טאַנצט מען שוין. אַ שטאַרקער גערוך פון שנאַפּס און פון ביר, געמישט מיט טאַבאַק־רויך פון פּייקעס און ציגאַרן, הענגט געדיכט אין דער גאַסטווירטשאַפט. דורך אַ לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר קומט מען צו צום טאַנץ־זאַל. פאַר דער טיר דרענגן זיך אַ קנויל צוקוקער פון פאַרשיידענעם עלטער. מען קוקט אַריין...

אַרום „פפעלצער ברונעם" איז אַ געגיי. מען קומט נאָך אַלץ אָן פון די נאָענטע דערפער; דאָס קומען די יונגען, רייטנדיק אויף די ביציקליסטן, פון די בערג אַרונטער. אין דער גרויסער טאַנץ־בודע, מיט אַ ריי שוואַך־באַלויכטענע, געלבלעכע עלעקטרישע נאַקעטע לעמפּלעך, זיצט מען פאַר־שוויצט הינטער גראָבע, דעמבענע טישן, אויף די לאַנגע, ברוינע, נידעריקע בענק, ביי גלעזערנע און ערדענע ביר־קופּליעס. מען דערקענט אין די פאַר־שוויצטע פּנימער פונעם יונגוואַרג, פון לייכטן שטויבל, וואָס שטייט נאָך דאָ אין חלל, אַז מען האָט נאָרוואָס פאַרענדיקט אַ טאַנץ.

אַקעגנאיבער דער טיר, אין אַנדערן עק זאַל, זיצן אויף אַ ברעטער־פּאָדיום די מוזיקאַנטן, זייערע מעשענע שפּיל־מכשירים גלאַנצן ביי זיי צו־פוסנס, ווי צעגליטע בלעכן פון אַ באַק־אויוון. זיי, די מוזיקאַנטן גופא, זיצן מיט אַרויפגעשאַרצטע העמד־אַרבל ביז צו די עלנבויגנס, און זייערע גלאַט־ראַזירטע, ווייסע קעפּ פינקלען ווי די לאָמפּן אונטערן עלעקטרישן ליכט. מען דערפרישט זיך מיטן גוטן ביר די טרוקענע ליפּן, די לעדערנע צונגען, פון בלאָזן אין די שווערע טראָמפּייטן אַריין. פּאַפּירענע סטענגעס און שלייפ־

לעך פון פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן באַצירן דעם סופיט, די הילצער־נע ווענט, מאַכן דעם זאַל פייערלעך און יום־טובדיק.

פאַלק מיט דער קליינער עמאַ זוכן זיך אַ פּלאַץ. ס'עמאַלע וויל זיין נאָענט ביי דער מוזיק, אין דער געדיכטער געדרענגעניש פון די טאַנצנדי־קע; פאַלק האָט מורא פאַר דער בלעך־מוזיק, פאַר די מעשענע עלעפאַנטי־שע טראָמבעס. נאָר די בעסטע פּלעצער זענען שוין פאַרנומען, און נאָר ווייט פון דער מוזיק זענען פּלעצער פריי. זיי זעצן זיך דאָרט אַוועק. זי איז צע־טראָגן, די קליינע, אַביסל צעחושט, נאָר זעענדיק אַרום זיך מיידלעך אין אירע יאָרן און נאָך יונגערע פון איר, באַרואיקט זי זיך. זי קומט צו זיך פּאַמעלעך. ווי אַ בלום נאָך אַ רעגן, צעעפנט זי זיך און לעבט. די טראָמ־פּייטן טוען זיך אַ צעסטראַיע; אויפן פּאָדיום שטעלט מען אַריין די פאַר־געלטע נאָטן־בלעטלעך אין די בלעכערנע שטענדערלעך. די נאָטן־בלעטלעך זענען פּירעקיק און קליין, צוגעשניטן צו די מוזיק־מאַרשן פון די דייטשי־שע רעגימעטער, און עס הויבט זיך אָן...

פון די טישן צעשיטן זיך דאָס מענערישע יונגוואַרג. עס ווערט אַ געמיש פון קעפּ. ווי בינען די בלומען, אַזוי באַפאַלן די יונגען די מיידן. טייל מיידלעך בלייבן צעמישט פון די דריי־פיר טענצער, וואָס שטעלן זיך פאַר איר מיטאַמאָל. אַרום אַנדערע מיידלעך איז פּוסט. קיינער שטייט נישט פאַר זיי... אַזעלכע מיידלעך טוען אַ כאַפּ זייערע חבר'טעס און, מיט אַ גע־מאַכטער פריילעכקייט, דרייט מען זיך אין קרייז. די קנעכט שטעקן אין געלע כאַליעווקעלעך, און אין זאַמד־פאַרביקע רייטער־הויזן, קורץ־געשוי־רענע, באַרשטיקע, העלע האָר, גלאַנצן פעט אויף זייערע האַרטע קעפּ, האַצ־קען זיי מיט קלאַצוואַטע, צעפלאַמטע מיידן מיט צעשפּרייטע פּיס, גלייך זיי וואָלטן געריטן אַרום זאַל. נישט מען רעדט, נישט מען לאַכט, נישט מען קוקט אויף זיך. גאָרנישט — מען טאַנצט...

עמאַ איז לויטער אויג. זי זוכט זיך אויס אַ פּאָרל צווישן די טאַנצנ־דיקע און קוקט אויף זיי. זי מעסט אָפּ דאָס פּאָרל פון קאָפּ ביז פּיס. זי לאָזט זיי פון אויג נישט אַרויס, און טראַכט דערביי אירע צעשוווּמענע געדאַנקען. די מוזיק פאַרטויבט, די טאַצן צעהוֹשן, די פויק באַשיסט אַ פעסטונג. פאַלק מאַכט צו די אויגן. דאָס שטעטל זעט ער, אין די ערשטע וואָכן פון קריג, די דורכגעמאַרשירנדיקע דייטשע רעגימענטן...

— אָט איז אַנאַ! — טוט ס'עמאַלע אַ זאָג.

מען זיצט שוין ווידער אַרום די טישן, מען טרינקט, מען רעדט וואָס אַמאָל העכער, וואָס אַמאָל ליאַרעמענדיקער און פריילעכער. עולם ווערט

היימישער, מאַכט מען אַ שפּאַס, מען לאַכט מיט הייזעריקע ביר־קולות.

אַנאַ און זיסקינד שטייען אין דער טיר, געפּונען אַ פרייען פּלאַץ, זעצן זיי זיך אַוועק. אַנאַ קוקט נישט אויף קיינעם, זי רעדט דאָרט עפּעס צו זיסקינדן. פון אַלע זייטן דרייט מען זיך אויס צו יענעם טיש. זיסקינדס בערדל — טראַכט פאַלק — איז אַ סענסאַציע אין דאָרפס־שענק. די יונגען פון די אַרומיקע דערפער זענען די רעדל־פירער פון באַל. נישט קיין סך זענען זיי, אָבער דערפאַר זענען זיי אַלע „ווילע יונגען". נעמען זיי טאַקע אויס ביי די היגע מיידן, און די היגע „ווילע יונגען" נעמען, ווידער, אויס ביי די יונגע מיידלעך פון די שכנותדיקע דערפער, ווען זיי קומען אויף יום־טוב. כמעט אַלע יונגען זוכן זיך אויס זייערע כלות אין די נאָענטע, אַרו־מיקע דערפער; פון אַנדערע געגנטן קומט מען אַהער זוכן אַ באַשערטע. יאָ, מען נעמט זיך זעלטן אַ ווייב פון זעלבן דאָרף, ווו מען איז געבוירן, ווו מען וווינט. אַזוי איז עס. און קיינער חידושט זיך נישט דעריבער.

פאַלק טראַכט: עס קען זיין, דערפאַר, וואָס מען קען זיך, איין משפּחה די צווייטע, וואָס מען איז שכנים פון דורות. און שכנים האָבן זיך מיינסטנס פיינט... אָדער — די מיידלעך זענען שטענדיק זייערע דאָרפס־יינגלעך אין אַרבעטס־קליידער, פאַרשמירט, פאַרבלאָטיקט, אַרום וועגענער מיט מיסט, אַרום די פי. דאָס יינגל פון נאָענטן דאָרף דאַרף אָבער קומען אַהערצו, אַ זונטיק פאַרנאַכט, אָדער אויף אַ קערמעס, געוואַשן, געקאַמט, אין ציכטי־קע יום־טובדיקע בגדים. חלומט זי פון אים אַזוי, תמיד אַ שיינענדיקן, אַ פיי־ערלעכן. אַ געליבטער? אַ חתן?

אַ, פאַלק! האָסט שוין נישט פון וואָס צו טראַכטן דאָ, אויפן דאָר־פישן באַל? האָסט פאַרגעסן די קליינע עמאַ ביי דיין זייט? און די אַנאַ? עפן די אויגן און זע: אַנאַ און זיסקינד דרייען זיך אין קרייז; פאַלק גריסט, מען ענטפערט רעזערווירט. ער ווייסט נישט פאַרוואָס די אַנאַ איז עפּעס מאָדנע קעגנאיבער אים די לעצטע צייט. מעגלעך — פון פעלד... פון טיכל... שטותים! ער זעט נאָר איר קאָפּ צווישן די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, איר טונקל בלוי, ביזן האַלדז געשלאָסן קליידל. זי איז אַביסל בלאַס, אַנאַ, אַרום די אויגן אירע ליגט אַ טרויער.

— זיין פריינט קאָן טאַנצן? און ער, פאַלק, — פרעגט עמאַ.

— ציי זי וויל טאַנצן? — פרעגט פאַלק.

דאָס וואָס מען טאַנצט איצט... ניין! דאָס איז פאַר די גרויסע — ענטפערט די קליינע שעמעוודיק — אָבער...

— אָבער? — פרעגט פאַלק.

זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און זאָגט .

— ווען אַנדערע מיידלעך אין מיין עלטער וועלן טאַנצן, וויל איך אויך...

— ווען וועט דאָס זיין ? — פרעגט פאַלק.

— באַלד... — ענטפערט זי ציטערנדיק — ביים „רהיינהענדלער" טאַנצן אַלע...

קוקנדיק אויף זיסקינדס טענצערין — טראַכט פאַלק — ניין ! זי איז צופיל עלעגאַנט פאַר אַ דאָרפישן באַל... כאָטש זי טראָגט נאָר אַן איינפאַך, טונקל בלוי קליידל. און אפשר דוכט זיך אים נאָר אַזוי...

— פאַרוואָס טאַנצט ער נישט ? — רעדט ווייטער צו אים די קליינע — מיט אַנאַ...

— אַנאַ ? — זאָגט פאַלק — זי האָט שוין זיין פריינד פאַר אַ טענצער.

— זענען דאָ אַנדערע — זאָגט זי — אויך שיינע מיידלעך...

— וועלכע ? — פרעגט ער.

אָט דאָרט, די הויכע, בלאָנדע, די באַוער. — ווערט עמאַ לעבעדיק.

— אהה ! — זאָגט פאלק — מיט מיידלעך, וואָס ער קען נישט, ווי אַזוי קאָן ער מיט זיי טאַנצן ?

— שאָדט נישט ! — ווערט ס׳עמאַלע ענערגיש — ס׳מאַכט נישט אויס ! אַז ער וויל, וועט זי אים צופירן, און פאַרשטעלן...

פאַלק צעלאַכט זיך אויפן קול, אַז פון אַלע זייטן קוקט מען צו זיי.

— און דו, עמאַ ? וועסט מיר דערלויבן צו טאַנצן ?

— יאָ ! — ענטפערט זי ערנסט — איך בין נישט ווי די אַנדערע...

אַהאַ, דער פאַלק. גליקלעך איז ער היינט אויף דער נאַכט מיט זיין יונגער באַגלייטערין. מען קוקט שטאַרק אויף זיסקינדן מיט זיין טענצערין ; די ווילע יונגען ווינקען זיך עפּעס איבער, סודלען זיך. דער טאַנץ לעשט זיך אויס, די פאַרלעך פאַרנעמען די פלעצער. זיסקינד קומט צו :

— אַ גוטן אָוונט. ער האָט גאַרנישט דערקענט ס׳עמאַלע... אַ גאַנצע פריילין... אויף זיין נאמנות. גייענדיק אַהער מיט אַנאַ, האָט ער אָפּגעטרעטן ביי האַנעסן ; נאָר פאַלק מיט עמאַ זענען שוין געהאַט אַוועק. הייס ? אַ גוטן, ביז שפּעטער.

פון „ווויליונגערישן" בינטל רייסט זיך אַרויס אַ קול נגינה ; מען זינגט דאָרט אין כאָר, שטאַרק באַטאַנענדיק און איבערחזרנדיק איין און דעמזעלבן סטראָף. צווישן די מיידלעך לאַכט מען באַהאַלטערנערהייט, נאָר וואָס אַמאָל מער אָפענער. די קליינע עמאַ שמייכלט אויך, מיט אַראָפּגעלאָז-

טע בליקן. זי כאַפּט אַמאָל אַ קוק אויף פאַלקן, און אַמאָל אַ וואָרף אַהין אַ בליק צו אַנאַס טישל...

— „איך האָב מיין האַרץ אין היידלבערג פאַרלוירן" — ליאַרעמט מען דאָרט, אַרום וווילינגערישן טישל, דאָס ווייט באַקאַנטע דייטשע פאָלקס־ליד. פאַלק האָרכט. ער האָט שוין דאָס ליד נישט איינמאָל געהערט, אָבער צום לאַכן איז אין דעם ליד נישט פאַראַן קיין שום גרונד. ער קוקט אויף עמאַ.

— וואָס איז? פאַרוואָס לאַכט מען? — פרעגט ער.

עמאַ לאָזט אַראָפּ די אויגן, און שעמעוודיק זאָגט זי:

— דאָס באַזינגט מען דעם פעטער יאָאַכנס אַנאַ...

— אַנאַ? — חידושט זיך פאַלק.

— פון דעם לאַנגן אָבערמייער, האָט זי פאַלקן דאָך שוין דערציילט — רעדט עמאַ שטיל.

— נו? — ווערט פאַלק נייגעריק — נו?

— דער לאַנגער אָבערמייער, דעם היגן מילנערס זון, וווינט אין היידלבערג...

אַה! פאַלקן ווערט עפּעס קלאָר...

— וואָס טוט דעם מילנערס זון אין היידלבערג? — פרעגט פאַלק.

— ער לערנט דאָרט — ענטפערט עמאַ, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פון אַנאַס טישל. — זי זאָגט ווייטער — יעדעס יאָר קומט ער אַהיים, דעם מילנערס זון, אַזוי אַרום שניט־צייט, און פאַרבלייבט דאָ ביז איבערן האַרבסטן (ווייַן־טרויבן־שניט) און פאָרט דאַן צוריק אַוועק.

דער רהיינווייַן טרינקט זיך לייכט, שטייגט פאַלקן פאַמעלעך אין קאָפּ אַריין, באַרוישנדיק אים וואָס אַמאָל מער. אַ דינער נעפּל שטייט אים פאַר די אויגן. ער פילט זיך לייכט און מונטער.

פייערלעכער אומעט נעמט אים אַרום. שרייען וואָלט ער געוואָלט, זיך לאָזן לויפן ערגעץ אַהין... טופען מיט די פיס, ווי אַ יונג פערד. אַה! דער זיסקינד. זיצט טאַמעוואַטע און שמייכלט נאַריש מיט אַלעמען גלייך. צו זעט ער דען נישט אַנאַס בלאַס פּנים? אירע פאַרקראַמפּטע, שיינע ליפּן? צו הערט ער נישט דעם דופק פון איר האַרץ קלאַפּן? זעט ער נישט אירע וווּנדערלעכע אויגן זוכן הילף? אַהאַ! דער נאַאיווער, לעפּישער יונג. די קולות ווילן נישט אויפהערן. שיכור און הייזעריק ליאַרעמט מען: „אין היידלבערג פאַרלוירן"...

מיט אַ שפּרונג שטייט פאַלק פאַר די מוזיקאַנטן:

— יאָ! — שרייט ער — ביר פאַר אַלע!

זיי טוישן דאָרט אויף שנעל די נאָטן, און אַ כוואַליע פון צאַרטע טענער צעגיסט זיך איבערן זאַל; אַביסל צו ערנסט, שפּאַנט פּאַלק דורך דער גאַנצער לענג צו אַנאַס טישל צו. ער נעמט זי שווייגנדיק ביי דער האַנט, און אויפשטעלנדיק זי, נעמט ער זי, ווי אַ דורשטיקער נעמט אַ בעכער, אין זיינע אָרעמס אַריין. זיי טאַנצן כמעט אַליין, בלויז די צוויי קלאָרנעטן, מיט דער פליט באַגלייטן זיי... פּאַלק. לויטער טאַנץ איז ער... אין די בלוטן זיינע טאַנצט עס דאָרט, אין אַלע זיינע אברים... שטום פירט ער זיין טענצערין, און זי גייט אים נאָך מיט שוועבנדיקע, לייכטע טריט. עס ווערט שטיל אַרום. ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן. די די מיידלעך גליען מיט די אויגן אויפן טאַנצנדיקן פּאָרל. די יונגען לאָזן הענגען די האַרטע קעפּ; אַנאַס יונגער, שלאַנקער קערפּער וויגט זיך ווי אַ ווערבע אין ווינט אַרום אין קרייז, יאָגט אָן אין יעדן באַוווּנדערונג און שטילן רעספּעקט. דרך ארץ! איר אַלע דאָ, פאַר אַזויפיל גראַציע, פאַר אַזויפיל צאַרטקייט פון גלידער — — —

די קליינע עמאַ זאָגט צו פּאַלקן, ווען ער זיצט ווידער לעבן איר:

— יאָ! — זאָגט זי — דעם פעטער יאַאַכנס אַננערל... ווי שיין זי איז געוואָרן ביים טאַנץ... זי איז... — זוכט די קליינע, ווערטער און שטאַמלט...

— זי איז נישט תמיד אַזוי... שיין... נישט שטענדיק... נאָר ליב דאָ אין דאָרף האָט מען זי נישט, די אַנאַ! ניין!

פּאַלק, אַביסל מיד, זעט ער גאָרנישט אַרום זיך. אַ רויש שומיעט אים אין די אויערן, די שליפן, ווי מיט העמערלעך וואָלט מען דאָרט געאַרבעט: צום שניט קומט דער יונגער אָבערמייער, — פלאָנטערט זיך ביי פּאַלקן אין מוח — און... ער בלייבט דאָ ביז איבערן ווייִנטרויבן־שניט...

— אַהה! אַ רהיינלענדער! — שפּרינגט עמאַ אויף, און בלייבט ווי פאַרשעמט זיצן אויף איר אָרט.

אַה; ס'ליבע עמאַלע, זי האָט זיך ענדלעך דערוואָרט...

פּאַלק שטרענגט זיך אָן, זיין טענצערין, דעם אַזוי לאַנג אויסגעקוקטן טאַנץ צו מאַכן וואָס אנגענעמער, ער נעמט זי אָן ביי דער האַנט און פרעגט זי העפלעך און ערנסט:

— איר וועט דערלויבן, פריילין עמאַ?

זי שטעלט זיך אויף, ס'עמאַלע, אָן ערנסטע, זי טוט אפילו קיין שמייכל נישט, און גייט צום טאַנץ, ווי אַ גרויסע... אויף אירע הויכע פּיסלעך טאַנצט זי אינעם ראָזן טאַפט־קליידל, און אַ סטענגעלע פון בלויען זייד איז פאַרפלאָכטן אין אירע צוויי שווערע, לאַנגע קאַטשאַנען־ברוינע צעפּ. אירע דיקלעכע, בולטע, פרישע ליפּן, אירע וואַרעמע ברוינע אויגן, זענען צו

רייף פאַר אירע קינדישע מאַלינע בעקלעך. זי טראָגט שטאָלץ איר קעפּל אויפן שמאָלן, צאַרטן העלדזל ווי אַ יונגע סאַרנע. אַרום די טישן איז ליי־דיק, אַלץ דרייט זיך אין קרייז, אַלץ טאַנצט...

אין געדרענג, אין דעם ענגעניש, אין געמיש פון קעפּ, זעט פאָלק אַנאָס בלאַסלעכן פּראָפיל פאַרשווינדן אין דער טיר.

קאַפּיטל 8

וואָס טוט מען מיט אַזאַ וווּנדערלעכן טאָג?

וואָס טוט מען מיט אַ גאַנצן פרייען זומערדיקן זונטיק, אין קליינעם דאָרף, וואָס ליגט דערטרונקען אין גרינס, צופוסנס די אַרומיקע בערג, מיט קוועלעכלעך און רוישנדיקע טייכלעך? וואָס טוט אַ מענטש איינער אַליין אין אַזאַ וווּנדערלעכן, ליבן טאָג? ביי זיך, אין זיין מאַנסאַרדע־שטיבל, אויף זיין בעטל, אין אַ זוניקן פאַרטאָג, טראַכט פאָלק אַזוי. פריער, אין די שווע־רע, מידע אַרבעטס־טעג, אַז ער האָט געטראַכט פון אַ פרייען זונטיק, האָט ער זיך געזאָגט: „וואָס וועל איך טאָן? שלאָפן וועל איך. אַ גאַנצן טאָג אין בעט וועל איך ליגן און זיך אויסרוען"... און אָט איז ער דער געוווּנטשענער זונטיק, אָבער אים רייסט עס פון בעט אַרויס. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין צווישן פעלדער און טאָלן, גיין, גיין אין דער זון, אין פרימאָרגנדיקן, יונגן טאָג אַריין... ער קוקט אַרויס פון אָפענעם פענצטערל, אַ לייכטער נעפּל שוועבט נאָך אין די טאָלן, אָבער די שפּיצן פון די נאָענטע בערג באָדן זיך שוין מיט די קעפּ אין דער זון.

אַ ריח פון פריש־געקאָכטער קאַפע פילט ער פון דער קיך. ער הערט טריט. דאָס פאַררעט זיך שוין די באַלעבאָסטע פון הויז — די האַ־נעסטע — דאָרט אַרום. פון הייפל טראָגט זיך אַ געקלימפּעריי פון עמערס און בלעך־קאַנען. דער פויער האַנעס שינדלער, דראָלעט דאָרט אַרום אין זיינע שווערע האָלץ־טרעפּעס. ער טיילט אויס די פּי פּאַרציעס היי. אָפּ־געפרעסן, אָנגעפּאַיעט, גרייט ער זיך אויך, האַנעס, צום עסן פרישטיק. ער איילט זיך היינט נישט, דער באַלעבאָס. אויפן פעלד דאַרף מען נישט אַרויס; ס'איז זונטיק, נאָכן היי־שניט, ס'איז יום־טוב אין דאָרף. פאָלק שטרעקט זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג. די מוסקלען פון זיינע פיס, פון זיינע אָרעמס

זענען אַנגעצויגן און שטײף, װי די שטריק. זײַן בראַנזוענער גוף גליט אויפֿן בעטל, װי אַ שטיק מעטאַל אין דער זון.

מיט אַ לײַכטן שפּרונג, שטײט ער אויף די פֿיס, װי אויף צװײ רעסאָרן. מיט בײדע הענט מאַסירט ער זיך ס׳קנאָכיקע פּנים, און אַ פּרײלעכער, מיטנעמענדיק אַ שטיק זײף מיט אַ האַנטעך, פֿליט ער אַראָפּ אין הײפֿל אַרײַן, צום ברונעם. אויפֿן קיכן־טיש שטײט אָנגעגרײט פֿאַר אים אַ גרױסע אין װײס און אין בלױ געמאָלענע, טעפּל קאַפֿע. מען קאָן דאָרט אַרום איר לײענען: „װײל אימער דאָס טעפּל איז דיר צו קלײן, װעט פֿיללײכט דײזער טאָפּ, גענוג דיר זײַן”... די האַנעסטע קומט צו צום טיש מיט אַ פֿאַרדעקטן קאַפֿע־קאַן, מיט אַ גלעזערנער קרוג מילך. זי זאָגט, אָנװײַזנדיק אויף די עטלעכע סאָרטן קוכנס, װאָס זענען צעשטעלט אויפֿן טיש.

— מיר װעלן זען, װי עס װעט אים שמעקן מײַן בעקערײַ, פֿאַלקן...

קײענדיק דעם קוכן מיט אַפּעטיט, טרינקענדיק די הײסע קאַפֿע, לויבט פֿאַלק די האַנעסטעס געבעקס:

— אויסגעצײכנט, — זאָגט ער — ס׳שמעקט גוט.

— עס שמעקט נאָך... נאָך!... — איז די באַלעבאָסטע פֿון הויז גוט אויפֿגעלײגט און שטעלט אים צו נאָך אַ פּאָרציע פּוטער־קוכן. זי שטראַלט דאָרט אַרום קעכל, אויף איר גאַנצן לענגלעכן פּנים.

פֿון שלאָף־שטוב הערט זיך אַ סקריפּען פֿון אַ בעט, דערנאָך אַ פּיעשטשענדיקע מורמלערײַ:

— אָה! מאָ! װי שפּעט איז?

ס׳איז דאָס עמאַלע, װאָס פֿוילט זיך אויפֿצושטײן פֿון איר בעטל. ס׳איז נאָך צײַט.

ס׳איז נאָך פֿרי. זי מורמלט עפּעס אונטער דער נאָז, און ס׳װערט װידער שטיל.

אויף אַ װעג, װאָס פֿירט פֿון דאָרף אַרויס שפּאַנט פֿאַלק, אָן אַ ציל. באַרגאַראָפּ לויפֿט דער װעג. פֿון דער לינקער זײַט ציען זיך די װײַן־בערגלעך, פֿון דער רעכטער זײַט — די װײצן־פֿעלדער. טיפֿער צום טאָל צו, ליגן די קוים צעבליטע גערשטן־און צוקער־ריבן־פֿעלדער; די גרױסע קאַרטאָפֿלאַקערס, די שוין אָפּגעקאָשעטע הײ־לאַנקעס. מיט דער זון אין רוקן, שפּאַנט פֿאַלק פֿריש און לײַכט, אין װונדערלעכן פֿרימאָרגן אַרײַן. דער געשלענגלטער װעג פֿאַר אים איז פּוסט. נישט מען גײט, נישט מען פֿאָרט. ס׳איז שטיל. נאָר די פֿײגל אינמיטן פֿעלד, אַרום די בוימער, אַרום די װײַןבערגלעך, פֿילן אָן די לופֿט מיט זײער פֿויגל־שפּראַך. מען פֿרעגט דאָרט

און מען ענטפערט: טשירי? טשירי? פרעגט מען דאָרט פון צווישן קושאַ־קעס — טשירי! טשירי! — ענטפערט מען צוריק פון אַ ווייך־בערגל...

איבערן אַקער, איינער אַליין, הויבט זיך אַלץ העכער און העכער אַ זינג־פויגל, פלאַטערנדיק און זינגענדיק, אין דער טיפער העלער בלויעניש אַריין. פאַלק שפּאַנט מיט פאַרמאַכטע פויסטן, מיט אָפענע דורשטיקע אויגן. די לופט איז נאָך קיל און פריש, די זון, אַ לייכט וואַרעמענדיקע, גלעט אים דעם רוקן. ער ווייסט נישט וווהין עס פירט דאָ דער וועג, נאָר וואָס גייט עס אים דען אָן? ער גייט דען מיט אַ ציל? ער וויל דען ערגעץ ווו אָנקו־מען? דער טוי פינקלט פון ביידע זייטן וועג אויף די פעלד־בלימעלעך, אויף די גראָזן, ווי דימענטן. דער האָריזאָנט צו מעריב צו הילט זיך נאָך אין אַ לייכטן נעפּל, נאָר דער גאַנצער אַרום ווערט אַלץ העלער און ליכטי־טיקער אונטער די שטראַלן, וואָס פאַרזילבערן די געגנט. ער שפּאַנט און שפּאַנט, ווי אויף פליגל געטראָגן...

אויף אַ קרייץ־וועג בלייבט ער שטיין און קוקט זיך אום אויף צוריק. זיין דערפל, זעט ער, אויפן בערגל, בלאַנקט אין דער זון. אין אַ שורה, איינס הינטערן צווייטן, קלעפּן די קליינע הייזלעך און קוקן מיט שמאָלע פענצ־טערלעך צום טאָל אַרונטער. דער טורעם פון קלויסטערל שטויגט תמע־וואַטע און אַ טעמפּער גלאָקן־געקלאַנג טראָגט זיך פון דאָרט, רופנדיק די גלויביקע צום ערשטן מאָרגן־געבעט. אויפן האָריזאָנט און פון דער לינ־קער זייט, אין צווייטן עק דאָרף, ווייסלט זיך אין דער זון דער פריצישער בלעכענער דאַך פון יאָאַכן שינדלערס הויף... אַנאַ... — טוט פאַלקן אַ פאַר־קלעם דאָס האַרץ — אין איר שלאָף חדר׳ל, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט, וויינט זי נאָך אוודאי אויס איר צער פון נעכטיקן דאָרפישן באַל...

ער קוקט זיך אַרום, אויף איינעם פון די קרייץ־וועגן אין אַ ריוו צווישן גראָז שטעקט דאָרט פון דער ערד אַרויס אַ פאַרמלאָזער שטיין און אַ קוועלעכל טריפט פון דעם שטיין. אויסגעקריצט אויפן ראַנד קאָן מען לייענען: „דו, וואַנדרער! ווען דו מיד אָן דיזער קוועל״... און עס ריימט זיך מיט אַ פסוק: „וואַסער, פריש און העל״...

פאַלק זעצט זיך אַוועק אויסרוען. לויט דער זון, דערקענט ער ווי ווייט ער איז אַוועק פון דאָרף. אין טאָל אונטן צייכנט זיך אויך אָן אַ דאָרף, ווי זיינס, וואָס ער האָט פאַרלאָזן. אויף אַ שיידוועג געפינט ער זיך, צווישן צוויי דערפער. אין שאָטן פון אַ צעגרינטן נוסנבוים זעצט ער זיך אַוועק, לעבן קוועלנדיקן פעלדז. מיט ביידע הענט שעפּט ער אָן פרישן קלאָרן וואַ־סער דאָס מויל זיך צו דערפרישן. ער בלייבט זיצן, און אַ טיפע רו הילט אים איין...

ווען ס'וואָלט דאָ עמעצער דורכגעגאַנגען, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דער מענטש, וועלכער ליגט אַזוי אויסגעשטרעקט אין גראָז, לעבן קוואַל, מיטן פּנים צום הימל, די אויגן געשלאָסן, שלאָפט. מיט די הענט הינטערן קאָפּ פאַרלייגט, אומבאַוועגלעך, שטיל אָטעמדיק, ליגט פאַלק אונטערן נוסנבוים, און די מחשבות זיינע זענען שוין אין אָט דעם פרימאָרגן אויסגעוועבט אַ וועלט... ער איז שוין געווען אין זיין געבורט־שטעטל, דאָרטן, אויפן פירעקיקן, זוניקן מאַרק, ווו פּויערים, אין ריינע ווייסע, ליינענע העמדער איבער די הויזן, מיט שטריק אַרומגעגורט די לענדן, אין פּאַרשטויבטע שטיוול, ציען פון דאָרף, זונטיק, צום קלויסטער־געסל. באָרוועסע פּויערטעס, מיט ברייטע, געשטרייפטע, קאָלירטע קליידער, די האָר פריש פּאַרקעמט מיט אַ שרינט אינמיטן קאָפּ, מיט רויטע קרעלן און פּאַטשערקעס באַהאָנגען, גייען צו ביגטלעך און אַלייך, מיטן שטויביקן קייזער־וועג צו צום שטעטל. אין אַ זייטיק געסל, מיטן אויסגאַנג צום מאַרק, שטייט אַ הויז, און אין איינע פון די שטיבלעך זעט ער זיין מאַמען...

צווישן איין בריוו און צווייטן פון אים, ציילט זי די שבתים און יום־טובים... „און איך וואַרט אויף דיינע בריוו... — שרייבט זי — אַזוי ווי מען וואַרט אויף משיחן"...

אין די אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט, אויף זיינע וואַנדערונגען, זעט ער זיך אין די האָטעל־צימערלעך, אין די שלאָף־שטעלן; אַרום פּאָרטן און אָפּגייענדיקע שיפן; אַרום קוישן און פּעק, אַרום רוישנדיקע, פרעמדע וואָקזאַלן. ער הערט עמאַ'ס קינדישן געזאַנג אין איינעם אַ גאָלדענעם פאַרנאַכט: „די לופט איז קיל און עס טונקלט, און רואיק פליסט דער רהיין"... ער הערט די כוואַליעס פון די קלאַוויר־אַקאָרדן, וואָס טראָגן זיך פון די אָפּענע פענצטער פון יאָאַכן שינדלערס גלעזערנע וועראַנדע, אין דער זומערדיקער נאַכט אַריין; דאָרט חלומט די אַנאַ איר מיידלשן חלום... אין היידלבערג זעט ער זיך אַרומדרייען, אַרום באַרימטן גרויסן „היידלבערגער פאַס" וואָס שטייט אינמיטן פירעקיקן מאַרק־פּלאַץ. אַרום דעם פאַס שטייען בלאָנדע, קורץ געשוירענע יונגען, מיט סטודענטישע מיצן אויף די קעפּ. ביי אַ טייל זענען פאַראַן שווערדן־שראַמען אויף זייערע קנאָכיקע באַקן. דאָס פאַס איז פול מיט איבערשוימענדיקן, העל־בלאָנדן ביר, און די יונגען טרינקען און טרינקען, און דאָס פאַס בלייבט נאָך אַלץ פול...

— הא! — זאָגט דאָרט איינער, אַן איבערגעוואָקסענער, אויף לאַנגע פיס, מיט צוויי שראַמען אויף זיין באַק: — באַלד! איר קערלען, קומט די גוטע ליבע צייט פון וואַקאַנס; און אַהיים גייט עס, צום שניט, און צום

האַרבסטן...

— און צום אַנגערל... — וואַרפט דאָרט איינער צווישן דער חברה, אין רעדל אַריין.

מען לאַכט פון פולע העלדזער.

— אַהאַ! רעדט ווייטער דער מיט די שראַמען אויף ביידע באַקן — אַ ווערק האָב איך דאָס יאָר אָנגעפאַנגען, אויב עס וועט מיר גע־לונגען, וועט דאָס יידישע וויימאַר ווי אַ זייפן־בלאָז פּלאַצן... אַן ארבייט איבער...

ער האַלט פעסט די האַלבע ביר אַקעגן איבער זיין פאַרשוויצטן פּנים, גרייט מיט זיינע קאַלעגן די ערדענע, שווערע כּלים אויף „פּראָזיט״ אָנ־צושטויסן:

— אַן ארבייט איבער געטהע. יאָ! נאָר נישט ווי ביז איצט דאָרט, די „יידישע טעזן״... — ער קרומט נאָך: — געטהע דער קאָסמאָפּאָ־ליט, געטהע, דער אוניווערסאַלער דענקער... דאָס אַלץ, — קומט ער אין „טעאוטאָנישן״ צאָרן אַריין — איז „יודען־קוואַטש״... ער, אַבערמייער — ער גלייכט זיך אויס, ווי צום סאַלוטירן — זיין ווערק טראָגט דעם טיטל: „געטהע און די גענעראַלן״...

אַ הייזעריקער „האָך״ און די ביר האַלבעס שטויסן זיך אָן „צום וואָהל״!

און איינער פון דער חברה, אַ הויכער, דאַרער, אַ טונקל־האָריקער, מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע אויגן הינטער דיקע אויגן־גלעזער, שטייט דאָ און קוקט ווי אַ פרעמדער. דאָס סטודענטישע מיצל אין אין האַנט, און אין דער צווייטער האַלט ער עטלעכע העפטלעך לידער פון היינע און רילקע... „אפשר ער — טראַכט פאַלק — אפשר איז ער דאָס דעם דאָרפישן מילנערס זון? ניין!״. פאַלק איז נישט זיכער, ווער פון די צוויי איז דער אמתדיקער אַבערמייער...

אַ טופּען פון פערדישע פּאָדקאָוועס רייסט איבער זיינע געדאַנקען. ער זעצט זיך אויף און זעט: אַ גרופּע רייטער, אויף שלאַנקע, העל־גראָע פערד, רייטן אין גאַלאָפּ איבערן וועג, און פאַרנעמען זיך, צעשפּרייטע אין אַ לאַנגער שורה, אריבערצושפּרינגען איינער נאָכן צווייטן איבערן ריוו. מיט אַ ווילד געקוויטשעריי, צעיאָגן זיי זיך איבער די פלאַכן פון די גע־שניטענע היי־לאַנקעס. ער זעט זיי צום ערשטן מאָל, די דאָזיקע אַראַבי־שע רייטער, וועלכע געהערן צו דער פראַנצויזישער באַזעצונגס־מאַכט פון דער געגנט אין רהיינלאַנד. לייכט זיצן זיי אויף זייערע שלאַנקע, הויכע פערד, ווי צוגעשנאַלט צו זייערע בונטפאַרביקע זאָטלען. די רויטע פעס־

קעס אַרום זייערע שוואַרץ־בערדיקע, ברוינע פּנימער, יאָגן אָן אַן אימה אויף די באַוווינער פון דער געגנט.

אין שנעלן גאַלאָפּ, צעפּלאַטערן זיך זייערע שוואַרצע אבאַיעס אין ווינט. פון דער ווייטן דוכט זיך: העל־גראָע פערד מיט מעכטיקע שוואַרצע פליגל, פליען אַרום אין די פעלדער.

פאַלק דערמאָנט זיך, אַז ביים אַריבערפאָרן דעם רהיין, האָבן אים צוויי פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען געפרעגט אויף „פאַפּירן". פיל פאַרשטאַנען פון זייערע „בעזלעריי" האָט ער נישט, נאָר זיי האָבן דעם אַדרעס פון זיין פויער פאַרשריבן, דאָס געדענקט פאַלק יאָ. ער חידושט זיך דעריבער נישט צו זען די מחנה רייטער, אַנגעפירט פון פראַנצויזישע יונגע אָפיצירן, וואָס פליען דאָרט, ווי באַזעסענע, אַרום איבער די זוניקע פעלדער.

די זון שטייט שוין הויך אין הימל. עס דערנענטערט זיך די מיטאָג־צייט. ער דערפרישט זיין פּנים מיטן פרישן וואַסער, און מיט אַ לייכטן טראָט, נעמט ער דעם וועג צוריק פון וואַנען ער איז געקומען.

קאַפּיטל 9

ווי אַ רויז צווישן דערנער

נאָכמיטאָג גייען די משפחות מיט ווייב און קינד צום „פפעלצער ברוי־נעם". אין גאָרטן, אַרום די בליענדיקע אויבסט־ביימער און צייטיקע בלומען, שטייען צעשטעלט דעמבענע טישן. דאָס יונגוואַרג אויף אַ פּאָדיום פון צוזאַמענגעשלאָגענע ברעטער, אינמיטן גאָרטן, טאַנצט די שטייפע היי־מישע טענץ. מען ווייקט אין שווייס און אין העלן ביר. אונטערן שאָטן פון די בוימער פלוידערט מען, מען לאַכט, מען זינגט אין כאָר. אַ געפּלאַנטער פון יונג און אַלט, אַ געזשום פון קולות שטייט איבערן סאָד, באַגלייט פון דער פויק, און פון די גליענדיקע טאַצן. יאָאַכן, מיטן ציבעכל צווישן די ציין, מיטן גרינעם, שמאָלן, קאַנטיקן סאַמעטן קעפּעלושל, אַ גרין פעדערל פון הינטן, שטעקט דאָרט אַרום אַ טיש פון באַדעקטע און אומבאַדעקטע קעפּ, צווישן ליידיקע און פולע האַלבעס ביר. ער רעדט נישט, יאָאַכן, ער פּאַטאַקעוועט נאָר דעם טיש־שכנס רייד:

— וואָל! יאַוואָל! — טוט ער נאָר פון איין פּיפּקע און דער צווייטער אַ מורמל — יאַוואָל!

האָנעס, יאָאכנס ברודער, זיצט אַ שטראַלנדיקער אַרום ווייב מיט די צוויי טעכטער. די קנאַכיקע שפּיץ־בעקלעך זיינע גלאַנצן, ער שוויצט פון היץ און פון טרינקען. ער צעגייט פאַר נחת... האָנעס שינדלער... פאַלק זיצט אויך מיט זיי ביים טיש. ער זוכט אַרום זיסקינדן צווישן עולם און געפינט אים נישט.

די קליינע עמאַ קלעפּט מיט די אויגן אַרום די טאַנצנדיקע פּאַרלעך. זי ציט איר עלטערע שוועסטער, זי זאָל מיט „איינס" טאַנצן גיין, נאָר איר בליק, פול מיט געבעט, הענגט אויף פאַלקן... פאַלק טרינקט מיט זיינע באַ־לעבאָטים צום „וואָהל". ער אַנטשולדיקט זיך און פאַרשווינדט פון גאָרטן.

פוסט און טרויעריק ליגט די לאַנגע דאָרפס־גאַס. די זון איז שוין אַראָפּ אַ שטיק אויף מעריב. די שאָטנס פון די בוימער, פון די שייערן, פון די הייזער, פון קלויסטער־טורעמל, ווערן אַלץ לענגער; אויף דער גאַס טשעפּעט זיך צו אים צו אַן אַלטיטשקער, מיט לאַכנדיקע, רויטע אייגע־לעך, ער וויל אים נישט אָפּטרעטן:

— אויסלענדער ? — זאָגט ער — רוסע ?, א, אין קריג דאָ געווען... רוסן, געפאַנגענע... נישט געוואָלט אַרבייטן... איך זיי פאַרשפּאַרט... אין טורעם דאָרט אָאָבן... קליינער טורעם... זיי דאָרט געקלאַפּט... באַמאָלן די ווענט... יאַ! שפּאַסיקע קערלען...

פאַלק זאָגט:

— דער זיידעשי זאָל רעדן קלאָר, אַזוי ווי ער, פאַלק, רעדט צו אים...

— אָה. — ענטפערט דער אַלטיטשקער — פון געוווינהייט צו די רוסן... ער געהיטן זיי... פיר יאָר קריג... שפּאַסיקע קערלען...

— אלטער עובר בטל — טוט פאַלק אַ מורמל און לאָזט אים שטיין לעבן טורעמל אינמיטן זיין מעשה...

זיסקינד — טראַכט פאַלק — אפשר איז ער נישט געזונט, ליגט ער ביי זיך אין שטיבל דאָרט. נאָר גייענדיק אַהין, דערהערט ער די טענער פון אַ קלאַוויר... ער האַלט איין די טריט, כדי בעסער צו הערן. ניין! קיין פידל באַגלייט הערט מען נישט... אוודאי נישט מיט אַלעמען, דער בחור דאָרט. ער קומט צו צום הויף־טויער אין קלינגט אָן. ס'איז שטיל, קיינער ענטפערט נישט. ער קלינגט שטאַרקער. דאָס קלאַוויר ווערט אַנטשוויגן, טריט דער־נענטערן זיך. דאָס דינסט־מיידל עפנט אים דאָס טויער; ער פרעגט זיך אויף זיסקינדן.

— אה, — ענטפערט דאָס דינסט־מיידל — דאָס יינגל, וואָס אַרבעט דאָ? ער איז אַוועק, אויף אַ גאַנצן טאָג איז ער אַוועק, באַלד אין דער פרי.

פאַלק אַנטשולדיקט זיך, און וויל אַוועקגיין. פון די קיך־טרעפּלעך, וואָס פירן אין הויף אַריין, רופט מען, רופט מען, דעם נאָמען פון דינסט־מיידל רופט מען. פאַלק זעט נאָך עטלעכע טרעפּלעך, און פון צווישן די שטאַכעטן, וואָס פירן אַרויף אין קיך אַריין, זעט ער נאָר אַ פּאָר פיס פון הינטער אַ ווייס פּליסירט קליידל אַרויסלויכטן. אַ קני שפּאַרט זיך דאָרט אַריין צווישן די שטאַכעטן. דאָס דינסט־מיידל, זעט ער, פאַרשווינדט אין איינע פון די זייטיקע טירן. די פיס אויף די טרעפּלעך גלייכן זיך אויס. איצט שטייען זיי גראָד צוזאַמענגעפּרעסט; אָט נעמען זיי זיך באַוועגן אַראָפּ צום הויף. דאָס קומט אַנאַ צוגיין און עפנט פאַלקן דעם הויף־טויער; אָט שטייט זי מיט דער זעלבער בלאַסקייט, מיט דער זעלבער מידקייט אַרום די אויגן, ווי נעכטן אָוונט, ביים פאַרלאָזן דעם באַל...

—פאַרוואָס עפּעס דורכן הויף? אוודאי זיסקינדן איז ער געקומען זוכן?...

פאַלק שווייגט אַ ווייל, ער קוקט איר אין די אויגן.

— ניין! נישט צו זיסקינדן, — קומט ער...

אַנאַ דרייט זיך האַסטיק אויס, נעמט, אַביסל איילנדיק, די טרעפּלעך אַרויפשטייגן. פאַלק גייט איר נאָך.

— אַ שאָד! — זאָגט זי, שוין שטייענדיק פאַרן אָפענעם קלאַוויר — פאלק האָט פאַרשפּעטיקט אַ קאָנצערט.

זי זאָגט דאָס, די אַנאַ, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט.

— אָט האָט זי ערשט געענדיקט איר זונטיק־נאָכמיטאָג־קאָנצערט פאַר איר מוטער.

דער לענשטול, די אָפענע גלעזערנע וועראַנדע־טירן, דאָס אָפענע קלאַוויר, די בלעטלעך נאָטן, וואָס שטעקן נאָך אין שטענדערל, דאָס אַלץ גיט אָנצוגעהערן, אַז די מוטער איז נאָר וואָס אַוועק אין איר שלאָף־שטוב.

פאַלק באַדויערט:

— עס איז אפשר זיין באַזונד שולדיק דערין וואָס די מוטער איז אַוועק.

אַנאַ זעט זיין שלעכט פילן זיך און זאָגט:

— יעדן זונטיק נאָכמיטאָג גיב איך אַ קאָנצערט פאַר מאַמאַ, נאָר פאַר איר אַליין. און תמיד אין דערזעלבער שעה פירן מיר זי צוריק צו זיך; ווען ער האָט געקלונגען פריער אין טויער, האָבן מיר, דאָס דינסט־מיידל און איך, זי אָפּגעפירט צוריק אין שטוב. און איצט, האָב איך מיך געגרייט אַראָפּצוגיין אין גאָרטן אַריין. זי וויל נאָר פריער עפּעס איבער־

כאַפּן, אַ קאַפּע טרינקען. צו עס מאַכט אים נישט אויס, פּאַלקן, מיט איר מיטצוהאַלטן ?

— מיט פאַרגעניגן ! — זאָגט פּאַלק, שוין אַביסל היימישער.

אַנאַ פאַרשווינדט אין דער קיך־טיר. פּאַלק כאַפּט אַ קוק אויף די נאָטן אין קלאַוויר־שטענדערל : „פּעער גינט" לייענט ער איבער. די קלענערע שריפט קאָן ער נישט זען. אַ בוך אויפן טישל, וואָס אַנאַ האָט זיך אוודאי אַנגעגרייט אין גאָרטן אריין מיטצונעמען ; ער נעמט עס אין דער האַנט ; באַלזאַק, לייענט ער, „לע ליס דאַן לאַ וואַללעע"... אַנאַ קומט צוריק, זי בעט אים אויף דער ווערענדע אַרויס. וואָס פאַרא הערלעכער פאַרנאַכט, קוקט זי אים מיט דאַנקבאַרקייט אין די אויגן אַריין.

— אה ; — זאָגט זי, זעענדיק ביי פּאַלקן אין דער האַנט איר בוך — דאָס איז אַ בוך פון מאַמאַס ביבליאָטעק... איך האַלט עס גראַד אין ליי־ענען.

דאָס דינסט־מיידל קומט אַריין און דעקט דאָס געפלאָכטענע שטרוי־טישל, צושטעלנדיק צוויי לייכטע געפלאָכטענע שטרוי־שטולן.

„מאַמאַס ביבליאָטעק" — חידושט זיך פּאַלק

אַנאַ ווייזט אים אָן אַ פּלאַץ אויף איינעם פון די שטולן, און זעצט זיך אויף אַ צווייטן אַקעגנאיבער אים.

— יאָ ! — זאָגט זי — מאַמאַס ! — נאָך אַ פּויזע גיט זי שטיל צו — מאַמאַ איז דאָך פון די „מאַזעל"־געגנט, אַ דע לאַ קור פון דער היים... פון פּאַפּאַס גאַרניזאָן־שטאָט, נאָך פאַרן קריג...

דאָס מיידל קומט אַריין, און אויף אַ ווייסער פּאַרצעלייענער טאַץ ברענגט זי קאַפּע מיטן געבעקס

— עס וווּנדערט זי ווירקלעך, — זאָגט אַנאַ, אַנגיסנדיק פּאַלקן און זיך קאַפּע — וואָס זייענדיק ביי איר פעטער שוין אַ צייט, און ער ווייסט נישט דערפון... די קליינע עמאַ, למשל...

פּאַלק קוקט זי אָן. אַנאַ רויטלט זיך אַביסל, ווערט אַנטשוויגן.

פּאַלק רעדט וועגן זיסקינדן :

— גענומען און אַוועק אויף אַ גאַנצן זונטיק, און גאַרנישט דערמאָנט אפילו.

— איך האָב אויך נישט געוווּסט דערפון — פאַרענטפערט זיך אַנאַ. איך גלויב... — מונטערט זי פּאַלקן מיט די אויגן — אַז ער זאָל זיך סערווירן פון געבעקס. איך גלויב, אַז זיסקינד איז געפאָרן אין נאָענטן דאָרף אַריין צו זיינס אַ פריינט אויך אַ... וואָלענטער...

פּאַלקן, וואָס איז ביז איצט אויפגעפאַלן דער צומיש פון פראַנ־

צוויזישע ווערטער אין אַנאַס געשפּרעך, איז אים אַצינד אַ סך קלאָרער גע־וואָרן.

— זייט ווען לייענט זי פראַנצויזיש? — פרעגט פאַלק.

זי לאַכט.

— עס זענען אירביידע שפּראַכן גלייך, אַזוי ווי איר מוטער, פון קינדוויַיז אויף... און ער, פאַלק, ער לייענט פראַנצויזיש?

— ניין! — ענטפערט פאַלק — נאָך נישט.

אירע אויגן צעשמייכלען זיך:

— דאָס איז אַ מאָדנער ענטפער פון אַ מענטש... „נאָך נישט"... ווייל אין שולע אַריין גייט דאָך שוין נישט מער, דער „הער פאַלק"...

— דאָס גאַנצע לעבן, פרײַלין אַנאַ, איז איין לאַנגע שולע...

זייערע בליקן באַהעפטן זיך, פילזאָגנדיק, איינער מיטן צווייטן; און אַ לענגער שוויַיגן שטייט צווישן זיי.

— פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, האָט ער שוין וואָס געליי־ענט? — פרעגט זי שטיל.

— יאָ! — ענטפערט פאַלק, צוריקגעהאַלטן — אין איבערזעצונגען.

— וועמען?

— זאָלאַ, הוגאָ, ראָמען ראָלאַן.

— קען זי נישט. זי איז נאָך איבער באַלזאַקן נישט אַרויסגעקומען...

— ס'איז נאָך צייט פאַר איר — פּסקנט פאַלק.

— אויב ער וואָלט בעסער געוואָלט אַדורכגיין זיך אין גאָרטן? — פרעגט זי — מ'קען אַראָפּגיין ביז צום טייכל, עס איז דאָרט קיל, שאָטנדיק.

לייכט באַרג אַראָפּ לויפט די גאָרטן־סטעזשקע, פאַרבייגייענדיק אַ געפלאָכטן צוויַיגן־הייזל. דאָ שטעלט זיך אַנאַ אָפּ.

— אָט איז איר לייען־שטיבל — זאָגט זי — איר רעטונגס־אינדזל אין דעם לאַנגן, דאַרפישן זומער.

זיי גייען פאַרביי בלומען־בייטן פון פאַרשידענע קאָלירן. זי רופט זיי אַלע אָן ביי די נעמען, אירע בלומען. נעמען, וועלכע פאַלק האָט קיינמאָל נישט געהערט. ביי די ליליען שטעלט זי זיך אמלענגסטן אָפּ. זי פאַרטראַכט זיך, און זאָגט:

— אָט די בלום רופט זיך אין פראַנצויזיש „ליס". און „ליס דאַן לאַ וואַלעע" באַדייט: „די ליליע אין טאָל". עס איז זייער אַ שיינער ראָמאַן, וואָס איך לייען איצט...

אַ פאַררייסנדיקער אַראָמאַט, טראָגט זיך פון די צאַרטע, שלאַנקע ליליען. שטייענדיק לעבן איר, איינגאַנצן אין וויַיסן, איז פאַלק זיכער, אַז דאָס

טראָגט זיך דער באַרוישנדיקער אראָמאַט פון אַנאַס יונגן קערפּער. ער קוקט אויף איר אין דעם זומערדיקן הייסן פאַרנאַכט. צווישן די צווייגן איז די זון ווי אַ פייער־פאַן צעגליט. זי שטייט, אַנאַ, האַלב אין שאָטן, האַלב אין שטראַלן־ליכט, און באַוואונדערט די ליליען. אין קילן שאָטן, ביים שטראָמיקן טייכל, זעצן זיי זיך אין גראָז. אויף רעכטס דערזעט פאַלק דאָס בריקל, אונטער וועלכן ער פלעגט אין די פולע לבנה־נעכט די ערשטע צייט קומען אביסל חלומען. צעטומלט, כאַפּט ער אַ בליק אויף אַנאַ. זי דרייט האַסטיק אַוועק איר קאָפּ, זיין בליק אויסצומיידן. ער נעמט זי אָן פאַרביידע הענט. אַ בלאַסקייט פאַרבייט די ראָזע פאַרב אויף איר פּנים. קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין, מורמלט פאַלק:

— דאָס ביסטו געווען, דו, אַננאַ, יענעם אָוונט, ווען כ׳בין דאָ געזעסן, אין דעם שאָטן, וואָס איך האָב געזען, איז דיינער געווען...

אַנאַ ענטפערט נישט. פאַלק שווייגט אויך; ער האַלט אירע הענט אין זיינע, און אויך ער איז בלאַס און שטום...

— די ערשטע צייט יעדן אָוונט... — רעדט אַנאַ, גלייך זי וואָלט אַליין געוועזן... — איז ער דאָ דורכגעגאַנגען, דורך דער ווערענדע. איך האָב אַמאָל געוואָלט זען וווהין ער גייט, פאַלק... און דאַן בין איך שוין יעדן אָוונט ביז צום בריקל דאָ אַרונטערגעקומען. אין פעלד, פאַרן שטורעם... און נעכטן אין אָוונט ביים טאַנצן צוזאַמען... — מורמלט אַנאַ, ווי אין חלום — אַזוי האָב איך מיר געווונטשן און אַזוי איז עס אויך געשען... אויך אין אָוונט פון מיין געבורטסטאָג, בין איך צום בריקל אַרונטערגעקומען, נאָר קיינער איז שוין דאָרט נישט געווען...

— זע! — זאָגט פאַלק — מיין קומען היינט צו דיר...

אַנאַ קוקט צום שטראָמיקן טייכל, זי פילט, וואָס פאַלק וויל איר זאָגן, נאָר זי האָט מורא פאַר זיינע רייד...

— איך בין געקומען דיר זאָגן... אַז...

זי פאַרדעקט מיט דער האַנט זיינע ליפּן, און אַ צער־פול שווייגן הילט זיי אַרום. די שאָטנס פון די ביימער ציען זיך אויס אַלץ לענגער.

די טרויער־ווערבעס לענגאויס דעם טייכל וויגן זיך לייכט, אין קילן צפון־ווינטל. דאָס שטראָמל, דוכט זיך, האָט שנעלער גענומען יאָגן, און וויל נאָך, איידער עס פאַלט צו די נאַכט, אָנגעקומען אַהיים.

— איך האָב געוווסט — קוקט אים אַנאַ אָן, מיט אַ פייכטן שימער אין אירע ליכטיקע אויגן — איך האָב געוווסט, אַז דו וועסט קומען אין דאָרף אַריין... און אויך געוווסט, אַז וועסט באַלד אַוועקפאָרן פון דאַנען...

— די טעג שוין — זאָגט פאַלק שטיל — פאָר איך אַוועק.

— דאָס דאָרף... — זאָגט אַנאַ — קליינלעכע נאַראָנים, און שלעכט דערצו. פרעג יעדן באַזונדער, פאַרוואָס זיי האָבן פיינט, ווייסן זיי נישט. גלייך עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן געבוירן צו ווערן אויף יענער זייט רהיין... יונג זיין, איז אַ זינד... אַ קנעכטישע נשמה, ווערט אַ טוגנד... קוק זיי דיר גוט אָן; די פרויען, די מענער, ווי בהמות לעבט מען... אַהאָ! זיי וועלן שוין עפּעס פאַרטראַכטן אויפן „אויסלענדער"... — זי שמייכלט ביטער — אפשר שפּרינגען פון אַ פענצטער אין דער נאַכט?...

דער פאַרנאַכט, שטילער, אומעטיקער ווערט ער. צעוואָרפענע כאָמקעס אויף די אַרומיקע בערגלעך, צעגליען זיך מיט זייערע שמאָלע פענצטערלעך אין לעצטן זונען־שיין.

— ביים זיידן, דעם פאָטער פון מיין מוטער — צעשטראַלן זיך מיט קינדערישער פרייד אַנאַס אויגן — אַלס קליין מיידעלע נאָך, ווען איך בין מיט מאַמאַ געווען ביי אים צוגאַסט, פלעגט ער שטענדיק זאָגן: „אינדזער אַן ווערט ווידער קומען צו אונדז, ווען זי ווערט אַ גרויסע זיין; איבערן רהיין אַריבער, ווערט זי קומען וווינען מיט אונדז... וורע? מאַ פּעטיט אַן"?...
— פלעגט ער אויף מיר אָנשטעלן זיינע לאַכנדיקע, גוטע אויגן. „ווי! גראַן פּער, ווי!"... — פלעג איך אים ענטפערן... אָה! ער איז גליקלעך געווען, גראַן פּאַפּאַ — באַטיס דעלאַקור...

פון טאָל שטייגט אויף אַ לייכטער נעפּל. פאַראיינצלטע שוואַלבן, מיד פון אַ גאַנצן טאָג בראַיען, זיך אַרומיאָגן, באַגלייטן נאָך מיט זייער פריילעכער געשווישטשעריי, די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. טעגער פון אַ פּאַסטוכס פייפל טראָגט זיך פון ערגעץ ווו. פאַלק שליסט די אויגן. מיט צוגעשלאָסענע אויגן פילט ער נאָך שטאַרקער אַנאַס באַענטקייט, נאָר ער געפינט נישט קיין ווערטער אין וווּנדערלעכן זומער־פאַרנאַכט...

— אין פּענסיאָן — דרייט אַנאַ האַסטיק אויס איר ראָסיקן קאָפּ און קוקט פאַלקן אָן, מיט אַ פּאָר טיפע, שוואַרצע אויגן — איז מיין בעסטע חברטע געווען אַ יידישע... מיר האָבן געטיילט דאָס זעלבע צימער, געטראָגן די זעלבע קליידלעך, די זעלבע פריזורן, געלייענט די זעלבע ביכער... גערדאַ איז געווען איר נאָמען, אַ טאָכטער פון דער באַקאַנטער פראַנקפורטער פאַמיליע אָפּענהיימער... אז איר ברודער פלעגט אונדז קומען נעמען צו אַ קאָנצערט, האָט מען זיך אומעטום אָפּגעשטעלט קוקן אויף אים, אַזוי ענלעך איז ער געווען צום גרויסן פּאָעט היינריך היינע, וועלכן יעדער קען פון די בילדער, וואָס באַצירן זיינע ווערק. דאָס האָט ער — רעדט אַנאַ מיט אַ ציטערדיק קול — מיך באַקאַנט מיט היינעס „בוך דער לידער". דערפאַר

איז אין דאָרף פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין דריי יאָר געווען אין אַ יודן־פּענסיאָנאַט, אין דער יודן־שטאָט פראַנקפורט... און איצט, זייט די פראַנצויזן האָבן באַזעצט אונדזער געגנט, האָט זיך אונדזער לאַגע פאַרערגערט... מאַמאַ קומט שוין בייטאָג אויף דער וועראַנדע קוים אַרויס...

זי בלייבט שטיל, מיטן פּנים געווענדט צום זון־פאַרגאַנג, גיט זי צו:

— אין דעם בליק פון אונדזער קנעכט, עזאָו, וועלכער געהערט צו דער „נייער פּאַרטיי״, וואָס איך קען אפילו דעם נאָמען נישט... אין זיין קאַלטן בליק, רויכערט זיך אַ רויכל, וואָס זאָגט קיין גוטס נישט אָן...

פאַלק ווערט ניכטערן, ער האָרכט שטוינענדיק די רייד פון דאָרפישן מיידל, די בת יחידה פון יאָאַכן שינדלער...

אַנאַ, דערפילט זיין פאַרווונדערונג, און זאָגט:

— פראַנקפורט איז נישט בלויז אַ יודן־שטאָט, נאָר אויך די שטאָט פון געטהע... דאָרט פילט מען זייער שטאַרק שלאָגן דעם פּולס פון דער צייט...

קאַפּיטל 10

דאָס מיליטער - געריכט

אויפן פעלד־בעטל ביי זיך אין חדרל, וואַכט פאַלק אויף ווי פון אַ שווערן קאָשמאַר. ס'איז שטיל און טונקל נאָך אַרום. אין די קליידער מיטן פּנים אַראָפּ ליגט ער, און מיט פאַרקראַמפּטע פויסטן. ער ווייסט נישט מער ווי לאַנג ער ליגט דאָ אַזוי. ער געדענקט נישט ווען און ווי אַזוי ער איז אַריינגעקומען. ער ליגט און האָרכט, ער וואַרט. ווי שפּעט קאָן איצט זיין? ער וויל זיך דערמאָנען דעם נעכטיקן אויפדערנאַכט אין אַנאַס גאָרטן, זיין אַוועקגיין פון דאָרט. ניין, ער געדענקט נישט. עס איז שוין אוודאי זייער לאַנג — טראַכט ער. ער בלייבט ליגן. דער גוף זיינער, פילט ער, גליט און ברענט, די פינגער־שפּיצן שטעכן אים, די האָר פון קאָפּ טוען אים וויי. מיט פאַרקלעמטע אויגן, די ליפּן פאַרביסן, גלייך די צייט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט, אָטעמט ער שווער.

אַ קלאַפּ אין דער טיר רייסט אים אַרויס פון דעם גליוּוער. ער עפנט די אויגן. ס'האָט ווער ליכטיק געמאַכט אין זיין שטיבל. ער דערקענט דאָס קול פון זיין באַלעבאָסטע:

— וואָס איז? — פרעגט ער דערשראָקן.
— ער זאָל זיך שנעל אָנטאָן און אַרויסגיין אין הויף — סאָפּעט די האַנעסטע — מען פרעגט זיך דאָרט אויף אים...
אין הייפל דערזעט ער זיין פויער צווישן צוויי פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען. דערזעענדיק פאַלקן, פרעגן זיי:
— אַט דאָס איז ער?
— דאָס איז ער! — שאָקלט האַנעס מיטן קאָפּ.
—זיינע פּאַפּירן... — זאָגט איינער פון די צוויי זשאַנדאַרמען, אַ רויטער בעל גוף, אין אַ געבראָכענעם עלזאַסער „דייטש", אָנווייזנדיק אויף פאַלקן — זענען נישט גוט פאַרן „באַזעצטן געביט".
פאַלק דערמאָנט זיך, אַז אַריבערפאָרנדיק דעם רהיין, האָבן אים צוויי זשאַנדאַרמען פאַרהאַלטן און פאַרשריבן דעם אַדרעס פון פויער. זיי גיבן צו פאַרשטיין דעם באַלעבאָס, אַז זיין אַרבעטער מוז האָבן אַ דערלויבעניש פון דער פראַנצויזישער מיליטערישער מאַכט...
האַנעס ווערט אין כעס.
— וואָס הייסט? — זאָגט ער — ווען זיין אַרבעטערס „פּאַפּירן" זע־נען גוט פאַר די דייטשע „באַהערדן", דאַרפן זיי פאַר די פראַנצויזן אוודאי גענוגן...
אָפּגעזאָגט, נעמט ער די ווידלע און וויל אָוועקשפּאַנען אין שטאָל אַריין. איינער פון די זשאַנדאַרמען פאַרשטעלט האַנעסן דעם וועג, פאַר־ציט זיינע שוואַרצע וואָנסעלעך, טוט ער אַ נעזל אָפּ צו זיין אויסגעפּרע־סענעם קאָלנער. „סע סאַ"!... ווי איינער רעדט: „דאָס איז דער ריכטיקער טיפּ"... מען פירט האַנעסן, ווי אַ חתן, פון שטאָל אין שטוב אַריין, מען זעצט זיך דאָרט אַרום טיש. פון לעדערנע זשאַנדאַרמסקע טאַשן נעמט מען אַרויס בלאַנקעטן מיט אַן אויפשריפט, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט, און מיט אַ בלויער בליי הויבט מען אָן די אייביקע פיר קשיות: נאָמען, פאַמי־ליע־נאָמען, געבורטס־אָרט און עלטער... ביי האַנעסן ציטערט אַביסל די אונטערשטע ליפּ. פאַלק שטייט דאָ, גלייך נישט אים מיינט מען, דערנאָך גיט מען דעם גלאַנצנדיקן בלאַנקעט אונטערצושרייבן. נאָר וואָס מען שרייבט אונטער, ווייסט קיינער נישט...
אויפן דריטן טאָג קומט אָן איינלאַדונג פאַרן לאַנדווירט יאָהאַנעס שינדלער און זיין „וואָלאָנטער" זיך צוצושטעלן פאַרן פראַנצויזישן מילי־טער־געריכט, אין דער נאָענטסטער קרייז־שטאָט. ביי האַנעסן אין שטוב איז מען צעטראָגן, ווי מען וואָלט באַקומען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. מען רעדט נישט צו דער זאַך, מען פאַרנאַכלעסיקט די ווירטשאַפט. די משפּחה

דרייט זיך אַרום פאַלקן, מען חנפעט אים, גלייך אין זיינע הענט וואָלט דאָס געלעגן זייער גורל. דער ברודער יאַאָבן קומט אויך צוגיין, זיסקינד קומט און גייט:

— וואָס עפּעס פאַר אַ „געריכט״? — פאַרציט ער זיינע יינגלישע ליפּן.

— שטותים — ענטפערט פאַלק.

האַנעס פרעגט, כלומרשט שמייכלענדיק:

— ער וועט אים שיצן, פאַלק?

פאַלק טרייסט אים:

— נישטאָ זיך וואָס צו שרעקן. מיר האָבן קיינעם נישט באַרויבט.

פאַלק קוקט זיסקינדן אין די אויגן אַריין: ער וועט זיך דאָך, צו אלדי רוחות, מערקן, דער באַבערדלטער בחור, וואָס איך וויל פון אים...

זיי גייען ביידע אַרויס, און זיסקינד דערציילט:

— איך בין נעכטן אָוונט צוריקגעקומען פון „אויספלוג״. כ'בין זייער צופרידן געווען פון דעם טאָג. ס'איז אַ גרויס דאָרף, ווו מיין פריינט געפינט זיך. לעבן אַ גרויס שטעטל ליגט דאָס דאָרף, נאָר איבער אַ בריק אַריבער־צוגיין, און שוין ביסטו אין שטאָט. הונדערט פופציק חלוצים... יינגלעך און מיידלעך, זענען נעכטן דאָרט געווען פאַרזאַמלט צוזאַמען. בלויז אין דאָרף אַליין זענען אַ זעכציק אייגענע פאַראַן. אַ גרויס דאָרף, יאָ. און היימלעך איז דאָרט, און פריילעך. זיי האָבן אויך אַן אייגענע „היים״ — לויכטן ביי זיסקינדן די קינדישע אויגן — ציישונגען און ביכער אפילו זענען דאָרט פאַראַן, און רעפעראַטן יעדן זונטיק נאָכמיטאָג...

— צי ער האָט דאָס אַלץ דערציילט פאַר דער אַנאַ? פרעגט פאַלק.

— אַנאַ? ניין! — פאַרשטייט נישט זיסקינד פאַלקס פראַגע — ער האָט זי נאָך נישט געזען, זייט ער איז צוריקגעקומען. זי האָט זיך צוגעקילט און גייט נישט אַרויס פון איר שלאָף־שטוב. ביים מיטאָג־עסן האָט אים דאָס דינסט־מיידל געזאָגט: „פריילין אַנאַ — האָט זי געזאָגט — איז נישט געזונט״. יאָ! — רעדט ווייטער זיסקינד מיט באַגייסטערונג: — אפילו אַ העברעאישן לערער האָבן זיי דאָרט אויך...

פאַלק קוקט אויף זיסקינדן און טראַכט: שוין צייט, דו זאָלסט דיר דאָס בערדל דיינס ווידער אָפּשאָבן...

אין אַ זוניקן פאַרטאָג גייען האַנעס שינדלער און זיין „וואָלאָנטער״ פאַלק, אַרויס פון דאָרף צו דער קרייז־שטאָט. האַנעס זאָגט:

— אַז מיר וועלן דורכשניידן די פעלדער, זיך האַלטן ביי די זייטיקע וועגן און גוט גיין, זענען מיר אין שטאָט אין אַ דריי שעה אַרום. מיטן

הויפּט־וועג פֿאַרנעמט דער מאַרש קנאַפּע פֿינף שעה גאַנג... — נאָך אַ ווײַלע, גייט ער צו — זומער־צײַט, מיטן קייזער־וועג, איז נישט צו גיין, כּסדר זון און זון. נישטאָ קיין שאָטן. אַנדערש גייט זיך עס מיט די פֿעלד־וועגן ; אויבסט־ביימער, וועלדער און ווײַן־בערג.

ס'איז שאַטנדיק און קיל. מען קומט פֿאַמעלעך אין ריטמישן גאַנג. די טריט גלײַכן זיך אויס. האַנעס „כאַפּט" דעם זעלנערישן שריט. לאַנגווײַליק, מאָנאָטאָן קלאַפּן פֿיר פֿיס אויף די האַרטע, טרוקענע פֿעלד־סטעזשקעס. אָפּט זענען די דורכגענג שמאָל, גייט מען איינער הינטערן אַנדערן. מען דראַלעט און מען שווײַגט. וואָס נענטער ער קומט צו דער קרייז־שטאָט, אַלץ פֿינצטערער ווערט האַנעס בליק. מיט אַ שווער געמיט שלעפּט ער זיך. ער גייט דעם „פֿיינד" אין די הענט אַרײַן. פֿאַלק איז מער נײַגעריק ווי באַזאָרגט אויפֿן ספּעקטאַקל, וואָס שטייט אים פֿאָר, ווײַל מער ווי עטלעכע מאַרק שטראָף — טראַכט ער — וועט פֿון דעם גאַנצן עסק נישט ווערן.

שוין פֿאַר די קרייז־שטאָט ווערט דער שטראָז ברייטער, גלאַטיקער. ביידע גייערס זענען אַרויף אויפֿן הויפּט־וועג. אַספֿאַלטיק, גלאַנצנדיק, לויפֿט ער אין דער פֿרימאָרגן זון. פֿון ביידע זײַטן וועג זענען ווילליעס, צעוואָרפֿן אַרום פֿאַרקנס און ביימער. האַנעס רוקט זיך צו צו זײַן באַגלייטער, צו פֿאַלקן :

— מען דאַרף באַרעדן — זאָגט ער — וואָס צו טענהן דאָרט...

מען זעט, אַז איבערן גאַנצן וועג האָט דער לאַנדווירט יאָהאַנעס שינדלער זײַנע געדאַנקען צוזאַמענגעפּלאָכטן, און ער גייט זיי דאָ אויפֿדעקן פֿאַר פֿאַלקן.

— צום אַלעם ערשטן — קוועטשט דער פּויער פֿון זיך אַרויס — דאַרף מען זיך שטעלן אָרעם...

פֿאַלק טראַכט : „וויפֿל ער האָט שוין געהאַט צו טאָן מיט דעם פּויערים־פֿאָלק, כאַפּן זיי קורץ און בינדיק אַ ענין ביים שורש... זיי גייען תּיכּף צו צום עיקר"... פֿאַלק מאַכט זיך תּמעוואַטע :

— וואָס מיינט ער דאָס, שינדלער, מיט „זיך שטעלן אָרעם".

האַנעס זאָגט, נישט קוקנדיק זײַן מיטשמועסער אין די אויגן :

— דאָרט, „אויבן"... אין פֿראַנקרײַך... אין קריג... האָבן „מיר" אויך אַזוי געטאָן. ס'יונגוואַרג האָבן מיר געשטראָפֿט מיט תּפֿיסה... די שטעטלעך און דאָס לאַנד־פֿאָלק מיט געלט. „זיי" דאָרט... — ווינקט ער מיטן קאָפּ צו דער שטאָט צו — וועלן אויך שטראָפֿן מיט געלט... נו, דאַרף מען זאָגן, אַז מען איז אָרעם. מען איז נישט פֿאַרמעגלעך... וויפֿל בהמות מען פֿאַרמאָגט ? — וועלן זיי פֿרעגן — דאַרף מען ענטפֿערן : צוויי שטיק. פֿערד ?

— איינס! וויפל לאַנד? קוים די משפּחה צו דערנערן... ער פאַרשטייט, פאָלק? נישט זאָגן דעם אמת. נאָר די ווארהייט נישט זאָגן... — פאַרענ־דיקט האָנעס — ס'איז מיליטער־געריכטן... אַפּיצירן... דאָס דאַרף געלט פאַר די לוסטיקע וויבער...

די צוויי גרענעץ־לענדער, — טראַכט פאָלק — די צוויי פיינטלעכע שכנים, זיי קענען זיך גוט איינער דעם צווייטן. דו מיר — היינט, איך דיר, — מאָרגן...

דער געריכט־זאַל, פאַרוואַנדלט פון אַ פאָלקס־שולע, איז באַוואַכט פון אייגענער, דייטשער, פּאָליציי, זענען די שול־בענק פול באַזעצט ס'רוב מיט יונגוואַרג. מען זיצט און מען וואַרט אויפן משפּט. האַרטע קעפּ זיצן דאָרט אין די לאַווקעס, ביסטרע אויגן זענען געווענדט צום הויפּט־איינגאַנג פון זאַל. מען זיצט און מען שטומט. ביי האָנעסעס און פאָלקס אַריינקומען, חידושט מען זיך אויף די בענק און צווישן זייערע באַוואַכער. האָנעס איז דער איינציקער פויער אין זאַל, און פאָלק דער איינציקער יוגנטלעכער לאַנד־אַרבעטער. קיין פויערים און קיין אַרבעטער זענען נישט פאַראַן צווישן די באַשולדיקטע. דאָס זענען מיינסטנס טאַטנס קינדער, און אַ פּאָר יונגע סטודענטן, מיט האַמעטענע פּנימער און שראַמען אויף די באַקן... עטלעכע „ווילדע יונגען". דאָס געריכט קומט אָן. מיט געפּילדער, מיט אַ פריילעכער פלוידעריי, אין גוט געשניטענע אָפיצערסקע מונדירן, אויך יונגע חבֿרה. דער גוטער וויין שטייט נאָך פינקלדיק אין די לאַכנדיקע אויגן. נאָר איי־נער, אַן עלטערער אָפיציר, אין די זעכציקער, אַ שמאָלינקער, הויט און ביין, מיט שטאַרק געפּודערטע באַקן אויפן פריש געראַזירטן געזיכט, מיט אַ מיליטעריש היטל פון רויטן סאַמעט, מיט צוויי גאָלדענע רייפלעך אַרום די קאַנטן. עס ווערט שטיל אין זאַל, אַז ער באַווייזט זיך.

מיט אַ נערוועזן זשעסט פאַרנעמט ער דעם אויבן־אָן. און מיט אַ קלונג פון אַ גלעקל, עפנט זיך דאָס „געריכט". צווישן די ריכטער אויף דער קאַטעדרע, און די באַשולדיקטע, אויף די שול־באַנק, האַלט זיך שטייף און שטאָלק, דער דאָלמעטשער אין ציוויל; אַ מענטש, צו וועלכן, אויפן ערשטן אויגנבליק שוין, פאַרלירט מען דעם צוטרוי. ער איז דאָס די בריק, דאָס מויל און דאָס אויער, אויף וועלכע דיביידע שכנים רעדן זיך דורך. הינטערן רוקן פון יושב ראש, מיט די צוויי גאָלדענע פאַסיקלעך אַרום סאַ־מעטענעם היטל, האַלט זיך אַ מענטש אין פראָסטע זעלנערישע בגדים, מיט פינקלדיקע אויגן, און ער מאַלפּעוועט נאָך יעדן זשעסט, יעדע מינע פון פאַרזיצער פון געריכט.

אויף די בענק שטוינט מען פון דעם ספּעקטאַקל, מען טרויט נישט

מיט קיין פרייען בליק דאָרט אַהינצוקוקן. די אָפיצירן אַרום געריכטס־טיש אַמוזירן זיך אָפן, שמייכלען, ווינקען זיך איבער איינער צום צווייטן, אויפן חשבון פון זייער פאָרזיצער. פאַלק טראַכט זיינע אייגענע געדאַנקען אי־בערן ספּעקטאַקל. ער טראַכט: די נאַטור פון פראַנצויז קאָן אַזויפיל גע־מאַכטן און געקינצלטן ערנסט, וואָס שטייט דאָ אין זאַל, נישט פאַרטראָגן. אַזאַ אַטמאָספערע שטיקט די דאָזיקע יונגע, זאָרגלאָזע אָפיצירלעך. זיי דאַרפן האָבן „אָפּלענקונג", אַן עפענונג, ווו דער שווערער, דייטשער ערנסט אַרום די שול־בענק זאָל אָפּפליסן. ער איז צו געדיכט, דער ערנסט, מיט אַ מעסער צו שניידן, אָט דער האַמעטנער, פרימיטיווער, טעאָוטאָנישער ערנסט... און אפשר איז דאָס די שנאה, וואָס טראָגט זיך פון די האַרטע, קורץ־געשוירענע בלאָנדע קעפּ, אַקעגנאיבער דעם געריכט־טיש, וואָס די יונגע אָפיצירלעך קאָנען נישט פאַרטראָגן?

פון די שול־בענק קוקט קיינער נישט אויפן „געריכט". זיי קלעפּן אַלע מיט אויגן אויף די לאָוזקעס, ווי שולדיקע שול־יינגלעך. דער דינער אין די פּראָסטע זעלנערישע בגדים מאַכט נאָך אַלץ נאָך, ערלעך און גע־טריי, די זשעסטן און העוויות פון זיין בעל־הבית, דעם שטאַרק פאַרפומירטן און געפּודערטן פאָרזיצער פון מיליטער־געריכט. די פריילעכע אָפיצירן זענען אים דערפאַר דאַנקבאַר...

קורץ און שנעל גייט צו דער משפט; אַ פסק, און די פאַרמישפּטע ווערן תיכף אָפּגעפירט. מען לייענט דאָרט בחיפזונדיק, אונטער דער נאָז: „לויטן געזעץ פון דעם און דעם יאָר... אַרטיקל דער און דער... פּאַראַגראַף 19... איז די דייטשע קייזערלכע פאָן פאַרבאָטן אין גאַנצן באַזעצטן גע־ביט"...

— אויף זיין ביציקלעט, — זאָגט דער דאָלמעטשער, צו איינעם אַ שטייפן. שטייענדיקן בחור ווי צום סאַלוטירן — האָט ער געהאָט אַזאַ פענדל צוגעטשעפּעט...

דאָס בחורל, מיט אַ פּנים פון אַ האַנדלס־אַנגעשטעלטן, ענטפערט נישט.

— אַכט טעג תפיסה! — פאַלט אַ מרוק פון געריכט־טיש.

און שוין ווערט ס'בחורל אָפּגעפירט. זייער אַ לאַנגער יונגערמאַן טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף, ווען מען רופט אויס זיין נאָמען. דאָס גאַנצע פּנים ביי אים — די נאָז, די אויגן, די ליפּן, איז איין קנופּ עקשנות. דער דאָלמעטשער זאָגט:

— דאָס געריכט פרעגט צום לעצטן מאָל, צי דער באַשולדיקטער אַנערקענט און נעמט אָן די אידענטיטעט־קאַרטע, וואָס די פראַנצויזישע

באזאצונגס־מאַכט האָט אַרויסגעגעבן פאַר די דייטשע בירגער אין באַזעצטן געביט?

אַ פאַרביסענער „נייך“! פאַלט צו דער קאָמיסיע...

— צוואַנציק טעג תפיסה! — טוט מען דאָרט אַ גֿעזל אַרויס אַרום געריכט־טיש. — און אַן אַ פויזע גיט מען אַ שלינג — דער „נעקסטער“.

אַ יונג, ברייטער ווי לענגער, באַמיט זיך גלייכצושטעלן אין דער שמאָלער, ענגער שול־באַנק.

— פונוואַנען, — פרעגט אים דער דאָלמעטשער — האָט זיך צו אים גענומען אַ רעוואָלווער?

— צייט די מעשה מיט די מיידן... — פאַלט אַ ענטפער.

אין זאַל ווערט מיטאַמאָל שטאַרק פריילעך. די פנימער פון די אָפּי־צירן צעשטראַלן זיך און קוועלן.

— מיט די מיידן? — פרעגט דער פאָרזיצער מיט די געפּודערטע באַקן; ס׳איז צום ערשטן מאָל, ווי ער רופט זיך אויך אָן מיט אַ וואָרט. ער טוט נערוועז אַ פאַרלייג די הענט:

— טשיען! טשיען!...

ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אויף צוריק, זעצט זיך גלייך, און מיט אַ באַהאַלטענעם בליק צום יונג, טוט ער נייגעריק אַ פרעג:

— ווי קומט דאָ אַ רעוואָלווער צו מיידלעך?

דער יונג, אַן ערנסטער, דערציילט:

— אַז מען האָט אים געוואָלט „אָפּשלאָגן“ זיין „הילדע“, האָט ער זיך נישט געלאָזט; האָט מען אים געדראָט מיט הרגענען... נו, האָט ער זיך „איינעם“ פאַרשאַפט.

— אַ „וואָס“?... — פרעגט דער פאָרזיצער דורכן דאָלמעטשער.

— אַ „דאָס“... — ענטפערט דער יונג.

דער דאָלמעטשער זאָגט, אַז דער באַשולדיקטער וויל בשום אופן נישט אָנרופן די „זאַך“ ביים נאָמען... מען לאַכט. פּופצן טעג אַרעסט! און מיט אַ קלונג מיטן גלעקל, שטילט דער פאָרזיצער ווידער אין די צעפלויִדערטע אָפיצירלעך.

— דער „נעקסטער“.

מען רופט אויף האַנעסן. אין אַ ווינקל אויף אַ באַנק זיצט ער, צוזאַמען מיט פאַלקן, ווו עס זיצן די נישט־באַוואַכטע. דערזעענדיק דעם באַוואָנסעטן פויער מיט די אויסגעהאַרעוועטע, איינגעבויגענע פלייצעס, בלייבט דאָס געריכט אַ ווײַלע שטיל, מען ווערט דאָרט ערנסט; אפילו דער קלאָוון, וואָס האַלט זיך היינטערן פאָרזיצער, קוקט אויף אַהער מיט איין

ערנסט אויג, נאָר דאָס צווייטע אויג ביי אים חוזקט נאָך אַלץ און איז פול מיט שפּאָט...

— דער לאַנדווירט יאָהאַן זזינדלער... — קרעקט מען זיך אַרום טיש מיט האַנעסעס נאָמען — ווערט באַשולדיקט אין מבטל מאַכן דאָס געזעץ פון די נייע אידענטיטעט־קאַרטן פון די פּראָנצויזישע באַהערדע און... און... פאַלק ווערט אויפמערקזאַם.

— אין כאַפּן אַ ווידלע אויף צוויי פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען...

האַנעס ווערט בלאַס, ער רוקט זיך צו צום וואַנט. פאַלק שפּרינגט אויף און שטעלט זיך לעבן זיין פויער.

— די צווייטע באַשולדיקונג — זאָגט פאַלק — איז אַ בילבול !

— ווער איז עס ? — פרעגט מען פון געריכטס-טיש.

ס'ווערט שטיל. מען פאַרעט זיך דאָרט אַרום פאַלקס פּאַפּירן. אויף פּויליש און פראַנצויזיש זענען זייגע פּאַפּירן.

— טיען ! — זאָגט איינער צום צווייטן — שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, דער פויגל...

פאַלק שווייגט. מען קומט צוריק צום ענין האַנעס ; דאָס געריכט פרעגט.

— וואָס האָט וועגן דעם צו זאָגן דער עדות ?

פאַלק דערציילט די גאַנצע מעשה ; זיין איבערפאָרן דעם רהיין, די קאָנטראָלע פון זיינע פּאַפּירן, דאָס פאַרשרייבן דעם אַדרעס פון זיין אַר־בעטס־געבער, דעם לאַנדווירט יאָהאַנעס שינדלער. און דאָס קומען פון די צוויי זשאַנדאַרמען צו זיי אין הויף אַריין, כדי זיך צו איבערצייגן, צו אַר־בעט ער טאַקע, פאַלק, אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. די זאַך וואָלט דער־מיט דערליידיקט געוואָרן, ווען ניט דער נאַאיווער ענטפער פון זיין בעל־הבית... — טענהט פאַלק — דער לאַנדווירט יאָהאַנעס שינדלער האָט מיט דעם ענין „פּאַפּירן" גאָרנישט צו טאָן. די ווידלע ? ער איז געגאַנגען אין שטאַל אַריין, האָט ער מיטגענומען אַ ווידלע. וואָס דען זאָל מען מיט־נעמען אין שטאַל אַריין ? — פאַרענדיקט פאַלק תמעוואַטע — אַ פידל אפשר ?

ביים געריכט־טיש צעשמייכלט מען זיך. פאַלק זעט, אַז זיינע אויס־לענדישע פּאַפּירן האָבן דאָרט ווייך געמאַכט די מונדירטע ריכטער. מען וויצלט זיך, און מען פלוידערט אַלע מיטאַמאָל. אַ קלונג ; און ווידער ווערט שטיל.

— וויפל לאַנד זיין אַרבעטס־געבער פאַרמאָגט ?

— ווייניק ! — ענטפערט פאַלק.

— פי ?

— צווי מאַגערע קי. זיי גיבן קוים מילך פאַרן הויז־געזינט.
ער שפּילט, פאַלק. ער שמייכלט מיט ביטול כלומרשט.
— אַ פּאָר אַלטע שקאַפּעס, קוים וואָס זיי זשיפּיען.
אין דער אַלגעמיינער היטערקייט, וואָס טוט זיך ווידער אַ צעוויג, הערט זיך אַ געזלדיקער פּסק:
— פינף מאַרק שטראָף...
און מיט האַנעסן און פאַלקן ענדיקט זיך דאָס געריכט.

קאַפּיטל 11

דער אָפּשייד

פון שטאָט אַרויס לויפט ער, דער פויער, נישט ער גייט. כאָטש ס'איז שוין מיטאָג־צייט, און עסן ווילט זיך, בלייבט דער פויער קיין איין איבעריקע רגע נישט אין שטאָט. פאַלק באַמיט זיך האַנעסן נאָכצויאָגן, מיט אַזאַ אימפּעט אַנטלויפט ער דאָס פון שטאָט... ערשט נאָך אַ היפּשן מהלך, שוין ווייט אין די פעלדער, ווייט פון הויפּט־וועג, פון שטאָטישע מויערן, זעצט מען זיך אַוועק הינטער אַ בוים, אין אַ שאָטן, און מען נעמט פאַרצערן מיט אַפּעטיט דאָס מיטגענומענע שפּייז פון דער היים: ברויט, פלייש, ווייַן. מיט איינגעצויגענע אויגן קייעט מען געשמאַק און מען קוקט זיך תמעוואַטע אַרום זיך.

שטיל שטייט די געגנט, גאַרנישט באַוועגט זיך. די ביימער, די פעלד־בלימעלעך, דאָס פרישע גראָז, שטייען שטיל אונטער דער הייסער זון. אַלץ האָרכט און וואַרט. אָפּגעגעסן, זאָגט האַנעס, אַ שטראַלנדיקער, אַ גליקלעכער:

— נו! גייט ער צוריק אַהיים...

און איילנדיק, מיטן פּנים צו זיין דאָרף, טוט ער אַ זאָג:

— דאָס, וואָס מענטשן וווינען אין אַ שטאָט, איז אַ באַוויז, אַז מען קאָן לעבן אין איר... נאָר ער, האַנעס, גלויבט עס נישט... ער ווייסט נישט ווי אַזוי מען לעבט דאָ. ער, פאַלק, איז אַ שטאָט־מענטש, וועט ער דאָס נישט פאַרשטיין. נאָר ער, האַנעס, אַזוי לאַנג ווי דער הערגאָט וועט אים שענקען דאָס לעבן, וועט ער אויסמיידן אין שטאָט זיך צו באַזעצן; נישט ער און נישט די זייניקע...

איבערן גאַנצן וועג האָט ער זיך שוין מער נישט אומגעקוקט הינ־טערווײַלעכטס, פון דאָרט, פון וואַנען ער אַנטלויפט, פון די מויערן, פון די ענגע גאַסן מיט די פראַנצויזלעך, און זייערע געריכטן...

מיד פון היץ, אויסגעמאַטערט פון וועג, קומט מען צוריק אַהיים. ס'דערפל קאָכט, פון הויף צו הויף רופט מען זיך איבער, אַז דער האַנעס מיט זײַן אַרבעטער זענען שוין דאָ צוריק. אַרום האַנעסעס הויז גייט מען און מען קומט. יעדער וווּנדערט זיך, וואָס נאָך אין זעלבן טאָג זענען זיי אהיימ־געקומען. אַ מיליטער־געריכט... ביים פראַנצויז אין די הענט... יאַאַכן, האַ־נעסעס ברודער, קומט צו גיין:

— געלויבט צו גאָט — שטראַלט ער — אַז מען זעט זיך...

זיסקינד שפּרינגט אַרום אַ צעפּרידענער.

— אַלע זענען געווען באַזאָרגט צוליב איךביידן, נאָר ס'איז גוט אַדורכגעגאַנגען, אַבי מען האָט געמיינט — ווער ווייסט וואָס...

מען אַרבעט נישט דעם נאָכמיטאָג ביי האַנעסן אין הויף. מען זיצט אין דער קילער שטוב און מען טרינקט קאַלטן ווײַן. האַנעס דער־ציילט דעם ברודער זייַנעם, ווי אַזוי ס'איז „דאָרט" צוגעגאַנגען.

— פאַלק? יאָ! אַ דאַנק אים, איז ער איצט אין דער היים, ביי זײַן ווײַב און קינדער... ער האָט שוין איינמאָל גערעדט פאַרן געריכט, דער „בערלינער"... אַלע האָבן פאַרשטאַנען...

יאַאַכן ציט פון זײַן פײַקע ציבעכל, און פּאַטאַקעוועט:

— וואַלל! יאַוואַלל!

ער קוועלט, נאָר אויף פאַלקן כאַפּט ער פון צייט צו צייט אַ בליק אין דער זייט.

נאָכן אָוונט־עסן, ווייל עמאַ פון פאַלקן נישט אָפּטרעטן: זי זיצט ביי זײַן זייט דעם גאַנצן אָוונט אויף דער באַנק, וואָס שטייט הינטערן לינדן־בוים, פאַר זייער הויז, להכעיס די מיידן, וואָס דרייען זיך היינט פאַרנאַכט, מער ווי תמיד, אויף און אָפּ פאַר זייערע פענצטער. יאָ, די קנעכט מיט זייערע כלות קלעפּן אין די ווינקלען פון קלויסטער־פּלעצל, און אַ רוי גע־לעכטער טראָגט זיך פון צייט צו צייט פון די טונקעלע ווינקלען אַרויס:

— קכככ... טצצאַ...

ער איז געוואָרן אַ סענסאַציע אין דערפל — טראַכט פאַלק — יאָ.

— באַשליסט ער אין געדאַנק — מאָרגן אין דער פרי, וועט ער נעמען זײַן רוקזאַק און אַוועקשפּאַנען מיט איינעם פון די וועגן דאָ, צו דער נאָענטער קרייז־שטאָט, ווו יעדן זונטיק פאַרזאַמלען זיך אין די הונדערטער חלו־צים...

ער שטעלט זיך האַסטיק אויף און מיט שנעלע טריט גייט ער איבערן דאָרף, מיטן וועג, וועלכן ער איז זונטיק פאַרטאָג געגאַנגען. ס'איז שוין האַלב טונקל. אויף איינעם פון די וויין־בערגלעך פאַרקריכט ער, זעצט זיך דאָרט מיט פאַרגעניגן אַוועק.

ער קוקט צום וועג צו, וואָס ציט זיך באַרג־אַראָפּ, צום קרייץ־וועג ביים קוואַלנדיקן שטיין. יאָ, וואָס פאַר אַ תירוץ זאָגט מען דאָס דעם פויער זיינעם? פלוצלינג זאָגן אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אַז ער גייט אַוועק? צום גרויסן שניט — טראַכט ער — איז נאָך עטלעכע וואָכן. קיין סך אַרבעט איז איצט נישטאָ ביי זיין בעל הבית. ער וועט אפשר צופרידן זיין פון זיין אַוועקגיין? פונדעסטוועגן וואָלט ער שוין געוואָלט עלטער זיין מיט אַ טאָג. ער הערט איילנדיקע טריט פון וועג. ער האָרכט. יאָ! זיין נאָמען רופט מען. ס'איז זיסקינד, וואָס רופט אים.

— וואָס איז? — פרעגט פאַלק, ווען זיין פריינט זיצט לעבן אים, אין גראָז.

ער שטאַמלט, דער בחור:

— אַנאַ — זאָגט ער — האָט אים געשיקט, ער ווייסט נישט... אויף דער וועראַנדע זיצט זי...

זיי שניידן דורך פעלד־וועגן, אויסמיידנדיק דאָס דאָרף, צו יאַאַכנס הויף.

— אָט אָ דאָרט, אויפן לענשטול — ווייזט אים זיסקינד אָן אַנאַס האַלב־ליגנדיקע פיגור, און ער פאַרשווינדט.

פון אַ וויים געהעקלטן, לייכטן, וואָלענעם שאַל, בלאַנקט אַרויס אַנאַס בלאַסלעך פנים. פון דער אָפּענער סאַלאָן־טיר פאַלט אַ רויטלעך ליכט און באַלויכט די האַלב־טונקעלע וועראַנדע. פאַלק שטייט פאַר איר, אָן לשון.

— ווען? — פרעגט זי שטיל.

— מאָרגן, פאַרמיטאָג נאָך... — ענטפערט פאַלק.

נאָך אַ ווייל, זאָגט זי, שוין רואיקער:

— זיסקינד, איז זייער טרויעריק געוואָרן, ווען ער האָט זיך דערוווסט פון זיין, פאַלקס, באַשלוס...

— וואָס איר איז? — פרעגט פאַלק.

— אָ, גאָרנישט: זי האָט זיך צוגעקילט זונטיק אָוונט... ביים שטראַמיקן טייכל... יענעם אָוונט, ווען זיי זענען זיך בײדע, ביז שפּעט, פאַרזעסן...

נאָך אַ פויזע, זאָגט זי ווידער:

— ער, זיסקינד, וויל אויך אַוועקפאָרן. ער וועט דאָ אַליין נישט בלייבן

— האָט ער געזאָגט.

— ניין! ניין! — רייסט זיך עס אַרויס פון פֿאַלקן. — ער באַהערשט זיך אָבער באַלד, און זאָגט געלאַסן: — זיסקינד — נישט. ער זאָל בלייבן... ער דאַרף בלייבן...

פֿאַלק שטאַמלט און פֿאַרענדיקט נישט. נאָך אַ ווייל גיט ער צו:

— ביז נאָכן גרויסן שניט, וויניקסטנס... ביז נאָך די וואַקאַציעס...

אַנאַ ווייזט אים אָן אַ שטול לעבן זיך; ער זעצט זיך נאָענט לעבן איר, אַזוי אַז ער פֿילט דעם הויך פֿון איר מויל אויף זיינע ליפּן. אַרויפֿלייגנדיק אירע ביידע הענט אויף זיינע אַקסלען, פֿאַרשליסט זי די אויגן און בלייבט אַזוי זיצן אין אַ טיפֿער שווייגעניש...

— פֿאַלק! — מורמלט זי שטיל — פֿאַלק! זאָג מיר עפּעס...

ער שווייגט. ווי אַ שולדיקער, זיצט ער דאָ, אין פֿרעמדן דאָרף, אין אַ צעשטערנטער, שטילער נאַכט, פֿאַרן גרויסן שניט... אַ פּאָר אויגן, זעט ער, באַלויכטן אים, און קריצן זיך איין אין זיין בליק, אין זיין פּנים. ער שווייגט אַלץ, און אַ אומקלאָרער טרויער נעמט אים אַרום.

— עס מוז נישט וואָר זיין... — הערט ער, ווי אין חלום, אַנאַס וואָרעם קול — נאָר זאָג מיר עפּעס... פֿאַלק!

ער ווייסט, אַז רייד זענען דאָ איבעריק; אָפּגעריסענע, בליציקע געדאַנקען יאָגן זיך ביי אים אין צעהיצטן מוח... ער זעט זי, מיט יאָרן שפּעטער, אויף איר מוטערס פּלאַץ זיצן, איינע אַליין. זי רעדט נישט מיט קיינעם, זי איז מאָגער און בלאַס. דאָס דאָרף אַרום, שווייגט, און האָט זי פֿיינט... זי טראַכט פֿון איינעם אַ זומערדיקן פֿאַרנאַכט, אויף דער וועראַנדע, איז זי דאָ מיט איינעם אַ יונגן מענטשן געזעסן... און זיך שטיל געבעטן: „זאָג מיר עפּעס... פֿאַלק! — יאָ. פֿאַלק האָט ער געהייסן“...

ער עפֿנט אויף די אויגן. דעם קאָפּ אָנגעלענט אין אַ זייט, קוקט אַנאַ אויף אים און קוקט... ער זעט זיך מיט יאָרן שפּעטער אין זומער־פֿאַרנאַכט אויף אַ באַנק ערגעץ זיצן... אַ קלאַוויר פֿון אַן אָפֿענעם פֿענצטער הערט ער, און אַ טונקעלן מידל־קאָפּ זעט ער באַוועגן מיטן ריטם פֿון די קלאַנגען, און די טענער זענען אים אַזוי באַקאַנט און היימיש, אַזוי נאָענט...

ער שטעלט זיך האַסטיק אויף: ס׳איז צייט! אַנאַ, אין איר גאַנצער ווייבלעכער גרויס, שטייט זומערדיק און צייטיק לעבן אים... אַן מי געפֿינט ער זי אין זיינע אָרעמס. זיי גראָבן זיך איין איינער אין צווייטן, און בלייבן אַזוי שטיין, אין דער שטילער, טונקעלער נאַכט.

— דו ביסט שיין, אַנאַ, ווי די ליליע אין דיין גאָרטן, ביסטו שיין!...

און ער האַלט זי אַרומגענומען, און ווערט שיכור פֿון איר פּנים, פֿון אירע האָר.

איבער דער טונקעלער דאָרפישער גאַס גייט פאַלק, און קען זיין פוי־ערס הויז נישט געפינען. אָט איז שוין דאָס לעצטע הויז פון דאָרף, און אָט איז אַ פעלד־וועג, באַרג אַרויף. דער וועג ווערט ענגער, שמאָלער. צווישן סטעזשקעס פון אַ וויין־בערגל לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף די קני, מיד און שווער, פאַלט ער צו צו דער טויאיקער ערד און בלייבט ליגן...

קאַפּיטל 12

„יופּי"

אין גרויסן דאָרף, וואָס איז מיט אַ בריקל פאַרבונדן מיט דער קרייז־שטאָט, איז שוין נאָכן שניט. שוין איבער אַ חודש, ווי פאַלק איז ביי זיינע נייע בעלי בתים, און ער גרייט זיך אָוועקצוגיין פון זיי. אַזוי איז אָפּגערעדט געוואָרן, באַלד ביי זיין אָנקומען דאָ אַהער: נאָך איבערן גרויסן שניט, און דאַן, צום האַרבסטן, וועט ער גיין טיפער אין די בערג אַריין און דאָרט אַרבעטן אין אַ דאָרף ביים וויין־אַראָפּנעמען. זיין איצטיקער פויער האָט נישט קיין ווייַן, אַ גאַנץ קליינע ווירטשאַפט, אַ הייפל, אַז מען קאָן קיין וואָגן נישט אויסדרייען. איין אַרבעטס־פערד, איין מעלקנדיקע קו.

— נאָך איבערן שניט קאָן ער געברויכן אַ מענטש — האָט זיין נייער בעל הבית אים געזאָגט, ווען פאַלק איז אין איינעם אַ פאַרטאָג געקומען אַהער. פאַלק האָט דעמלט ביים ערשטן פרישטיק, דאָס גאַנצע הייפל מיט איין קוק אַרומגענומען, און איז באַלד היימיש געוואָרן מיט דער משפּחה. דער שטאָטישער פויער, מער שטאָטישער ווי פויער, האָט ווייניק גערעדט. אַ גוט פּנים, קינדישע, העל־בלויע אויגן, אַ קורץ־געשוירן, בלאָנד בערדל. תמיד האַלט ער עפּעס אין מויל, אַ זאַנג, אַ גרעזל, אַ שטיקל צווייגל. ער טראַכט עפּעס שטענדיק. אַז מען רעדט צו אים, כאַפּט ער זיך אויף, קוקט יענעם פאַרחידושט אָן, און ווידער ווערט ער פאַרפאַלן אין זיינע טראַכטע־טישן.

די פויערטע, פון ערגעץ אַ דערפל אין די בערג, מיט אַ נאַריש פּנים, פירט אויס די באַפעלן פון איר אַלטער מוטער, וואָס איז די אָנפירערין פון הויז. זייער איינציקער זון, פּעטער, אַ מילכיקער, לאַנגער יונג מיט אַ גבורה פון אַן אָקס, באַטראַכט פאַלקן פון דער זייט. מיט נייגער און מיט אומצוטרוי...

פּאַלק איז באַלד היימיש געוואָרן מיט דער משפּחה, מיט דער שטוב, גלייך ער וואָלט שוין דאָ געווען לאַנגע יאָרן. ביים שניידן איילט מען זיך נישט. פּאַלק שניידט זיצנדיק אויף דער מאַשין, און די גאַנצע משפּחה נעמט צוזאַמען און בינדט די בינטלעך. פּעטער איז אַביסל געקרענקט אין זיין בן־יחידישקייט. ס'איז זיין אַרבעט, פון יוגנלוויז אָן. ביים מיטאָג עסן אין פעלד זאָגט דער פאָטער צום זון:

— ער מוז די נאָז נישט אַרונטערלאָזן, פּעטער! פּאַלק איז צו אונדז געקומען לערנען, ווי אַזוי די שנייד־מאַשין צו באַנוצן...

— אַך! — ענטפערט פּעטער — ער זיצט אַזוי, ווייל ער איז היינט מיד...

די מוטער, ביים צוזאַמענעמען די תבואה אין בינטלעך, שרייט אויס פון צייט צו צייט, גאָרנישט מיינענדיק דערמיט:

—זיבן, ווי אַ יוד...

און אַז ס'געלינגט איר נישט די געשניטענע זאַנגען גוט און גלייכ־צולייגן, טוט זי אַ קריי אַרויס מ'ט איר קווישטשענדיקער שטימע: „צעה, (אַ עקשן) ווי אַ יוד"... זי גלייכט זיך אויס, פאַרשעמט, קוקנדיק צו פּאַלקן זאָגט זי:

— ער זאָל דערפון קיין פאַריבל נישט האָבן, פּאַלק. ביי זיי אין דאָרף רעדט מען אזוי, אַלע רעדן אַזוי... זי איז דאָס געוווינט פון אירע קינ־דער יאָרן...

דעם פויער, נישט מען זעט אים, נישט מען הערט אים. אין שייער זיצט ער, אין אַ ווינקל, און קייעט אַ שטרוי. ער שווייגט אויס זיין שטילע וועלט. אויפן פעלד, ביים אויסרייניקן דעם קאַרטאָפל־אַקער פון שלעכטן גראָז, זעצט ער זיך אַלע ווײַלע אונטער אַ בוים. ער ווינקט צו פּאַלקן, ער זאָל אַהערקומען זיך אַביסל אָפּרוען. אויסגעשטרעקט אין גראָז, ליגט ער אויף אַ זייט, מיט עפּעס אַ גרעזל אין מויל. ווען פּאַלק זעצט זיך אַוועק לעבן אים, זאָגט ער:

— צו איילן זיך, איז קיין גרונט נישט פאַראַן: מען מוז איבערלאָזן אַביסל אַרבעט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג אויך.

פּעטער דרייט זיך אַרום פּאַלקן, ער וויל אים עפּעס פרעגן, נאָר ער וואָגט נישט. אַמאָל, אין אַ פאַרנאַכט, נאָך אַ רעגנדיקן נאָכמיטאָג, ווען פּאַלק שטייט פאַרן טויערל פון הויז און באַטראַכט דעם פאַרנאַכטיקן דאָרף, קומט פּעטער צו און, נישט קוקנדיק פּאַלקן אין די אויגן, טוט ער שנעל אַ מורמל:

— ער איז שוין געווען אַ סאָלדאַט?

פאַלק קוקט אים אָן:

— ניין!

ביי פעטערן צעשטראַלט זיך דאָס מילכיקע פּנים. ער ווערט היימי־שער און פרייער:

— איך אויך נישט! — פּלאַצט ער אַרויס — דאָס הייסט: אויך נאָך נישט! — פאַרבעסערט ער — צו ס׳איז וואָר, — פרעגט ער ווידער נישט דרייסט — אַז די יונגען, וואָס זענען נישט געווען קיין זעלנער, זענען נישט... קיין...

ער האַקט אָפּ, און גראָבט אין דער טיפער ערד מיט אַ שפּיץ פון זיין שוך.

— זענען נישט... קיין מענער... — שיסט ער אויס און ווערט רויט.

פאַלק פאַרשטייט אָט דעם לעבן אים פלאַמענדיקן, בערישן יונג.

— ווער? — פרעגט פאַלק — זאָגט דאָס אַזוי?

— די מיידלעך... — ענטפערט פעטער, קוים וואָס מען הערט.

ביינאַכט אין זייער שותפות־חדרל מיט צוויי בעטן, איז פעטער מער דרייסט. אין דער טונקלקייט, פאַרטרויט ער זיך מער פאַרן פרעמדן.

— שלעכט זענען די מיידלעך פון אונדזער דאָרף... זיי ווילן נישט רעדן מיט אונדז... זיי מאַכן חוזק, און לאַכן אונדז אויס... צום ערשט — זאָגן זיי — גייטס אין די קאַסערן... און ערשט דאַן, וועט איר קריכן צו ווייבער... ווי קאָנען מיר ווערן סאָלדאַטן? דער פראַנצויז איז דאָך אין לאַנד?

פאַרן אַנטשלאָפן ווערן, פרעגט ער נאָך:

— צי ער ווייסט נישט, ווען דער פראַנצויז וועט אַרויס פון דאַנען?...

— ער ווייסט נישט! — ענטפערט פאַלק, זיך אויסדרייענדיק מיטן פּנים צו דער וואַנט.

אַז ער איז מיט אים אַליין אין פעלד, האָט ער נאָך אַ שאלה צו פרעגן פאַלקן:

— צו איז עס אמת, — פרעגט ער — אַז דאָ אַהער האָבן געבראַכט דעם פראַנצויז... זיי... די... — ער קרעקט זיך אָביסל — די יודן...

— ווער זאָגט עס? — טוט פאַלק אַ שפּרונג אויף, ווי פון אַ שטאָך.

— יופּ! — פּלאַצט דער יונג אַרויס.

— יופּ? ווער איז ער? — טוט פאַלק אַ בליץ מיט די אויגן אויפן פויערס זון.

— דער „פירער" פון זייער פאַריין. — זאָגט פעטער — זיי ווילן אים

אויך פאַרשרייבן אין יענעם פאַריין, אַ סך דאָרפּישע האָבן זיך שוין דאָרט פאַרשריבן...

ער דערציילט אַז יופּס פאַריין איז אויף יענער זייט בריק, צווישן דאָרף און שטאָט; איינמאָל נאָר איז ער דאָרט געווען, נאָר פאַרשריבן זיך האָט ער נישט.

— דאָרט — זאָגט ער — ווילן די מיידלעך יאָ רעדן מיט די ייִנגלעך. יופּס חברה האָבן טאַקע אַן אויג אויף אים, און אויף זיין חבר קורט; ביי זיי, ביי קורטס עלטערן טאַקע, האָבן פאַלקס לאַנדסלייט זייער „היים" און ס'לאַר־שען, קורטס שוועסטער, לערנט מיט אַלע צוזאַמען ביי דעם ייִדישן לערער, זייער שפּראַך...

ער וויל זיך דערמאָנען, ווי מען רופט די דאָזיקע שפּראַך.

— העברעאיש — העלפט אים פאַלק אַרויס.

— יאָ — זאָגט פּעטער — „דאס" טאַקע לערנט לאַרשען...

פאַלק שמייכלט. פּעטער ווערט אַנטשוויגן. ער האָט פאַלקן זייער אַ סך נאָך צו פרעגן, נאָר מיטאַמאָל אַלץ געדענקט ער נישט. פון פעלד אַהיים־גייענדיק, דערמאָנט ער זיך נאָך עפּעס:

— ביי יופּן אין פאַריין, זאָגט מען, אַז די יודן־באַנדע, וואָס אַרבעטן דאָ אין דער געגנט, ווילן די פּויערים באַלד אַראָפּטרייבן פון זייער ערד. אין שטאָט אַריין, זענען שוין צוליב דעם אָנגעקומען שוואַרצע זעלנער, שוואַרצע רייטער מיט בערד, האָט פּעטער אַליין שוין אויך געזען...

פאַלק ציילט שוין די טעג אַוועקצוגיין פון דאָרף. ער גרייט זיך צו. דער פּויער זיינער בעט אים נאָך צו פאַרבלייבן ביז איבערן דרעשן, און איבערן גרויסן קערמעס.

— ווייל אַזוי פירט זיך, — טוט דער פּויער אַ נעם אַ שטרוי אין מויל אַריין — אַז ער וויל די ווייַן־אַרבעט גוט זיך אויסלערנען, — גיט אים די פּויערטע אַן עצה — זאָל ער גיין אין איר געבורטס־דאָרף אַריין. אַ גרויס דאָרף איז עס, צווישן באַרג און טאָל, צו איר'ס אַ ווייטע משפּחה זאָל ער גיין. ער מעג זאָגן, אַז ער קומט פון זיי. גוטע מענטשן זענען דאָס. די אַלטע און די יונגע זענען דאָרפּס־לערער... — צעשמייכלט זיך גוט און נאַריש די פּויערטע.

— יאַאַאַ! — צעשרייט זיך די אַלטע אויף איר טאָכטער — דו מיט דיינע שמאָנצעס... דער יונגערמאַן דאַרף די ווייַן־אַרבעט צו לערנען, און נישט דאָרט מיט דיינע „אַפּיקורסים" אַרום צו „סאַלאַפּירן" — גיט זי צו און איר צעקנייטשט פּנים באַקומט אַ יוגנטלעכן שימער — און מיין מיידל־צייט האָבן דאָרט געווינט אַ סך יודען... די האימס, די קראַוזעס, די

לעוויס און אַנדערע... און אַ סינאַגאָגע, אַ יודן־טעמפּל, שטייט נאָך דאָרט ביז אויפן היינטיקן טאָג... מיט אַ פרידהאָף (בית־עולם) פון איין עק צום צווייטן קוים צו דערזען...

— יאָ — ענטפערט פאַלק — ער וועט דאָרט אַהינגיין. שוין נאָכן קערמעס, גייט ער דאָרט אַהין.

קאַפּיטל 13

ביים דרעשן

ביים דרעשן די תבואה פּירט זיך, אַז די שכנים גייען איינער צום צווייטן העלפן; מען מאַכט דאָרט אַ יום־טובדיק עסן פאַר די אַרבעטער, און ביים יונגן, קאַלטן, העלן ווייַן, ביים גוטן עסן, לאָזט מען זיך וויל־גיין. ביי פאַלקס פויער האָט מען שוין אָנגעדראָשן, און אויפגערוימט ס׳הייפל מיטן שייער. קיין סך צו טאָן איז נישט געווען, מען איז נאָך אַ שטיק פאַרמיטאָג פאַרטיק געוואָרן. נאָכן מיטאָג אָבער האָט מען זיך גע־שטעלט דרעשן ביים שכן, פּעטערס חבר, קורט. דאָרט ווו עס געפינט זיך די „חלוצים־היים״. אַרום דער קלאַפּערדיקער דרעש־מאַשין ווייקן אין שוויס און אין שטויב אַ צוואַנציק אַרבעטער, צווישן זיי די שטוביקע ווייַ־בער. פאַלק איז איינער צווישן דער יונגער חברה אַרום דער מאַשין. זיי זענען אַלע פון „יופּס״ פאַריין. ווי אַ מאַגנעט ציען זיי צו זיך אַלע בליקן, און רייד פון דעם עקיפא... קורט, דער זון פון הויז, און זיין חבר פּעטער, פאַרנעמען זיך מיטן טעכנישן טייל פון דער מאַשין, גיבן אַכטונג אויף איר גוטן פונקציאָנירן. די איבעריקע דערלאַנגען די בינטלעך תבואה אויף דער מאַשין אַרויף, אַנדערע פילן אָן זעק מיט די קערנער, אַנדערע, ווידער, טראָגן אַוועק די פולע זעק אין שפייכלער אַריין.

מיט אַ טיכל אַרום די האָר, צוליבן שטויב, פאַרעט זיך אַרום אַ יונג מיידל מיט לעבעדיקע אויגן, מיט אַ פּנים פון אַ יידישער „העלטשע״, די טאָכטער פון הויז. זי שאַרט מיט נאָך צוויי פרויען די פּלעווועס פון דער מאַ־שין אַוועק, און פלוידערט שנעל און פריילעך; דער בעל הבית פון הויז, אַ פויער, אַ טונקל־האַריקער, מיט אַ קלוג שמייכלענדיק פּנים, דרייט זיך אַרום מיט אַ קרוג וויין, און מיט עטלעכע גראָבע ביר האַלבעס, פון וועלכע ער איז מכבד די אַרבעטער בעת דער אַרבעט. די מוטער, מיט עטלעכע העל־

פּערינס, איז פאַרפּאַרעט אַרום דער קיך, גרייט צו די סעודה פאַרן עולם. שטייט מען אין שטויב, דאָס פּנים אויסגעשמירט פון פּראָך, פון שווייס. אין וואַלקן, וואָס שטייט אין הויף, זעט מען זיך קוים. מען פלוידערט, מען וויצלט זיך, מען לאַכט און די דרעש־מאַשין קלאַפּט. ביז צום אָוונט דאַרף אַלץ פאַרענדיקט ווערן. צוויי וועגענער שטייען פול געלאָדן.

דער הויפּט־וויצלער און שפּאַס־מאַכער, איז דאָרט איינער, אַ לאַנגער, אַ געוועזענער פּראַנט־זעלנער. זיינע לאַנגע פיס שטעקן אין אַ פּאָר געלע כאַלעוקעלעך, די רייט־הויזן פאַרצויגן מיט אַ זעלנערישן פּאַסעק, מיט אַן אָפּגעריבענעם „גאָט מיט אונדז".

— אַהאָ — קאָלערט זיך פון געלעכטער אַ בינטל יונגוואַרג אַרום דעם שפּאַס־מאַכער — דער גאַלמייסטער, שוין איינמאָל אַ קאָמישער קערל, דער אָ...

ער דערלאַנגט פאַלקן, וואָס באַדינט דעם „פּיסק" פון דער מאַשין, אַ בינטל נאָך אַ בינטל, מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי דריי מענטשן וואָלטן מיט אַמאָל די בינטלעך דערלאַנגט. פאַלק שטופּט אַזוי שנעל ווי ער קאָן נאָר, דאָס דערלאַנגטע אין דער עפענונג פון דער מאַשין. דער שטויב באַדעקט אים, ווי מיט אַ ליילעך. גאַלמייסטער, גלייך נישט אים מיינט מען, דערציילט געלאַסן אַ מעשה פאַר די אַרומיקע יונגען, וואָס אַרבעטן אַרום אים:

— אוי וועיה! — פאַרענדיקט ער — און דער אָרמער לעווי...

און מען לאַכט דאָרט צעזעצטערהייט...

— נו! — שרייט ער צו פאַלקן, אַרויפקוקנדיק צו דער מאַשין — ווי האַלט ער דאָרט? ער שלאָפט? אָדער מאַכט ער דעם אָוונט־געבעט?...

און ער שטופּט פאַלקן דאָס דריטע בינטל אין פּנים אַריין. פאַלק, האַלטנדיק צוויי בינטלעך אין זיינע ביידע הענט, נעמט פון אים אויך דאָס דריטע, נאָר לאָזט פאַלן איינס פון די בינטלעך מיט אַ טראַסק דעם גאַל־מייסטער אין פּנים אַריין. מיט אַ געקוויטש, שפּרינגט יענער אין אַ זייט, שפּייענדיק דעם שטויב פון מויל, שעלט פון זיך אַרויס די גאַל... נאָר קיין צייט אויף אויסצושרייען זיך, איז נישטאָ. די מאַשין קלאַפּט און פאַדערט דאָס איריקע. צום אָוונט צו וואַשט מען זיך אַרום און מען זעצט זיך צום טיש.

אָבער אַן „אויג" האָט ער שוין אויף דעם „אויסלענדער", דער געוועזענער צוגספּירער, יופּ גאַלמייסטער. נאָך דעם פעטן געפּרעגלטן בראָט־וואורשט, נאָך אַ פּאָר גוטע האַלבעס וויין, ווערט מען אויפגעלייגט און פריי־לעך. דער גאַלמייסטער זאָגט:

— יונגן! מען דאַרף מאַכן אַ שריפטלעכע ביטע אין קיך אַריין און פאַרלאַנגען נאָך צו פּאָרציעס בראָט־וווּרשט.

ער שרייבט עפּעס אויף אַ פּאַפּיר און לייענט עס הויך אויף אַ קול:

— מיר! זיבעצן דייטשע, קריסטלעכע אַרבעטער פאַרלאַנגען נאָך אַ פּאָרציע ווורשט אַ יעדער, און מיר האָפן, אַז אונדזער ביטע וועט גענומען ווערן אין באַטראַכט.

באַלד דערויף האָט דאָס לאַרשען און דאָס דינסט־מיידל אַריינגע־ברענגט, אין אַ טיפער ערדענער שיסל דאָס פאַרלאַנגטע. אויסגעטיילט די זיבעצן פּאָרציעס, זאָגט פאַלק, אַז אויך ער, דער אכצענטער יידישער אַר־בעטער, פאַרלאַנגט אַ דאָפּלטע פּאָרציע. גאַלמייסטער וויל עפּעס זאָגן, נאָר זעענדיק פאַלקן קייען מיט אַפּעטיט, ווערט ער אַנטשוויגן. פּעטער כאַפּט זיך אויף גאַלמייסטערס שטיקל אַרבעט און לאָזט הענגען דעם קאָפּ. קורט און פּעטער קוקן זיך מיושבדיק איבער, נאָר גאָרנישט, מען פאַרענדיקט די סעודה און מען צעגייט זיך אין פרידן...

קאַפּיטל 14

דער קערמעס

דער קערמעס נאָכן שניט און נאָכן דרעשן שטעלט זיך אין דאָרף מיט אַ גרויסן פאַרנעם, מיט קאַרוזעלעס, מיט שאָקל־שיפלעך, מיט אַ קאַס־פּערל־טעאַטער, מיט שיס־בודעס, ווו מען קאָן געווינען פון אַ לאַלקע ביז אַן אינדיק. ביינאַכט גרייט מען זיך צום טאַנץ אין איינער פון די גרעסטע דאָרפס־שענק. שטאָטיש איינגעריכטעט איז די דאָזיקע שענק, מיט אַ גלאַ־טיקן טאַנץ־פּאַרקעט, העל באַלויכטן, מיט טישלעך און שטולן אַרום די ווענט. אויך אַ גוטער אָרקעסטער שפּילט אויף דער אויסגעסטראָיעטער, גרויסער סצענע. דריי טעג און דריי נעכט ציט זיך דער קערמעס, און יונג און אַלט לעבן ווי אין חלום. אין די דאָזיקע טעג. שטאָטיש־אויסגעפּוצט, שפּאַנט מען צום נאַכט־באַל, ווי צו אַ כישוף־הייל. די מיידלעך קומען צוגיין פעסט־געאָרעמט, ווי פעסטונגען, מיט צעראַיעטע בלוזן. בייטאָג קומען פראַנצויזישע זעלנער אַ בליק טאָן, ווי אַזוי די „זשען פיס דע באָש" אַמו־זירן זיך. זיי טאַנצן נישט, די זעלנער, אַ באַפעל אַזאַ: זיי טרינקען אַ גלעזל, פאַרקרומען זיך פון ווײַן און גייען אַוועק. אָפּטמאָל ווערטלט מען זיך

איבער, מיט ווערטער, וועלכער קיינער פאַרשטייט נישט, נאָר צו קיין אָפענער קריגערייִ קומט עס נישט. ביידע צדדים האָבן זיך נאָר פיינט, און דערביי בלייבט עס...

פאַלק גייט אַריבער אין חלוצישער „היים". דאָרט איז מען צע־טראָגן. צום צוזאַמענקום פון פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, צוליבן קערמעס, האָט „יופס" פאַריין אויסגענוצט, און פאַרפּלייצט דאָס דאָרף מיט פלוג־צעטלען, אין וועלכע עס רעדט זיך פון אַראָפּטרייבן די פּויערים פון דער געגנט פון זייער ערד, מיט דער הילף פון פראַנצויז, וועלכער איז דעם יוד'ס משרת... „אַרבעטן די ערד זענען די יודן דא הער געקומען?

— לייענט זיך דאָרט — ניין! דאָס איז אַ דעק־מאַנטל... און אויסרייד... אָה! ער קאָן גוט פאַרשטעקן זיינע פינצטערע כוונות, דער יוד... פּויערים! לאַנד־פאַלק! — וואָרנט מען — טרייב אַרויס פון דיין קריסטלעכער דייטשער שטוב דעם יוד... ווען נישט, ווערסטו דערלעבן דאָס, וואָס דאָס אונגאַרישע פאַלק האָט דערלעבט ביים יוד בעלאַ קון, און דאָס ארעמע רוסישע פאַלק ביי די יודן בראָנשטיין־טראָצקי, און נעכאַמקעס־סטאָקאָ־לאָוו"...

אַרום אַזאַ „אשר יצר'ל" זיצט מען דאָרט אין דער „היים" אַ צענדליק חלוצים, מיטן העברעאישן לערער בראָש, און מען רעדט אַרום די לאַגע.

— שוין לאַנג, — זאָגט עמעצער — טשעפּעט זיך דער „פאַריין" צו דער חלוצים „היים", נאָר נישט עפנטלעך ווי היינט...

זאָגט דאָרט אַ יונג, קנאָכיק און לאַנג, מיט אַ פּאָר געלע כאַלעוועקע־לעך אויף זיינע הויכע פּיס;

— אַ גאַנץ אָנהויב יאָר, און איבערן זומער, האָבן זיי אונדז באַדאַרפט, האָט דער „פאַריין" געהאַלטן ס'פּיסק! איצט, נאָכן שניט, און נאָכן דרעשן, ווען קיין אַרבעט איז מער נישטאָ, הייסט מען אונדז פאַרטרייבן.

דער לערער מיט זיינע מקורבים קוקן אָן דעם יונג, וועלכן מען רופט דאָ דער „פּויער". ביי „שיחות" און די העברעאישע לעקציעס, דרימלט עס אונטער אַביסל; ער האָט אַרויסגעזאָגט פון דעם „קלוגן" פלוג־בלעטל דעם גאַנצן פראָסטן „טייטש"...

— און וועמען מיינט מען דאָס, נעכ... נעכאַמקעס סטעקאַלאָוו? — פרעגט מיט חידוש אַ בחור, מיט אַביסל אַ שטאַמלענדיקן חיתוך הדיבור.

— כ'וויים? — ענטפערט דער לערער, מער מיט די ברילן, ווי מיטן מויל — סאָקאָלאָוון אוודאי; נחום סאָקאָלאָוו...

— ווי קומט — צעלאַכן זיך עטלעכע יונגען מיטאַמאָל — ווי קומט אַ סאָקאָלאָוו צו אַ טראָצקי?

מען שווייגט, און קיינער ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן... פאַלק אָבער וואָס הערט זיך צו צו די רייד אין דער חלוצים־„היים". ער האָט זיך זיינע אייגענע געדאַנקען איבער די „יופס" און איבער זייערע „יודן־קענע־ריי". ער שווייגט, פאַלק, און פול מיט טרויער איז ער...

ביינאַכט איז ס'יונגוואַרג פאַרפלאַמט אין טאַנץ. די חלוצים־„היים" און דער „פאַריין" זיצן זיך אַקעגנאיבער... מען טרינקט אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז דעם קאַלטן, העלן וויין, וואָס טרינקט זיך לייכט, מיט אַפּעטיט, ווי פריש וואַסער פון קוואַל. מען טאַנצט, און מען טרינקט ווידער. אַרום יופּס טישלעך טוט פון צייט צו צייט אַ קריי אַרויס אַ קול נגינה: זיגרייך, וועלן מיר פראַנקרייך שלאָגן"... פאַלק דערקענט גאַלמייסטערס שטימעלע... ס'צוגפירער־קעלעכל, אויסגעשליפן, שפּיציק געוואָרן צווישן די גרויע מוי־ערן פון די פּרייסישע קאַסערן... אַרום טיש ווו ס'זיצן די פון דער חלוצים־„היים", זענען אַ חוץ אַ צענדליק חלוצים, אויך פּעטער, און זיין חבר קורט. און ס'לאָרשען, קורט'ס שוועסטער, אין די קאַמפּאַניע. דער „פויער" קומט צו פאַרבעטן ס'לאָרשען צו אַ טאַנץ. זיי פאַרשווינדן ביידע צווישן די טאַנ־צנדיקע פּאָרלעך.

אַרום דעם חלוצים־טיש דרייט זיך אַרום אַ ייִנגל און זוכט מיט די אויגן איבער די פּנימער פון דער חברה; וועמען זוכט ער? — פרעגט אים פאַלק אויף יידיש, דערקענענדיק יענעמס יידישע אויגן.

— פאַלק?

— יאָ, דאָס בין איך.

ער זעצט זיך צו צום טיש:

— ער האָט אים נאָר געוואָלט איבערגעבן אַ גרוס פון זיין פריינט... פון זיסקינדן.

ווערט פאַלק לעבעדיק־פאַראינטערעסירט. פאַלק באַקומט פאַרב:

— נו? פאַרבליבן דאָרט? וואָס שרייבט ער? ווען רעכנט ער ווידער דאָ אַהער צו קומען אויף אַ זונטיקדיקן טאָג?

— ער שרייבט, אַז ער איז דאָרט פאַרבליבן ביז נאָכן ווײַן־אָראָפּנע־מען... ביז איבער די וואַקאַנסן... און ער בעט אים איבערגעבן אַ גרוס, זיין פריינט פאַלק...

— און מער גאָרנישט? — פרעגט פאַלק, אביסל נערוועז.

—ניין! אה! יאָ. — זאָגט דער בחור, מיט אַ שמייכל — ער האָט זיך ווידער די באָרד אַראָפּגענומען, זיסקינד.

פאַלק וויל פאַר דעם יונגמאַן באַשטעלן עפּעס צו טרינקען. יענער דאַנקט, ער איז נישט אַליין דאָ, נאָר מיט זיין פויערס זון און טאָכטער זיצט

ער דאַרט ביי אַ טישל. פאַלק טוט אים ברידערלעך אַ קלאַפּ אין דער פּלייצע: זאָל ער זיך נאָר גוט אַמוזירן.

אהא! דער פאַלק, גליקלעך איז ער, וואָס זיסקינד איז דאָרט פאַרבליבן. אַרום איר... אַרום אַנאַ... אַ ליבער יונג, דער זיסקינד, אַ טייערע נשמה... זיין בליק פאַלט צופעליק אויף אַ פּראָפיל פון אַ יונג מיידל... „ניין! ס'איז נישט אַנאַ..."

אַרום אַ טאַנצנדיק פּאָרל ווערט אַ שטיקל געדרענג. עטלעכע פאָרלעך בלייבן שטיין, רירן זיך נישט פון אָרט. פון פאַלקס טישל זעט מען נאָר דעם פויערס שוואַרצן קאָפּ אַרויסשטעקן. לעבן אים שטייט — דער גאַלמייסטער. איבערן זאַל הערט זיך לאַרשענס קלינגענדיקע שטימע:

— אַז מען איז בעזאָפן — שרייט זי — גייט מען אין בעט אַריין, נישט אויף קיין באַל, צווישן מענטשן....

קורט, לאַרשענס ברודער, כאַפּט אַ קוק פון דער זייט אויף פּעטערן. פּעטער לייגט זיין גרויסע האַנט אויפן חבר'ס אַקסל:

— רואיק קורטשען! בלייב נאָר רואיק זיצן.

נאָכן טאַנץ קומט ס'לאַרשען צוריק צום טיש אַ צעפּלאַמטע:

— זיי מיינען שוין טאַקע — ווייזט זי אָן אויף איינעם פון די טישלעך — אַז דער זאַל און דאָס דאָרף, געהערט שוין זיי... „זאַאוואס? נעעע"!...

מען באַרואיקט זיך, מען טרינקט, און מען הוליעט.

קאַפּיטל 15

דאָס געשלעג

די חלוצים-„היים" גייט אַרויס מיט אַ פלאַמיקן „הורה". מען פּליעסקעט מיט די הענט, מען זינגט: „חי! חי! עם ישראל חי!"... די מוזיק כאַפּט שנעל אונטער עטלעכע טענער, און פאַר אַ רונדע „העלעס", (ביר) העלפט זי צו מיט עטלעכע אינסטרומענטן. ס'לאַרשען אין דער מיט, די שוואַרצע האָר צעשיט, טאַנצט זי הייס מיט די יינגלעך און מיידלעך פון דער חלוצים-„היים". פון יופּס טיש רייסט מען זיך מיט געוואַלד אַריין אין ראָד... מען וויל אַרויסשלאָגן דאָס לאַרשען פון ראָד, ס'מיידל פויקט מיט די פויסטן אין די אַריינגעריסענע יונגנס פּנימער אַריין. קורט און פּעטער שפּרינגען אויף, רייסן זיך אויך אין דעם צעשיטן ראָד אַריין.

הינטערווייל׳עכטס, מיט די פּלייצעס בלויז, שטופּט פּעטער צוריק יופּס חברה צו זייער טישל. עס ווערט ווידער שטיל; אָבער אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם...

— פאַרוואָס ער טאַנצט נישט? — פרעגט פאַלק פּעטערן.

— עה! זאָגט — ער — אין אַזאַ געדרענג... און איבעריקנס... די נייע טענץ... ניין! ער קאָן איבערהויפּט נישט טאַנצן.

פונדעסטוועגן כאַפּט ער פון צייט צו צייט „אַ דריי״ מיט קורטס שוועסטער, אָדער מיט איינע פון די יידישע מיידלעך... אַ ביישן, דער פּע־טער, ווערט ער אַנטשוויגן, און האַלט אַן אויג אויפן טישל פון „פאַריין״.

— „יודען קנעכט״ !!! — פּלאַצט אין זאַל אַ הייזעריק קול.

מען בלייבט זיצן, ווי אַ באָמבע וואָלט אויפגעריסן. עס ווערט אומ־היימלעך שטיל. מען האַלט איין דעם אָטעם. אַלע בליקן זענען געווענדעט צום גאַלמייסטערס טישל. לאַרשען פּלאַמט:

— אַזוינס עפּעס, — זאָגט זי — ניין!

די מוזיק נעמט ווידער שפּילן, פאַרלעך צעוויגן זיך. פאַר פּעטערס טישל וואַקסט אויס דער גאַלמייסטער:

— וואָס ער וויל? — שטעלט פּעטער אָן אויף אים אַ פּאָר רואיקע, בלויע אויגן.

— די לאָרע זאָל מיט אים „איינס״ טאַנצן גיין.

— ער קאָן צוריקגיין פון וואַנען ער איז געקומען... — טוט אים דאָס מיידל אַ ברי אָפּ מיט אירע הייסע שוואַרצע אויגן — זאָל ער זיך קודם אויסשלאָפן, דער הער גאַלמייסטער...

מיט אַ זעלנערישן „קערט אייך״ ווערט דער יונג נעלם. מיט אַ טראַסק צעשיטן זיך די גלעזער און די פלעשער אויף פאַלקס און פּעטערס טיש. אַ געשליפענע האַלבע איז געקומען אָנצופליען פון „פאַריינס״־טיש און געטראָפן פּעטערן אין קאָפּ אַריין. אַ קליין, רויט ריטשקעלע פּליסט אויף דעם יונגס קאָפּ, אַראָפּ צום האַלדז, אויפן ווייסן העמד... פּע־טער רירט אָן די וואַרעמע פליסיקייט מיט זיינע הענט, די פינגער־שפּיצן, זעט ער, זענען רויט... ער שטעלט זיך אויף און גייט, אויף דעם „פאַריינס״ טיש גייט ער... און אַז פּעטער גייט אַזוי, מיט דעם שווערן „גאַנג״, פאַלן אַוועק די טישן, די בענק, און די, וואָס זיצן אויף זיי, פאַלן אויך אַוועק אויף ביידע זייטן...

אַזוי דערגייט ער ביז צו יענעם טיש, ווו עס שוויצן יופּס חברה, מיטן גאַלמייסטער בראש. דאָרט שטרעקט אויס פּעטער ביידע הענט, און ווי מען ציט אַרויס פון שטייג אַ קראָליקל, שלעפּט ער פון דאָרט אַרויס

א יונג, טראַגנדיק אים ביז אינמיטן זאָל אַריין, וואַרפט ער אים דורך דעם שויבן־טיר אויף דער גאַס אַרויס. עס ליגן שוין צעשפּרונגענע פלעשער און גלעזער אויפן גלאַטן טאַנץ־פּאַרקעט. פון בענק בלייבט נישט מער ווי ברעטער; שטולן און טישלעך ליגן אַרויף אויף דער פּאָדלאָגע אָן פיס; פון קעפּ און פון נעז רינט און טריפט. אין אַ קנויל וואַלגערט מען זיך ביז אויף דער גאַס אַרויס.

אויף דער גאַס, באַלויכטן פון די פענצטער, פון די אויסגעבראָכענע שויבן־טירן, טיילט ערשט פּעטער, און זיינע מיטהעלפער די אמתע קלעפּ. ווען עס טרעפט אַזאַ מין פויסט, צו דעם דאַרף מען זיך מער נישט אומקוקן; צו אַנטלויפן נאָך אַזאַ מתנת־יד, איז שוין נישט מעגלעך; און קיין „קעגנער" איז שוין אַזאַ יונג אויך נישט. יענער ליגט אויף דער ערד, און שטומט. לאַרשען שטייט אויף די טרעפּלעך פון דער שענק — זי זאָל בעסער זען — און קאָמענדעוועט:

— דערלאַנג, פּעטער! — טופּעט זי מיט די פיסלעך — די נייע לאַק־שיכלעך אין דער האַנט; — קרעפּל־פלייש מאַך פון דער באַנדע! אָט דע! דער אַ... — ווייזט זי אָן אויף אַ יונג, וואָס וויל מאַכן פליטה — ס'ציפּער־בלאַט מעק אים אָפּ... שינד ס'לעדער פון דעם אומגעציפּער...

שטיל געוואָרן אַרום „באַל", וואַשט מען זיך אָפּ דאָס בלוט מיט אַן עמער וואַסער. מיט אַ האַנטעך שטייט ס'לאַרשען אויף די טרעפּלעך, רייניקט און פאַרבינדט די ווונדן פון די יונגען.

— אַה! די חזירים! — קאָן זי זיך נישט באַרואיקן — אָבער אַ לעקציע האָבן זיי באַקומען... — אַרום פּעטערן פּאַרעט זי זיך: — זע! — וואָרנט זי אים — די באָבע זאָל זיך נישט דערוויסן פון דעם געשלעג...

אַקעגן פּאַרטאָג, נאָכן געשלעג, צעקלינגט זיך דער קלויסטער־גלאָק אין דערפל. מען לויפט אַרויס אין דער לאַנגער דאָרפס־גאַס און מען זעט — אַ געדיכטער, טונקעלער רויך און מעכטיקע פלאַמען־צונגען רייסן זיך אַרויס פון איינעם אַ פויערס הויף. פּעטער און פאַלק שפּרינגען פון זייערע בעטן און לאָזן זיך לויפן צום פייער, צו קורטן און לאַרשענס הויף... מיטן זון־אויפגאַנג, איז דאָס פייער איינגעלאָשן; בלויז די חלוצים־„היים" האָט אָפּגעברענט...

פערטער טייל

שפייער (ביים רהיין)

קאַפּיטל 1

מאַרטאַ

עס טרעפט, אַז אַ מענטש ווערט פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ דערפל, צווישן בערג. ער איז זיכער פון דער ערשטער מינוט אָן, אַז דאָ וועט מיט אים פאַסירן עפּעס אַזוינס, וואָס ער וועט זיין לעבן לאַנג געדענקען. די מענטשן, זעט ער, די זאַכן, אַרום זיך, דיביימער, די גערטנער, די וויין־בערגלעך, מיט אויגן, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי נישט גע־זען. די פאַרטאָגן יאָגן אָן אין אים אַ טרויער, פון וועלכן ער האָט נאָך ביז היינט נישט געוווסט. די פאַרנאַכטן פילן אים אָן מיט אַ שווערער בענקשאַפט. די רייד פון די מענטשן דאָ האָבן אַ מאָדנעם קלאַנג, און זייער טוען איז, ווי דאָס טוען פון מענטשן, וועלכער באַוועגן זיך תמיד ווי אין חלום...

די אַרבעט, וואָס דער מענטש טוט דאָ, איז נישט שווער, נישט־מיד־מאַכנדיק. פונדעסטוועגן זעט מען אים אין זיין פרייער צייט תמיד ליגנדיק אונטער יענעם ריזיקן צעוואַקסענעם בוים אויסערן דאָרף. ביים זייטן־וועג שטייט דאָרט אָט דער דעמב. זיינע מעכטיקע, צעפּעכערטע צווייגן פאַרדעקן הימל און געגנט. אָדער אַרומבלאָנקען זעט מען דעם מענטש אין די שטילע, האַרבסטיקע פאַרנאַכטן, אַרום די פעלדער, וואָס ליגן טרויעריק און מיד נאָכן שניט, ווי אַ געווינערין נאָך אַ געבורט.

די בעלי־בתים, ביי וועלכע ער אַרבעט, זענען אויך נאָר מיט זיך פאַר־טאָן. די אַלטע מוטער איז שטענדיק אין שטוב, קומט זעלטן פאַרן הויז אַרויס. זי גרייט צו מיט אַ פּינקטלעכקייט פון אַ זייגער אַ מאָלצייט פאַר די שטוביקע. זי איז קיינמאָל נישט פריילעך, קיינמאָל נישט טרויעריק, די אַלטע. אַזוי

ווי אַ אַלט־מעבל־שטיק, וויגט זי זיך מיט שטילע טריט פון קעכל צום טיש, פון טיש צום קעכל. דער אַלטער, אַ גאַנצן טאָג אויפן הויף, דרייט זיך דאָרט אַרום, אַרום די קעמערלעך, אַרום שייער, אַרום שטאַל. רעדן איז נישט זיין ענין. ער זאָגט נאָר פון צייט צו צייט: „איימער. ברונעם. פאס״... מיט אַנ־דערע ווערטער באַנוצט ער זיך נישט.

דער זון, אַ איבערגעיוירענער, שווערער, בייכיקער מענטש, מיט אַ קיילעכדיק־ראָזיקן פּנים, דער לערער פון דאָרף, האָט ליב ס׳זאָל זיין שטיל אַרום אים. ער גיט אַכטונג אויף זיך, ער זאָל זיך זיין רו נישט שטערן, חלילה. ער העלפט נאָר מיט די זייניקע ביים וויין־אַראָפּנעמען, אַנדערע אַרבעט אין דער בעל־בתישקייט טוט ער גאָרנישט. טראַכט נישט נעמען אַ ווייב, כאָטש ער איז שוין אַריבער די דרייסיק. ער וועט זיך, זאָגט ער, דאָס איבערלייגן... די טאָכטער פון הויז, מיט אַ פּאָר יאָר יונגער פון איר ברודער, איז גרויס און שטאַרק, מיט גלידער פון אַ ריז, אַ פרוי פון דער לעגענדאַרער ניבעלונגען־צייט. אַרום אירע גרויסע, גרויע, קעצישע אויגן ליגן צוויי טונ־קעלע רעמלעך אַריינגעפּאַסט. אַ צער אין די אויגן און אַ פּייערל, פון אַ לעבן לאַנג זיך עפּעס ווינטשן, אַ חלום, אַ נישט דערפילטן. זי שמייכלט תמיד מיט אַ קינדישן שמייכל, די ריזן־פרוי, אַרבעט לייכט, און מיט אַ רו פון עפּעס אַ פּלאַנט. אין די פרייע שעהן, אַז זי זעצט זיך אַוועק מיט דעם ביבל אין אירע נאָך שיין־געשניטענע הענט, באַקומען אירע אויגן אַ יונגן גלאַנץ, צעלויכטן זיך מיט אַן אומהיימלעך פּייערל...

די פּאַרטאָגן זענען שוין קילע, די נעפּלען שטייען געדיכט איבער דער געגנט. ווי אין אַ קעסל ליגט ס׳טאָלן־דערפל, אַרום — באַוועלדערטע בערג. מיט גלאָקן־געקלאַנג קומען פאַרנאַכט פון דער פּאַשע אַרונטער די משערע־דעס שעפּסן און פּי, געפירט פון אַ געוויקסיקע, באַרוועסע פּאַסטעכקע, מיט אַ צווייגל אין איר האַנט אַהיים אין די וואַרעמע שטאַלן אַריין.

ווייט פון אַ הויפּט־וועג. ווייט פון אַ באַן, קומט דאָ זעלטן אַ פרעמדער אין דאָרף אַריין צוגיין. ווי איינגעשלאָסן צווישן פעלדזן פילט מען זיך, און קיין וועג פירט פון דאַנען נישט אַרויס און נישט אַריין. די אָוונטן, שוין וואָלקנדיק און ווינטיק, זאָגן אַן: אָט גייט ער, אָט קומט ער, דער טרוי־עריקער האַרבסט. שווער הענגען און זאַפּטיק די הענגלעך טרויבן אויף די נידעריקע, פעסטע צווייגעלעך צווישן די שמאָלע אַלייען פון די וויין־בערג־לעך. מען וואַרט אויף אַ קלאָרן, זוניקן טאָג, כדי אָנצוהויבן דאָס „האַרבסטן״. מען וואַשט, מען רייניקט די ריזיקע דעמבענע פעסער, די טרויבן אין זיי צו טרעטן.

מאַרטאַ און דער ניי־געקומענער, שטייען אין הויף לעבן ברונעם, פון מאָרגן ביז אָוונט, און אַז אַ וואָרט מיט אַנאַנדער צו רעדן, העלפן זיי איינער דעם אַנדערן. אין די אָוונטן זיצט מען שוין אָפּטמאָל אַרום קאַמין־פייער. דאָס קאָרגע נאַפּט־לעמפּל אויפן טיש, באַלויכט מיט אַ טריבער רויטלעכער שיין דאָס וואַרעמע קעכל. די אַלטע קריכן אין די בעטן אַריין. דער לערער האָט דאָרט אין זיין בחוריש שטיבל נאָך אין די שול־העפטן פון זיינע קליינע תלמידים אַריינצוקוקן. מאַרטאַ זיצט מיט איר ביבל אויף אַ נידעריק בענקע־לע און די אויגן אירע גלאַנצן אין האַלב־טונקעלן קעכל, מיט אַ גלי פון צעשמעלצטן מעטאַל. (דער ניי־געקומענער, וועלכן אַלע רופן שוין היימיש ביי זיין פאמיליען־נאָמען), פאַלק, זיצט און קוקט אין פריילעכן פייער אַריין. אַרום ברענענדיקן קאַמין קען מען שעהן לאַנג אַזוי אָוועקזיצן. פון צייט צו צייט ווערט דער געדאַנק וואַך, ווי אַ בליץ פליט ער פאַרביי, און לעשט זיך אויס... דערמאָנסט זיך ערגעץ אַ מינוט פון דיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, ווי דורך אַ פילפאַרביקן גלאָז קוקסטו אין טאָל פון דיין לעבן אַרונטער, און ווידער זעסטו גאָרנישט. ס'איז פאַרשלאָסן אַרום, שטיל, טונקל...

זיצסט און קוקסט אויף דעם וווּנדערלעכן פייער, וואָס ברענט און לעבט דאָ אין קאַמין. די פאַרבן, דער פריילעכער געפלאַקער, ברענגען דיר רו, און גאָרנישט ווילסטו מער, נאָר קוקן און שווייגן. אָבער צייט פאַלק איז דאָ, שווייגט מען נישט בלויז אין די אָוונטן. מאַרטאַ קען האַלבע נעכט, מיט התלהבות און מיט היץ, רעדן פון די „הייליקע". „אָה! — זאָגט זי ווען זי פאַרענדיקט אַ קאַפּיטל פון נייעם טעסטאַמענט — אין וואָס פאַראַ ווונדער־לעכער וועלט מען געפינט זיך, לייענענדיק די אַפּאָסטאָלן. וואָס מער דו לייענסט, מער דורשטיק ביסטו. מען פאַרגעסט אין דעם אַרום. ווי אין אַ גן־עדן וואָלט מען זיך געפונען, וווּ אַלץ איז פיל מיט ליבע, רחמים. אַ שאָד — פאַרענדיקט זי מיט באַדויער — וואָס ער איז אַ יודע, פאַלק, קען עס נישט פאַרשטיין"... נאָר ער שווייגט, פאַלק, ער ענטפערט איר דערויף גאָר־נישט. ער וויל מאַרטאַס חלום נישט צעשטערן. צייט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איר טרייסט צו זוכן אין די הייליקע, שטאַמט פון די ערשטע חדשים מלחמה ווען מען האָט איר צוויסן געטון, אַז איר חתן, העלמוט, איז געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד מיט אַ העלדן־טויט פאַר גאָט, פאַר קייזער ווילהעלם און פאַרן פאָטערלאַנד...

אַ פאַרחלומט מיידל, שיין און יונג. אַרום — וואַלד און פעלד, אַרום — טאָלן און בערג; און אַ פרילינג קומט און גייט, אַ זומער נאָך אַ זומער. דער ווייץ שטייט גאָלדן אין פעלד, די ווייַן־טרויבן בליען און ווערן צייטיק.

האַרבסט און ווינטער, און ווידער פרילינג... און העלמוט? ער וועט שוין קיינמאָל צו איר נישט קומען... קיינמאָל נישט...

נאָך יאָרן, ווען גוטע שכנים, אָדער משפּחה, האָבן צו איר געריט וועגן אַ כלה ווערן, האָט זי געענטפערט מיט דעם מעטאַלענעם גלאַנץ אין בליק, און מיט אַ אומהיימלעך פּייערל אין די אויגן: אַ כלה ווערן? אַ! ניין! זי האָט שוין אַ חתן... ווער איז ער? — האָט מען זי געפרעגט; האָט זי זייער ערנסט און פייערלעך געענטפערט:

— גאָט'ס זון, יעזוס...

קאַפּיטל 2

דער פאַרלאָזענער יידישער בית - עולם

אין איינעם אַ טריבן פאַרנאַכט גייט פאַלק אַרויס פון דאָרף. אויף אַ שמאָלן פעלד־וועג פאַרנעמט ער זיך, באַרג־אַרויף, צווישן אויבסט־ביימער און געשניטענע ווייצן־פעלדער, אַרום ווייַן־בערגלעך. ער קומט צו צו אַ גרויסער געמויערטער וואַנט, מאָך וואַקסט דאָרט צווישן די שפּאַלטן. און גרוי און אָפּגעשיילט איז די מויער פון רעגן און פון דער צייט. ער בויגט זיך אַריבער די נידעריקע וואַנט, וועלכע דערגייט אים ביז צו דער ברוסט, און ער קוקט אַהין אַריין. ביימער מיט אַראָפּהענגענדיקע צווייגן ביז צו דער ערד שטייען דאָרט, עטלעכע יונגע שלאַנקע סכך־ביימלעך, צעשטעלט אַרום די ראַנדן פון דער מויער; און דעמבעס זעט ער אַריינגעוואַקסענע אייגער אין צווייטן. קעסטן־ביימער, ווילדע פּרוכטן־ביימער, אויסגעמישט און פאַר־פלאָנטערט ווי אין אַ דזשונגל. הויכע גראָז, בונטפאַרביקע געוויקסן שלענג־לען זיך אַרום אַרויסשטאַרנדיקע, שפּיציקע שטיינער פון דער ערד.

ער שפּרינגט אַריבער די מויער, בלייבט ביז איבער די קני אין פייכטן, בלעטערנדיקן געוויקס, אַ ריח פון טוכלער פוילעניש, פון אַמאָניאַק, האָקט אים איבער דעם אָטעם. ער הויבט דעם קאָפּ שנעל אַרויף, כדי אָפּצואָטעמען, און מיט מי נעמט ער באַנען אַ סטעזשקע אין אָט דער פינצטערניש. ער שלאָגט זיך אָן אין די אַרויסשטאַרנדיקע שטיינער צווישן גראָז. ער נעמט דאָס גראָז אַרומרייסן און דערגרונטעוועט זיך צו אַ שטיין, לויט דער פאָרם דערקענט ער: אַ מצבה. ער קראַצט אַראָפּ דעם מאָך. די אותיות זענען פאַר־ווישט, און לויט דער פאָרם דערקענט ער, אַז עס זענען יידישע אותיות. אי־בערלייענען דאָס געשריפט איז נישט מעגלעך. ער טאַפּטשעט ווייטער, זוכט, עס איז זיכער, אויף אַ אַלטן יידישן בית־עולם געפינט ער זיך. ער וויל אַ

צייכן געפינען, אַ דאַטע, אַ יאָר, די צייט, ווייל ער וויסן, פון וואַן שטאַמט ער, אַז דער יידישער פאַרלאָזענער און פאַרגעסענער בית החיים, אין אַ פאַרוואָרפן דערפל ערגעץ אין די בערג... אויף אַ בערגל, משופעדיק, ליגט דער בית־עולם. אַ טייל מצבות דערגרייכן אים ביז צו די קנעכלעך, און אַ טייל זענען שוין אין גאַנצן פאַרזונקען אין דער ערד.

ער בלייבט שטיין, און אַ שטילקייט נעמט אים אַרום. נישט קיין פויגל, נישט קיין ווינט רירט זיך אין דעם טריבן פאַרנאַכט. מיט שווערער מי ברעכט ער זיך ווייטער אַ וועג, אונטער זיינע פוס איז פייכט און ווייך. ער גייט ווי אויף אַ בערגל היי. קיין ערד אונטער די פוס פילט ער נישט, די מצבות, די יונגערע, דערגרייכן ביז צו די קני. אויף זיי קאָן מען נאָך אַ נאָמען דורכלייענען, אַ דאַטע. מיט גאָטישע שריפט זענען אָט די שטיינער שוין באַקריצט. די אַנדערע אָבער, פאַרווישט און פאַרמעקט פון דער צייט, פון דורות...

איבער דער מויער אַריבער, אין טאָל, זעט ער ס׳דאָרף, צוזאַמענגעקוועטשט, הויערן. אַ רויכל שלענגלט זיך אַקעגן פאַרוואָלקנטן הימל. אַ געשריי פון אַ פאַסטוך ערגעץ הערט ער, אַ וויען פון אַ הונט און דעם אומעטיקן, אויסגעצויגענעם „מו־הו" פון אַ קו אויף דער פאַשע. ער לאָזט זיך צו דער מויער צו, וואָס ליגט אויפן שפּיץ פון בערגל. דאָרט אַרום וואַקסט שניידט ער מיט זיין מעסער דאָס גראָז אַוועק פון עטלעכע מצבות. ער אַרבעט פלינק און פיבערדיק, טיפער און טיפער שניידט ער, מיט די פינגער גראַבט ער לעכער אויס אין די צעפוילטע, פייכטע בלעטער. ער דערגראַבט זיך צו אַ שטיין. אין אַ ווינקל, צווישן ביידע מויערן אַריינגעקוועטשט, שטעקט דאָרט אַ מצבה, און מיט שווערער מי קען מען דאָרט אַ נאָמען און אַן עלטער צוזאַמענשטעלן. אויפן בערגל אָפּגעשניטענעם גראָז זעצט ער זיך אַוועק, זיין פּנים איז נאַס פון שוויס, און מיד איז ער, און אַ טרויער נעמט אים אַרום. ער קוקט אויף דעם שטיין, אויף די אותיות אין יידיש־טייטש, מיט אַ געמיש פון העברעאישע ווערטער, שוין אָפּגעריבן און האַלב פאַרמעקט... יאָ! אַנדערש קען עס נישט זיין. אָט איז אַ יודה, און אָט אַ חית. אַן אַכצן־יעריקע איז זי געשטאָרבן, אָט די וועלכע ער האָט מיט גרויס מי איר נאָמען צוזאַמענגעשטעלט: אלמא! ער זעט זי אין איר גאַנצער גרויס, אַ באָרוועסע זעט ער זי איבער די פעלדער לויפן, און איר קול הערט ער. זי זינגט...

און אויף דעם נאָמען קוקט ער, און די אויגן זיינע ווערן שווער. פייערדיקע רעדער, זעט ער, פלאַקערן אַרום דעם נאָמען: אַלמאַ — מורמלט ער — אַלמאַ! נישט קיין אותיות, נאָר אויגן קוקן אויף אים, אַלמאַ׳ס אויגן... גלעקער־געקלאַנג, דוכט זיך אים, הערט ער פון טאָל אַהער פון דאָרף־טורעם

אויסקלינגען. ס'איז צייט אַראָפּגיין, טראַכט ער, און וויל זיך אויפשטעלן, נאָר שווער ווי בליי זענען זיינע פיס, און אין מוח ביי אים רוישט עס, גלייך אַ וואַסערפאַל וואָלט דאָ גאָר נאָענט געפאַלן.

ער שפּרינגט פון פעלדז צו פעלדז, און אַ שטאַרקער שטראָם צווישן די פעלדזן, שוימענדיק און קאָכנדיק, לויפט באַרג אַראָפּ. ער קוקט זיך אום, הויך אויף איינעם אַ פעלדז, די באַרוועסע פיס איבערן שטראָם, די האָר צע־שיט, זיצט דאָרט אַ מיידל איינע אַליין, און קוקט זיך צו צו זיין שפּרינגען פון פעלדז צו פעלדז. זי לאַכט פון זיין אָנשטרענגען זיך אַרויסצוקומען פון דאַנען. ער פאַרנעמט זיך אויף צוריק באַרג אַרויף, און ווי אויף טרעפּ פירן די פעלדזן צו דעם מיידל אַרויף... נאַס פון שוויס, אָן אָטעם, בלייבט ער שטיין פאַר איר. זי ווייזט אים אָן אַ פּלאַץ לעבן זיך. ער זעצט זיך אַוועק לעבן איר און וואַרט.

— אַט אַזוי — זאָגט זי שוין, אָן ערנסטע — פון דעם פעלדזן־געפּלעכט קען קיינער נישט אַרויס אָן מיין ווילן...

און נאָך אַ קורצער פּויזע, זאָגט זי, קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין:

— דער וועג צום טאָל גייט איבער מיר...

ער קוקט זי אָן, און וויל אויסשרייען:

— אַננאַ! זע! דו ביסט עס!...

נאָר אירס אַ בליק נעמט אים אָפּ ס'לשון. זי זאָגט: „גלויבנדיק, אַז איך בין אַננאַ, ביסטו צו מיר אַרויפגעקומען. נאָר איך בין נישט אַננאַ. זע, מיין פּנים, מיינע האָר, מיינע פיס און מיינע הענט זע. איך בין פון דאָרף דאָ אין טאָל, וואָס דו זעסט פון דאַנען, און מיך — זאָגט זי שטיל — מיך רופט מען: אַלמאַ...

ער וויל אויסשרייען, מלא שרעק זיצט ער לעבן איר, ער וויל אַוועק פון דאַנען. זי זעט זיין פּחד, זיין פאַרווונדערונג און זאָגט:

— נישט שוין־זשע דערפאַר, ווייל דו האָסט מיין נאָמען אויף יענעם שטיין דאָרט איבערגעלייענט, האָסטו אַ פּחד פאַר מיר? נישט אפשר, ווייל דו האָסט מיך אויפגעגראָבן, ווילסטו ווידער אַנטלויפן פון מיר? בין איך דען נישט אַ יונג? בין איך דען אַנדערש ווי דיין אַננאַ?

שווייגנדיק אַ ווײַלע ענטפערט ער:

— דו ביסט יונג און שיין אַלמאַ, שענער פון אַלע מיידלעך, וואָס איך האָב ליב געהאַט, נאָר לעבעדיק ביסטו נישט. דו ביסט טויט, אַלמאַ!...

זי זאָגט:

— איך בין טויט געווען, און דו האָסט מיך ווידער לעבעדיק געמאַכט. מיינע אויגן גלאַנצן ווידער אין דער זון, און מיינע האָר לעבן אין ווינט.

זי שטעלט זיך אויף, זי איז נאַקעט, זעט ער, און אירע יונגע גלידער לויכטן מיט אַ רויטלעכן שיין, פון אָוונט־וואָלקן, אין דער אונטערגייענדיקער זון.

זי זאָגט:

— אַזוי בין איך געווען, ווען איך בין פון לעבן אַוועק, און אַזוי בין איך איצט, ווען דו האָסט מיך ווידער לעבעדיק געמאַכט. און נאָך קיין אויג פון אַ מאַן האָט זיך מיט מיין גוף נישט געזעטיקט...

— אַלמאַ! — שרייט ער אויס, און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיטביידע הענט.

זי נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים אַרויס פון פעלדזן־לאַבי־רינט אויף אַ פרייען, רחבותדיקן טאָל. אַ בוים שטייט דאָרט אינמיטן פעלד איינער אַליין. זיי זעצן זיך אַוועק.

— דאָ — זאָגט זי — אונטער דעם בוים האָב איך מיינע קינדער־יאָרן אויסגעחלומט, מיינע באַרוועסע פיס האָבן אין די זומערן דאָ אַרומגעטאַנצט. דאָ האָב איך געלאַכט, און דאָ האָב איך געוויינט... און אין דאָרף אונטן איז אַ יינגל געווען, וועלכער האָט פון מיין ליבשאַפט צו אים נישט געוווסט. אין די זומערדיקע נעכט, ווען מיין אָטעם איז פאַרברענט געוואָרן פון ווידערקול פון זיינע טריט, בין איך דאָ איינע אַליין, הינטער דעם בוים געזעסן, און די ערד אונטער מיר האָט געפייערט, און דער הימל איז מיר שווער געווען. און ווייל קיינער האָט פון מיין ליבשאַפט נישט געטאָרט וויסן, בין איך שטיל, אָן גערויש, פון לעבן אַוועקגעגאַנגען...

זי בלייבט שטיל, און קיין טרויער אין אירע אויגן זעט זיך נישט. זי זאָגט:

— ליב האָבן קען זעלטן, זעלטן ווער. אָפּטמאָל גייען גאַנצע דורות פאַרביי אָן ליבע... אַמווייניקסטן קענען זיך די מענטשן אויף דעם געפיל... ליב האָבן? — צעפלאַקערט זיך אַ פלעמל אין אירע אויגן — הייסט, גאָר־נישט פאַרלאַנגען, נישט וועלן אפילו ווידער געליבט צו זיין.

און נאָך אַ ווײַלע שווייגן, מורמלט זי, ווי צו זיך אַליין:

— ליב האָבן, הייסט דאָס ערדישע לעבן אויפן אייביקן פאַרטויישן... און איצטער — זאָגט זי, אויפשטעלנדיק זיך — גיי אַראָפּ אין טאָל. אָט דאָ איז דער וועג. איך גיי צוריק צום פעלדז, ווייל פון דאָרט, ווו דו האָסט מיך אויפ־געגראָבן, גיי איך מער נישט צוריק. פון היינט אָן וועל איך שוין אייביק לעבן. לעבן! אָבער נישט ליב האָבן...

זי קוקט אים אָן און זעט זיין שטוינען. זי זאָגט:

— די לעבעדיקע פאַרשטייען אַמווייניקסטן פון לעבן... צי האָסטו מיך

דען נישט אויפגעגראָבן, כדי מיך ליב צו האָבן? שוין איבערלייענדיק מיין נאָמען, האָסטו מיך ליב באַקומען. און דיין גאַנץ לעבן אַזוי, וועסטו מיך זוכן און חלומען פון מיר... און דיין ליבשאַפט צו מיר מאַכט מיך לעבן אייביק...

— אַלמאַ! — רופט ער — אַלמאַ!...

נאָר אַ שאַרפער ווינט וועקט אים אויף. ער קוקט זיך אַרום. אַ רעגנדל שטעפט דאָ די צווייגן און דער ווינט מאַכט רעדן די בלעטער מיט אַן אומ־היימלעכער שפּראַך... לענגאויס דער מויער, איילט ער צום טאָל, און אין דער פינצטער, דינט אים פאַר אַ וועג־ווייזער דער באַרג־אַראָפּ...

קאַפּיטל 3

דאָס „האַרבסטן״

אין איינעם אַ זונקין פרימאָרגן גייט מען אַרויף צו די ווייַן־בערגלעך די טרויבן צו שניידן.

— געלויבט צו גאָט — זאָגט פאַלקס בעל־הבית (דער אַלטער דאָפּל־שרעדער) — דער הימל איז לויטער, מען קען רואיק אָנהויבן מיטן „האַרבסטן״.

פאַלק שמייכלט. ער דערמאָנט זיך דעם רבינס טייטש אין חדר: „והשיג לכם דיש את בציר, ובציר ישיג את זרע״. און דרעשן וועט גרייכן ביי אייך ביז האַרבסטן, און האַרבסטן, וועט גרייכן ביז זריעה־צייט...

און דער יונגער דאָפּלשרעדער, דער דאָרפס־לערער, נעמט אויפקלערן פאַלק׳ן וואָס עס איז אַזוינס האַרבסטן, זאָגט פאַלק, אַז ער ווייסט...

— דאָ מאַכן זי מיר יאָ שטאָונען, פאַלק — זאָגט דער גוטמוטיקער, דיקער אַלטער בחור.

ער, וואָס איז אין די עטלעכע מלחמה־יאָרן געווען דאָרט אונטן, „אין פאַלען״, — ער ווייסט, אַז קיין ווייַן איז דאָרט אין ערגעץ נישט פאַראַן...

(אפשר פון די ביכער ווייסט עס דאָס, אָט דער „פּאָלנישער יודע״).

פאַלק שווייגט, און טראַכט: אין פּוילן איז טאַקע נישטאָ קיין ווייַן, אָבער — אין חומש...

מיט ריזיקע פעסער און קופּליעס, אויף די וועגענער אויפגעלאָדן, פאָרט מען אַרויס פון יעדן הויף מיט דער גאַנצער משפחה, פון קליין ביז גרויס, אַלץ גייט אַרויס אין פעלד אַריין, צו דעם גרויסן יום־טוב. די מענער, אין

קאָלירטע, ריינע העמדער, די ווייבער, אין בונט־פאַרביקע, נייע קליידער, ווי צו אַ פאַרחתמעטן כישוף־קוואַל איז מען עולה־רגל, דעם וווּנדערלעכן זאַפּט אַהיימצוברענגען... מאַרטאַ שטייט דאָרט צווישן די שמאַלע אַלייען פון די שווער־אַראָפּהענגענדיקע טרויב־הענגלעך און אירע שיינע אויגן לויכטן מיט אַ יונגן גלאַנץ. אין איר גאַנצער ריזיקער גרויס, אַרבעט זי דאָרט פייערלעך און ערנסט, טוט די הייליקע אַרבעט. ווען די קופּליעס ווערן פול, ווערן זיי אַהיימגעפירט, און די טרויבן אין ריזיקע פעסער אַריינגעשיט, און מען פאָרט ווידער אַרויס אַנדערע קופּליעס אָנצופילן; אַזוי לאַנג ביז דער קוואַל פאַרזיגלט זיך, ביז צום קומענדיקן יאָר.

און אין די אָוונטן, אין אָפּענעם שייער, ביים רויטלעכן לאָמפּן־שיין, טרעט מען די טרויבן אין די גרויסע פעסער. מאַרטאַ, מיט אָפּגעדעקטע, ביז איבער די קניען, נאַקעטע פיס, טרעט מיט איר ריזיקן קערפּער די טרויבן. פאַלק שיט צו אַלץ נייע עמערס אונטער אירע פיס. איינבויגנדיק צום אַריינשיטן, רירן זיינע האָר פון קאָפּ מאַרטאַס נאַקעטע קניען אָן. צוהאַלטנדיק מיט אירע גרויסע הענט איר אַרויפגעשאַרצט קלייד, גלייכט זי זיך אויס און בלייבט שטיין אַ ווײַלע מיט צוזאַמענגעפּרעסטע אויגן, און איר מעכטיקער קאָפּ דערגרייכט ביז צום באַלקן פון נידעריקן שייער. נאָכן אָוונט־עסן, זעצט זי זיך ווידער אַוועק אויף איר נידעריקן בענקל און שלינגט מיט גרויס פאַרגעניגן די ווערטער פון דער ביבל.

אָן איינעם אַ זונטיק פאַרטאָג וועקט פאַלקן אויף דער גלאָקן־געקלאַנג פון דאָרפישן קלויסטערל. צום מאָרגן־געבעט ציען צום פּלאַץ די מענטשן פון דאָרף. דורכן אָפּענעם פענצטער זעט ער, אין דער פרימאָרגן־זון די איינוווינער פון דער געגנט, איילנדיק מיט די סידורלעך אין די הענט, אין די בונטפאַרביקע קליידער און טיכלעך, שטראָמען לייכט באַרג אויף, מיט דער לאַנגער גאַס, צום קלויסטערל. ער ליגט שטיל און האָרכט, אין די טריט דערקענט ער, ווער עס גייט פאַרביי זיין פענצטער. די לייכטע און שנעלע מיידלשע טריט, און דעם שווערן געלאַסענעם פויערישן גאַנג פון די אַלטע לייט. אָן ווערטער גייט מען, פייערלעך, ערנסט. מאַרטאַ, טראַכט ער, איז דאָרט שוין פון די ערשטע; מיטן איינגעוויקלטן סידורל, אין אַ ווייס טיכל, מיטן מאַטעלענעם גלאַנץ אין די אויגן, וועט זי דאָרט הערן די שטראָף־רייד פון באַלעמערל, פון דאָרפישן גלח. אין איר גאַנצער גרויס, וועט זי דאָרט שטיין, און צעשמעלצן, אונטער די פייערלעכע פסוקים פון די הייליקע, און קינדיש וועט זי מיטזינגען די קאַפּיטלעך תהילים, זאָגן דעם זונטיק געבעט, מיט יענעם אומהיימלעכן פייערל אין איר בליק, ווו עס רעדט זיך פון ליבע, פון רחמים...

און מאָדנע, תמיד, ווען פאָלק טראַכט וועגן קריסטלעכער ליבע און פון רחמים, קען ער זיך נישט באַפרייען פון צו טראַכטן אין דער זעלבער צייט וועגן פאָגראָמען, וועגן די נושאי־הצלב, וועלכע האָבן, אָט די ליבע און באַרמהאַרציקייט, דווקא מיט אַזויפיל אכזריות געטראָגן איבער די פּאָ־גראָמירטע יידישע קהילות. טייכן בלוט האָבן זיך געגאָסן אין נאָמען פון אָט דער הייליקער און געטלעכער שליחות... קלויסטער גלאָקן־געקלאַנג רופן אין אים אַרויס שטענדיק אַן אַנזאָג פון אַ סכנה, פון עפּעס אַן אומגליק. ער מוז זיך שטענדיק באַרויִקן, און זיך זאָגן: ס'איז זונטיק, ס'איז פרידן. די מענטשן גייען אין קלויסטער בעטן, תפילה טאָן...

די זון שיינט. ס'איז שטיל. דער הימל — לויטער. ס'איז רו־טאָג, רו־טאָג... די לעצטע טריט פון די אַדורכגייענדיקע פאַרשווינדן. עס ווערט ווידער שטיל אין דער לאַנגער, פרי־זונטיקדיקער דאָרפס־גאַס. ער טראַכט: ווי קומט עס, וואָס די כמעט קינדיש־נאַיווע שפּראַך פון אַ מאַטיע, אַ לוקאַס, אַ זשאַן, ווו עס רעדט זיך פון באַרמהאַרציקייט און ליבע צום נאָענטן, פּילט זיך אַרויס פון צווישן די שורות אַ געוויסע ראַפינירטקייט, כמעט הינטער־ליסטיקייט, טראָץ דעם פּרימיטיוון סטיל... און פאַרקערט, פון די פייערדיקע שטראָף־רייד, פון אַ ישעיהו, א ירמיהו — זייער דונער־און בליץ־סטיל, זייער פייער־און שווערד־שפּראַך; פון צווישן די שורות זייערע טראָגט זיך דווקא אַ מעכטיקע ליבשאַפט צו מענטש און צום פאָלק, אַ פלייצנדיקער קוואַל פון טרייסט און פאַרגעבונג... און די ניסים? — טראַכט פאָלק ווייטער — מיט וויפל עקשנות און מאַנאַטאַניע ווערן איבערגעחזרט פון אַלע אַפּאָסטאָלן באַזונדער, מיט איין און דעם זעלבן נוסח, די ניסים וועלכע יעזוס האָט באַוויזן. אַמאָל איז עס אַ בלינדער, וואָס ווערט זעעוודיק, אַמאָל אַ לאַ־מער, וואָס שטעלט זיך פלוצלונג אויף און גייט; און אַמאָל אַ מצורע, וואָס ווערט ריין. בלויז די חולאים זענען פאַרשידן, די מעשה אָבער, די שפּראַך, דער סטיל — תמיד דער זעלבער... און די משלים, די פאַראַבאָלן, מיט וועל־כע יעזוס און זיינע פרעדיקער באַנוצן זיך... אָפטמאָל האָלט דער משל דעם נמשל נישט אויס, און פאַרקערט.

פון וואַנען נעמט זיך עס? — וויל זיך פאָלק קלאָר מאַכן — וואָס אין אים וואַקסט, און ווערט צייטיק אָט דער געדאַנק, וואָס אַמאָל מער און מער, ווען ער נעמט פאַרגלייכן דעם נייעם מיטן אַלטן טעסטאַמענט...

דער גלאָקן־קלאַנג וואָס צעקלינגט זיך איבערן דאָרף, וואָס אַמאָל מעכטיקער, און געדיכטער, זאָגט אָן, אַז דאָס ערשטע מאָרגן־געבעט איז פאַרענדיקט. ס'איז צייט אויפצושטיין ווייל מיט מאַרטאָס קומען פון קלויס־טער וועט מען זיך זעצן צו דער קאַפע. זי וועט, ווי יעדן זונטיק, זיצן אַקעגנ־

איבער אים, די אַמאָליקע יונג־מיידל'שע שיינקייט וועט נאָך אַ ווײַלע שפּילן אויף אירע פולע באַקן, אין אירע ליכטיקע אויגן, און פאַמעלעך זיך ווידער אויסלעשן... זי וועט מיט מוטערלעכן באַדויער, קוקן אויף אים. אַ שאָד — וועט זי טראַכטן — וואָס ער קען פון אַזאַ גליק נישט געניסן, דאָס גליק פון בעטן צו גאָט'ס זון... אַ שאָד וואָס אָט דער מענטש דאָ אַקעגן איבער איר — איז אַ „יודע"...

און פאַלק נעמט ווידער שפּינען דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון זיין געדאַנק: דאָס, וואָס זייערע „אַפּאָסטאָלן" האָבן אויף אים נישט קיין ווירקונג, איבערצייגן אים נישט, איז עס דערפאַר, ווייל ער געפינט נישט אין זיי קיין אָריגינאַליטעט. זייער דערציילן איז אַ קאָפּיע, אַ נאָכמאַכעריי פון ספר האמת... און אָפּגמאָל — וואָגט פאַלק אַלץ מער — פּילט זיך אַרויס, אַז עס איז נישט בלויז נאָכמאַכעריי, אָדער שלעכט קאָפּירט, נאָר אַ בכיוונדי־קע, להכעיסדיקע פעלשונג פון די נייע „טעסטאַמענטלער". ניין! סתם עם הארצות איז עס נישט. ס'איז אַ באַוווסטזיניקער און ראַפינירטער פאַרקער־טער פירוש, וואָס דינט אַ באַשטימטן צוועק...

ער הערט טריט, דאָס זענען די טריט פון מאַרטאַס גאַנג. ער שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און נעמט זיך שנעל אָנטון. אַרויסקוקנדיק אין געסל אַריין, דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט היינט געוואָלט גיין אויפזוכן די סינאַגאָגע דאָ אין דאָרף, און צום אַלטן שלום, דעם שול־שמש, קלויבט ער זיך אויך אַרי־בערצוגיין.

און די ניסים ביי זיי — לאָזט אים דער געדאַנק נישט אָפּ — די ניסים... ביי אונדז זענען דאָך אויך געווען ניסים... אָט שטייען משה און אהרון אַרום פּרעה'ן מיט זיינע חרטומים, און פאַרען זיך אַרום אַ שטעקן, וועלכן זיי פאַר־וואַנדלען אין אַ שלאַנג. דעם אמת זאָגנדיק — טראַכט פאַלק — האָט עס אים תמיד געשטערט פון דעם גרויסן פאָלקס־פירער, משה, די קונצנמאַכעריי מיטן שטעקן דאָרטן, אין פּרעה'ס הויף. אָבער ווי עס זאָל נישט געווען זיין, זענען דאָס ניסים אויפן פּלאַץ און אָריגינעל. אָט, למשל, איז דער וווּנדער־לעכער קריעת ים סוף, דאַן די ערשטע מלחמה אין דער מדבר, ווו גאָט זאָגט: „איך וועל פאַר אייך מלחמה האַלטן און איר זאָלט שווייגן"... יהושע'ס אָפּשטעלן די זון... און די משלים... אויך אַ ישיעהו רעדט מיט משלים, אַ ירמיהו. און די זעאונגען פון אַ דניאל, אַ יחזקאל. ניין! — באַגייסטערט זיך פאַלק — פון אָט די אַלע ניסים, משלים, חזיונות, און פאַרויסזעאונגען, טראַגט זיך אַ קרעפטיקער אָטעם, רייסט זיך זיך אַ פלאַם, וואָס פאַרבלענדט... און די שפּראַך, דער סטיל, די המצאה?...

ער הערט זיין נאָמען רופן. דאָס רופט אים מאַרטאַס צאַרטע און אָנגע־

נעמע ווייבלעכע שטימע. אַביסל צעטראָגן פון די נאַר־וואָס געטראַכטע גע־
דאַנקען, זעצט ער זיך אַקעגנאיבער מאַרטאַ׳ן צום טיש, וווּ ס׳איז אָנגעגרייט
דער פרימאָרגנדיקער זונטיק־פרישטיק.

„צי דאָס האַרבסטן — האָט אים אַזוי מיד געמאַכט?" — פרעגט זי
אים מוטערלעך.

— ניין! — ענטפערט פאַלק, אַביסל אַפּוועזנד — און נאָך אַ קורצער
פויזע: — אין קעגנטייל, ער פילט זיך פריש און מונטער היינט.

— יאָ — זאָגט זי, אָנשטעלנדיק אויף אים, אַביסל לענגער ווי תמיד,
איר שווערן, גרויען בליק — די טעג זענען שוין קיל און פריש, ס׳איז שיין
צו שפּאַצירן אין דער געגנט אין אַזעלכע סוף־זומער־טעג...

זי ווערט אַנטשוויגן, די מאַרטאַ, און אין איר שווייגן ליגט אַ שטילער
טרויער און אַ קלאַנג פון אַן אויסגייענדיקן קלאַוויר־אַקאָרד... ער קוקט אויף
איר, פאַלק, און זעט אירע שיינע הענט אַרומשוועבן איבערן טיש, אַרום דעם
קאַפע־קאַן, אַרום באַשטעק, אַרום ברויט, און זיי בלייבן רוען אַ ווײַלע, ווי
צוויי צאַרטע, לעבעדיקע באַשעפענישן אויפן בלאַנקענדיקן, שניי־ווײַסן טיש־
טוך. אַן ווערטער, דערלאַנגט זי אים דעם צוקער, די קאָנפיטור, די מילך.
די אַלטע זענען אַוועק צום צווייטן מאָרגן־געבעט. דער לערער איז אַרויסגע־
פאָרן צו פריינד אין נאָנטן דאָרף. מאַרטאַ און פאַלק זענען דאָ אַליין אין הויז.
ער זעט זי, ווי צום ערשטן מאָל, אירע שווערע, געדיכטע קאַשטאַנען־האָר,
פאַרפלאָכטן אין צעפּ, וויקלען זיך אַרום איר קאָפּ, ווי אַ טורבאַן; די קרעפּ־
טיקע, נאָך פאַרביקע ליפּן רוען ווייך איינע אויף די צווייטע. זי עפנט די דאַ־
זיקע ליפּן און זאָגט:

— ער האָט גערעדט פון שלאָף אין דער נאַכט... פאַלק...

איר שטאַרקע, אָבער פיינע ווייבלעכע נאָז אָטעמט דערביי רואיק און
געלאַסן. אַן אויפצוהויבן די אויגן־דעקלעך זאָגט זי:

— אַ נאָמען פון אַ פרוי האָט ער גערופן...

פאַלק קוקט זי פאַרחידושט אָן. איר יוגנט־שיינקייט פלאַמט נאָך פון
צייט צו צייט איבער איר פּנים אויף, אַרום אירע ליכטיקע אויגן, און טוט
אַ בלענד פון איר קלאָרן האַלדז, פון יונגן מיידלשען נאַקן, און פאַמעלעך
ברענט ער זיך אויס, אָט דער צאַנקנדיקער פרויען־חן, און פאַרלעשט זיך...
זיי פאַרענדיקן שווייגנדיק דעם פרימאָרגן־עסן און בלייבן זיצן אויף
זייערע ערטער.

— ווו האָט ער זיך אַזוי צעבלוטיקט די הענט? — טוט אים מאַרטאַ, ווי
בייז, אַ פרעג.

פאַלק באַטראַכט זיינע הענט, באמת, זיי זענען צעדראַפּעט.

— דאָרט — שטאַמלט מאַרטאַ — דאָרט...

— ווו דאָרט ? — פאַרשטייט נישט פאַלק.

— נו, יאָ, אין אַלטן יודען־פרידהאָף — טוט מאַרטאַ אַ היפּער איבער די פּאָר ווערטער, גלייך זיי וואָלטן די ליפּן אירע אָפּגעבריט...

פאַלק כאַפּט אין איין אויגנבליק דעם גאַנצן פּלאָנטער פון מאַרטאַס שטאַמלעניש. ער שמייכלט :

— יאָ, יאָ, טאַקע דאָרט...

— מ׳האָט אים געזען — הויבט זיך ביי מאַרטאַן די שטאַרקע ברוסט — אויף און נידער — עזאוֹ, דער קנעכט ביי די אָבערמייערס, האָט אים געזען די צוים אַריבערשפּרינגען, און עס דערציילט אין דאָרף.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן ? — חידושט זיך פאַלק.

אין מאַרטאַס בליק אָבער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַרום דעם אַלטן יידישן בית־עולם וועבט זיך דאָ אין דאָרף אַ סוד, אַ לעגענדע, נאָך פון גאָר אַלטע צייטן ; און עס וועט קלוגער זיין, מער דערפון נישט צו רעדן.

קאַפּיטל 4

דער לעצטער שמש

מאַרטאַ שטעלט זיך די ערשטע אויף, און נעמט אויפרוימען דעם טיש. פאַלק נעמט שפּאַנען אין דעם פרייען טאָג מיט לייכטע טריט, אויף, צום פּלאַץ, דער פרימאָרגנדיקער זון אַנטקעגן. אַז ער דערפרעגט זיך צום אַלטן שול־היטער, ווייזט מען פאַלקן אָן אַ זייטיק געסל אַרום פּלאַץ. דאָרט, אין אַ קליין הייזל מיט עטלעכע האָלץ־טרעפּלעך, וועלכע פירן צו אַ טיר מיט שויבן, קלאַפּט ער אָן. אַ הויכער, דאַרער, אַלטער, מיט אַ ווייס, שיטער בערדל, עפנט אויף די טיר. אַז דער אַלטער דערוויסט זיך וואָס דער יונגערמאַן וויל, שטראַלט אויף זיין פּנים אַ צופרידענער שמייכל :

— די שול, די שול? — זאָגט ער — יאָ, ער וועט זי קענען זען, אָקעגן נאָכט צו. ס׳איז כל נדרי היינט אָוונט...

פאַלק בלייבט דערשטוינט :

— יום־כפור ? ניין ! ער האָט נישט געוווּסט.

נאָכן שווייגן אַ ווײַלע פאַרלעגן, פאַרענטפערט זיך פאַלק פאַר דעם אַלטיטשקן :

— ער איז אין די דערפער שוין אַ לענגערע צייט, האָט ער פאַרגעסן דעם יידישן חשבון...

ער קוקט זיך אַרום: אַן ענג שטיבל, אַ קאָמאָדע מיט צוויי מעשענע לייכטערלעך דערויף, אַ שויבן־שענקל מיט עטלעכע ספרים דערין, אַ טיש און צוויי אַלטע בענקלעך, אַ קאַפּליע־קעכל מיט עטלעכע מעשענע פאַנען און טעפלעך, דאָס איז דאָס גאַנצע האָב פון פאַדער־שטיבל, וואָס פירט מיט עטלעכע האַלץ־טרעפּלעך אין געסל אַריין. דאָס אַלקערל קען ער נישט זען, ווייל ס׳איז מיט אַ שווערע, ברוינע פאָרהאַנג פאַרהאַנגען, אויף דער וואַנט הענגט אַ בלאַס בילד פון אַ יידיש פּאָר־פאָלק, און אַקעגנאיבער אַ מזרח מיט אַ שדי. דער אַלטער זיצט אין אַ ווינקל לעבן דער שויבן־טיר און קוקט אַרויס אין געסל אַריין, פאַלק האָט אַן אַ שיעור צו פרעגן ביים אַלטיטשקן, און יענער דערציילט גערן:

— אה יאָ! — זאָגט ער — אין זיינע יינגל־יאָרן איז נאָך די קהילה דאָ געווען אַ געגנוג גרויסע, און פאַרצייטנס, — טוט ער אַ מאַך מיט דער האַנט — ווען נאָך אין די אַרומיקע שטעט זענען קיין יידן נישט געווען, אָדער נאָר ווייניק, איז מען צו אונדז אין שבתים און די יום־טובים געקומען דאַווענען. דאָ האָט מען ברית׳ן און חתונות געמאַכט, די מתים פון אַרום ביי אונדז אויפן בית־עולם, צו קבורה געבראַכט.

— דער בית־עולם? — טוט פאַלק שנעל אַ זאָג, ווי נישט מיט זיין קול.

— אַהאַ... — פאַלט דער אַלטער אַריין אין התפעלות — דאָרט זענען פאַראַן מצבות פון אַן ערך פיר הונדערט יאָר צוריק... און אפשר נאָכמער. אַרום אַ וואַנט, ביים סאַמע שפּיץ, זענען פאַראַן די עלטסטע מצבות פון די ערשטע יידן דאָ אין דאָרף. פון דור צו דור דערציילט מען זיך פון אַ גע־וויסע משפחה מיינצער, וועלכע זענען דאָ אַהער געקומען ווויגען, אַנט־לויפנדיק פון דער שטאָט מיינץ, צוליב אַ בלבול, אָדער צוליב רשעות. געגוי ווייסט מען נישט. די משפחה, גרויסע וויין־סוחרים, האָבן דאָ זייער איינציקע טאָכטער צו קבורה געבראַכט... אַ געראָטן, זעלטן־שיין מיידל...

פאַלק קוקט אויפן אַלטן, וועלכער זיצט די גאַנצע צייט מיט פאַר־מאַכטע אויגן, און דערציילט די מעשה, גלייך ווי ער וואָלט זי זיך אַליין דערציילט...

— דאָס האָט דער הער מיינצער געלאָזט בויען די היגע שול, צום אָנדענקען פון זיין געליבטער טאָכטער.

ער עפנט קוים אויף די אויגן. דער שול־היטער דערזעט זיך צוהערער פאַר זיך זיצן, פאַרשליסט ער זיי ווידער, און זאָגט:

— נאָך היינט קען מען אויף דער מזרח־וואַנט דעם נאָמען פון הער מיינצער זען, מיט גאָלדענע אותיות איז זיין נאָמען איינגעקריצט...

און ווי שלאָפנדיק גיט ער צו:

— האָבן מיר דערפון צו דרינגען, אַז די שול אונדזערע איז אַן ערך פיר הונדערט יאָר אַלט...

—און היינט — פרעגט פאַלק — וויפל יידן וווינען דאָ אין דאָרף?

— היינט? נאָך פאָר עטלעכע יאָרן האָבן מיר געהאַט אַ מנין, די ווייבער אַריינגערעכנט. היינט האָבן מיר קוים אַ מנין מיט די משפחות, וואָס וווינען אין די אַרומיקע דערפער...

ער ווערט אַנטשוויגן, און קוקט אַרויס אין געסל, ער האָרכט מער, ווי ער קוקט.

— דאָ אין דאָרף זענען מיר פינף יידן... אויפן פלאַץ — דאָס שיך־געשעפט, געהערט צו די באַדנהיימערס, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. אין עק דאָרף, אויפן אַלטן וואָרמסער וועג, וווינט אויך אַ פאַמיליע, אַ זון מיט זיין אַלטער מוטער, וויין־הענדלער, די קראַאוזעס, און איך, דער שול־שמש... ס׳יונגוואַרג? איז ביז צו איינעם אַוועק, קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע, און אין די גרויסע שטעט. יאָ, פון די דערפער צעפאָרט מען זיך.

ס׳איז שטיל אַרום, שווער לאַסטעט די זונטיקדיקע רו אין דרויסן, אין געסל. דער וואַנט־זייגער באַוועגט זיך מיט אַ דערדריקנדיקער לאַנג־ווייליקייט. דער אַלטער שטעלט אָן אויף זיין גאַסט אַ פאָר וואַרעמע, גוטע אויגן:

— אַ מאָל איז עס אַנדערש געווען. אין אַזאַ הייליקן טאָג ווי היינט, איז מען געקומען אָנצופאָרן פון די אַרומיקע שטעט, גאַנצע בכבודיקע מש־פחות, אַ גרויסע שול די אונדזעריקע, און זי איז פול געוואָרן...

— צי איז נישט פאַרבליבן — פרעגט פאַלק — פאַרשריבן אין אַ פנקס די געשיכטע פון אָט דעם יידישן דאָרף?

— געווען, — זאָגט דער אַלטער — דאָס אויך, נאָר אַוועקפאָרנדיק, האָט יעדער משפחה מיטגענומען די פאַרצייכנטע בלעטלעך פון זיינע אָבות. אַזוי איז דער פנקס צעשלעפּט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

דער אַלטער ווערט אַנטשוויגן, קוקט אויף זיין יונגן גאַסט, גלייך ער וואָלט אים צום ערשטן מאָל דערזען.

— און ער? — פרעגט דער אַלטער — וואָס איז זיין טאָן דאָ אין דאָרף?

פאַלק דערציילט אים.

— אַהאָ! ביי די דאָפּלשרעדערס איז ער.

— יאָ! זייער ווילע מענטשן, סיי דער יונגער זון, דער לערער, און סיי די אַלטע טאַטע־מאַמע.

נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווײַגן, גיט ער צו:

— דוכט זיך, אַז אַ טאָכטער האָבן זיי אויך, די אַלטע דאַפּלשרעדער׳ס.

— מאַרטאַ — ענטפערט פּאַלק.

— אַזוי, אַזוי — זאָגט ווי צו זיך אַליין דער אַלטער שול־היטער.

— ס׳יונגוואַרג לערנט היינט ערד־אַרבעט, דאָס יידישע לאַנד ווידער אויפ־צובויען...

ער וואַרפט אַריין אַ העברעאיש וואָרט, אַ פּסוק פון חומש. פריער מיט אַ סך יאָרן צוריק, איז ער דאָ געווען נישט בלויז קיין שמש, נאָר אויך שוחט און חזן. היינט, איבער אַכציק שוין, נישטאָ מער קיין ראיה, און נישט קיין כוח.

אַ קלאַפּ אין טיר, רייסט איבער זייער שמועס. אין דער אָפּענער טיר שטייט אַ ברייטער, פעסטער מענטש אין די פערציקער, אַ פּאָר דיקע אויגן־גלעזער רייטן אויף זיין גראָבער נאָז. שטעטיש אָנגעטאָן, מיט אַ דענטע אויפן קורץ־געשוירענעם, רויטן קאָפּ.

— אַהאַ! הער באַדנהיימער — רופט אויס דער אַלטער, און בעט אים, זייער העפלעך, אין שטוב אַריין.

— אַ דאַנק — זאָגט דער אַריינגעקומענער — ער האָט קיין צייט נישט, ער האָט נאָר געוואָלט פרעגן ווען מען זאָגט... דאָס...

— כל נדרי — העלפט אים דער שול־היטער אַרויס.

— יאָ, — ווערט דעם באַדנהיימער לייכטער אויפן געמיט, — יאָ.

— אין דער זעלבער צייט, ווי יעדעס יאָר, — ענטפערט דער אַלטער — נאָך זון־פאַרגאַנג.

— יהודי? — פרעגט ער קוקנדיק אויף פּאַלקן.

דער בעל־הבית פון שטוב דערציילט אים ווער פּאַלק איז, און וואָס זיין טוען איז דאָ אין דאָרף.

— אַזוי? — ווערט יענער אַ ביסל היימישער, — פון די וועלכע לערנען דאָ די ערד־אַרבעט? נו נאַ! דאָס איז דאָך וווּנדערבאַר. שאָהן... — פאַרציט ער די ליפּן אַזוי רונדיק און קיילעכדיק, אַז דער „שאָען" זאָל אַרויסקומען ווי עס באַדאַרף צו זיין, נישט עפּעס דאָרט אַ שעין...

און זאָל דער פרעמדער וויסן ווער עס שטייט דאָ פאַר אים, ער ווערט אפילו גערירט פון אָט דעם יונגן ערד־אַרבעטער, מיט די פּראָסטע מלבושים אויף זיך, אין אַ זונטיקדיקן טאָג. ער מאַכט אַ באַוועגונג אָוועק־צוגיין, נאָר ער טוט זיך בריסק אַ האַלט צוריק, און זאָגט:

— צי דער יונגערמאַן וועט אים נישט אָפּזאָגן ביי זיי אין הויז מי־טאָג צו עסן. ער און זיין שוועסטער וועלן דערפון זייער צופרידן זיין.

— יאָ, — ענטפערט פאַלק, — ער מוז אָבער אַהיימגיין דאָס צווישן טאָן זיינע בעל־הבתים.

— זיכער! אָבער זעלבסטפאַרשטענדלעך! — שרייט אויס דער שיך־סוחר, ווי ער וואָלט געזונגען פון נאָטן. — ס'איז דאָ גענוג צייט. אָט דאָ אינמיטן פּלאַץ וווינט ער: שוה־געשעפט, ג. באָדנהיימער.

קאַפּיטל 5

כל נדרי

ער געזעגנט זיך און גייט אַוועק. פאַלק וויל זיך אויך אויפשטעלן, נאָר דער אַלטער זאָגט, אַז ס'איז נאָך צייט, ער וויל ביי אים עפּעס בעטן.

— וואָס? — פרעגט פאַלק.

— די אַלע, וואָס קומען דאָ דאַווענען היינט אינאָוונט — זאָגט דער אַלטער — קענען נישט מער קיין עברי, בלויז די אַלטע פרויען קענען נאָך אַ ביסל. און איך בין שוואַך און קען מער נישט „פאַרבעטן". איז דעריבער, אויב עס וואָלט אים נישט אויסגעמאַכט, היינט אָוונט „פאַרצובעטן".

פאַלק צעלאַכט זיך:

— פאַרבעטן? ער בעט נישט פאַר זיך, ווי קען ער בעטן פאַר אַנדערע?

דער אַלטער ווערט טרויעריק.

— איך — זאָגט ער — קען מער נישט, איך ווייז זיי נאָר אָן וואָס זיי האָבן צו זאָגן... בלויז כל נדרי — בעט זיך דער אַלטער...

פאַלק פילט דעם צער פון דעם ייִד וואָס זיצט פאַר אים, און ענטפערט ווי געשטויסן פון עפּעס אַ כוח:

— יאָ, ער וועט זאָגן כל נדרי, אַזוי ווי מען זאָגט ביי זיי אין דער היים...

אַ צופרידענער שמייכל מאַכט שטראַלן דאָס צעקנייטשטע, איינגע־שרומפּענע פּנים פון דעם אַלטן. ער מורמלט:

— גאָט פאַרלאָזט מיך נישט אויף דער עלטער. פאַראַיאָרן האָט דאָ אויך געזאָגט כל נדרי אַ דורכפאָרנדיקער...

ווען פאַלק קומט שפּעטער צו די באָדנהיימערס, וואַרט מען שוין אויף

אים מיטן מיטאָג־עסן. מען זעצט זיך צום טיש און מען עסט שווייגנדיק. דער ברודער האָט שוין מן הסתם דער שוועסטער אַלץ דערציילט וועגן גאַסט זייערן, פרעגט מען אים שוין גאָרנישט, און פאַלק איז פּטור צו ענטפערן. מען עסט מיט אַ סדר, געלאַסן, מען הערט נאָר דעם גערויש פון באַשטעק.

ס'איז זונטיק, דאָס געשעפט עפענען דאַרף מען נישט, פאַרבלייבט מען לענגער ביים טיש. פאַלק קוקט אויף דעם פּאָרל, און טראַכט: שוועסטער און ברודער, טראַכט ער. עס רעדט זיך נאָר אַזוי. זיי זענען ענלעך איינער אויפן צווייטן, ווי אַ צווילינג. וואָלטן זיי געטראָגן ביידע מענער־קליידער, וואָלטן זיי אויסגעזען ווי צווילינג־ברידער; וואָלטן זיי געטראָגן פרויען־קליידער, וואָלטן זיי אויסגעזען ווי צווילינג־שוועסטערן... יאָ, אַפילו די אויגן־גלעזער פון זייערע ברילן זענען פון דער זעלבער מאָס, פון דער זעלבער דיק. נאָך דער קאַווע רעדט מען נאָך אויך נישט, דער ברודער טוט אַ ווונק דער שוועסטער. זי שטעלט זיך אויף, גייט צו צום קלאַוויר, עפנט עס אויף, שטעלט דאָרט אַריין אין שטענדערל אַ בלאַט נאָטן. ער, דער הער באַדנהיימער, שטעלט זיך לעבן קלאַוויר אין אַ זייט, נעמט אויך אַ בלאַט נאָטן אין דער האַנט אַריין, הוסט זיך אויס, און אַן אַ וואָרט, נעמען ברודער און שוועסטער זיך קעגנזייטיק באַגלייטן... פאַלק זעט, אַז דער קאָנצערט געהער צום מיטאָג. זיצט ער שטיל און ערנסט, ווי ביים עסן. נאָר ער ווערט פאַרטויבט פונעם שיר־ס׳חרס לייבן־שטימע. יענער זינגט רעגלמעסיק און מיט טאַקט פון די נאָטן אַראָפּ איינע פון די באַקאַנטע „לידער". פאַלש זינגט ער נישט, ניין. נאָר גלייך אַ סטאַטוע וואָלט געזונגען, אַן באַוועגונג, אַן לעבן... די שוועסטער ביים קלאַוויר זיצט אויך אַזוי שטייף און קאַלט. פאַלק קוקט אויף דעם זינגנדיקן באַדנהיימער, אויף זיין רויטן נאַקן, אויף זיינע ברייטע אַקסלען, אויף זיין קורצן, פעסטן, קערפּער, וואָס פילן אויס דעם פראַק און די ענגע געשטרייפטע הויזן, און טראַכט: ווו נעמט זיך צו אַ מענטש אַזאַ מין גבורה?

נאָכן „ליד", שטעלט זיך פאַלק אויף, דאַנקט און נעמט זיך אין וועג אַריין. דאָ עפנט הער באַדנהיימער זיין מויל און זאָגט:

— זיי וועלן זייער צופרידן זיין, זיין שוועסטער און ער אַליין, אַז ער וועט דאָ פאַרבלייבן איבער זייער גאַנצן פּראָגראַם. יעדן זונטיק וועקסלען זיי דעם פּראָגראַם זייערן, וועלכער באַשטייט פון אַ צענדליק לידער און עטלעכע אָפּערא־אַריעס. אַזוי אַרום זינגען זיי אויס איבערן יאָר כמעט אַלע פאַלקס־לידער, און אַלע באַקאַנטע אָפּערעס. דאָס „ליד" וואָס ער האָט דאָ נאָר וואָס געהערט, איז אַן אוווערטורע, דער אייגנטלעכער פּראָגראַם

הויבט זיך ערשט אָן. עס מאַכט זיי גאָרנישט אויס — צעפּינקלען זיך ביי באָדנהיימערן די דיקע אויגן גלעזער — אַז ער וועט אויסהערן דעם גאַנצן פּראָגראַם זייערן...

פאַלק דאַנקט פאַרן כבוד פון זיינע גאַסט־געבער:

— אַ דאַנק! ער קען נישט בלייבן, מען וואַרט אויף אים.

אויף דער גאַס שוין אַטעמט ער אָפּ פרייער, וואָס ער געפינט זיך ווידער אין דרויסן, אונטערן ליכטיקן הימל. נעמט ער שפּאַנען נישט וויסנדיק וווּאַהין. איבערן פּלאַץ, באַרג־אַראָפּ, דורך שמאָלע געסלעך, גייט ער. פאַר אַ הויף, אויסברוקירט מיט אַ מרעגלמעסיקע געלע שטיינער, בלייבט ער שטיין. אין הויף, צווישן צוויי רייען ריזיקעביימער, שטייט אַ בנין. אַן אַלט באַקאַנטער בנין. דער אײַזערנער טויער פון הויף איז ברייט אָפן. ער גייט אַהין אַריין. אויך די שווערע דעמבענע טירן פון דעם בנין זענען צעעפנט, אין דעם שטילן זונטיקדיקן סוף זומערדיקן פאַרנאַכט. ער קוקט זיך אַרום, יאָ! דאָס איז זי. ער געפינט זיך אין הויף פון דער אַלטער שול אין דאָרף. אויף עטלעכע טרעפּלעך, וועלכע פירן אַראָפּ אין שול אַריין, פון דאָרט דערגייט ער ביז אין דער מיט, און בלייבט שטיין. מיט די עלנבויגנס אויף אַ שטענדער אָנגעלענט, דעם קאָפּ אין די הענט, קוקט ער פאַר זיך צום מזרח צו. אַלץ איז אים דאָ באַקאַנט און היימיש. אַ שול אַזוי ווי מען זעט אין די אַלטע פּויליש־יידישע שטעטלעך, נאָר אין די שטעטלעך דאָרט, אַרום די אַלטע שולן, איצטער, פאַר כל נדרי, דאָרט שטראָמט און קוואַלט עס, אַ לעבעדיקער קוואַל שטראָמט און פאַרפלייצט אָט די אַלע געבעט־הייזער. דאָ אָבער, אַרום רהיין, אין דעם פאַרלאָזטן דאָרף מיטן לעצטן אַלטן ייד... די מחשבות פירן אים אַוועק צוריק מיט הונדערט יאָר. אַרום דעם דאָרף, אַרום אָט דעם שול־הויף, מען גייט און מען קומט, גאַנצע משפחות איילן צו כל נדרי. די מענער אין ווייסע קיטלען, די ווייבער אין די ווייסע שפּיצענע אויסגעהאָפטענע שפּאַנישע שאַלן. ס׳יונגוואַרג, די יינגלעך און די מיידלעך, קוקן זיך איבער מיט פאַרבאַרגענע בליקן: די ערשטע פון די טאַטעס באַגלייט, די צווייטע פון די מאַמעס. דאָס יידישע דערפל איז יום־טובדיק, אַ סך ישובניקעס פון אַרום, פון דער געגנט, קומען אַהער יום־טוב האַלטן, פּייערלעך, מיט ערפורכט, שטעלט מען זיך זאָגן: כל נדרי.

היינט אָוונט — טראַכט ער ווייטער — וועט דאָ קומען באָדנהיימער מיט זיין שוועסטער, דער וויין־סוחר קראַוזע מיט זיין אַלטער מוטער. און נאָך אַ פערד־סוחר, פון אַ נאָענטן דאָרף וועט אפשר קומען. דער אַלטער שמש פון דער שול, און ער. דער פרעמדער... און אַז דער שול־היטער וועט שטאַרבן, וועט שוין דאָס אויך נישט מער זיין. פאַרשלאָסן וועט שטיין די

אַלטע שול, אַ קיט און אַ שלאָס וועלן העגגען אויף די שווערע, געשניצטע הילצערנע טויערן, און פּאַמעלעך וועט זי פאַרגעסן ווערן. מיט יאָרן שפּעטער וועט קיינער אין איר נישט מער געדענקען...

אים ווילט זיך אַוועק פון דאַנען, ער וואָלט אַמליבסטן היינט אין אָוונט אַליין געוועןן, נישט דאַרפן דאָ שטיין פאַרן עמוד, און זיין באַדנהייַמערס, די קראַנזעס שליח ציבור...

ער דרייט זיך אויס און וויל אַרויסגיין אין הויף. אַ דערשראָקענער, רוקט ער זיך צוריק.

טיף, אין מערב־זייט, פאַרגייט די זון, שפּרייט אויס אירע גאָלדענע פלעקן אַרום די שטיינערנע טרעפּלעך, וואָס פירן אַראָפּ אין שול אַריין. אויף די טרעפּלעך, האַלב אין שאָטן, האַלב אין דער זון, שטייט, איינגאַנצן אין ווייסן, אַ מיידל, וואָס ער האָט זי שוין ערגעץ געזען... ער וויל זיך דערמאַנען, נאָר אָט הערט ער דאָס קול פון מיידל:

— איך וועל אויך דאָ זיין צו כל נדרי... — זאָגט זי שטיל.

— אַלמאַ! — רופט ער אויס, און ווערט בלאַס. אין איר שטים האָט ער זי דערקענט. זייט יענעם פאַרנאַכט, ווען ער האָט אויפן אַלטן יידישן בית־עולם איר פאַרזונקענע מצבה אויפגעגראָבן, הערט ער איר קול פון אומעטום... אין רוישן פון די ביימער, אין געטשוויטשעריי פון די פייגל, אין אומעטיקן פאַרנאַכטישן גלעקלעריי פון די סטאַדעס פי, וואָס קערן זיך אַהיים פון דער פּאַשע...

ער בלייבט שטיין מיטן פּנים צו דער טיר, אינמיטן שול, קוקט אויף דעם הערלעכן בילד, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר זיינע אויגן... זי קומט מיט די טרעפּלעך, אַרונטער, קומט נאָנט צו צו אים... ער פילט איר אָטעם, ער פילט דעם געשמאַק פון אירע מיידלשע האָר.

— דו האָסט מיך גערופן — זאָגט זי — און איך בין געקומען. אַ גאַנצן טאָג היינט האָסטו מיך אַרומגעזוכט אין דער געגנט, און זע: אָט בין איך אין מיין פּאָטערס שול, און איך וועל, ביז נאָך כל נדרי דאָ פאַרבלייבן...

ער שטייט פאַר איר, און קיין פּחד איז נישטאָ אין אים. לעבעדיק זעט ער זי פאַר זיך, פריש און יונג.

— עס איז גוט — זאָגט זי — וואָס מיר וועלן מיט אונדזער יוגנט, די אַלטע שול היינט באַלעבן און אפשר דעם לעצטן כל נדרי צוזאַמען אויסהערן... און איצט מוז איך גיין... פאַר די אַנדערע, וואָס דאַרפן דאָ באַלד קומען, דאַרף מיך דאָ קיינער נישט צו זען... אין אַ ווינקל ביי דער טיר וועל איך שטיין, און קיינער אויסער דיר, וועט נישט וויסן פון מיין זיין דאָ...

טריט וועקן אים אויף. דער אַלטער שמש שטעלט עטלעכע ליכט אין די קופּערנע הענגל־לייכטער אַריין, און אין דער זילבערנער מנורה, וואָס אויפן עמוד. ער צינדט זיי אָן מיט ציטערדיקע הענט, דער זקן, מיט פאַרמאַכטע אויגן. אין דרויסן איז די זון שוין פאַרגאַנגען.

ווי אין אַ חלום, שטייט ער דאָ. ער הערט טריט הינטער זיך, זיי־ ערע פּנימער זעט ער נישט. טונקעלע שאָטנס באַוועגן זיך אַרום הינטער זיינע פּלייצעס, ער ווייסט נישט זייער צאָל. ער נעמט זאָגן די ערשטע ווער־ טער פון כל נדרי, און וואָס ווייטער ער זאָגט, ליכטיקער ווערט אַרום אים...

ער שליסט די אויגן, זאָגט אַלץ הייסער און הייסער. פייערדיקע רינ־ גען זעט ער אַרום די אויגן זיינע, ס׳פאַרבלענדט אים פון אַזויפיל ליכט... אַלמאַ... גאַנץ נאָענט שטייט זי ביי אים, איינגעהילט אינגאַנצן אין ווייס... און קוקט אויף אים... און קוקט...

קאַפּיטל 6

דער הער קראַוזע

צומאָרגנס אין אָוונט, ווען דעם ווייַן־סוחר קראַוזעס שאָפער מיט זיין שטילן גלאַנצנדיקן אויטאָ, שטעלט זיך אָפּ פאַרן הויז פון די דאָפּלשרע־ דער׳ס, אים, פאַלקן, צו פירן צום אָוונט־עסן צו די קראַוזעס, זאָגט מאַרטאַ: „נאָך אַזאַ פיבערדיקע נאַכט ווי ער האָט געהאַט פאַלק, און נאָך היינט אַ גאַנצן טאָג ליגן אין בעט, זאָל ער אַכטונג געבן אויף זיך". שמייכלענדיק, וואָרנט זי אים מוטערלעך מיט אַ פינגער: „אָ! דער ווייַן, דער ווייַן!"...

ביי די קראַוזעס זיצט פאַלק אין געדעמפּטן ליכט פון עס־צימער. שווייגנדיק, פלינק, ברענגט דאָס שלאַנקע סערוויר־מיידל אַריין די מאכלים. קראַוזע, דער אַלטער בחור, זיצט אַ צעטראָגענער אַרום טיש, ער עסט כמעט נישט, און לאָזט פון זיין גאַסט דאָס אויג נישט אַראָפּ. די אַלטע מו־ טער דרייט זיך אַריין און אַרויס, קרעכצט. זי גיט אָנצוגעהערן, אַז זי האָט געפאַסט, קען זי נישט עסן. נאָכן עסן, פרעגט דער גאַסט־געבער, צי ער האָט חשק, פאַלק, זיך ערגעץ דורכצופאָרן אין דער געגנט, מיטן אויטאָ איז מען שנעל אין דער נאָענטער קרייז־שטאָט.

זיי זיצן אין וואָגן. קראַוזע פירט. אין דער קרייז־שטאָט גייען זיי פון קאַפע צו קאַפע, באַשטעלן ווייַן, טרינקען אויס, באַצאָלן, און גייען —

אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן — ווידער אַרויס. קראַוזע, אַ מידער, דרייט זיך דאָ אַרום ווי אַ פרעמדער, אַרום די עלעגאַנטע קאַפּע־הייזער, אין דער שטי־לער, ציכטיקער נאַכטישער קרייז־שטאָט. ער שווייגט ביים פינקלדיקן, בורשטינענעם רהיין־ווייַן, אַרום די געדיכטע ליקערן, וואָס זיי פּאַרצערן. ער איז ווי דערשלאָגן, דער אַלטער בחור. פאַלק קוקט אויף זיין איבערגע־וואַקסענער הויך, אויף זיין וועלקנדיק פּנים, די שיטערלעכע, שוואַרצע האָר, די מידע, אונטערגעשלאָגענע אויגן. אַ מענטש — טראַכט פאַלק — זאָל אַלץ טון מיט אַ ווידערווילן. אַזוי פירט ער אָן מיט זיין נייעם לוקסוס־אויטאָ, אַזוי טרינקט ער אויס אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז, דעם בעסטן, איידלסטן ווייַן...

אַזוי איז ער געזעסן, אין זיין רחבותדיקן, לופטיקן עס־סאַלאָן, דער טיש באַשטעלט מיט טרויבן, אַנאַנאַס, עפּל, ראַפינירטע מאכלים. צוריק־פאַרנדיק שטעלן זיי זיך אָפּ אין אַ טאַנצנדיק דאָרף. ס'איז נאָכן „האַרבסטן", הוליעט מען אין די דערפער פון דער געגנט. זיי גייען אַריין אין אַ לאַנגער דאָרפס־קרעטשמע, אויסגעצירט מיט סטענגעס, מיט פּאַפּיר־קייטן פון בונט־קאָלירנדיקע פאַרבן. קראַוזע שטופּט מיט גרויס מי זיין שווערן גוף צווישן די שמאָלע בענק, שווערע טישן. ער באַשטעלט ווייַן. זיי טרינקען, די לאַנד־קנעכט, אין געלע כאַלעוועקעס דרייען זיך די שטייפע קורצע מיידן, אַזש די פאַדלאָגע קרעכצט אונטער זייערע מעכטיקע פיס. קראַוזע זיצט אַ שלע־פעריקער און פאַרביטערט, ביז זיי פאָרן אַהיים.

אַ געלע, פולע לבנה באַלייכט אומעטיק די פייכטלעכע געגנט. דער אויטאָ שניידט שטיל דעם ברייטן הויפּט־וועג, פאַרנעמט זיך אויף שמאָלע פעלד־וועגן, רעכטס, לינקס, און אָט איז מען שוין אין אייגענעם דאָרף. קראַוזע, כאָטש געוווינט צום ווייַן, ווערט פאָרט אַ ביסל הייטערער, ער טוט אַ שנעלן מורמל אַרויס, נישט אָפּוועגנדיק די אויגן פון רעדל:

— איזט דאָס וואַר ?

— וואָס ? — פרעגט פאַלק.

— אויב ס'איז וואַר — פרעגט ווייטער קראַוזע — אַז ער לערנט דאָ ערד־אַרבעט ?...

פאַלק קוקט אים אָן און זעט ביי זיין באַגלייטער אַ פּנים, וואָס מען זעט ביי מענטשן, וואָס עס איז זיי נאַרוואָס געשען אַ גרויס אומגליק. ער קוקט אים אָן, און פאַרשטייט נישט יענעמס פאַרווונדערונג.

— יאָ — זאָגט פאַלק — ער לערנט דאָ די ערד־אַרבעט.

קראַוזע שווייגט. עס דוכט זיך, אַז דער אויטאָ קען דאָ די וועגן פון זיך אַליין און פאָרט פאַמעלעך אַהיים. אין דער טונקל זעט מען נישט, אַז

קראַוזע זאָל מיט אים אָנפירן. מיט אַ לייכטן שאָקל, בלייבט מען שטיין. פאַלק עפנט די טיר און גייט אַרויס. דער קאָפּ איז אים שווער, די פיס בלייערנע, נאָר די פרישע לופט ניכטערט אים אויס. ער קומט פּאַמעלעך צו זיך.

ס'איז שטיל אַרום. די לבנה איז אַריין אין אַ ים פון שווערע, שוואַר־צע שטיקער כמאַרעס, אַט־אַט, דוכט זיך, באַפרייט זי זיך און שווימט אַרויס אויף אַ ריינעם, אויסגעלייטערטן הימל. נאָר אַט קומט אונטער ווי פון דער זייט ערגעץ, אַ גייענדיקער, פינצטערער באַרג וואָלקן און פאַרדעקט דאָס טעלערל פון הימל. קראַוזע שטייט נאָך אַלץ מיט זיין אויטאָ.

— און דאָס יידישע לאַנד? — שרייט קראַוזע פּלוצלינג פון אָפענעם אויטאָ פענצטער אַרויס.

פאַלק קוקט אויף אים. יענעמס אויגן באַוועגן זיך נישט, זיי קלעבן אויף פאַלקן.

— ס'איז דען פאַראַן אַזאַ לאַנד? — שטיקט זיך קראַוזע — אַזאַ לאַנד?

קאַפּיטל 7

מאַרטאַס געבעט...

פאַלק ענטפערט נישט. ער זאָגט: „אַ גוטע נאַכט", און פאַרשווינדט מיט אַ פעלד־סטעזשקע צום הויז פון די דאָפּלשרעדערס, צו זיין צימערל. דער געברום פון מאָטאָר, קראַוזעס אויטאָ, רוישט נאָך אין דער שטילער נאַכט. שווער רוישט פאַלקן דער ווייַן אין קאָפּ, דער נעכטיקער כל נדרי, זיין פיבערן אַ גאַנצע נאַכט. זיינע לעצטע טעג דאָ זענען ווי אַ פינאַל פון אַ קאָנצערט, ווו אַלע אָנפאַנג־טענער קומען זיך ווידער צוזאַמען, ווו דער אָנהויב און דער סוף גיסן זיך צונויף, מישן זיך אויס און ווערן איינס. אַלע אינסטרומענטן צוזאַמען נעמען ברויזן, ברומען אין פינאַל פון קאָנצערט...

עס קוואַלט אין אים און זינגט, אַלץ אין אים קאָכט. ער שפּאַנט אין דער נאַכט צו זיין שטיבל, זיין רוקזאַק ווידער אויף די פּלייצעס צו נעמען, און אַוועקגיין אין דער וועלט אַריין, אין איינע פון די גרויסע שטעט, דעם ווינטער צו פאַרברענגען. אין הייפל איז שטיל. אָן גערויש גייט ער אַריין, צינדט נישט אָן קיין ליכט. ער האָרכט, ער הערט אַ מורמלען, אַ שטיל גע־

שעפּטשעריי; אַ טיף וואַרעם קול הערט ער. ס׳איז מאַרטאַס צאַרטע שטים... און אַ שטרייפל שוואַך ליכט פאַלט פון איר טיר. ער זעצט זיך אויפן בעט, און אין די קליידער שטרעקט ער זיך אויס אין זיין גאַנצער לענג. אַלץ קלאָרער און דייטלעכער הערט ער מאַרטאַס קול. ער וויל אַנטשלאָפן ווערן, עס איז אים אָבער שווער די קליידער פון זיך אַראָפּצוואַרפן, ער וויל נישט הערן, נישט טראַכטן, נאָר וואָס אַמאָל הייסער דרינגט אים דורך מאַרטאַס קול... אין דער טיפער נאַכט פילט ער איר קרעפטיקן אָטעם נאָענט, גאָר נאָענט.

ער גלויבט אַ ווײַלע צו האָבן געדרעמלט. ער עפנט די אויגן, האָרכט. ער הערט ווייכע, שטילע טריט אין מאַרטאַס שלאָף־חדרל. ער דערמאַנט זיך, ווי אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט, ווי אין אַ חלום, אין פיבער; ער האָט זיך פון צייט צו צייט איבערגעוועקט, איז מאַרטאַ פון אים נישט אָפּ־געטרעטן, געגאַנגען, געקומען, טריי געוואַכט איבער אים, געהיט. אַ גאַנצע נאַכט זענען ביידנס טירן געשטאַנען אָפן, און פאַרטאָג, אַז ס׳איז פון אים דער פיבער אַוועק, האָט ער אין דער אָפענער טיר געזען מאַרטאַס שלאָף־שטוב.

ער האָט געזען הייליקע בילדער אויף אַלע ווענט, לייכטנדיקע אי־קאָנעס, יעזוס פיגורן פון פאַרשידענער גרויס, אַ צלם פון באַדן ביזן סופיט, גאָט׳ס זון, אַ געקרייציקטער, אין זיין גאַנצער לענג, איז דאָרט צוגענאָגלט...

אין אַ ווינקל ליגן אויסגעשפּרייט עטלעכע ציגן־פעל, אַ וואַרעמע קאָלדרע. דאָס איז מאַרטאַס געלעגער. ער שליסט די אויגן צו, איינצושלאָפן, נאָר אָט הערט ער ווידער, דעם שטילן, הייסן געמורמל פון איר שלאָף־קעמערל... די הייליקע בילדער וואַרפן אַ טריבע רויטלעכע שיין, וואָס צאַפּלט, פלאַטערט אין דער האַלב־אָפענער טיר. ער גייט אַראָפּ פון זיין געלעגער און דורך דער אָפענער טיר־שפּאַרע זעט ער מאַרטאַ, אַ קניענדי־קע, אין לאַנגן, ווייסן ליינען העמד. אַ געפלאָכטענער ווייסער גאַרטל אַרום אירע שטאַרקע היפטן. אירע נאַקעטע אָרעמס זענען פאַרלייגט אין געבעט, די צעלאָזענע האָר אַרום ראַזיקן, אָפּגעדעקטן נאַקן... זי קניט פאַרטיפט, אין פאַרגעסענער פאַרלוירנקייט, מיט הייסע צונויפגעפּרעסטע אויגן־דעקלען. ער שאַרט זיך צוריק, אין איר געבעט זי נישט צו שטערן. זי עפנט אירע אויגן און קוקט אים רואיק אָן...

— ער זאָל איר מוחל זיין, טאָמער שטערט זי אים אין זיין שלאָף זייט די לעצטע צוויי נעכט — פאַרענטפערט זי זיך — שטייט זי אויף אינ־מיטן דער נאַכט צום געבעט. אויך נעכטן אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געבעטן, נאָר אין זיין פיבער האָט ער עס נישט געהערט.

ניין — זאָגט פאַלק — זי שטערט אים נישט, ווייל עס נעמט אים גאָר קיין שלאָף נישט די נאַכט. דער קאָפּ איז אים שווער, אַ רויש שטייט אים אין מוח.

— דער ווייַן — באַדויערט מאַרטאַ, און ווערט טרויעריק. זי שטעלט זיך אויף, נעמט די ביבל אין אירע הענט אַריין, און זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל, אויף אַ נידריק טאַבורעטל.

— אַז ער וויל — זאָגט זי מיט קינדערישער תמימות — קען ער זיך דאָ נעבן איר אַוועקזעצן, זי האָט נאָר נאָך אַ קליין קאַפּיטל תהילים דורכצולייענען.

זי מורמלט שטיל, אירע פולע, שיינע ליפּן באַרירן ווייך איינע די צווייטע, אירע אויגן באַקומען גלאַנץ, און אויף איר פּנים צעשפּילט זיך אַ יונג־מיידלשער חן.

געענדיקט, פאַרמאַכט זי דאָס ספרל, לאָזט זי אַראָפּ אירע ווייבלעכע הענט אין ווייכן קרעפּטיקן שויס, זיפצט אָפּ מיט אַ וואַרעמען זיפץ:

— אַך! וואָס איז דען דער סוד פון גאַנצן מענטשלעכן לעבן? ווען נישט שטענדיק זיך האַלטן אין צוים...

זי פאַרטראַכט זיך, קוקט פאַלקן אָפן און קלאָר אין די אויגן:

— אונזער גאַנצע מענטשלעכע נאַטור נייגט צו זינד. אונזער גוף פאַרלאַנגט ס׳זייניקע...

זי פרעסט אירע אויגן צו און בלייבט אין אַ טיפן שווייגן...

פאַלק קוקט אויף איר. אָט זיצט ער דאָ גאַנץ נאָענט לעבן מאָדנעם מיידל, אַזוי פרעמד און אַזוי אייגן. ער פילט די פרוי לעבן זיך; איר וואַרעמער, האַלב־נאַקעטער, שטאַרקער קערפּער, באַשטראַלט אים. ער פילט די זאַטע וואַרעמקייט, וואָס טראָגט זיך פון איר. ער לייגט זיינע הענט אין אירע אַריין, און לאָזט זיי רוען אין איר ווייכן שויס.

— מאַרטאַ! — מורמלט ער מיט וואַרעמקייט איר מיידל־נאָמען, און שליסט די אויגן צו. ער הערט איר צאַרטע שטים, ווי פון דער וויים, וואָלט ער געהערט: אין שייער... ביים טרעטן די טרויבן... ווען דיינע האָר פון קאָפּ האָבן מיינע אָפּגעדעקטע קני באַרירט... און נעכטן ביינאַכט, אין דיין פיבער, האָסטו קלאָר און דייטלעך מיין נאָמען גערופן: מאַרטאַ! האָסטו גערופן, מאַרטאַ! מיין נאָמען...

אין געדעמפטן ליכט פון איקאָנע־שיין, קוקט פאַלק אויף איר, גלייך ער וואָלט זי איצט צום ערשטן מאָל געזען. ער פאַלט ווידער אַריין אין וואַרעמען שטראָם פון אירע רייד, לאָזט זיך טראָגן ווי אויף כוואַליעס פון אַ נאָענטער מוזיק...

— דאָן בין איך אויפגעשטאַנען — מורמלט זי ווייטער — פון מיין געלעגער, און לאַנג, לאַנג געבעטן... פון אַלע הייליקע בילדער האָב איך מיין נאָמען רופן געהערט... אויך די ליפּן פון גאָטס זון האָבן מיין נאָמען באַרירט...

אַ טיף שווייגן הילט איין דאָס טונקעלע חדר׳ל. צוויי הייסע אָטעמס שלאָגן זיך נאָענט איינער צונויף אין צווייטן. מאַרטאַ רייסט זיך האַסטיק אויף, זי קניט אַנידער, פאַרזינקט אין אַ הייס געבעט: מיין גאָט! מיין גאָט! — ברעכט זי זיך די הענט — פאָטער אין הימל...

מיט פאַרשלאָסענע אויגן הערט זיך פאַלק צו צום געראַנגל, צו די תפילות; זיי נעמען אַרום דאָס ענגע שלאָף־קעמערל ווי מיט פלאַמען. ער דערמאָנט זיך — אַ בריקל, אַ באַרג, אַ דערפל איבער אַ רוישנדיק טייכל; און אַ געזאַנג פון ערגעץ ווו, הערט ער. אַמאָל איז עס אַ געזאַנג פון אַ יונגער פאַסטעכקע, אַמאָל — אַ רייפע פרויען־שטימע, מאַרטאַס קול...

— ס׳איז צייט — וועקט זי אים — ס׳איז צייט שלאָפן צו גיין...

ער עפנט די אויגן. קניענדיק נאָענט לעבן אים, פילט ער איבער זיך מאַרטאַס הייסן אָטעם. אירע אויגן גלאַנצן מיט אַ יונגן גלאַנץ און מיט אַן אומהיימלעך פייערל. ער באַרירט אירע האָר, אירע באַקן, ער באַרירט מיט זיינע ליפּן אירע הייסע, גרויע אויגן. ער לייגט אַרויף זיינע דורשטיקע הענט אויף איר צאַרטן נאַקן. ראַזיק און הייס זענען אירע נאַקעטע אָרעמס אין רויטלעכן ליכט פון די הייליקע בילדער. קניענדיק, זענען אירע גלי־דער אָנגעצויגן, און פילן אויס מיט קרעפטיקע פאָרמען איר רייפן גוף אונטער איר שטייפן ליינען העמד. ער קוקט אויף די יונגע רונדקייטן פון אירע צאַפּלדיקע ברוסטן, אויף אירע מעכטיקע היפטן, אויף די פולע שענ־קלען, אויפן ווייכן אויסשניט פון איר בויך. אויף די קני לאָזט ער זיך צו איר אַרונטער. מיט אירע הייסע הענט באַדעקט זי אים זיין פּנים. און דורך אירע פינגער שפּאַלטן, זעט ער אירע האַלב געעפנטע דורשטיקע, קרעפ־טיקע ליפּן. זי מורמלט עפּעס אַלץ שוואַכער און שוואַכער, מיט פאַרמאַכטע אויגן הערט ער זיך צו צום קוועלנדיקן געמורמל, גלייך אַ פרישן, שטראָ־מיק טייכל וואָלט דאָ געראַשט, און אין דער טונקלקייט זיך אַ וועג אויס־געשניטן. און שטיל, זאַנפט אַזוי פאַרזינקט זי אין זיינע אָרעמס.

און אַז ער דערוואַכט אין יונגן, זוניקן האַרבסטיקן פאַרטאָג, ליגט מאַרטאַ לעבן אים שטיל, אָטעמט רואיק, און אַ יונגער מיידל־חן בליט אויף אירע ראָזע באַקן. זי עפנט די ליכטיקע אויגן אויף, און אַ פרישער שמייכל שטראַלט אויף אירע נאָך קינדישע ליפּן...

פינפטער טייל

די „חלוצים-היים"

קאַפּיטל 1

פראַנקפורטביים מאַין

דאָס „חלוצים־הויז" איז געשטאַנען אין אַ שמאָל געסל, אָן אַן אויסגאַנג. דאָס איז געווען אַ דריי שטאָקיקע אַלטע געביידע, מיט טונקעלע, הילצערנע טרעפּן און שמאָלע, הויכע פּענצטער. אַז מען האָט אַרויסגעקוקט פון די פּענצטער, האָט מען געזען אַ שענק, מיט נידעריקע, דעמבענע טישן, ברוינע בענק אַרום די טישן. טאָג און נאַכט האָט זיך דאָרט געווימלט מיט מאַטראָזן אין „טראַכטן" פון בלויען, טונקעלן געוואַנט, מיט לאַנגע ברייטע הויזן ביז איבער די קנעכלעך.

ביז טיף אין דער נאַכט אַריין האָבן זיך פון דער שענק געטראָגן ים־ניגונים, צעצויגענע, טרויעריקע ליבעס־לידער. אָבער געענדיקט האָט זיך דאָס יעדעס מאָל מיט מערדערלעכע געשלעגן ביז אויף דער גאַס אַרויס.

די ערשטע צייט האָבן די באַוווינער פון דער חלוצים־היים גע־קלעפּט אַרום די פּענצטער ביי אַזאַ מין ספּעקטאַקל. שפּעטער אָבער, ווען ס'האָט זיך איבערגעחזרט נאַכט ביי נאַכט, האָט מען פאַרקלאַפּט די פּענצטער, פאַרלאָשן די עלעקטרע און איינגעשלאָפן, נישט הערנדיק מער די רוצחישע קולות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון פינצטערן ברוק פון געסל, ווי פון אַ רויבער־הייל. נאָך אַזאַ געשלעג, אַז עס פלעגט ווער ליגן בלייבן אינמיטן געסל אין אַ קאַלוזשע בלוט, פלעגט ער, ווי דורך אַ גע־היימער האַנט שפּורלאָז פאַרשווונדן ווערן. צומאָרגנס, אין פּאָליציייִשן פּראָטאָקאָל, איז נישט מער געווען צו פאַרצייכענען ווי אַ פריילעכע נאַכט־הוליאַנקע פון עטלעכע „דומע יונגען". דערפאַר אָבער האָט די

„חלוצים־היים" יאָ געהאַט די „זכיה" פון פּאָליציייִאישע נאַכט־איבערפאַלן, און רעוויזיעס עטלעכע מאָל אין חודש; זוכונגען אויף אַלע שטאָקן; געגישטערט אין די רוקזעק, בודק געווען ווי נאָר אַ באַשריבן שטיקל פּאַפּיר, אויפגעלאָדנט אינמיטן דער נאַכט אַלע חלוצים אין די פּאָליצייִאישע קעטשלעך, זיי חוקר ודורש געווען אַ טאָג מיט אַ נאַכט; אָנגעקלונגען צו דער יידישער געמיינדע, צום הער דאָקטאָר ראַבינער ברויער, צו די פּני פון דער פראַנקפורטער קהילה; נאָך לאַנגע באַמיאונגען און שתדלנות, האָט מען זיי באַפרייט, מיט אַ באַהאַלטענע שנאה אין האַרצן, מיט אַ פאַרנעפּלטן, בייזן בליק אין די פּאָליצייִאישע אויגן.

צוצוקומען צו דער „חלוצים־היים" האָט מען געמוזט דורכגיין דאָס געסל צום „ראָטען־שילד", ווו ס'איז געשטאַנען אַ הילצערנע אַלטע געביידע, מיט עטלעכע טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו אַ שויבן־טיר, דורך וועלכער מען איז אַריין אין דאָזיקן אַלטמאָדישן בנין. לויטן פּנקס פון דער פראַנקפורטער קהילה, איז אין דעם הויז נאָך געבוירן געוואָרן געוואָרן ר' מאיר־אַנשל, דער פּאָטער פון דער באַרימטער דינאַסטיע, פון דער וועלט באַקאַנטער יידישער פאַמיליע ראָטשילד. נישט ווייט פון הויז פון די ראָטשילדס, דורכגייענדיק עטלעכע ציילן בלויז פון דער הויפּט גאַס, איז מען צוגעקומען צו זייער אַ שמאָל געסל, מיטן נאָמען „הירש־גראַבן", דאָרט האָט זיך געפונען דאָס הויז, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער, וועלט באַרימטער דיכטער געטהע...

אַזוי איז די „חלוצים־היים" אין דער שטאָט פראַנקפורט ביים מאַין, געווען אַרומגענומען פון דריי זייטן; לינקס — מיטן ראָטשילד־הויז, רעכטס — מיטן הויז פון גרויסן געטהע, מיטן פּנים — צו דער מאַטראָזן־שענק. נאָר פון איין זייט איז די „חלוצים־היים" אָפן און נישט געווען באַשיצט, הפקר, ווי עס קאָנען נאָר הפקר זיין יונגע יידן, אָן אַרבעט, אָן געלט, אין אַ פרעמדער, פיינטלעכער דייטשער שטאָט.

די עטלעכע הונדערט חלוצים, וואָס האָבן פון אָנהויב אַפּריל ביז סוף סעפּטעמבער, געאַקערט, געזייט, און געשניטן; אין פרי־האַרבסט דעם וויין געהאָלפן אַראָפּנעמען ביי די פּויערים פון דער בייערישער פּפאַלץ, און אין רהיינלאַנד, זענען זיך אָנהייב אָקטאָבער צעפאָרן אין די גרויסע שטעט, ווייל די בעלי־בתים־פּויערים האָבן מער פאַר זיי קיין אַרבעט נישט געהאַט.

— אין שפּעט־האַרבסט און אין ווינטער איז אויפן לאַנד נישטאָ וואָס צו שאַפן — האָבן די פּויערים געזאָגט צו די חלוצים — אַאוף ווידערזען!

די נאָנטסטע גרויסע יידישע שטאָט איז געווען פראַנקפורט ביים

מאַין, ווו ס׳רוב חלוצים זענען אָנגעקומען צופוס, ווייל נאָכן אָפּאַרבעטן אַ האַלב יאָר מיט אַ חודש לוין פון פינף מאַרק (טאַשן־געלט), האָט מען אויף קיין באַן־בילעט ביז פראַנקפורט נישט געהאַט. מיט קלימעקעס און רוקזעק, פאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, האָט מען דורכגעשפּאַנט דעם צענטער שטאָט. מיט לאַנגע, טונקעלע האָר ביז אויפן נאַקן, מיט די אומ־רואיקע יידישע אויגן, האָט מען אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פרידלעכע איינוווינער, וואָס האָבן שפּאַצירט אויף דער ברייטער הויפּט־גאַס. זיך דערפרעגט צו דער „חלוצים־היים״, וואָס איז כמעט געשטאַנען וואַנט ביי וואַנט מיטן ראָטשילד הויז; נאָכן פאַרצערן אַ פּאָרציע ראָזאָווע ברויט מיט אַ טעפּל ציקאָריע, האָט מען זיך אָוועקגעלייגט אויף אַ נידעריק פעלד־בעטל, און אַזוי, אין אָנטון, אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן מעת־לעת.

געעפנט די אויגן, האָט מען זיך געפונען אין אַ זאַל, ווו פיל פעלד־בעטלעך זענען געווען באַלייגט מיט יונגען. זיי האָבן געפלוידערט צווישן זיך, געררויכערט, אַנדערע האָבן געלייענט, אָדער סתם געלעגן מיט אָפּע־נע אויגן, פאַרטראָגן אין עולם הדמיון.

די יעניקע, וואָס האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין די זעלבע דערפער, אָדער ביים זעלבן פויער, האָבן זיך דאָ אין „חלוץ היים״, אויך געהאַלטן צוזאַמען, זיך געטיילט מיט אַלץ, צוזאַמען געשלענדערט איבער די גאַסן. האָט איינער פון זיי באַקומען אַרבעט, האָבן די אַנדערע געקאָנט זיצן אין אָוונט ביי אַ גלעזל וויין אין אַ „וויין־שטובע״, אָדער ביי אַ האַלבער ביר אין אַ ביליקן ביר־קעלער, און רעדן, דערציילן, פון נאָענטן אַמאָל, פון שטעטלדיקע זומער־פאַרנאַכטן, און פון היימישע ווינטערדיקע אָוונטן; טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, גוטע חברים, ליבע חברות, זענען נאָך אַזוי נאָענט געווען, אַז אין די נעכט זענען די חלומות פול געווען מיט זייער געשטאַלט, מיט זייער וואַרעמען אָטעם...

אין די פּרייטיק־צונאַכטסן איז דער גרויסער זאַל געווען ליכטיק און וואַרעם. מען האָט צוזאַמען דיסקוטירט איבער די ענינים פון דער וואָך, אויסגעאַרבעט תקנות, געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָרגט פאַר אַלץ, אין וואָס די חלוצים האָבן זיך גענויטיקט. די פאָנדן דערצו זענען געקומען סיי פון דער יידישער געמיינדע, סיי פון די פאַרשידענע הילפס־און פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזמען, וואָס האָבן נישט געפעלט אין אַזאַ אַלטער יידישער שטאָט, ווי ס׳איז געווען די שטאָט פראַנקפורט (ביים מאַין). האָבן זיך דעריבער אויך דיסקרעט געפילט די פאַרשידענע השפּעות און די הענט פון די געלט־שפּענדער אויפן „חלוץ היים״ און

אירע באַוווינער. און תרעומות אויף די דאָזיקע חלוצים האָבן אויך נישט געפעלט, ווייל מענטשן פון פאַרשידענע האָריזאָנטן, פון פאַרשידענע היימען, כאָטש אַלע באַהערשט פון דעם זעלבן אידעאַל: אויפגיין קיין ארץ ישראל, העלפן בויען דאָס לאַנד פאַרן אייגענעם פאָלק, פאַר יידן; האָט מען אָבער נישט רעליגיעז, נישט פּאָליטיש אפילו, האַרמאָנירט מיטאַנאַנדער. דאָ אָבער, אין יידישן פראַנקפורט פון דור דורות, איז דער גאַנצער בנין נאָר געווען געבויט אויף תורת משה און אויף די תרי״ג מצוות. אַזוי אַז די איידעלע, אָבער פעסטע האַנט פון ד״ר ראַבינער ברויערס טעמפּל האָט זיך געפילט אומעטום.

היינריך היינע דערציילט ערגעץ אין זיינע רייזע־באַשרייבונגען, אַז ווען ער איז אין איינעם אַ טאָג געקומען קיין פראַנקפורט, האָט ער דערפילט, אַז ס׳איז שבת; דאָס האָט דער „שאַלעט״ (טשאָלנט) געשמעקט אין די גאַסן, אין דער יידישער געגנט. אין די עטלעכע געסלעך אַרום דער „חלוץ היים״, האָט מען אויך דערקענט, אָדער דערפילט (לויטן געשמאַק פון טשאָלנט), אַז ס׳איז שבת. שוין פון פרייטיק נאָכמיטאָג אָן האָט זיך געמערקט דער ערב שבת אין דער „חלוץ היים״. אין די ווייסע טישטעכער, וואָס מען האָט געדעקט אין גרויסן זאַל, אין די ליכט, וואָס אַ פרויען־האַנט האָט געצונדן און געבענטשט. מיידלעך און יונגע פרויען פון רייכע היימען זענען געקומען באַדינען און דערלאַנגען צום טיש די שבתדיקע מאכלים פאַר די חלוצים.

נאָכן אָפּעסן זענען פיל מיידלעך געבליבן, און נאָך אַנדערע זענען צוגעקומען, הערן זינגען און דעקלאַמירן די „אָסט־יודן״ אין זייער יידישן „קוידערוועלש״. עס זענען אויך געקומען די רייכע חסידישע טעכטער פון קראָקע, וואָס האָבן דאָ געוווינט אין יידישע פּענסיאָנען, געלערנט יידישקייט און ווייבערישע מצוות אין ספּעציעלע אַנשטאַלטן מיט העבּ־רעאישע נעמען. געווען זענען דאָס פרישע, יונגע מיידלעך מיט לאַכנדיקע, בלויע אויגן, מיט פלאַקסענע גערדיכטע צעפּ, ראָזע באַקן, ווי ביי פוילישע פריצישע שיקסלעך. אַריינשיטן פלעגן זיי זיך אין פרייטיק־צונאַכטיקן „חלוץ היים״ מיט אַ געפילדער אין אַ וואַרעמער פוילישער שפּראַך. אָנגעטון אין שיין־געשניטענע מענטאַלעך, פון אַ גוטן שטאָף, פון פאַר־שידענע בונטע פאַרבן, מיט קאָקעטע היטעלעך אויף זייערע בלאָנדע קעפּ.

גערופן האָבן זיי זיך, איינע די אַנדערע, מיט פוילישע שלאַכטיצקע נעמען: וואַנדאַ! „זאָבאַטש!״. אָפּטמאָל פלעגן זיי קומען אין באַגלייטונג פון פראַנקפורטער רייכע יידישע טעכטער, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען געלערנט יידישקייט אין די זעלבע „פּענסיאָנאַטן״. זיי, די פראַנקפורטער,

זענען כמעט אַלע אָן אויסנאַם, געווען שוואַרץ־אויגיקע, שוואַרץ־האָריקע, מיט אַ צניעותדיקן בליק אין די טרויעריקע יידישע אויגן; בלאַסע באַקן און איידעלע געזיכטס־שטריכן, ווי ביי ישיבה בחורים. זיי פלעגן שטיין גרופּנווייז אין אַ ווינקל פון זאַל, אנטייל נעמען אין דער מסיבה נאָר מיט די אויגן, און פאַרשווינדן אַזוי שטיל, ווי זיי זענען געקומען, ווען דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן די ניינטע נאָכט שעה, איבערלאָזנדיק זייערע „אָסט־יידישע" פּענסיאָנאַט־חברטעס, וועלכע זענען נאָך האַלבער נאַכט אַהיים באַגלייט געוואָרן אין זייערע „היימען" פון העברעאיש, אָדער פויליש־רעדנדיקע חלוצים.

דאָס אַהיים־באַגלייטן די חסידישע צעבאַלעוועטע קראָקעווער טעכ־טער האָט אָפּטמאָל געדויערט ביז פּאַרטאָג. אין די האַלב־טונקעלע, דיסקרעטע „ווייך־שטובן" האָט מען זיך מער נישט באַדאַרפט צו רעכענען מיט פּרייזן פון די באַשטעלטע טייערע ווײַנען. אין די שלאַנקע, פיין־געשליפענע קרישטאַל־גלעזער האָט יום טובדיק געפינקלט, מיט אַ העל־בלאָנדן קאָליר, עלזאַסער, ווי אויך רהיינלענדישער ווײַן. צעשטראַלט האָבן זיך די אויגן, צעבונדן האָבן זיך צונגען, און אַ מבול פון רייד, אַ האַר־בער ציגאַרעטן־רויך האָט אָנגעפילט דעם דיסקרעט־באַלויכטענעם רוים פון דער „ווייך־שטובע". די מיידלעך זענען געזעסן ענג צוזאַמענגעדריקט אויף די רויט געפּאָלסטערטע פּלושענע בענק, מיט די רוקנס צו דער וואַנט.די חלוצים — אַקעגנאיבער, נאָנט פּנים צו פּנים, האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די פרישקייט פון זייערע באַקן, דעם מיידלשן גערוך פון זייערע האָר, און אין דעם טיף בלאָען שימער פון זייערע בליקן איז געלעגן אַ געמיש פון פרוי און קינד, פון פאַרשייטקייט און צניעות, פון אומגעצוים־טן נייגער און פאַרבאָרגענעם פּחד.

גערעדט האָט מען לייכט, אָן צוזאַמענהאַנג, ווערטער אָפּגעריסענע, מעשות אָנגעהויבענע פון סוף, און געענדיקט אינמיטן. די מיידלעך האָבן געשוויגן, און לויט זייערע אויגן, האָט מען געזען אַז זיי הערן נישט. און האָט זיך איינע פון זיי פון צייט צו צייט באַטייליקט מיט אַ וואָרט אין געשפּרעך, איז די יונגען קיין חילוק נישט געווען וואָס דאָס מיידל זאָגט, נאָר ווי אַזוי זי באַוועגט מיט די ליפּן, ווי ווייט זי דעקט אָפּ אירע בלענדנדיקע יונגע ציין, דער וואַרעמער קלאַנג פון איר מיידל־קול.

די קעלנערקעס אין ווייסע, קורצע פאַרטעכלעך, האָבן סערווירט אַ ווײַן, וואָס האָט געפינקלט אין די געשליפענע גלעזער, ווי אַ היימישער פּסח'דיקער באָרשט, נאָר קומענדיק אין באַריר מיט דער צונג און מיטן

גומען, האָט דער דאָזיקער װוּנדערלעכער געטראַנק דערמאָנט אין הייסע זונען, אין בלויע הימלען איבער אומענדלעכע ווײַן־פעלדער.

די מיידלעך האָבן אויסגעטון די מענטאַלעך, געבליבן זיצן אין די ענג־געפּאַסטע קליידלעך, מיט געעפנטע דעקאָלטן פון ווייסע שפּיצן־קרעגאַלעך. די בלאָנדע צעפּ האָבן ווייך געררוט אויף די ראָזע, יונגע נאַקנס און זיך לעבעדיק באַוויגן, מיט יעדן בויג פון קערפּער. אַ מיידל, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, און שאַרף באַאָבאַכטעט דעם מענע־רישן עולם, האָט פונדעסטוועגן דרייסט אַ זאָג געטאָן, האַלב אין געלעכטער, האַלב אין ערנסט:

— דאָס ווילט איר פאַרן בויען דאָס הייליקע לאַנד, די ערד פון אונזערע אבות?... און איר זיצט דאָ און רויכערט אום שבת, ווי די לאָבוזעס...

חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער; נאָך אַ ווײַלע איז אָבער שטיל געוואָרן. אַלע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּנים פון מיידל, צו פאַרשן דעם אמתן מיין פון דער מוסר'ניצע. אַ חלוץ, וואָס האָט דאָ מער געטרונקען ווי געררעדט, האָט שאַרף אַ זאָג געטאָן:

— פונדעסטוועגן שמעקט אייך דער שבתדיקער ציגאַרעטן־רויך, ווי עפּעס אַ פאַרבאָטענער פאַרפום, וואָס פאַרשיכורט, און פאַרטראָגט אייך אין אַ פאַרכישופטער וועלט...

די מיידלעך, וואָס האָבן קוים באַרירט מיט די ליפּן די גלעזער ווײַן, האָבן זיך איבערגעקוקט, געבליבן זיצן אַביסל ברוגזלעך. די לאַנגע זיידענע וויעס האָבן צוגעדעקט זייערע שיינע, וואַרעמע אויגן. אַ צווייטער חלוץ האָט שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— רויכערן אום שבת איז נישט אין סתירה מיט העלפן אויפבויען דאָס לאַנד ארץ ישראל... אָבער לערנען ווײַבערישע מצוות אין אַ פראַנקפורטער „בנות יעקב"־פּענסיאָנאַט, און טראָגן אַזעלכע „ביבלישע" נעמען, ווי וואַנדאַ, סטעפאַ, זאָכאַ, איז יאָ פאַראַן וואָס זיך צו וווּנדערן...

— ביי אונז אין דער היים — האָט אַ מיידל שנעל אַ מורמל געטאָן — רופט מיך דער טאַטישי חוה!...

אין ווײַטערדיקן געפּלוידער, האָט איינער פון די חלוצים אַ היימישן זינג געטאָן:

גענאַנגען איז חוהלע שטיל און פאַרחלומט,
צעלאָזן די גאָלד בלאָנדע צעפּ...

דער ניגון האָט וואַרעם אַרומגענומען די גאַנצע מסיבה, און אויגן האָבן זיך באַהאָפטן מיט אויגן:

ווער מאַמע, וואָס מאַמע, --- מיר יונגע --- מיר ---
טראַ לאַ לאַ לאַ ---

פון דער ווייך־שטוב אַרויס, איז מען געגאַנגען מיט צעראַיעטע בלוטן, ליאַרעמענדיק, בגילופין. די יונגען זענען געגאַנגען צעשיט, די מיידלעך ניכטערן און ערנסט, פעסט געאַרעמט איינע מיט דער אַנדערער, ענג צוזאַמענגעדריקט, ווי אַ פעסטונג מויער, נישט אָפּצורייסן איינע פון דער צווייטער... אַט גייען זיי, די חסידישע קראַקעווער רייכע טעכטער, אין אַ לינדן האַרבסט־פאַרטאָג אין דער אַלטער יידישער שטאָט פראַנקפורט (ביים מאַין), באַגלייט פון אַ האַלבן מנין חלוצים פון אַלע עקן פוילן, באַרוישט פון ווייַן און פון יוגנט, אָבער ניכטערן און ערנסט; ווייל פרעמד און פול מיט סכנות איז דער אַרום — — —

קאַפּיטל 2

דאָס הויקערל

אין איינס פון די ענגע צימערלעך, אין דער פראַנקפורטער „חלוץ־היים", זענען געווען צעשטעלט דריי פעלד־בעטלעך. צוויי לענג־אויס די ווענט, פון רעכטס, און פון לינקס, דאָס דריטע ביים איינציקן פענצטער, צום שמאָלן זאַק־געסל; קעגנאיבער דער מאַטראַזן־קנייפּע.

אַז פאַלק איז געקומען אָנצוציען מיטן רוקזאַק, צופוס אין שפּעט־האַרבסט, אין דער „חלוץ־היים", פון אַ דאָרף צווישן שפּייער און קייזערלאַוטערן, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט דעם גאַנצן פרילינג־און זומער־סעזאָן, ווי הונדערטער אַנדערע חלוצים, וואָס זענען געקומען לערנען לאַנדווירטשאַפט ביי די פויערים פון דער געגנט, איז ער געווען זייער מיד. נאָך דעם לאַנגן, צוויי־טאָגיקן מאַרש, האָט ער דעריבער, קיין סך נישט איבערגעפרעגט, דעם בחור מיט די סאַמעטענע רייט־הויזן, דעם פאַרוואַלטער פון דער „חלוץ־היים", ווען יענער האָט אים אָנגעוויזן דאָס דריטע פרייע בעטל, אין ענגן צימערל. ער איז אַזוי אָפּגעשלאָפן אין די זאַכן אַ גאַנצן מעת לעת, פאַלק; זיך אויפגעכאַפּט, אַ צעטומלטער, האָט עס לאַנג געדויערט, ביז ער האָט צוזאַמענגענומען זיינע געדאַנקען, זיך געכאַפּט ווו ער געפינט זיך. ער האָט דערזען דאָס הויכע, שמאָלע פענצטער, דאָס בעטל,

וואָס איז דאָרט געווען אַריינגעקוועטשט אַזוי, אַז עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעזען. צוקאָפּנס פון בעטל, איז געהאָנגען אַ געפּאַקטער מאַטראָזן־זאַק און אַ טונקל ברוינע לעדערנע קורטקע; אויף דער לינקער זייט טיר איז אין בעטל געלעגן אַ מענטש, מיט אַ גרויסן קאָפּ, באַדעקט מיט בלאָנדע, שיטערע האָר. צוגעדעקט איז ער געווען מיט אַ פעלד־גרויע, מיליטערישע קאָלדרע, ווי אַלע בעטלעך דאָ, אָבער אַ בעטגעוואַנטל פון פוך איז געלעגן איבער דער קאָלדרע און צוגעדעקט ביז אין דער העלפט דעם יינגלישן, ביינערדיקן גוף. אַ פּאָר גרויסע בלויע, תמימותדיקע אויגן האָט ער געפילט אָנגעשטעלט אויף זיך; זיי האָבן שטראַלנדיק און גוט צו אים געשמייכלט:

— גוט געשלאָפן? — האָט זיך דער מענטש געוואָנדן צו אים אין אַ ריינעם דייטש; און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער געזאָגט: — איך שלאָפּ שלעכט היער. זער שלעכט.

די טיר האָט זיך ברייט געעפנט, אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן דער בחור אין די סאַמעטענע רייט־הויזן, פריש ראַזירט און מיט אַ פריי־לעכן, קלינגענדיקן „שלום!" באַגריסט דעם ניי־אָנגעקומענעם:

— פּויליש? עברית? יידיש?

— יידיש! — האָט פאַלק געענטפערט.

— איז גוט! ווייל נעכטן אינדערפרי, ביי דיין אָנקומען, האָסטו נישט גערעדט... קוים דיין נאָמען אַרויסגעזאָגט, און געשלאָפן ביסטו שטייענדי־קערהייט.

ער האָט זיך דערביי יינגלדיק און ערלעך צעלאַכט.

— נו, און אַ שלעפל האָסטו געמאַכט... מיך רופט מען שמאי, איך בין דער פאַרוואַלטער פון דער „חלוץ־היים". אַ פאַרוואַלטער — האָט ער אַ פאַרקוועטש געטאָן זיינע „כל־בוינִיק" אויגן — דעמאָקראַטיש געוויילט. לויט אַלע דינים... נו, אונטן אין גרויסן זאַל, קאָנסטו באַקומען דיין פּאָרציע ברויט און אַ גלאָז טיי. וועסט זיך שפּעטער באַקענען מיט די „דינים" פון דער „היים", וואָס הענגט געשריבן אויף דער וואַנט, שוואַרץ אויף ווייס... דער עיקר: דיסציפּלין, אָרדענונג... חלוצים...

און ער איז פאַרשוווּנדן.

פאַלק האָט זיך נישט געאיילט צום פרישטיק. ער איז געווען הונגעריק. האָט געטראַכט: נו, בין איך אין דער באַרימטער שטאָט פראַנקפורט (ביים מאַין); די שטאָט, וואָס אין די חסידישע ספרים ווערט זי אַ סך מאָל דער־מאָנט; אַ שטאָט פון אַמאָליקע גרויסע רבנים און לומדים; אַ שטאָט פון ישיבות, ביז אויפן היינטיקן טאָג. פראַנקפורט... די געבורט־שטאָט פון „געטהע"... אין זיין גרויסער אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע ער רופט אָן:

„דיכטונג אונד וואַרהייט", באַשרייבט געטהע, מיט אַלע פּרטים יעדעס ווינקל, יעדעס געסל פון אַמאָליקן פראַנקפורט; סיי זייער הויז, סיי זיין משפחה. פאַלקן דאַכט זיך, אַז ער געפינט זיך דאָ, אין אַן אַלט־באַקאַנטער שטאָט...

— ווי איזט איר ווערטהער נאַמען? — האָט זיין בעט־שכן אים איבערגעריסן זיינע טראַכטענישן.

— איך הייס פאַלק.

— אונד איך... מיין נאַמען איזט פּאַללאַק! הייני פּאַללאַק! בין דער זאָהן דעם ראַבינערס, פאָן האַללע... (האַללע אַן דער זאַאַלע).

— זייער אַנגענעם, — האָט פאַלק געענטפערט.

און דערזען ערשט איצט, אַז דער בעט־שכן זיינער האָט אַ היפּשן הויקער אויף זיין יינגלישן רוקן.

— פאָן פאָילן? — האָט דער ראַבינער־זון זיך געפּלייסט צו פאַר־יידישן זיין דייטש...

— פון גאַליציען — האָט פאַלק פריינטלעך געענטפערט.

— מערקווירדיק! — האָט זיך דאָס הויקערל אויפגעזעצט אין בעט, מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ אין זיינע קינדישע אויגן — פּאָלנישע יודן, וואָס איך היער בעגעגנט האַב, האַבען פיל ריינע, דויטשע נאַמען... אונד דויטשע יודען דאַקעגען... נעמען זי צום־ביישפּיל מיך... איך הייסע פּאַללאַק... אונד זי, הייסען פאַלק! איזט דאַס נישט בעמערקונגס־ווערט? אונד גלייכצייטיק קאָמיש?

ער איז געזעסן אין בעט, מיטן רוקן אָנגעלענט אין קישן, האָט זיך זיין הויקער וויניקער אָנגעזען. דאָס נאַכט־טישל האַרט ביי זיין פעלד בעטל איז געווען באַשטעלט מיט פלעשלעך און רעצעפּטן, אַ טעלערל מיט אַ האַלבע לימענע דערויף, אַן אָנגעהויבן פלעשל מינעראַל־וואַסער, אַ גלאָז און אַ לעפעלע, יעדע זאַך אויף זיין אָרט. צווישן דעם אַלעם האָט אַרויסגעפּלאָמט אַ פירעקיק, קליין, דיק ביכל מיט רויטע טעווערעך.

— איך בין קראַנק... לייכטע ערקעלטערונג... יעדער הערבסט־סעזאָן פּאַקט עס מיך... — האָט זיך דער יונגערמאַן, ווי פאַרענטפערט — „שע־ביגעס וועטער"...

אַ שטיקל קלאַפּן אין דער טיר, האָט דעם קראַנקן געמאַכט אויפציטערן. ער האָט תחנונימדיק אַ הויב געטאָן זיינע אויגן צו דער טיר קליאַמקע און מיט אַ ציטערדיק קול אַ זאָג געטאָן:

— הערריין!

אין דער אָפענער טיר איז שטיינגעבליבן אַ שלאַנק מיידל אין אַ לאַנגן שוואַרצן רעגנמאַנטל, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, פון וועלכן עס האָט

אַרויסגעשימערט אַ קאָפּ מיט האָר, וואָס האָבן געמיניעט, צווישן טונקל־בלוי און שוואַרץ; מיט אַ מאַדאָנע־פּנים, אין וועלכן עס האָבן, טיף און סאַמעטן, אַרויסגעשטראַלט גרויסע, שוואַרצע אויגן.

— מאַן קאַן? — האָט זי געפרעגט און אַ ליבער שמייכל האָט זיך צעשפּילט אויף אירע שיינע ליפּן.

דאָס הויקערל האָט זיך אַ שיב אַראָפּ געגעבן און געבליבן ליגן אויפן רוקן, צוגעדעקט ביז צום האַלדז; בלויז דער גרויסער קאָפּ זיינער מיט די שיטערע, בלאָנדע האָר, און באַגייסטערטע בלויע אויגן, האָבן געקוקט און געשטוינט אויף דער דערשיינונג פון דעם יונגן מיידל, וואָס שטייט דאָ פאַר אים. זי האָט זיך פלינק אַ שטעל אַריין געגעבן אין ענגן צימערל, געבליבן שטיין, מיטן רוקן צו פאַלקס בעטל. פאַלק, שטאַרק מיד, איז געלעגן מיטן פּנים צום סופיט, האָט זיך קיין ריר נישט געטאָן. ער האָט אפילו זייער שמועס נישט געוואָלט צוהערן; אָבער איר קול האָט אויף אים אַזוי מאָדנע געווירקט, אַז אַלע זיינע טראַכטעניש, וואָס ער האָט דאָ געטראַכט ביז איצט, זענען מיטאַמאָל פאַרשווינדן, נאָר איר שטימע האָט אים אינגאַנצן באַהערשט און באַזעסן, אָט דער ווייכער, וואַרעמער קלאַנג, וואָס האָט זיך, ווי מוזיק, צעטראָגן אין ענגן חלוצישן צימער... וואָס זי האָט גערעדט מיטן קראַנקן האָט ער נישט געהערט, נאָר איר קול האָט אים פאַרוויגט, מיט אַ בענקשאַפט, ביז טרערן...

ווען ער האָט ווידער געעפנט די אויגן, איז זי שוין אין צימער נישט געווען. ער איז מער נישט זיכער געווען, צי עס האָט אים דאָס אַלץ נישט געחלומט... נאָר זיין בעט־שכן, האָט אַ באַגייסטערטער, אַ זאָג־געטאָן:

— איך ווייס נישט אָב זי מיך פערשטעהען ווערדען... אָהנע, די הערטאַ... ווער איך שאָן לענגסט קאַפּוט!

— הערטאַ! — האָט פאַלק נאָכגעזאָגט מיט פאַרגעניגן דעם נאָמען פון דעם מיידל — ה ע ר ט אַ!...

פאַלק האָט געזאָגט צו זיין בעט־שכן:

— צי וואָלט נישט מעגלעך געווען דו זאָלסט מיר זאָגן, דו... פון איצט אָן? ווייל „זי" דערמאָנט מיך נישט קיין גוטע דערינערונגען... מיינע פויערים, ביי וועלכע איך האָב געאַרבעט, און וואָס האָבן מיר „זי" געזאָגט, האָבן מיט מיר געאַרבעט ווי די יידן אין מצרים... נאָר די פויערים, וואָס האָבן מיר געזאָגט „דו", זענען געווען צו מיר מענטשלעך און קאָרעקט.

— פערלאַנג גאָרנישט בעסער — האָט דער ראַבינערן־זון אַ קריי געטאָן — מיט דעם „מאַטראָז" זענען מיר שוין לאַנגע פער דו...

— מאַטראָז? — האָט פאַלק, אַ נייגעריקער, איבערגעפרעגט.

— נו, יאָ. אונדזער דריטער בעט־נאָכבאַר, (שכן) דער נעבן פענצטער. ער רופט מיך איינפאַך: היינע. און איך, אים: ערנעסט.

— נו, זאָל זיין מיט מזל! היינע.

און פאַלק האָט אים מיט אַ לאַכנדיק פּנים אויסגעשטרעקט די האַנט...

— יאָ! יאָ! — האָט דער ראַבינערן זון נאָכגעזאָגט דאָס העבּרעאישע וואָרט מיט אַ ווייכע לאַמעד: מאַזעל! און מיטביידע דאַרע הענט אָנגענומען פאַלקס אויסגעשטרעקטע האַנט... — מיט מזל, און ברכה... — האָבן זיינע גוטע אויגן געשטראַלט פון גליק...

פאַלק איז אַראָפּגעגאַנגען מיט די ענגע טרעפּ, ביז אין גרויסן, האַלב־טונקעלן זאַל אַריין. קיינער איז שוין דאָרט מער נישט געווען. דער לענג־לעכער, נישט ברייטער זאַל איז געווען אויפגערוימט און ריין. אַדורכגייענדיק דעם קולואַר, צו דער אַרוסגאַנג־טיר, האָט אים פון אַ פענצטערל אַרויס אַ פרויען־שטימע געפרעגט, אויב ער וויל אַ גלאָז טיי מיט אַ פּאָרציע ברויט, קאָן ער נאָך באַקומען. פאַלק האָט העפלעך געדאַנקט און אַרויס אין געסל.

נאָך לאַנגע חדשים לעבן אין די בערג־דערפלעך, פון דער בייערישער פּפאַלץ, איז אים קודם דער גערויש פון דער גאַס באַפאַלן, צעמישט דעם מוח. פון אַ נאָענטער גאַס האָט זיך דערטראָגן צו זיינע אויערן אַ קלינגען פון אַ טראַמוויי, איז ער נאָכגעגאַנגען דעם קלאַנג, איז אַרויסגעקומען אויף אַ ברייטער, לאַנגער גאַס, גלייך ווי אַ ווירע, סיי רעכטס, סיי אויף לינקס. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך צוגעקוקט צום געגיי אויף די טראָטואַרן און געזען, אַז די מענטשן האָבן נישט קיין פריילעכע פּנימער, איינער דעם צווייטן קוקט אפילו נישט אָן...

דער טאָג איז געווען אַ טריבער, ווי ס'טרעפט אין שפּעט־האַרבסט, מיט שווערע, נידעריקע וואָלקנס. ער האָט גענומען גיין אויף לינקס, צו די העכערע הייזער צום צענטער. זיין הולך, זיין באַוואָקסענער קאָפּ האָר, זיינע פּאַמעלעכע טריט, זיין באַטראַכטן די מענטשן, די הייזער, דאָס אַלץ, האָט אים אָפּגעשיידט פון אַרומיקן עולם, וואָס האָט געאיילט, יעדער מיט זיך פאַרנומען, צו אַ באַשטימטן ציל. ער האָט אויף זיך געפילט נישט קיין פריינטלעכע בליקן, נאָר ער איז שוין דערצו געוווינט געווען. ער האָט געטראַכט: נאָר אין בערלין קוקט מען זיך נישט אום אויף קיינעם, דאָ אָבער, אין די שטעט, אין די דערפער פון דרום־דייטשלאַנד, איז יעדער מענטש, מיט אַ קאָפּ געדיכטע, טונקעלע האָר, אָן אַ הוט, אָן אַ רעגנמאַנטל... אַ „סענסאַציע", אַ „פיינד"... נישט קיין וווּנדער — האָט ער געזוכט די סיבה דערפון — נישט ווייט פון דאַנען אין דער רור־געביט, דאָרט זיצן

די פראַנצויזן... און אַביסל ווייטער, אין רהיינלאַנד, זיצט דער ענגלענדער...

ער איז פלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן פון דריי מיטלוווקסיקע מענער אין ליים פאַרביקע רעגן־מאַנטלען, מיט ווייכע, שמאָל־קאַנטיקע קאַפּעלישלעך, וואָס זענען שפּיציק געזעסן אויף זייערע קורץ־געשוירענע, פּירעקיקע קעפּ, מיט פּנימער און אויגן ווי ביי „בולדאָגס״:

— פאַפּירע?... פּאַשפּאָרט?... אַאוסווייז?...

דאָס האָבן אַלע דריי מיטאַמאָל, מיט הייזעריקע שטימען, געהוזשעט אויף אים, שטופּנדיק אים פון טראָטואַר אַראָפּ, צו אַ טונקל ווינקל פון אַ ברייט־געעפנט טויער. און אַז פאַלק האָט זיי געוויזן זיינע פּאַפּירן, זיי געענטפערט, אין אַ ריינעם דייטש, אַז ער איז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער, און קומט, ווייל דער „סעזאָן״ איז פאַרענדיקט, איבערווינטערן אין שטאָט אַריין, האָבן זיי זיך מענטשלעך צעשמייכלט:

— זאָ? זאָ?

און זיי האָבן אים אָנגעוויזן אַ זייטיק געסל, ווו עס געפינט זיך די „יודען־קיכע״. פאַלק איז אַריין אין דעם געסל, שטיין געבליבן פאַר אַ טונקעלע געביידע, ווו איבערן אַריינגאַנגס־טויער איז געווען אויפגעשריבן: „עזרה״ און איבער דעם — אַ פּסוק פון תנ״ך...

אין ריזיקן לאַנגן עס־זאַל איז געשטאַנען אַ גערויש, ווי אין אַ וואָק־זאַל, און דער באַקאַנטער גערוך פון אַן אָרעם מאַלצייט, וואָס באַשטייט פון אַ געדיכטער, פעטער זופּ. און ווייל עס איז שוין געווען מיטאָג־צייט, זענען די לאַנגע, שווערע טישן, די בענק אַרום שוין געווען באַזעצט מיט מענטשן פון אַ באַזונדערער האַלטונג און אויסזען; מיט אַ מאָדנער הלבשה, מיט צעריסענע זשעדנע בליקן. די צינערנע, טונקל גרויע לעפל, די בלעכערנע לייכטע טעלער זענען געווען צוגעקייטלט צו די טישן; אַפּט האָט זיך אַ לעפל פאַרפּלאָנטערט אין זיין אייגענער קייט, און צום מויל פון הונגעריקן נישט דערגרייכט...

פאַלק איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין אינמיטן זאַל, און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך מיט פאַרגעניגן אַרומגעשלענדערט איבער די גאַסן, איז פאַרביי די רחבותדיקע הייזער, געבויט ווי פעסטונגען. ריזיקע באַנק־הייזער, מיט גאָלדענע בוכשטאַבן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די פירמע, אָדער דעם באַזיצער; מאַרמאָרענע, ברייטע אַריינגאַנגס־טרעפּ, צו געלט־טעמפּלען. די געשעפטן זענען ווידער פול געווען מיט סחורות; די שפּייז־קראָמען — מיט כל טוב. ס'איז שוין געווען די צייט נאָך וואַלטער ראַטענאַו... נאָך דער אינפלאַציע... די צייט פון גאָלד־מאַרק... די צייט, ווען דער דייטשער קאָלאָס, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו וועקן...

קאַפּיטל 3

דאָס געטהע-הויז

גייענדיק ווו די אויגן האָבן אים געפירט, איז ער אַריין אין אַ לאַבי־רינט פון שמאָלע, אַלטע געסעלעך, איז דערגאַנגען ביז אַ בערגלדיק, פיר־עקיק פּלעצל מיט שמאָלע, צוויי־שטאָקיקע הייזלעך, מיט טורעמלעך און געשניצטע באַלקאָנדלעך. אין איינעם פון די געסלעך, וואָס לויפט לייכט באַרג־אַראָפּ, קעגנאיבער אַ פריזירער־אַנטשטאַלט, אַ בעקעריי, אויף רעכטס, אַ וווּרשט־געשעפט, אויף לינקס, איז געשטאַנען אַ גאָטיש צוויי־שטאָקיק הויז, מיט אַ ברייטן טרעפּן־אַריינגאַנג. אויף אַ מאַרמאָרענעם טאָוול איז געווען אויפגעשריבן: „דאָס איז דאָס געבורטס־הויז פון יאָהאַן וואָלפגאַנג פאָן געטהע"... און די דאַטע פון יאָר און פון טאָג... „געטהע! — האָט פאַלק פאַר זיך געמורמלט דעם באַרימטן נאָמען — געטהע!". און דער נאָמען פון היינריך היינע איז פאַלקן פלוצלינג געקומען אויפן רעיון...

אַ צווישנפאַל איז פאָרגעקומען צווישן די בײדע ריזן... און פאַלק האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ אין די מעמוארן, וואָס זענען פיל געשריבן געוואָרן וועגן היינריך היינע, ווערט געברענגט דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד: ווען דער יונגער היינע איז געקומען צום ערשטן מאָל באַזוכן דעם אַלטן, אָבער תמיד יונגן שעפערישן געטהע; (געטהע האָט דעמלט געאַרבעט איבער זיין צווייטן טייל „פאַוסט"), זאָל ער דעם יונגן גאַסט זיינעם האָבן אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס שרייבן זי עטוואָס גוטעס?

דערויף זאָל דער יונגער היינע, אויף זיין שטייגער, דעם אַלטן מייס־טער האָבן געענטפערט:

— איך שרייב יעצט... דעם דריטן טייל „פאַוסט"...

פאַלק האָט אַ שמייכל געטאָן און געטראַכט: חוצפה האָט אים נישט געפעלט, דעם דיסלדאָרפער דייטש־יידישן פאָעט: היינריך היינע...

לויטן פּראָגראַם פון דער „חלוץ היים" איז דער אָוונט געווען באַ־שטימט אויף „שיחות". די חלוצים זענען זיך צוזאַמענגעקומען און דיס־קוטירט וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען: וואָס נוגע דער „היים" און זיינע באַוווינער. פאַלק האָט געהאַט די געלעגנהייט, זיך צו באַקענען מיט אַלע חברים און חברות, וואָס האָבן דאָ געהאַלטן ווינטער־קוואַרטיר. אין דעם פירשטאָקיקן, אַלטן בנין, מיט אַ דריי־פיר צימערלעך אויף יעדן עטאַזש.

אינגאַנצן זענען עס געווען אַ דריי צענדליק בחורים, און אַ האַלב טוץ מיידלעך, כמעט אַלע באַשעפטיקט אין קיך, אַנדערע אַלס הויז־אויפּרוימע־רינס. פאַלק האָט דערקענט דאָס קול פונם מיידל, וואָס האָט אים אין דער פרי, דורכן קיך־פענצטערל אַנגעבאָטן אַ גלאָז טיי. בשעת די „שיחות" האָט מען זיך פיל מאָל געוואָנדן צו איר מיט עצות... און זי האָט באַשיידן,זאַכלעך געענטפערט:

— מען דאַרף אומבאַדינגט פאַרבעסערן די לאַגע אין געפעס וואַשן... די חברים, וועלכע אַרבעטן נישט, דאַרפן צוהעלפן אין קיך... אומבאַדינגט!

שמאי, דער פאַרוואַלטער, האָט פאַרצייכנט. פון „דרויסן" פלעגט אויף די „שיחות" נאָר קומען די הערטאַ אַפּנהיימער. זי האָט היינט אין דעם אָוונט געהאַט צו מעלדן, וועגן עטלעכע אַרבעטער־שטעלן פאַר די חלוצים.

— פון „באַד הומבורג" האָט מען זיך געוואָנדן צו מיר — האָט זי נישט דרייסט אויפגעהויבן אירע אויגן אויף די צוהערער — דאָרט קאָן מען באַשעפטיקן אַ פינף חלוצים, ביי אַן אַלטער יידישער דאַמע, אַ גוט־באַזיצעריך, ביי פאַרשידענע הויז־אַרבעטן. גוטע באַדינגונגען פאַרזיכערט. אַ שטעלע איז אויך פריי — האָט זי אַריינגעקוקט אין איר נאָטיץ־ביכל — אין אַ העברעאיש־יידישער בוכהאַנדלונג, דאָ אין שטאָט, יאָ! — האָט זי זיך דערמאָנט — אַ פויליש־יידישע פאַמיליע פאַרלאַנגט אַ „האַלוצאַ" אַלס אַרויסהעלפערין אין דער הויז־ווירטשאַפט. רעדן פויליש געווונטשן...

אַ געמורמל האָט אַ רויש געטאָן איבערן זאַל. די חלוצים האָבן זיך איבערגעקוקט מיט איראָנישע בליקן. פאַלק האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם מיידל מיט די פעך־שוואַרצע האָר, מיטן מאַדאָנע־פּנים, וואָס דער גאַנצער זאַל איז פול געווען מיט איר זינגענדיק קול און מיט אירע וווּנדערבאַרע אויגן... דער פאַרוואַלטער, אויבן אָן, און לעבן אים אַ בחור מיט פולע, קיילעכדיקע באַקן, דאָס מיידל פון קיך מיטן קלוגן פּנים, אין זיין לינקער זייט, אויך זיי האָבן געקוואָלן פון דער פראַנקפורטער יידישער טאָכטער, מיטן שולמית־פּנים... פאַלק, דאָס פּנים חדשות, איז געווען די סענסאַציע פון אָוונט. ער איז געזעסן אין אַ ווינקל פאַרשטעקט, אָבער יעדע מינוט, האָט זיך אַן אַנדער פּנים אויסגעדרייט אין זיין זייט און אים זייטיק באַטראַכט. הערטאַ, וועלכע האָט געקוקט אין איר נאָטיץ ביכל בעת זי האָט גערעדט, האָט, דוכט זיך, אויך אַ קוק געגעבן אין זיין זייט, ווען זי האָט דערציילט וועגן דער גוטער שטעלע אין „באַד הומבורג". נאָך די „שיחות" האָט שמאי, דער פאַרוואַלטער פון דער „היים", פאַרגעשטעלט פאַלקן פאַר הערטאַ, און געזאָגט:

— באַקענט אײַך! פֿאַלק, דער נײַ געקומענער; און הערטאַ אָפּענ־הײמער, מײַן כּלה...

דערנאָך האָט שמאַי אָפּגעפֿירט זײַן כּלה צו איר אַהײם.

נאָך אַ גאַנצן טריבן טאָג אַרומשפּאַצירן איבער די פֿראַנקפֿורטער גאַסן, איז פֿאַלק, אַ מידער, אַרויף צו זיך אין צימערל. ער האָט בײדע קוואַרטיראַנטן פֿון שותּפֿות־צימערל געטראָפֿן יעדן פֿאַרטאָן מיט זיך. דאָס עלעקטרישע נאַקעטע לעמפּל האָט געל געבלענדט אינמיטן סופֿיט. דאָס הויקערל איז געלעגן פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך מיט רויטע טעוועלעך. אויפֿן צווייטן בעט, בײַם פֿענצטער, איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ שטאַרק באַוואַקסענעם קאָפּ האַרטע האָר, און געדזשאָבעט מיט אַ נאָדל־פֿאָדעם, אין אַן אָפּגעשאָסן, העמד, וואָס איז געלעגן בײַ אים אויף די פֿעסטע קניען.

— שלום! — האָט פֿאַלק באַגריסט, זײַנע בײשלעפֿער, און זיך אויס־געשטרעקט אויפֿן בעטל. „הערטאַ!... — האָט ער במחשבה אַרויסגערופֿן די געשטאַלט פֿונם מײדל — באַקענט אײַך!...“ — קלינגט אים נאָך אין די אויערן, שמאַי, דעם פֿאַרוואַלטערס רײד — „דער חלוץ, פֿאַלק! און הערטאַ, מײַן כּלה“... די הערטאַ האָט אַראָפּגעלאָזט איר בליק, און שמאַי׳ס רבניש פּנים, זײַנע קלײנע, שוואַרצע „כּל בוניק“ אײגעלעך, האָבן זיך ייִנגלעריש צעשטראַלט. הײסט עס... — האָט פֿאַלק װײַטער מיט אַן אומ־קלאָרער הנאה געטראַכט — אַז דאָס מײדל, מיט דעם שוואַרצן גלאַנצ־דיקן רעגנמאַנטל, מיט דער מוזיקאַלישער שטימע, מיט די װוּנדערלעכע אויגן, די, װעלכע איז הײַנט אין דער פֿרי געשטאַנען פֿאַרן בעט פֿון דעם קראַנקן האַללער רב׳ס זון, דאָ אין צימערל, און אַרויפֿגעלײגט איר האַנט אויפֿן קראַנקנס שטערן; די, וואָס פֿאַרזאָרגט די חלוצים מיט אַרבעט. זי איז דאָס דעם פֿאַרוואַלטערס כּלה... שמאַי, און — הערטאַ... הערטאַ און — שמאַי... — האָט ער בײדנס נעמען און געשטאַלטן קעגנגעשטעלט, אײנער קעגנאיבערן צווײטן... זי, הערטאַ, שלאַנק, שײן־געוואַקסן, ווי אַ יונג טאַנען־בײמל, און ער, שמאַי, קורץ און ברײט, מיט ווײכע היפּטן, מיט זײַן שווערן פֿאַמעלעכן גאַנג.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז דאָס בעטל לעבן פֿענצטער שוין געשטאַנען „געמאַכט“, דער מאַטראַץ־זאַק, די לעדערנע קורטקע דעריבער, זענען געהאָנגען אויף זײער אָרט. פֿאַלק האָט דערפֿילט, אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן ליכטיק געשטראַלט אויף אים, גלײַך זײ וואָלטן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זײַן אויפֿשטײן.

— אַ געוואָנהײט בײַ אײַ... בײַ דיר... — האָט דאָס הויקערל הײמיש אַ זאָג געטאָן — צו שלאָפֿן אין די קלײדער?...

פאַלק האָט זיך אויפגעזעצט, באַטראַכט אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט:

— איבער זיבן חדשים אויפצושטיין פריער נאָך ווי די זון, איז נישט אַזוי איינפאַך...

— יאָ! — האָט דער קראַנקער צוגעגעבן — עס איז באַקאַנט, אַז דער דויטשער „מיכעל" (אַן אַלגעמיינער דייטשער פויערים נאָמען) אַרבעט ווי אַ נאַרר!

— היינט מאָל דיר — האָט פאַלק זיך אויפגעשטעלט — צו זיין אַ קנעכט ביי „מיכעלן"...

פאַלק האָט זיך דערנענטערט צום קראַנקנס בעט, געפרעגט ווי ער פילט זיך היינט.

— אויסגעצייכנט! פריש און מונטער! — האָט זיך דאָס הויקערל פלינק אויפגעזעצט אין בעט, און מיט באַגייסטערונג אַ זאָג געטאָן — שאָן זייט געסטערן מאָרגען, זייט די הערטאַ דאָ וואַר...

פאַלק האָט אַ קוק געגעבן אויפן ביכל מיט די רויטע טעוועלעך, און איבערגעלייענט דעם נאָמען פון מחבר: פרידריך ניטשע... ביידנס בליקן האָבן זיך מאָדנע באַגעגנט. ביי פאַלקן האָט זיך פאַרענדערט דער אויסדרוק פון זיין פנים; ער האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, און דערשטוינט אויסגערופן:

— ניטשע?

און היינע, דעם האַללע'ר רב'ס זון, מיטן יינגלישן צעבראָכענעם גוף, מיטן היפשן הויקער אויף זיין ביינערדיקן רוקן, האָט ברייט צעעפנט אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, און באַגייסטערט געמורמלט:

— וואָס פיר איינע קראַפט! וואָס פיר איין מאַן! דער... זאַראַטוסטראַ...

אונטן, אין קיך, איז מער באַוועגונג געווען, ווי אַלע טאָג. די הויפּט־קעכין, וואָס ביי די „שיחות" האָט זי יעדער אָנגערופן ביי איר פאַרנאָמען: צביה, און אירע צוויי אַרויסהעלפערינס, זענען געווען שטאַרק פאַר־פאַרעט. געזען פאַלקן, דעם ניי געקומענעם, האָט זי אים נאָכאַמאָל געזאָגט: זי קען מאַכן אַן אויסנאַם, און אים סערווירן דאָ אין קיך.

פאַלק האָט געדאַנקט, ער וועט שוין עפּעס איבערכאַפּן אין שטאָט, אַזוי ווי נעכטן. דאָס מיידל האָט אַ לאַך געטאָן:

— אַ חלוץ מיט געלט... אין ראָטשילדס געבורטס־שטאָט... דאָס איז אַ נאָווינע...

— יאָ! — האָט פאַלק, נישט אָן שטאָלץ, אַ זאָג געטאָן — איך האָב אַ ביסל געלט...

צביה איז געבליבן שטיין, פאַרחידושט, און פאַרלייגנדיק אירע בײדע נאַקעטע אָרעמס אויף דער ברוסט, האָט זי גענומען אַ הערכערן טאָן:

— געלט? — פון וואַנען? פון די פפעלצער פויערים, די קמצנים... די אויסנוצערס?... די חברים קומען דאָך צופוס... פון די דערפער דאָ אַהער צוגיין, נאָך אַ האַלב יאָר אָפּאַרבעטן עבודת פרך... האָט קיינער אויף קיין באַן־בילעט נישט... איך ווייס אסור נישט — האָט זי זיך וואָס אַמאָל מער צעהיצט — ווער עס זיצט דאָרט אין דער בערלינער „צענ־טראַלע". מען שיקט מענטשן אַרבעטן „סתם", אָן אַ קאָנטראַקט, אָן אַ סאָציאַלע פאַרזיכערונג. און אַז חלוצים, איז וואָס? דאַרף מען דעריבער אַרבעטן בלויז פאַרן עסן?

— און פינף מאַרק אַ חודש טאַשנגעלד — האָט פאַלק צוגעגעבן.

— פינף! — האָט צביה אַ נעם געטאָן שייערן מיט כעס אַ קופּערנע פאַן — פינף! אַז זיי מעגן שוין ליגן אין... ס'איז נישט דאָס אָרט דאָ — האָט דאָס מיידל אָפּגעהאַקט אינמיטן — צו זאָגן דעריבער דעם ריכטיקן גראַם...

פאַלק האָט אַ שמייכל געטאָן, גענומען אַוועקגיין.

— אָבער פאַרט! — האָט דאָס מיידל ענערגיש אויסגעשטרעקט צו אים אירע פולע, נאַקעטע אָרעמס — ווו האָסטו פאַרט גענומען געלט?

פאַלק האָט זי אָנגעקוקט. אויף איר ערלעכער פראַגע, האָט ער איר געגעבן אַן ערלעכן ענטפער:

— איך האָב אין אַ קליינער יידישער קהילה, צווישן שפּייער און וואָרמס, געדאַוונט פאַרן עמוד, ראש השנה, און יום כיפור... און זיי האָבן מיך גוט באַלוינט דערפאַר.

דאָס מיידל האָט ערנסט געשוויגן, און נאָך אַ פּויזע, האָט זי שטיל געזאָגט:

— האָסט זיי נישט אָפּגענאַרט? האָסט ערלעך געדאַוונט?

פאַלק האָט דערויף ערנסט און שטיל געענטפערט:

— איך האָב ערלעך און אויפריכטיק געבעטן מיט זיי... און אויך געפאַסט...

פאַר פאַלקס אַוועקגיין, האָט זי נאָך געזאָגט:

— היינט איז פרייטיק. די פרייטיק־צונאַכטס'ן און שבת מיטאָג עסן די חלוצים צוזאַמען; דאָ — האָט זי אים געוואָרנט מיט אַ פינגער, שמייכלענדיק — קאָנסטו קיין אויסנאַם נישט זיין...

— אַה! — האָט פאַלק זיך באַגייסטערט — דאָס וועט זיין מיין ערש־

טער פרייטיק צו נאַכטס, נאָך אַזויפיל וואָכעדיקע שבתים... תודה לך! (אַ דאַנק דיר) שלום! ולהתראות!

און זי האָט זיך מיט אימפּעט גענומען צוגרייטן דעם שבת...

אין גאַס האָט פאָלק באַטראַכט: לעניבס באַרימטע פאָרמולע, אַז יעדע קעכין וועט דאַרפן קאָנען אָנפירן מיט דער מלוכה... האָט ער אוודאי אין זינען געהאַט אַזאַ טיפּ, ווי די חלוצקע צביה...

קאַפּיטל 14
די פרייטיק צונאַכטסן

די פרייטיק־צונאַכטס'ן, אין דער פראַנקפורטער „חלוץ־היים" האָבן גע'שמ'ט צווישן יידן אין שטאָט. נאָך דער שבת'דיקער סעודה, מיט פיש, פלייש און חלות, מיט וועלכע די גוטע, פרומע לייט האָבן באַזאָרגט די „חלוץ־חיים", האָט מען געזונגען „זמירות", געזאַנג, פאַרשידענע רעציטאַ־ציעס. די פראַנקפורטער יידישע טעכטער, מיט הערטאַ אָפּענהיימער אין דער שפּיץ, האָבן אויפגעלעבט פון דער יידישער פאָלקס־נגינה. זייערע בלאַסע באַקן האָבן זיך געררויטלט, זיי האָבן זיך צעבליט, גלייך זיי וואָלטן באַקומען פריש בלוט אין זייערע אָדערן, די „בנות יעקב" און די „בנות עקיבה". די קראָקעווער רייכע חסידישע טעכטער, וואָס זענען אַהערגעקומען קיין פראַנקפורט, צו לערנען „דיני נשים" (ווייבערישע געזעצן) אין די ספּעציעלע רעליגיעזע דייטש־יידישע אַנשטאַלטן; זיי, וואָס זענען איינ־געוויגט געוואָרן מיט דער דאָזיקער יידישער פאָלקס־נגינה... זיי האָבן זיך געמאַכט, אַז זיי פאַרשטייען נישט... „טאַ באַבטשיאַ שפּיעוואַלאַ" (דאָס האָט די באָבע געזונגען) — האָט איינע פון זיי, מיט פלאַקסענע צעפּ, מיט אַ פּנים פון אַ שיקסל, אַ דריי געטאָן מיטן קורצן נעזל. פאָלק האָט גוט געקענט די דאָזיקע „העכערע" קראָקעווער חסידישע קרייזן. ער האָט גע־טראַכט: און דער טאַטע דיינער... וואָס לויפט אויף שבת קיין סאַנדז, צום אַלטן — זאָל לעבן — און ברענגט זיך אַהיים פון דאָרט אַ נייעם ניגון. אויף „בני היכאַלא"... אָדער אויף „יה רבון עלם"...

נאָר קיין סך צייט צו טראַכטן האָט דאָ פאָלק נישט געהאַט; ווייל הערטאַ, צווישן אירע חברטעס, האָט פאַרנומען זיין מוח און זיינע חושים. ווי די מלכה שבת, איז זי דאָ געזעסן, האַלטנדיק איר קאָפּ באַוועגלעך

ווי אַ סאַרנע, אין טונקעלן, סאַמעטענעם באַרדאַ־קליידל, פאַרשפּיליעט ביז צום האַלדז. אין אירע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גלאַנץ פון דורות, פון די ברענענדיקע שבת־ליכט... צווישן עולם איז דאָ געזעסן, אַריינגעקוועטשט, זיין בעט־שכן, הייני פאַללאַק. חוץ די הערטאַ, האָט ער דאָ קיינעם נישט געזען... זיינע בלויע, קינדערישע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט. אַ יום טוב'דיקער שמייכל האָט געררוט אויף זיין קנאַ־כיק, בלאַס פּנים, און ער איז שיין געווען... מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלעמען, האָט דאָ אַרויסגעשטעקט דער שטאַרק באַוואַקסענער „מאַטראַז", מיטן געדיכטן קאָפּ אָפּגעשאָסענע, האַרטע האָר. די באָרד זיינע, די קליינע פאַרבלאָזע אויגן, האָט אים שטאַרק אָפּגעשיידט פון דעם יונגן עולם. אַ פרעמדקייט האָט געיאָגט פון אים, ווי פון אייבעם, וואָס אָט איז ער ערשט אָנגעקומען פון ערגעץ ווייט. זיין אָפּגעבערענט און באַוואַקסן פּנים האָט דעם גאַנצן אָוונט געטראָגן אויף זיך אַן אויסדרוק פון אַ מאַסקע... אומבאַוועגלעך, און קאַלט.

די פאַרוואַלטונג פון דער „היים" איז געזעסן אויבן אָן, בחברותא. נאָכן עסן האָט זיך אויך צביה דאָרט געזעצט. שמאי, דער פאַרוואַלטער, האָט נאָר וואָס געהאַט פאַרענדיקט דאָס פאַרלייענען „די דריי מתנות" פון י. ל. פּרץ. דער גאַנצער זאַל האָט באַגייסטערט אַפּלאַדירט. דאָס רבנישע פּנים פון פאַרלייענער האָט מיוחס'דיק געשטראַלט; ער האָט מיט זיינע פאַרזשמורעטע, קליינע, שוואַרצע אויגן אַרומגעזוכט די הערטאַ אין זאַל. נאָר הערטאַ האָט געשמאַק געשמועסט מיט אירע אַ חברטע.

ס'איז שטיל געוואָרן. די הפסקה האָט זיך אַביסל צו לאַנג פאַר־צויגן.

— זאָל דער ניי געקומענער אונז עפּעס זינגען — האָט זיך דער־הערט צביה'ס אַלעמען באַקאַנט קול.

אַלע האָבן מיטאַמאָל אויסגעדרייט זייערע פּנימער אין פאַלקס זייט, אין ביי אַ אַלגעמיינער שטילקייט, געוואַרט... פאַלק, זיך נישט געריכט אויף אַזאַ „יעמוד", האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָר געבליבן זיצן, ווי נישט אים מיינט מען.

— נו, יאָ! — האָט צביה נישט אָפּגעלאָזט, ווידער אַ זאָג געטאָן — דער ניי געקומענער... דער חבר פאַלק!

און אַז צביה באַפעלט, חידושט זיך קיינער נישט, פון וואַנען זי ווייסט דעם נאָמען פון ניי־געקומענעם, און בכלל, ווו האָט זי דאָס גע־נומען, אַז ער קאָן דווקא זינגען, דער דאַזיקער חלוץ... וואָס האַלט זיך אַביסל „רעזערווירט" פון דער ווייטנס... נישט ביים פרישטיק און נישט

ביים אָונט־עסן זעט מען אים. אָה! דער פאַלק! ס'איז אים נישט היינט אָונט „זינגענדיק" אויף דער נשמה... זיצט ער, דאָ אומבאַלומפּערט און שווער, און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. ער האָט געפילט אויף זיך אַלע־מענס אויגן. ער האָט נישט געוווסט, אַז מענטשלעכע בליקן קאָנען אַזוי שווער זיין...

אַמיינסטנס האָט ער געפילט הערטאָס אויגן אויף זיך. ביז אין האַרץ אַריין האָט ער אירע אויגן דערפילט, און עס איז אים הייס געוואָרן. פון פאַרוואַלטונג־טיש, האָט זיך געלאָזט הערן אַ „רבישער" — נו? — ער האָט דערקענט דאָס קול פון הערטאָס חתן: — נו?

און פאַלק האָט, אָן צערעמאָניעס, ווי נישט מיט זיין קול, אַ זינג געטאָן:

און אפשר פאַרלאַנגסטו, ליובעניו, אַ קוש...
אַ אַנדערן צוויי און דיר איינעם נישט...

נאָכן זינגען, איז ער באַלד אַוועק אין זיין צימערל, נישט אָנצינדנדיק קיין ליכט, האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אויפן פעלד־בעטל.

פאַרוואָס אים איז איינגעפאַלן צו זינגען אַזאַ ביליק פאָלקס־לידל, האָט ער אַליין נישט געקאָנט באַגרייפן; שוין־זשע האָט אים אויסגעפעלט אַ ליי־טיש פאָלקס־ליד? ער, פאַלק, וואָס האָט די ערשטע צייט „אין דער גרוי־סער וועלט" געלעבט פון זיין קול נגינה... ער, דער מחבר פון „חלוצל", זאָל דווקא פאַר חלוצים זינגען אַ לידל, וועלכעס „אויפגעקלערטע" בייטאַרינס האָבן אין שטעטל ביי זיי געזונגען, ווען זיי האָבן אין די שבת־נאָכמיטאָגן געטאַנצט, ביי פעשע עסטשע רחלס, די זאַקניירין. מיטאַמאָל ווערט אים קלאָר, אַז דאָס האָט הערטאָס חתן, מיט זיין „רבנישן" „נו", אין אים דאָס לידל אַרויסגערופן... ווען האָט ער געמיינט, אַז נישט זיין כלה? — ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „ליובעניו"... ס'איז נישטאָ קיין ספק, — האָט ער זיך געפילט רויט ווערן — יעדער האָט געזען, אַז ער מיינט דעם פאַרוואַלטערס כלה... הערטאַ אָפּענהיימער... נאָר צוליב איר, און צו איר... האָט עס דער חלוץ פאַלק געזונגען:

און אפשר פאַרלאַנגסטו, ליובעניו, אַ קוש...

ער האָט זיך גענומען אויסטאָן אין דער פינצטער, געוואָלט פאַר־געסן דעם נאַרישן אינצידענט, פון נישט פאַסיקן לידל, וואָס ער האָט דאָרט

אונטן, אין זאַל, געזונגען, צווישן די חלוצים, אַרום די שבת־ליכט... וואָס דען האָב איך געזאָלט זינגען? אַלץ די צביה! צו וואָס האָב איך איר היינט אין דער פרי באַדאַרפט אויסזאָגן, אַז איך האָב געדאַוונט פאַרן עמוד, אין אַ שטעטל, ערגעץ ביים רהיין, ראש השנה און יום כיפור... און צוריקגע־שמועסט... וואָס האָב איך צו דעם פאָלקס־לידל? אמת, די מעלאָדיע איז נישט קיין יידישע... דאָס איז אַן אַלטע פוילישע מעלאָדיע... וואָס די פוילישע שלאַכטע האָט אונטער אירע קלאַנגען געטאַנצט אין זייערע פּאַלאַצן... אין די פּאַלוואַרקן פאַרצייטנס... דאָס איז אַ ניגון, וואָס גייט אים נאָך, פון דער פריעסטער יוגנט אָן... ווען אין אַפּשטאָם־שטעטל פון איינער פון די דריי גרעסטע, אַלט־פוילישע פירשטן־משפּחות, די ליובאָמירסקיס... — יעדעס יאָר, דעם דריטן מאַי, האָט דאָרט דער „קושאַנזשע" געמאַכט אַ באַל פאַר זיינע געסט, האָט פון די אָפענע פענצטער פון ווייסן פּאַלאַץ, וואָס איז גע־שטאַנען נישט ווייט פון רבינס הויף, אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטע־כעטן, אויסגעאַרבעט פון אַ קינסטלערס האַנט, מיט מעשענע באַלקעס אויף זייערע שפּיצן, וואָס גאַנצע סטייעס הינט מיט רוצחישע שליפּיעס, מיט אויפגעריסענע פּיסקעס, מיט שאַרפע ציין, פלעגן קומען אַנצולויפן מיט אַ געוואַלט, ווען מען האָט זיך נאָר דערנענטערט צו די אייזערנע שטעכעטן... אין די מאַיאָווע פאַרנאַכטן האָט זיך אַ צעשאַל געטאָן איבערן שטעטל די פאַרכישופטע וווּנדערבאַרע מעלאָדיע, וואָס ער האָט פריער, ווי אין אַ חלום, אַ זינג אַרויס געגעבן... פון זיין קינדהייט אָן, גייט אים נאָך די פאַנטאַסטישע מעלאָדיע; און תמיד ווען זיין האַרץ איז באַקלעמט, און די נשמה טוט וויי, טוט זי אַ זינג אַרויס פון זיינע אינגעווײדן, קעגן זיין ווילן... נישט די ווערטער פון דעם ליד, וואָס זענען נאָר אַ שטעטלדיקע לאָקאַלע „פאַרפאַסונג", איז געווען זיין כוונה, נאָר דער ניגון... דאָס געזאַנג פון זיין קינדהייט... ער איז איינגעשלאָפן אומרואיק און שווערע קאָשמאַרן האָבן אים געפּלאָגט אַ גאַנצע נאַכט.

קאַפּיטל 5

צביה

שבת נאָכן „טשאָלנט" איז מען געקומען און געגאַנגען אין די ענגע, בשותפותדיקע חלוצים־צימערלעך. פון פרייטיק נאָכמיטאָג ביז שבת באַ־

נאַכט, האָט זיך געפילט די דיסקרעטע, אָבער פעסטע האַנט פון ברויערס סינאַגאַגע...

איבער דער „חלוץ היים", צווישן די „דינים", וואָס זענען געהאַנגען אויף דער וואַנט אין יעדן צימערל, איז געווען פאַרשריבן, שוואַרץ אויף ווייס: „נישט קיין פייער מאַכן, נישט רויכערן, נישט אַרבעטן „אים זאַמסטאַג" (שבת). ערנסט דער מאַטראַז האָט געזאָגט: „שייסטע!" און איז אַוועק אין גאַס אַריין. דאָס הויקערל איז געלעגן אויפן רוקן, פאַרטיפט אין „זאַראַ-טוסטראַ". צביה, אַן אויסגעפוצטע אין אַ ווייס בלוזקעלע, מיט אַ שפּיצן-קראַגעלע, אין שוואַרצע האַלבע שיך, מיט אַ ווייסן ראַנד אַרום, האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיטן פרייען שבת'דיקן נאָכמיטאָג. זי האָט זיך דעריי-בער אָנגעכאַפּט אין פאַלקס אָנבאָט:

— קום, חברטע צביה, און באַקוקן מיך מיט דער שטאָט.

צביה האָט אַ שמייכל געטאָן:

— די צוויי טעג, וואָס דו ביסט דאָ, זעט מען דאָך דיך נישט אין דער „היים", ווי גרויס דער טאָג איז... דאַרפסטו די שטאָט שוין בעסער קענען ווי יעדער איינער פון אונדז.

זי איז פונדעסטוועגן אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין שטיבל, און צוריק-געקומען אין אַ ברוין מענטעלע מיט קראַגן און זיי זענען ביידע, שמייכלענ-דיק און צופרידן, אַרויס אין גאַס אַריין. אָפּגעגאַנגען אַ היפּש שטיק מיט דער לאַנגער „צייל", האָט צביה געזאָגט:

— דאָ אויפן ערשטן שטאָק, איז דאָס „קאַפעהויז" פון חלוצים. דאָ פאַרברענגען זיי זייער פרייע צייט. ווילסט אַרויפגיין?

— ניין! — האָט פאַלק געענטפערט — מיט די חלוצים האָב איך שוין פאַרברענגט נעכטן אין אָוונט, און היינט, ביים שבתדיקן מיטאָג עסן.

זי איז אָנטשוויגן געוואָרן, און נאָך אַ ווײַלע, אַ זאָג געטאָן:

— הערטאַ קומט דאָרט אויך אַרויף...

פאַלק האָט אויף איר אַ פאַרחידושטן בליק געטאָן, זי האָט אָבער אויס-געמיטן זיין בליק, און שווייגנדיק זענען זיי ווייטער געגאַנגען.

— מיטן חתן? — האָט פאַלק צו שנעל אַ פרעג געטאָן — מיטן פאַרוואַלטער? מיט שמאי?

האָט צביה צוריקגעענטפערט:

— ניין! זי קומט אָפט אַליין...

פאַלק האָט שוין חרטה געהאַט פון זיין אָפּזאָג, צו באַזוכן די חלוצים-קאַפע; נאָר ער האָט בעסער באַשלאָסן אָפּצוהאַקן וועגן הערטאַ און איר חתן שמאי...

שבת נאָכמיטאָג זענען די ביר־האַללען, די קאַפע הייזער, באַזעצט מיט געסט, ביז אויפן לעצטן בענקל. נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר, זענען זיי אַרויף אויף אַן ערשטן שטאָק פון אַ רחבותדיקער „בעסערער קאָנדיטאָריי״, מיט פיל ברייטע, זויבערע פענצטער. צוליבן טריבן נאָכמיטאָג, זענען שוין די קרישטאָלענע לאָמפּן געווען אָנגעצונדן, און איבער די אינטימע צוויי זעסל־טישלעך, אַרום די העלע טאַפּעצירטע ווענט, האָבן, ווי אין לייכ־טער, אין פאָרם פון ליכט, שוין געברענט די עלעקטרישע לאָמפּן. צביה איז אומבאַהאָלפן שטיין געבליבן פאַר אַ טישל, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אירע הענט. ביז אַ באַדינערין, אין אַ ווייס שירצל, מיט אַ ווייסער הויב אויף איר בלאָנדער „גרעטל־פריזור״, האָט ביי איר צוגענומען דעם מאַנטל און איר אָנגעוויזן אַ בענקל. מיט איר שנעלן קלוגן בליק, האָט צביה אַלץ אַרומגענומען, באַלד „שלום״ געמאַכט מיט דער „סיטואַציע״ און געבליבן זיצן רואיק, גלייך נישט דאָס ערשטע מאָל געפינט זי זיך אין אַזאַ סביבה, אין אַזאַ בירגערלעך קאַפע־הויז...

אַז פאַלק האָט זי געפרעגט, וואָס ער זאָל באַשטעלן פאַר איר צו טרינקען, האָט זי געענטפערט:

— נישט קיין חילוק...

האָט פאַלק, נישט אָן איראָניע, געזאָגט:

— וואָס הייסט, טייערע קעכין מיינע, „נישט קיין חילוק?״ צי איז דען נישטאָ קיין אונטערשיד צווישן אַ שאָקאָלאַד, אַ קאַפע, אַ טיי, אָדער „מים אחרונים״־וואַסער?

זי האָט זיך האַרציק צעלאַכט און פאַרשטאַנען... דערנאָך זענען זיי שוין געזעסן „גלייך אויף גלייך״, געגעסן, געטרונקען און לייכט געפלוידערט.

זי האָט מיידלעריש, מיט איידעלע זשעסטן, געטרונקען הייסן שאָקאָ־לאַד. די אויגן ביי איר, ווי פון ברוין ביר, האָבן באַקומען, אין ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן, אַ קאָליר פון צעשמאָלצן זילבער.

— קוק נישט אַזוי אויף מיר, חבר פאַלק — האָט דאָס מיידל, נישט אָן שטאָלץ אַ זאָג געטאָן — קענסט זיך נאָך חלילה, אין מיר פאַרליבן...

— און וואָס, מיינסטו, וואָלט געווען? — האָט פאַלק אָנגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר ערנסטע אויגן.

— געווען... געווען... וואָלט גאָרנישט... נאָר מיין בחור וואָלט נישט צופרידן געווען...

— דיין בחור? — האָט פאַלק, האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט אַ פרעג געטאָן — און ווו געפינט ער זיך דאָס, דיין בחור?

— אַז איך וועל דיר אַלץ אויסזאָגן מיטאַמאָל — האָט דאָס מיידל סודותדיק געזאָגט אין שמייכל — וואָס וועט בלייבן אויף מאָרגן?

זיי האָבן זיך ביידע גוטמוטיק צעלאַכט, זיך פאַרשטאַנען...

— נעכטן אין אָוונט — האָט צביה אָנגעהויבן, ווי אין דער מיט — אַז איך האָב געבעטן: „זאָל דער ניי־געקומענער אונדז עפּעס זינגען"; האָב איך געמיינט, אַז ווּעסט אונדז זינגען, דיין „חלוצל".

פאַלק האָט אויף איר אָנגעשטעלט אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן.

— נו יאָ! — האָט דאָס מיידל זייער פּשוט איבערגעחזרט דיין „חלוצל"...

געזען די פאַרוואונדערונג פון פאַלקן, האָט זי געזאָגט:

— אין וואַרמס... נאָכן שניט, האַיאַר... בעתן גרויסן צוזאַמענפלי פון אַלע חלוצים, פון די אַרומיקע דערפער, פון גאַנצן קרייז פון „פּאַלאַטינאַט", ביסט געווען דאָרט?

— יאָ — האָט פאַלק געענטפערט.

— און דעם קאָלעקטיוון מיטאָג־עסן, אין גרויסן פעלד־שייער, געדענקסטו?

— איך געדענק!

— דאָן האָט זיך אַ בחור אַרויפגעשטעלט אויף דער עסטראַדע און געמאָלדן: „און איצט, חברים, וועט אונדז זינגען „דאָס חלוצל" דער מחבר אַליין"... און האָסט געזונגען — האָט צביה געענדיקט און צוגעגעבן: — איך בין דאָרט אויך געווען...

פאַלק האָט געשוויגן. ווייל דער געשמאַק פון נעכטיקן געזאַנג איז אים ווידער באַפאַלן, ער האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ נאַריש לידל איך האָב עס נעכטן אָוונט געזונגען...

— הערטאַ! — האָט צביה געזאָגט, קוקנדיק אים שאַרף אין די אויגן אַריין, — הערטאַ איז באַגייסטערט פון דיין געזאַנג... זי האָט מיר נאָך דיין פאַרשווינדן געזאָגט: „דאָס ליד, וואָס דער ניי־געקומענער האָט געזונגען, קאָן זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע „לידער" פון דייטשן פאָלקלאָר... און די מעלאָדיע פון דעם ליד, איז פון גרויסן מוזיקאַלישן ווערט...

— הערטאַ? — האָט פאַלק, אַביסל צופיל פאַרצויגן דעם נאָמען...

— האָט מיט דיר גערעדט פון מיר?

נאָך אַ פּויזע, האָט צביה געזאָגט:

— דעם פרימאָרגן, ווען הערטאַ האָט באַזוכט אייער שותּפות צימער, דעם קראַנקן היינץ, דעם זון פון ראַבינער פון האַללע... איז זי צו מיר אַריינגעקומען אין קיך, און מיך געפרעגט: „ווער איז דאָס דער חלוץ,

וואָס שלאָפט אין די קליידער ?"... איך האָב איר געזאָגט, אַז דו ביסט דער פּאַרפאָסער פון „חלוצל".

די קאָנדיטאָריי איז אינצווישן פול געוואָרן. פאַלק האָט דערקענט אַ סך יידישע פּנימער. צביה האָט באַמערקט זיינע בלאָנדזשענדיקע אויגן איבערן זאַל, און האָט זיך אָנגערופן:

— קיין חלוצים קומען דאָ נישט... — און זי האָט ניכטערן צוגעגעבן

— איך וואָלט געקאָנט אויסלעבן מיין לעבן אין פראַנקפורט, און נישט וויסן, אַז אַזאַ אָרט עקזיסטירט...

פאַלק האָט זי רואיק אָנגעקוקט, און, נישט אָן איראָניע, אַ זאָג געטאָן:

— „אַזאַ אָרט"? נאָך זיבן חדשים, צווישן שטאַלן, צווישן קנעכט... אויף ענגע בוידעם־מאַנסאַרדעס, מיט אַ דאַך־לופטשיקל פאַר אַ פענצטער, ווילט זיך דיר זיצן אין ליכטיקע, זויבערע, רחבותדיקע זאַלן, אַרום ווייס־געדעקטע טישן מיט זילבערן באַשטעק, און אַ „גרעטל" אַלס באַדינערין...

צביה האָט אים אָנגעקוקט ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל דערזען, און געזאָגט:

— לויט דיינע בגדים, לויט דיין „הולך", זעסטו אויס ווי אַ חלוץ... אָבער קיין נשמה פון אַ חלוץ האָסטו נישט... דאָס האָב איך נאָך געזען אין וואָרמס... נאָכן געזאָנג, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „שיחה", ביסטו אַוועק צו די ברעגן פון רהיין, נישט ווייט פון לאַגער. כ'האָב געהערט ווי דיין „ראש הקבוצה" (גרופּן־אָנפירער) האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט אין דיין זייט: הוא אינו שומע שיחות... (דער אָ, הערט קיינמאָל נישט קיין שיחות). אַ שיינער צוזאַמענפלי געווען, — האָט צביה זיך באַגייסטערט — איבער פיר הונדערט חלוצים, פון דער גאַנצער „פפאַלץ" און פון דער רהיין־געגנט... אַ טייל זענען געקומען צורייטן אויף פערד פון זייערע פויערישע בעלי בתים, אַ טייל — אויף ראָווערן, אַ גרויסער טייל צופוס...

און פאַלק האָט זיך טאַקע דערמאָנט דעם קאָלעקטיוון באַזוך אין רשי'ס שול... די שטול אויסגעהאַקט, אין דער שטיינערנער וואַנט. די מקוה, און די ספר תורה, וואָס לויט אַ לעגענדע, האָבן די יידן פון שפּייער, בכדי זי צו ראַטעווען פון די הענט פון די „קרייץ־ציגלער", זי אַריינגעוואָרפן אין רהיין... מען האָט די ספר־תורה אַרויסגעצויגן ביי די רהיין־ברעגן אין וואָרמס, אובאַשעדיקט, אָן אַ פּגם...

— האָסט דאָס אַלץ אויך געזען? — האָט צביה שטיל און עמאָטיוו געפרעגט.

— יאָ! — האָט פאַלק געענטפערט, אַ גערירטער — אָבער נישט אין דעם טאָג פון גרויסן צוזאַמענפלי פון די חלוצים. יעדן פרייען זונטיק

האָב איך אויף אַ ביציקלעט באַזוכט אַן אַנדערע יידיש־היסטאָרישע־שטאָט, לענגאויס דעם רהיין... מאַינץ, די שטאָט פון דעם „בעל ונתנה תוקף״... וואָרמס, די שטאָט פון רש״י, שפייער, די שטאָט פון ר׳ יהודה החסיד. אין לעצטן דאָרף, ווו איך האָב געאַרבעט ביים האַרבסטן, (וויין־טרויבן שניידן) האָב איך צופעליק אָנגעטראָפן אויף אַ פאַרוואָרלאָזטן אַלטן יידישן בית עולם, מיט הונדערטער, מיט מאָך באַוואַקסענע, איינגעזונקענע מצבות, מיט אָפּגעריבענע העברעאישע אותיות... און אַ שול איז געשטאַנען אין דעם דאָרף, אַ פּראַכט־בנין; אַן אַלטער האַלב־בלינדער שמש, האָט געהאַלטן די שליסלען פון דאָזיקן פאַרלאָזטן מקום קדוש...

צביה האָט געהאָרכט מיט צעעפנטע, דורשטיקע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט געטליעט אַ פונק פון „גאָט פון אברהם״...

— און שמאי? — האָט פאַלק פלוצלינג אַ פרעג געטאָן — איז אויך געווען צווישן די חלוצים אויפן גרויסן צוזאַמענפלי, נאָכן שניט?

— אָ, — האָט צביה, פאַרבאָרגן אַ שמייכל געטאָן — ער געהערט נישט צו דעם סאָרט מענטשן, וואָס זענען זיך אַזוי לייכט מטריח... דער שמאי... אַ געענדיקטער אַגראָנאָם, גרייט ער זיך עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל דעם קומענדיקן פרילינג.

זי איז שטיל געבליבן. אָנקוקנדיק פאַלקן, האָט זי צוגעגעבן:

— הערטאַ... בלייבט נאָך דאָ, לעת־עתה, ביז שמאי וועט זיך דאָרט איינאָרדענען.

דערנאָך האָט זי ניכטערן אַ זאָג געטאָן:

— קיין גוטע גרוסן באַקומען מיר נישט פון דאָרטן... די אומרועןו... דער עקאָנאָמישער קריזיס, און דער ענגלענדער... נאָר אַזוי ווי אין „נייעם פוילן״ שטיקן זיך דריי מיליאָן יידן... רייסט מען זיך צו דער נייער היים... מען בויט אַ ניי לעבן...

זי האָט אַ קוק געגעבן אַרום זיך, ווי אַ מענטש אַ בעל־עול. אין דרויסן זענען שוין די גאַסן־לאָמפּן געווען צעצונדן, די נאַכט איז געלעגן אין יעדן שאָטן־ווינקל.

— האָסט דיינסט היינט אויפדערנאַכט? — האָט פאַלק געפרעגט.

— ניין! — האָט צביה געענטפערט — נאָר אַ טיר נעבן אַ טיר פון אונדזער „חלוץ־היים״ איז דער „פאַריין״ פון די לינקע פועלי ציון: דאָרט רעדט כאַשין היינט אין אָוונט. ווילסט צוגיין?

— כאַשין? — האָט פאַלק, אַן חשק, איבערגעפרעגט — אַלעקסאַנדער כאַשין? איך האָב אים געהערט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין ווין... אַ פייערדיקער רעדנער...

קאַפּיטל 6

ערנסט דער מאַטראָז

אין דער „חלוץ־היים" זענען די שבת אויפדערנאַכטן געווען פון די סאַמע אומעטיקסטע נעכט פון דער גאַנצער וואָך. אפשר דערפאַר, ווייל לויט די „דינים" פון הויז, האָט מען נישט געטאָרט אָנצינדן קיין ליכט פאַר דער שעה פון „אויס שבת". אָדער ווייל די חלוצים זענען אַוועק אין די ביר־האַללען, אין אַנדערע פאַרווייַלונגס ערטער פון שטאָט. איז דעריבער אין די שותפות צימערלעך און אין גרויסן זאַל, פוסט און טונקל. און פאַלק האָט זיך דערמאָנט אין י. ל. פרץ׳ס „די גאָלדענע קייט", ווי דער רבי ר׳ שלמה וויל קיין הבדלה נישט מאַכן, און ער שרייט אויס: שבת זאָל זיין! שבת!...

אין שותפות־צימערל האָט פאַלק אָנגעטראָפן, ביים אַנגעצונדענעם קאַרגן לעמפל, זיינעביידע קוואַרטיראַנטן. ערנסט, דער מאַטראָז, האָט אויף זיין הייזעריקער מאַטראָזן־שטימע, אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט:

— קוואַטש!... איינפאַך — קוואַטש!...

ביי זיין אַריינקומען, האָט זיך די דיסקוסיע צווישן ערנסט דעם מאַט־ראָז און דעם האַללע׳ר ראַבינערס זון, נישט געענדיקט. פאַרקערט, די דיסקוסיע צווישן ביידע קוואַרטיראַנטן האָט זיך נאָכמער צעפלאַקערט. נאָר פאַלקן איז אַלץ נישט קלאָר געווען, אין וואָס דאָ גייט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן פעלד־בעטל און געהאָרכט. גערעדט האָט דער מאַטראָז, און דאָס הויקערל האָט שווייגנדיק צוגעהערט. אויף זיין האַמבורגער דיאַ־לעקט, האָט דער מאַטראָז מער־ווייניק אַזוי געזאָגט:

— ביי מיינע עלטערן, די פיש־הענדלער, האָב איך קיין רעליגיע נישט געלערנט. איך בין מער אויפגעצויגן געוואָרן אין האַמבורגער פּאָרט, אין די קנייפּעס פון די פיש־פאַנגער, ווי אין די יידישע רעליגיאָנס־שולן. יום־כיפור האָבן מיך די עלטערן מיטגענומען אין דער „גראָסע סינאַגאָגע", וווּ דער אָרגל האָט געשפּילט... נאָר אין מיין „דינסט" די פיר יאָר קריג ביי „ווילהעלם" (קייזער ווילהעלם), אין פאַרשידענע „או־באָאָטן" (אונטער־וואַסער־שיפן) האָב איך אויפן רעליגיעזן געביט באַמערקט מערקווירדיקע דערשיינונגען. פון קאַפּיטאַן פון דער „או־באָאָט" ביז צום קיכער־געהילף, האָבן אַלע, ביי יעדן פאַרדעכטיקן קראַץ, וואָס מיר האָבן געהערט איבער אונדזערע קעפּ, ווען מיר האָבן וואָכן לאַנג געלויערט אויפן פיינט, אין די

טיפענישן פון אַטלאַנטיק... אַלזאָ ביי יעדן מינדסטן שאָרך, האָבן אַלע דעם „קרייץ־פיגור״ געמאַכט איבער זיך (זיך געצלמט), און גערעדט נאָר מיטן „אַלמעכטיקן אין הימל״. די זעלבע מאַטראָזן, ווען מיר האָבן געהאַלטן „קוואַרטיר״ אין די גרויסע פּאָרט־שטעט, ווי ריגען, ראָסשטאָק, אָדער קיעל, אין די קנייפּעס, צווישן ווייבער און וויין, דאָ... איז קיינעם פון די קערלען — אויפן זינען נישט געקומען, צו דערמאָנען גאָטס נאָמען... איך וויל דער־מיט זאָגן — האָט דער מאַטראָז פאַרענדיקט — אַז „רעליגיאָזיטעט״, וואָהל... אין יעדן פון אונדז איז דער אינסטינקט פאַראַנען... אָבער, „צוואַנגס־רעליגיאָן״, ווי די „ברויערס״ (הויפּט־ראַבינער פון דער פראַנקפורטער קהילה) עס היער מאַכען... דאָ זאָג איך איינפאַך: קוואַטש! אונד „שייסע!״

פאַלק האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אויצושיסן אַ געלעכטער. ער האָט נאָר אַ הנאה׳דיקן שמייכל געטאָן און גענומען אויסבעטן זיך.

די זונטיק־פרימאָרגנס, זענען געווען די שטילסטע און רואיקסטע אין דער „היים״. כמעט אַלע חלוצים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די אַרום־שטאָ־טישע פאַבריקן און פאַרשידענע אונטערנעמונגען, זענען געשלאָפן לענגער, אָדער געלעגן וואַך. ווער ס׳האָט געפּלוידערט מיט זיינע בעט־שכנים, ווער ס׳האָט געחלומט מיט אָפענע אויגן...

ווען פאַלק האָט געעפנט די אויגן, האָט ער שוין געטראָפן דעם מאַט־ראָז אָנגעטאָן, דאָס בעט געמאַכט; פאַרענדיק זיך אַרום זיין מאַטראָזן־זאַק, האָט ער פאַר זיך אונטערגעברומט עפּעס אַ לידל, צופרידן צוגעפּייפט:

„די געזעגנגע דער מאַטראָזען
די צערייסן מיר דאָס הערץ! יאָ, דאָס הערץ!״

דאָס הויקערל איז געלעגן מיט אויפגעריסענע, קינדישע אויגן און קרעפּטיקן בחור, וואָס האָט דאָ פאַרנומען, מיט זיינע ברייטע אַקסלען, אַ האַלבן צימער... דער עקסטאַז, מיט וועלכן, דער צעבראָכענער קערפּער פון האַללער רב׳ס זון האָט דאָ נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען און די טו־אונגען פון ערנסט, דעם מאַטראָז, איז געווען פון אַ מענטש, וואָס שטייט אַ פאַרוונדערטער פאַר אַ נאַטור־דערשיינונג... פאַר עפּעס אַן אויסערגעוויינ־לעכן ספּעקטאַקל... פאַלקן איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דאָס ביכל מיט די רויטע טעוועלעך, וואָס ליגט תמיד אויפן נאַכט־טישל ביים הויקערל מיטן לומדישן שטערן און די פאַרחלומטע אויגן, און זיין באַגייסטערונג פאַר „זאַראַטוסטראַ״, „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ״...

— נו! — האָט דער מאַטראַז איבערגעהאַקט דאָס שווייגן פון זיין בעט־שכן — דאָ געהט'ס איבערן טאָג אין טאַאונוס־געבירגע...

ער האָט דערביי אַרויפגעלייגט זיין מאַטראַזן־זאַק איבער די אַקסלען און געזאָגט:

— הערלעך זענען די טאַאונוס־בערג אין שפּעט האַרבסט... זאַנגע ווירד עס הויטע געבען... אונד נאָך פילע רעגען־טאַגע, פינדעסט דו די „גראַסע פּילצע" אונד אַנדערע סאָרטן שוואַממען...

און מיט אַ ווייל־יונגערישן „טשאָו", איז ער אַרויס פון צימערל. עס איז שטיל געוואָרן אין חדר'ל, ווי נאָך אַ געוויטער. דאָס הויקערל האָט געטאָן אַ בליאַסק מיט זיינע בלויע אויגן אויף פאַלקס בעטל, און דערזען, אַז ער ליגט וואַך, האָט ער אַ זיפץ אַרויס געגעבן:

— אַך! וואָס פיר איין קערל! אַ פּראַכט פאַן אַ יונגע!...

און מיט באַגייסטערונג, דערציילט פאַלקן די מעלות, און די גוטע מידות פון דעם דריטן קוואַרטיראַנט זייערן, ערנסט, דעם מאַטראַז. ער אַרבעט אין די גרויסע, וועלט־באַקאַנטע כעמישע פאַבריק: אי. גע. פאַרבען. דאָרט מוז מען שווער „שופּטען"...

— נאָר פאַרדינען, פאַרדינט מען גראָב...

און מיט זיינע דאַרע, אַדערדיקע הענט, וויט אַפּגעזונדערט איינע פון דער צווייטער, וויזט ער, וואָס הייסט „גראָב" פאַרדינען.

ער וויל, דער ערנסט, מיט אייגענע „מיטלען" „אַאולע" זיין... (עולה זיין קיין ארץ ישראל). פיל פון די חלוצים זענען שוין אַוועק אַרבעטן אין פאַבריקן פון אי. גע. פאַרבן. אָבער נאָך דריי טאָג זענען זיי קאַפּוט געווען, צוליב דער שווערער אַרבעט...

— ער אָבער... — האָט ס'הויקערל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — ערנסט... — האָט זיך זיין פּנים צעשטראַלט — ער אַרבעט שוין דאָרט דעם גאַנצן זומער, און נאָך קיין איינציקן טאָג נישט אויסגעזעצט. איבעריקנס — האָט ער ווי איינגערוימט אַ סוד — קיין גוטן נאָמען האָט ער דאָ נישט, ביי דער פאַרוואַלטונג, דער „בורשע" (דער יונג). דאָס איז דערפאַר, ווייל ער אַרבעט אום שאַבעס... (שבת).

אַ שטילער קלאַפּ אין דער טיר האָט ביי אים דאָס לשון אָפּגענומען. מיט אַ דערשטיקטן אָטעם, האָט ער קוים אַרויסגעבערענגט פון זיין מויל:

— הערריין!

אויף דער שוועל איז שטיין געבליבן, ווי אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג, אין אַ געפּאַסט, טונקל בלוי מענטעלע, מיט אַ ווייסן געשטריקטן בערעט אויפן קאָפּ, הערטאַ... זי האָט היינט, מער ווי תמיד, יום טובדיק געשטראַלט;

און אַ ריח פון בלומען האָט זיך געטראָגן פון אירע קליידער און פאַרשמעקט דאָס מענערישע חדרל. זי האָט אָן רייד אַוועקגעלייגט אַ היפש פּאַקעטל, זויבער פאַרפּאַקט, און זיך מער נישט אויסגעדרייט מיטן רוקן צו פאַלקס בעטל.

— אַך! — האָט דער קראַנקער אָנגעשטעלט אַ פּאָר דאַנקבאַרע אויגן אויף דעם מיידל — פרישע וועשעו!

קאַפּיטל 7

הערטאַ

פאַלק, וועלכער האָט זיך אינצווישן דער מעשה פון הויקערל וועגן ערנסט דעם מאַטראָז, שוין געהאַט ראַזירט, זיך אָנגעטאָן, האָט מיט וואַרעמע אויגן געקוקט אויפן אומגעריכטן מאָרגן־גאַסט, און אויך זי האָט אים נייגעריק באַטראַכט. זייערע בליקן האָבן זיך דורשטיק און מיט בענקשאַפט באַהאַפטן. ס'האָט אויסגעזען, גלייך די צוויי יונגע מענטשן וואָלטן זיך, נישט צום ערשטן מאָל דערזען, נאָר זיך ווידערגעפונען... אָן רייד, איז איר פאַלק נאָכגעגאַנגען צו דער טיר. אויף דער גאַס זענען זיי שטיין געבליבן, זיך אָנגעקוקט און געשוויגן... פאַלק האָט נישט קיין צייט געהאַט, זיינע אויגן אויפגעהויבן צום הימל, ווייל זיי האָבן גערוט אויף הערטאַס פּנים. ער האָט נאָר געזען, אַז דער מאַטראָז האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט אַ זאָג געטאָן: „הויטע ווירד עס זאָננע געבן". אָנשטאָט לינקס, צום צענטער פון שטאָט, האָט הערטאַ מיט לייכטע טריט געשפּאַנט אויף רעכטס; און פאַלק, ווי אין חלום, איז איר נאָכגעגאַנגען... נאָך אַ קורצן מאַרש, זענען זיי שטיין געבליבן פאַר אַ טראַמוויי סטאַציע און געוואַרט. מיט אַ שאַרפן סיגנאַל, זענען עטלעכע טראַמוויי־וואַגאָנען געקומען אָנצולויפן, פאַרלאַנג־זאַמט שטיין געבליבן. די וואַגאָנען זענען געווען פול געפּאַקט מיט יונגע מענטשן, מיט רוקזעק אויף די אַקסלען, מיט אויסגעלייגטע כאָקי־העמדלעך, קורצע סאַמעטענע הייזלעך און שווער באַנאָגלטע שיך. פאַלק האָט באַדאַרפט מיט כוח פון זיינע אָרעמס, נישט אָפּגעריסן צו ווערן פון זיין באַגלייטערין. האָט מען זיי פאַרדרענגט אין אַ ווינקל פון לעצטן וואַגאָן, לעבן פענצטער פון דער הינטערשטער פּלאַטפאָרמע, צוגעדריקט איינער צום צווייטן, האָבן זיי מער געשוועבט אין דער לופט, ווי געשטאַנען. דער טראַמוויי האָט

זיך אַ שאָקל געטאָן און נאָך פעסטער די צוויי יונגע מענטשן צוזאַמענגעשמאָלצן.

הערטאַ און פאַלק האָבן נאָך אַלץ געשוויגן, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג איינער פון צווייטן. מיט אַ קאָפּ העכער פון איר, האָט ער מיט זיינע ליפּן איר שטערן באַרירט; זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן אויף אים און געשמייכלט מיט אַ שמייכל פון אַ קינד, וואָס האָט דאָס פאַרלוירענע שפּיל־צייג זיינס פלוצלינג צוריק געפונען... און ער האָט פון די טיפענישן פון אירע שוואַרצאַפּלען, אַרויסגעדאַוונט איר נאָמען: הערערטאַ! — — —

די הייזער האָבן אָנגעהויבן נידעריקער צו ווערן; איינשטאָקיקע, פּאַוויליאָנען, אַרומגעצוימטע מיט גערטלעך, זענען געלאָפן פון ביידע זייטן שאָסיי. דיביימער זענען נאָך געווען פילבלעטערדיק און טונקל־גרין. לאַנקעס און פעלדער האָבן זיך געשפּרייט, ווי ווייט דאָס אויג האָט דער־גרייכט דורך די טראַמוויי שויבן. הערטאַ האָט, וואָס ווייטער פון שטאָט, אַלץ שטראַלנדיקער און גליקלעכער אויסגעזען. אירע פולע ליפּן, האַלב געעפנט, אין עקסטאַז; אַ קוואַל פון באַגייסטערונג זענען געווען אירע אויגן. זי האָט דורשטיק געטרונקען די געגנט, איינגעזאַפּט אין זיך פאַלקס הימישע מענערישע נאָענטקייט. דער טראַמוויי האָט שוין איצט געמאַכט זייער לאַנגע סטאַציעס. אַראָפּגעשטיגן איז קיינער נישט. אַלץ שנעלער און ווייטער האָט זיך דער טראַמוויי געטראָגן פון שטאָט אַוועק. פּאַראַלעל מיט די לויפנדיקע וואַגאָנען איז געלאָפן דער ברייטער טייך, דער מאַין.

— מיר קומען איצט אין דער רהיין־געגנט — האָט פאַלק צום ערשטן מאָל דעם היינטיקן פרימאָרגן דערהערט הערטאַס שטימע.

די זעלבע שטימע, וואָס האָט אים, מיט עטלעכע טעג פריער ווי פאַר־כישופט, ווען זי האָט אין יענעם פרימאָרגן באַזוכט דעם קראַנקן הייני, אין זייער צימערל.

מיט אַ געפּילדער, אין איילעניש, זענען די יונגע מענטשן אויסגעשטיגן, זיך געלאָזט מיט אַ וואַלד־סטזשעשקע. הערטאַ האָט פאַלקן אַ נעם געטאָן פאַר זיין האַנט און אים אַ צי געגעבן אין שליאַד פון פריילעכן יונגן עולם. נאָך אַ גוטן מאַרש, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן אַ רחבותדיקער, זון שטראַלנדיקער וואַסער־אויסגוס, וואָס איז געלעגן ווי אַ מעכטיקער שפּיגל, איינגעראַמט, צווישן אומענדלעכע, גרינע לאַנקעס.

דאָס האָבן זיך ביידע טייכן, דער מאַין און דער רהיין, צוזאַמענגע־גאָסן, געוואָרן איין מעכטיקער מאַיעסטעטישער שטראָם. פאַלק און הערטאַ האָבן פאַרשנעלערט די טריט, ווייל דער ציל איז געווען — אַ ווייסער דאַמ־

פער, וואָס האָט געוואָרט אויף זיי. ער האָט זיך שוין בולט אָנגעזען אויפן ווייטן בלויען האָריזאָנט.

— קום! — האָט הערטאַ אים אָנגענומען ביים אָרעם.

כמעט לויפנדיק זענען זיי אָנגעקומען צום דאַמפּער, צו פאַרנעמען אַ גוטן פּלאַץ פון פאָרנט, ווייט פון די מאַשינען און גערויש, אויפן דעק. זיי האָבן זיך מיד אַוועקגעזעצט, האַלטנדיק זיך נאָך אַלץ ביי די הענט. די צאַרטע, וואַרעמע זון, דער בלויער הימל איבער זייערע קעפּ, דער זילבער־גרויער גלאַנץ פון רהיין, די נאַקעטע וויין־בערגלעך, די אַלטע ריטער־בורגן, וואָס האָבן צווישן די פעלדזן אַרויסגעשטאַרט, ווי רויבער־היילן — די גאַנצע וווּנדערלעכע געגנט, האָט ביי ביידע יונגע מענטשן דאָס לשון אָפּגענומען; אויף הערטאַס אײדעלע באַקן האָט זיך געפּערלט אַ בלישטשענדיקע טרער... זי האָט געוויינט, פון עמאָציע צי פון פרייד...

שטראָם אַראָפּ האָט זיך דער דאַמפּער שטיל געגליטשט, און אַ שטיל־קייט האָט אויך אַרומגענומען די יונגע פּאַסאַזשירן אויפן דעק. זיי זענען געשטאַנען אין עקסטאַז און באַוווּנדערט די הערלעכע פּאַנאָראַמע, אויס־געשפּרייט פאַר זייערע אויגן, ווי זיי וואָלטן עס צום ערשטן מאָל געזען. זיי האָבן געגאַפט און געשוויגן, ווי ס'פּאַסט פאַר די טעכטער און זין פון דעם דאָזיקן סענטימענטאַלן טעאוטאָנישן פאָלק...

— דער „רהיין"... — האָט פאַלק נאָענט צוגעלייגט זיינע ליפּן צו הערטאַס אויער, — דער „פאָטער רהיין", איז נישט בלויז „זייער" טייך... מיר, יידן, האָבן אויך צו אים אַ גרויסע שייכות...

הערטאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. פאַלק האָט געזאָגט:

— די זיבן חדשים, וואָס איך האָב געאַרבעט אין דער „רהיין־געגנט", האָב איך מיינע פרייע זונטיקס אָפּגעגעבן אויפצוזוכן די שפּורן פון היינעס „לאָרעליי". און איך האָב זיי געפונען, די שפּורן...

הערטאַ האָט מיט שטוינונג אויפגעעפנט גרויס אירע וווּנדערלעכע, יידישע אויגן.

— נישט ווייט פון מיין אַרבעטס־דאָרף, — האָט פאַלק ווייטער גערעדט — צווישן שפּייער און וואָרמס, דאָרט וווּ דער רהיין באַהאַלט זיך, צווישן פעלדזן און צעבלעטערטע ביימער, דאָרט, אויף זיינע הויכע ברעגן, האָב איך אַנטדעקט די שפּורן פון אונדזער פּאָעט, איבער אַלע פּאָעטן... ביי אַ זון־פאַרגאַנג, האָב איך געזען, ווי די „לאָרעריי"

„קעמט אירע גאָלדענע האַר...
אונד די לופט איזט קיל און עס דונקעלט
אונד רואיק פליסעט דער רהיין״.

האָט הערטאַ שטיל ציטירט אַ פערז פון דער „לאָרעליי״. צווישן די פּאַסאַזשירן אויפן דעק, האָט זיך דערהערט אַ געמורמל: „מאַינץ״! פּאַלק האָט אַ ציטער געטאָן, און הערטאַ האָט דערשפּירט, דורך פּאַלקס האַנט וואָס איז געלעגן אין אירער, דעם זעלבן ציטער: מאַינץ! אין אירע אויגן האָט ער געזען אַז די פראַנקפורטער יידישע טאָכטער, וואָס פּלאָ־טערט דאָ לעבן אים, האַנט־און־האַנט, קען די לעגענדע פון ר׳ אמנון פון מאַינץ, און פון מאַינצער בישאָף... און זייערע בליקן האָבן געמיינזאַם געזוכט ווען דער דאַמפּער האָט זיך פאַמעלעך דערנעטערט צו דער שטאָט — די זעלבע פונקטן צווישן די רויטע דעכער פון די אַלטערטימלעכע מויערן; און נעמלעך: דעם פּאַלאַץ און דעם מאָנאַסטיר פון בישאָף, און די שיל פון רבי ר׳ אמנון... דער דאַמפּער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליינעם האַפן. הערטאַ און פּאַלק זענען געבליבן אויף זייערע פּלעצער, נישט אַראָפּגעגאַנגען.

פּאַלק האָט נישט געפרעגט זיין באַגלייטערין, די „שולמית״־געש־שטאַלט, האָט נישט גערעדט, נישט פון פּלאַן, און נישט פון פּראָגראַם פון טאָג. ס׳האָט אויסגעזען, גלייך זיי וואָלטן פאַר זיך געהאַט נישט אַ טאָג, נאָר אַן אייביקייט. די זון האָט געשיינט, אַ קיל ווינטל האָט געגלעט און זייערע יונגע הערצער האָבן געקלאַפּט מיטן זעלבן טאַקט, צו עפּעס נייעס, שיינס, און אומבאַקאַנטס...

אין דער שטילער שטאָט, אַרומגערינגלט פון וויין־גערטענער און סעדער, צעוואָרפן אויף די ברעגן פון ביידע זייטן רהיין, האָבן זיי לאַנג אַרומגעוואַנדערט, איבער די שטילע, אַלטערטימלעכע, בערגיקע און טאָ־ליקע געסלעך, ביז זיי זענען שטיין געבליבן פאַר אַ געביידע, פון אַן אַל־טערטימלעכן שלאָס פאַרוואַנדלט אין אַן עלעגאַנטן, דיסקרעטן רעסטאָ־ראַן. פּאַלק איז איבעראַשט געוואָרן, ווען פאַר דער אַריינגאַנס־טיר האָט אַן ענגלישער אָפיציר, שלאַנק, לאַנג, מיט אַ רייטער־ריטל אונטערן אָרעם, מיט אַ פאַר פיינע לעדער־הענטשקעס, מיט אַ העפלעכן „פּליעז״, זיי געעפנט די טיר, און זיי געגעבן „פאָרצוג״ ביים אַריינגיין. זיי זענען מיט פאַרוואונדערונג שטיינגעבליבן, נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר; האָט דער עלעגאַנטער מיליטער־מאַן זיך נאָכאַמאָל פאַרנויגט, און קלאָרער אַ זאָג געטאָן:

— ביטטע שען!

זיי זענען אַריין אין עס־זאַל. כאָטש די טישן זענען שוין געווען פול באַזעצט מיט געסט, האָט אָבער געהערשט אַ רו און שטילקייט, ווי אין אַ טעמפּל. זיי האָבן געפונען אַן אינטימען ווינקל, אין אַ נישע, צווישן די דיקע, געוועלבטע גרויע מויערן פון אַלטן, ריטערלעכן זאַל...

כאָטש אין דרויסן האָט די זון פון אָקטאָבער געשיינט, האָבן אין זאַל, אונטערן געוועלבטן סופיט, געברענט די זשיראַנדאָלן, די קרישטאָ־לענע, עלעקטרישע הענגל־לייכטער איבער זייערע קעפּ. אין זייער ווינקל, אויף דער וואַנט האָבן צוויי עלעקטרישע לעמפּלעך, אין פאָרם פון טריפּנ־דיקע חלב־ליכט, יום־טובדיק געפינקלט. אָפּגעגעבן דעם גאַרדעראָב־מיידל איר טונקל־בלאָען מאַנטל, איז הערטאַ זיצן געבליבן אין אַ געפּאַסט, וואָלן טונקל־ברוין קלייד, דורכגעוועבט מיט זילבערנע שפּאַנישע טאַש־מעס אַרום אויסשניט פון איר דעקאָלט און אַרום די מאַנשעטן פון אירע צאַרטע, לעבעדיקע הענט. פאַלק האָט אָפּגעגעבן אין גאַרדעראָב זיין חלוצי־שע קורטקע, איז זיצן געבליבן אין גראָבן, שוואַרצן סוועטער מיט אַ פאַרוויקלטן קראַגן איבערן האַלדז, מיט אַ קאָפּ צעשויבערטע, בראַנזענע קודלעס. האָט ער זיך שאַרף אויסגעטיילט סיי פון זיין באַגלייטערין, סיי פון די זונטיק־געסט דאָ. נאָר קיינער האָט קיין אַכט נישט געלייגט אין עלעגאַנטן רעסטאָראַן, פון דער אייראָפּעאישער טאָלעראַנטער, פּראָטעס־טאַנטישער שטאָט...

צווישן די געסט, האָבן זיך געפונען ענגלישע אָפיצירן, טייל אין דאַמען־באַגלייטונג, טייל, אָן. הערטאַ האָט געזאָגט:

— די זונטיק־אויספלוגן ווערן נאָר געמאַכט אין דער ענגלישער באַזעצונג־זאָנע... די פראַנצויזישע זאָנע ווייכט מען... זיי מאַכן שווערי־קייטן... פאַרלאַנגען פאַרשידענע פּאַפּירן... די ענגלענדער אָבער קוקן אַוועק...

— פון „אַוועקקוקן" ביז עפּענען אַ טיר פאַר אַ ציווילן, און דאָס נאָך פון אַן אָפיציר, — האָט פאַלק באַמערקט — אַזאַ באַ־זאַצונג קען איך נישט ביי די פראַנצויזן — האָט פאַלק דער־ציילט — דערפאַר, וואָס איך בין אַריבערגעפאָרן דעם רהיין, אין זייער זאָנע, אָן אַ דערלויבעניש, בין איך, מיט מיין פויער, ביי וועלכן איך האָב געאַרבעט, געשטאַנען פאַר אַ מיליטער־געריכט אין דער קרייז־שטאָט קייזערסלאַוטערן... אַ דאַנק מיין פּוילישער בירגערשאַפט, בין איך נישט בעשטראָפט געוואָרן.

הערטאַ האָט זיך שטיפעריש צעלאַכט:

— עס פּאַסט דיר זייער גוט צו שטיין אַלס חלוץ פֿאַר אַ פּראַנ־צויזישן קריגס־געריכט, צוזאַמען מיט אַ בייערישן מיכעל...

מיט אַ גענויט אויג האָט הערטאַ איבערגעקוקט דעם „מעניו” און די ווײַן־קאַרטע. פֿאַלק האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן. זי האָט באַ־שטעלט די מאכלים, ווי אַ „קענערין”, און ביים באַשטעלן, נאָר געוואַרט אויף פֿאַלקס הסכמה. ער האָט צוגעשטימט, מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. וואַנ־דערנדיק מיט איר איבער די אַלטערטימלעכע געסלעך און פּלעצער, האָט פֿאַלקן נישט געחידושט, וואָס די פֿראַנקפֿורטער יידישע טאָכטער, הער־טאַ אָפּענהיימער, מיידט אויס די גרויסע, טומלדיקע בראַסעריען, די מעכטיקע קעלער־אַרטיקע ביר־האַללען, פּאָפּולערע עס־זאַלן. מיט אַ דריי מיט דער נאָז, קערט זי זיך אָפּ פֿון זיי. זיי האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט. פֿאָלק, וואָס האָט די לעצטע זיבן חדשים געקענט נאָר די פּויערישע דייטשע קיך, מיטן „איינטעלער”־געריכט, האָט געשמאַק געגעסן אַ פּאָרעל (טרו־איט) אויף פּוטער און פֿאַרטרונקען מיט קאַלטן, רהייניש, העלן ווײַן. ס׳האָט אים אפילו נישט געוווּנדערט, ווען זיין באַגלייטערין, מיט די דור־רותדיקע יידישע געשמאַקן און זשעסטן, האָט באַשטעלט די אַלע מאכ־לים אין אַ ריינעם פֿראַנצויזיש. אויך די באַדינער האָבן געענטפֿערט אין דער זעלבער שפּראַך, נאָר מיט אַ רהיינלענדישן אַקצענט.

דער רהיין־ווײַן טרינקט זיך לייכט, מיט אַפּעטיט, נאָר פּאַמעלעך צעשרויפֿט ער דעם מוח, דערוואַרעמט די בלוטן. ביי הערטאַ האָבן זיך די באַקן געראויטלט, אירע ליכטיקע אויגן, האָבן זיך וווּנדערלעך צע־שטראַלט. פֿון איין מאכל צום צווייטן, האָט היפּשלעך געדויערט. שטיל און דיסקרעט זענען די קעלנער געשטאַנען הינטער די פּלייצעס פֿון די געסט, דער־קענט אויף זייערע פּנימער, וואָס זיי פֿאַרלאַנגען. אַ באַדינער איז אויס־געוואַקסן ביי זייער טיש, אָנגעפּילט הערטאַס און פֿאַלקס גלאָז, און רייד ווידער פֿאַרשווונדן. הערטאַ האָט קוים די ליפּן באַנעצט, און פֿאַלק, נאָך אַ קרעפּטיקן טרונק פֿון זיין כוס, האָט ווי נישט מיט זיין קול, מיט אַ געמאַכטער רואיקייט, אַ פֿרעג געטאָן:

— און שמאַי ?... ער וועט דיך נישט אַרומזוכן ?...

מיט אַ שמייכל, וואָס איז אים שוין נאָענט און היימיש געוועזן, אַ שמייכל, וואָס ער האָט נאָך ביי קיין שום פֿרוי נישט געזען, האָט זי אָנגע־שטעלט די אויגן אויף אים; און מיט אַ מינע, גלייך זי האָט אַ גאַנצן פֿרי־מאָרגן זיך געריכט אויף דער פֿראַגע, אים געלאַסן געענטפֿערט:

— שמאַי ? ניין ! ער וועט מיך נישט אַרומזוכן !... ער האָט נעכטן ביינאַכט גענומען דעם שנעל־צוג קיין בערלין, ווו ער וועט פֿאַרבלייבן

עטלעכע טעג, ביזן דערליידיקן אַלע זיינע פּאַפּירן, צום אָפּפאָר קיין פּאַ־לעסטינע.

— אייער ביידנס אָפּפאָר? — האָט פאַלק געוואָלט זיין גלייכגילטיק און רואיק, נאָר זיין שטימע האָט אים פאַראַטן...

— ניין! — האָט אויך הערטאַס שטימע אַ ציטער געטאָן. — שמאַי פאָרט פאַרלויפיק אַליין...

ווייטער האָבן זיי שוין געגעסן שווייגנדיק. אַ לייכטערער באָרדאָ־ווייַן איז אויסגעוואַקסן אויפן טיש און געפינקלט אין די איינפּיסיקע הויכע געשליפענע גלעזער מיט אַ קאָליר פון בענקשאַפט און פון האָפענונג. הערטאַ האָט די ערשטע איבערגעריסן דאָס שווערע שווייגן, און געזאָגט:

— באַגלייטנדיק שמאַין צום צוג, נעכטן ביינאַכט, האָב איך אים געזאָגט, וועגן דער דאַמפער־רייזע אויפן רהיין, וואָס מיר ביידע וועלן מאַכן דעם זונטיק.

— אַ וווילער בחור — האָט פאַלק ערלעך אַ זאָג געטאָן.

— יאָ! — האָט הערטאַ קיל מסכים געווען, — אַ גוטער מענטש! דער... שמאַי...

די נאָכמיטאָג־זון האָט זייערע שאָטנס, לאַנג, און שלאַנק געמאַכט, ווען זיי האָבן נאָכן עסן געוואַנדערט לענגאויס דעם רהיין; מיט דער זון אין די אויגן, זענען זיי, לאַנג געגאַנגען שטראָם־אַראָפּ מיטן מעכטיקן ברייטן טייך, און געשוויגן. פאַלק איז פול געווען, מיט הערטאַם קעגנוואָרט; מיט איר געשטאַלט, מיט איר נאָענטקייט. אויך הערטאַ איז געגאַנגען ביי זיין זייט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אין דער פאַרגייענדיקער זון. פון דערווייטנס האָט עס אויסגעזען, ווי דער מעכטיקער טייך וואָלט זיך אַריינגעגאָסן, אין דער פייערדיקער קויל פון דער אונטערגייענדיקער זון. זייערע בליקן האָבן זיך פלוצלינג באַגעגנט. זיי זענען ביידע שטיינגעבליבן, איינער קעגנאיבער דעם צווייטן, ווי אין פרימאָרגן ביי דער שטראָסן־באַן. הערטאַ האָט מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען?

פאַלק האָט פאַרשטאַנען איר פרעג און געענטפערט:

—איך האָב נישט געוווּסט, אַז איך וועל דיך טרעפן...

הערטאַ האָט לאַנג געשוויגן. די לופט האָט געשמעקט ביטערלעך, ווי אַ גוטער ווייַן. ס׳האָט אָנגעהויבן האַרבסטלעך קיל צו ווערן. הערטאַ האָט געזאָגט:

— געוויינלעך, קומען די חלוצים קיין פראַנקפורט אויף ווינטער־קוואַרטיר, נאָכן שניט. פאַר די גרויסע יידישע „פייער טאָגען״ (יום־

טובים), און די ביסט געקומען אַ גאַנצן מאַנאַט שפּעטער... — און נאָך אַ לענגערער פּויזע — ווו ביסטו געווען דעם גאַנצן מאָנאַט ?...

— איך בין נאָכן תבואה־שניט אַוועק אין אַ דאָרף, אין די בערג, אַרבעטן ביים וויין־אַראָפּנעמען, ביי אַ וווּנדערבאַרע פאַמיליע פון פיר מענטשן, צוויי אַלטע, פאַטער און מוטער, אַ שוועסטער, און אַ ברודער, יונגע מענטשן, דאָרפס־לערער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס „האַרבסטן" הויבט זיך אָן אַן ערך זעקס וואָכן שפּעטער, ווי דער תבואה־שניט. דערפאַר — האָט פּאַלק קורץ פאַרענדיקט — מיין פאַרשפּעטיקונג — און האָט ערנסט צוגעגעבן — קלאָר, ווען איך זאָל געווען וויסן פון דיין עקזיסטענץ... וואָלט איך זיכער געוועזן פאַרציכטעט אויפן ווייַנטרויבן־שניט.

— און אויף דער דאָרפס־לערערין אויך ?...

פּאַלק האָט זי מאָדנע אָנגעקוקט, נאָר דערזען דעם אויסמיידנדיקן בליק אירן, האָט ער געשוויגן און געגומען פאַרשנעלערן די טריט.

ס'איז שוין גוט טונקל געווען, ווען זיי האָבן גענומען די אייזנבאַן, צוריק קיין פראַנקפורט. פול געפּאַקט מיט זונטיק אויספלוגלער, זענען זיי געזעסן צוזאַמענגעדרענגט אין אַ ווינקל, זיך געהאַלטן ביי די הענט און געשוויגן. דאָס מאַנאָטאָנע קלאַפּן פון די רעדער האָט זיך אויסגעמישט מיטן געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פאַרשידענע אָפּטיילונגען אין וואַגאָן:

„דאָס וואַנדערן איזט דעם מיללערס לוסט...
דאַס ווואַאַאַנדעוערן" !

פון אַן אַנדער אָפּטיילונג, האָט זיך געלאָזט הערן, באַגלייט פון אַ מויל־האַרמאָניע, אַ וואַרעמע מיידל־שטימע:

ווען איך אום וואַסער צום ברונען געה...
ווען איך אום וואַסער צום ברונען געה...
דאַ געבען מיר די „בועבן" קיין רו...
האַלאַלאַ! האַלאַלאַ! די „בועבן" קיין רו...

קאַפּיטל 8

די משפּחה אָפּנהיימער

פון הויפּט־באַנהויף זענען זיי שווייגנדיק געגאַנגען איבער די שטאַרק באַלעבטע זונטיק־גאַסן. דאָס האָט פּאַלק באַגלייט אַהיים די כלה פון חלוץ שמאי, צו איר אַהיים... זיי זענען לאַנג געגאַנגען, ביז זיי זענען שטיינגעבליבן פאַר אַ הייזער־בלאָק, לענגאויס אַ גאָרטן, מיט עלעקטרישע לאָמפּן,

אויף קאַבלען, אינמיטן דערביימער־אַלייע. פּאַלק האָט נישט געוווּסט אין וועלכן טייל שטאָט ער געפינט זיך. קיין מענטשן האָבן זיי דאָ נישט באַגעגנט, עס איז זייער שטיל געווען אַרום. פּאַלק האָט זיך געגרייט צו זאָגן אַ „גוטע נאַכט" און אַוועקגיין, נאָר הערטאַ האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט. און אויפשליסנדיק דאָס שווערע טויער, האָט זי אַ מורמל געטאָן:

— קום! ס'איז נאָך נישט שפּעט, „מוטי" (מיין מוטער) איז נאָך וואַך.

דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר, מיט געדעמפּטע טריט, איבערן פּלושענעם לויפער האָבן זיי, פון ביידע זייטן, דורכגעלאָזט עטלעכע טירן מיט מעשענע קליאַמקעס, וואָס האָבן געפינקלט אין האַלבן טונקל. פון איינעם פון די פילע צימערן האָט זיך דערהערט אַ מידע פרויען־שטימע:

— הערטשען... (פאַרצויגן פון הערטאַ), דו ביסט עס?

— יאָ, מוטי! — האָט די טאָכטער געענטפערט — איך בין עס!

געעפנט אַ טיר, האָט זי געמאַכט ליכט און איז פאַרשוווּנדן.

פּאַלק איז שטיינגעבליבן אינמיטן אַ געראַמיקן, הויך צימער, מיט פיל ביכער אַרום די עטאַזשערקעס, בילדער אויף די ווייסע ווענט, איינפאַך מעבל פון העל־ברוינעם האָלץ. דאָס ליכט איז געפאַלן פון די ווינקלען, דיסקרעט, בולט געמאַכט די שווערע דעקע מיט אָריענטאַלישע פאַרבן, וואָס האָט פאַרהילט דאָס זויבערע מיידלשע בעט. נאָך אַ היפּשער ווײַלע, איז הערטאַ צוריקגעקומען, אָן אויפגעפרישטע, אין אַ לאַנגן, געבלימטן יאַפּאַנישן קימאָנאָ, אַוועקגעשטעלט אויפן טישל אַ פּלאַטע מיט ברויט, פּוטער, אויפשניט און ביר, אויך אַ פלעשל פראַנצויזישן קאָניאַק; געבעטן אים זיצן, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב אויך מיין מוטער געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" און זי איז אוועק צום בעט, מיין טייערע, האַרציקע מוטער...

אין איר מיידל־צימער, האָט זי זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אַ גאַנץ אַנדערע, ווי דאָרט, אין דער חלוץ־היים; זי האָט געזען זיין פאַרוווּנדערונג, די זייטיקע בליקן, וואָס ער האָט געוואָרפן אַרום זיך, די פראַגע, וואָס איז געלעגען אויף זיינע ליפּן: „ווער ביסטו, הערטאַ? ווער פון ביידע הערטאַס, איז די אמתע, די אויטענטישע?" ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל קאָניאַק און געזאָגט אַ היימישן לחיים! הערטאַ האָט קאָרעקט נאָכגעזאָגט: לְעכאַיעם!... זי האָט זיך אויסגעשטרעקט אויפן בעטל, צווישן די פילפאַרביקע קישעלעך, אויף דער דעקע מיט אָריענטאַלישע פאַרבן, איינגעהילט אין בונטפאַרביקן זיידענעם יאַפּאַנישן קימאָנאָ, האָט זי אויסגעזען, מיט אירע טיף שוואַרצע האָר, איינגעראָמט אַרום בלאַסן פּנים, ווי אַ גיישאַ...

זי האָט אויפגעכאַפּט זיין בליק, און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— הערטאַ, די איינציקע טאָכטער פון אַ רייכער פראַנקפורטער יידי־שער משפּחה, אַ „האלוצא״, וואָס וועט דאָס אַלץ פאַרלאָזן און גיין אין אין לאַנד אַריין פון די ביבל... אין לאַנד פון אונדזערע, אור... אור... אהנען... (די אבות).

נאָך אַ לאַנגער פּויזע, האָט זי שטיל געזאָגט:

— זעץ זיך דאָ אַהער, פאַלק. דאָ, ביי מיר צוקאָפּנס, און זאָג מיר עפּעס... ווייל איך בין טרויעריק, פאַלק...

זי האָט צוגעשלאָסן די אויגן, גענומען זיינע הענט אין אירע, און האָט געוויינט. זי האָט געזאָגט:

— אויך דו, פאַלק, ביסט טרויעריק און פול מיט געוויין...

ס׳איז שטיל געוואָרן אין מיידלשן, האַלב־טונקעלן צימער, מיט אַ שטילקייט, וואָס הילט איין אַ סוד. הערטאָס שטימע איז דאָסמאָל געקומען, ווי פון זייער וויט:

— ווען מיין גאָטזעליקער פאָטער, איז אין 1916 געפאַלן אין קריג, בין איך אַלט געווען 12 יאָר. אַלס באַזיצער און אַדמיניסטראַטאָר פון אַ וועבעריי־פאַבריק, וואָס האָט, ווי אַלע פאַבריקן, געאַרבעט פאַר מיליטערישע צוועקן, האָט מיין פאָטער געקענט באַפרייט ווערן פון מיליטער־דינסט, ווען ער זאָל דאָס געוועלט פאַרלאַנגען. ער האָט אָבער פאַרלאַנגט פרייוויליק צו צו גיין אויפן פראָנט. ער איז געשיקט געוואָרן אויפן רוסישן פראָנט, און איז דאָרט געפאַלן, אין זומער 1916. נאָכן קריג האָט מען פון ברויערס סי־נאַגאָגע געשיקט אַ ספּעציעלן מענטש, נאָכצופאָרשן, אויב עס שטימט, וואָס עס גיבן אָן די דייטשע מיליטער־באַהערדן, אַז אונדזער גאָטזעליקער פאָטער זאָל ליגן אויף דעם יידישן פרידהאָף, (בית־עולם) אין ווילנע... דער ספּעציעלער מענטש איז צוריק געקומען מיט אַ באַשטעטיקונג, פון ווילנער ראַבינאַט, ווו עס זאָגט זיך, אַז הער אָסקאַר אָפּענהיימער, געבוירן אין יאָר 1880, אין פראַנקפורט ביים מאַין, ליגט אין אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פון דייטשע זעלנער, פון „מאָזאישן גלויבן״ אויפן ווילנער יידישן בית־עולם...

הערטאַ איז שטיל געבליבן. מיט צוגעשלאָסענע אויגן, איז זי געלעגן, אומבאַוועגלעך, בלאַס. די ביימער אין קעגנאיבערדיקן גאָרטן האָבן האַרבסט־לעך, אַריינגעשמעקט, מיט אַ שאַרפן, ביטערלעכן בית־עולם־גערוך, דורכן אָפענעם לופטשיקל. הערטאַ האָט, ווי אין חלום, ווייטער דערציילט:

— עס איז געווען אַ פראַגע פון איבערפירן דעם „זאַרג״ (אָרון) פון פּאָפּאַ, פון ווילנע קיין פראַנקפורט. נאָר לויטן אַלטן ראַבינער ברויערס עצה, האָט מיין מוטער צוגעשטימט דעם אָרון נישט צו רירן. די שטאָט ווילנע — האָט דער ראַבינער געזאָגט — האָט אין זיך אַ פונק פון

ירושלים... צוליב אַ הייליקן מאַן, וואָס האָט דאָרט געלעבט און געשריבן פיל הייליקע ביכער; אַזוי, אַז צו רוען אויפן דאָרטיקן „פרידהאָף" (בית־עלמין), צווישן יידן, אין דער שטאָט ווילנע, איז אַ גרויסע „פּריווילעגיע" (זכות), וואָס אַ ייד קאָן האָבן נאָכן טויט...

פאַלק האָט געהאָרכט די רייד פון פראַנקפורטער יידישן מיידל, און גע־גלויבט צו הערן רעדן אַן אָפּשטאַם פון אַ גליקל פאַן האַמעלן, אָדער אַן אור-אייניקל פון שרה בת טובים...

— דאַן זענען מיר — האָט הערטאַ ווייטער דערציילט — מיין מוטער און איך, דאָ געבליבן אַליין, אין אַזאַ גרויס הויז, דאָס הויז פון מיין מוטערס עלטערן, וועלכע איך געדענק קוים; אַ הויז פון אַ גרויסער, דורותדיקער פראַנקפורטער משפחה... מיט דער פאַבריק פאַרנעמען זיך דער מוטערס ברודער און זייערע זין. אונז צאָלט מען קאָרעקט אונזער טייל. נאָר מיין מוטער, נאָכן טויט פון מיין פאָטער, לעבט נישט אויף דער וועלט...

זי האָט לאַנג געשוויגן, דערנאָך שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, געזאָגט:

— צען יאָר זענען שוין אַוועק זייט מיין פאָטער לעבט נישט מער. אָפּטמאָל זעט עס מיר אויס, ווי אַן אייביקייט, און אָפּטמאָל דוכט זיך מיר, אַז ערשט נעכטן איז עס געשען. און מיין מוטער? מיין מוטער, וואַרט נאָך אַלץ אויף אים...

זי האָט זיך אויפגעזעצט, ווידער צוריקבאַקומען איר אייגנאַרטיקן שמייכל. שוויגנדיק, האָט זי געקוקט אויף פאַלקן, האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אַנטשולדיקט און אַרויס פון צימער.

פאַלק איז אויפגעשטאַנען, באַטראַכט די ביכער, וואָס זענען צע־שטעלט געווען אויף לייכטע עטאַזשערקעס אַרום די ווענט; פראַנצויזישע און דייטשע ביכער, קלאַסישע און היינטצייטיקע. ער האָט מיט הנאה אי־בערגעלייענט אויף די שיינע געבונדענע רוקנס, די נעמען פון די מחברים און די טיטלען פון זייערע ווערק. צווישן די פראַנצויזישע ביכער, האָבן אַרויסגעשטראַלט די באַקאַנטע וועלט־נעמען: באַלזאַק, הוגאָ און פלאָבער. צווישן די דייטשע פּאָעטן אָבער זענען געווען פאַרטרעטן, פון די מאָדערנע, ביז צו די קלאַסיקער. ער האָט געלייענט אויף די פילפאַרביקע ביכער־רוקנס: סטעפאַן געאָרגע, מאָרגנשטערן, עלזע לאַסקער־שילער, ראַינער־מאַריאַ רילקע. דאַן, היינע, געטע און העלדערלין... צווישן די פּראָזע־שריי־בער, האָבן אַרויסגעשטראַלט די נעמען פון טאָמאַס און היינריך מאַן, יאַקאָב וואַסערמאַן, הערמאַן העססע און די גאַנצע פלעיאַדע, יידיש־דייטשע שריי־בער, פון ווין און פון פראַג.

הערטאַ איז אַריינגעקומען מיט אַ טאַץ, און מיט אַ ווייסן טיי־סער־

וויס דערויף. זי האָט עס אַוועקגעשטעלט אויפֿן געפּלאָכטענעם טישל, גע־עפֿנט אַ שאַכטל נאַשוואַרג און קאָקעטיש אַ זאָג געטאָן:

— אין אונזערע קרייזן, אין פֿראַנקפֿורט, לערנט מען נישט בלויז די טעכטער ליטעראַטור און מוזיק, מען לערנט זיי אויך מאַכן טיי, אָפּקאָכן אַ גוטן מאָלצייט...

זי האָט אָנגעגאָסן פֿאַלקן און זיך, דעם שמעקנדיקן טיי, און גע־זאָגט:

— זייט די „חלוצים" האָב איך אויפֿגעגעבן מיין שטודיום... דאָס איז דאָס ערשטע יאָר, אַז איך האָב זיך מער נישט פֿאַרשריבן אין אוניווערזי־טעט... — געזען ווי פֿאַלק באַטראַכט נאָך אַלץ די ביכער, האָט זי צוגע־געבן:

— ווי דו זעסט, שטודיר איך „לעטר"... די מיידלעך אין אונדזערע קרייזן שטודירן נישט אויף קיין פּראַקטישע פֿאַקולטעטן. מעדיצין, רעכט, מאָדערנע האַנדלס־און אינדוסטריע־וועזן, דאָס אַלץ איז פֿאַר די יונגעלייט... מיר אָבער, די יידישע טעכטער פֿון פֿראַנקפֿורט, לערנען מוזיק, מאָלעריי, שיינע ליטעראַטור.

פֿאַלק האָט געזאָגט:

— האָסט גוט אויסגעוויילט, הערטאַ! — און ער האָט איר געקוקט אין די אויגן — שיינע ליטעראַטור, פּאַסט דיר... פֿון וואָס שרייבט דען „אונדזער" היינע, אַז נישט פֿון דיר? און וואָס האָט ער זיין גאַנץ לעבן גע־טרוימט, און געדיכטעט, אַז נישט פֿון „דיינס גלייכן?"

— היינע? — האָט הערטאַ, אַ בלענד געטאָן מיט די הייסע אויגן — היינע? ער? ער האָט נאָר „געטרוימט" פֿון „בלאָנדעס האָר" און „בלאָוע אויגליין"... איך... קען נישט ביי היינע קיין איין ליד, וווּ ער זאָל באַזינגען שוואַרצע אויגן...

פֿאַלק, האָט זי אָנגעקוקט:

— ווייל היינע האָט אַזעלכע וווּנדערבאַרע אויגן, ווי דיינע, הערטאַ, נישט געקענט...

אַזוי קאַרג אין רייד, ווי זי איז געווען אויפֿן דאַמפּער, אין רעסטאָראַן, אין דער באַן, אַזוי רייד־דורשטיק, און דערצייל־לוסטיק איז זי איצט גע־ווען. פֿאַלק איז געווען אין עקסטאַז און שטאָלץ כמעט, וואָס זי עפֿנט פֿאַר אים אירע אינטימע געפֿילן. ער האָט געטראַכט: „רעד, רעד, מיין טייערע! באַפֿריי זיך פֿון אַ לאַסט, וואָס דריקט דיך, אַנטפּלעק דיין האַרץ, דיין נשמה"... אויך הערטאַ — אַזוי גלייך זי וואָלט אויף פֿאַלקן, וואָס זיצט דאָ

לעבן איר, שוין לאַנג, זייער לאַנג געוואָרט. זי האָט אים מאָדנע אַ פרעג גע־טאָן:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען קיין פראַנקפורט, פאַלק?!

ער האָט זיך אויף איר פראַגע נישט געחידושט, ווייל אויך ער האָט געוואַרט אויף איר.

הערטאַ האָט זיך געמאַכט באַקוועם אין דער לענשטול, דער אַבאַזשור איבערן קאָפּ, און האָט געזאָגט:

— איך קען נישט, אין קיין שום ליטעראַטור, אַ שילדערונג, פון אַ ליבע פון אַ צוועלף־יאָריק מיידל צו איר פאָטער. דאָס, וואָס מיין פאָטער איז געווען פאַר מיר, פון מיינע פריסטע קינדער־יאָרן, ביז איך האָב אים פאַרלוירן, וואָלט געקאָנט אויספילן נישט איין בוך... מיין פאָטער איז גע־ווען דער שענסטער, דער בעסטער, דער קלוגסטער פון אַלע פאָטערס אויף דער גאַנצער וועלט. איך וואָלט נאָך היינט, צווישן טויזנטער, דערקענט די שיינע הענט פון מיין פאָטער — זי האָט זיך אויפגעזעצט און בלאַס־ווערנ־דיק, האָט זי געמורמלט — אין דיינע אויגן פאַלק... באַגעגן איך פון צייט צו צייט אַ בליק פון מיין פאָטער... און דיינע הענט, פאַלק! דיינע הענט...

פאַלק האָט אַ לייכטן שוידער געטאָן, זיך באַלד באַרואיקט. נאָך אַ ווײַלע, האָט ער ניכטערן אַ פרעג געטאָן:

— און שמאַי?...

— נישט בלויז שמאַי, נאָר די חלוצים, וואָס קומען אַלע פון יענער ערד, ווו מיין פאָטער רוט. מיטן טויט פון מיין פאָטער איז מיר די ערד דאָ, די שפּראַך אפילו, פרעמד געוואָרן. אין אַ שטאָט, ווו מען קאָן ציילן די גענעראַציעס פון אונדזער משפחה ביז... צו „יוד זיס", איז מיר מיטאַ־מאָל מיין לאַנד, מיין שפּראַך פרעמד געוואָרן... אַלץ, וואָס האָט נאָר צו טאָן מיט חלוצים, מיטן לאַנד פון דער „ביבל", איז מיר אייגן און נאָענט... פלייש פון מיין פלייש, בלוט פון מיין בלוט... פון וואַנען אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע? אַזאַ אומוואַנדלונג? צוליב מיין פאָטער, און זיין „גראַב" (קבר) אין דעם לאַנד, פון וואַנען די חלוצים קומען...

זי האָט געקוקט אויף פאַלקן, גלייך זי האָט דערוואַרט פון אים, ער זאָל איר העלפן קלאָר מאַכן, אויפפלאָנטערן, דעם פלאָנטער פון אירע געדאַנקען און געפילן, וואָס גיבן איר קיין רו נישט.

— שמאַי איז אַהער געקומען, געשיקט פון דער „חלוץ־היים". דאָס איז בויטיק געוואָרן, ווען אין דער בייערישער „פּפאַלץ" און אין „רהיינ־לאַנד" האָבן הונדערטער חלוצים געלערנט לאַנדווירטשאַפט ביי די פויערים. שמאַין האָב איך קענען געלערנט פאַראַיאָרן, אויף אַ צוזאַמענפלי, נאָכן

שניט, ביי אונדז אין פראַנקפורט. ער האָט גערעדט פאַר די חלוצים, וועגן אונזערע אויפגאַבן, פליכטן, וועגן די שווערע באַדינגונגען פון יידישן לאַנד. אין וועלכע ס׳וועט זיי אויסקומען צו לעבן. ער האָט גערעדט מיט האַרץ, מיט באַגייסטערונג. אַרום מיר האָט איך געזען, יינגלעך און מיידלעך מיט צעשטראַלטע פנימער. אויפגעלויכטענע אויגן, וואָס איך האָב אין אַנדזע־רע קרייזן קיינמאָל נישט געזען. דערנאָך האָט מען געזונגען און געטאַנצט. פאַרשטייסט, יונגע מענטשן, מיט אַן אײן און איינציק העמד אויפן לייב, האָבן געזונגען און געטאַנצט...

זי האָט גערעדט הייס, מיט צעפלאַמטע באַקן, מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ אין אירע שיינע, יידישע אויגן...

— שמאי איז פאַר מיר געוואָרן די בריק, וואָס האָט מיך פאַרבונדן מיט דער נייער, אומבאַקאַנטער וועלט... צווישן די פיר הונדערט חלוצים, וואָס האָבן געאַרבעט אין לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן, אין דער געגנט פון „פאַלאַטינאַט״ — האָט מיר שמאי געזאָגט — האָט זיך נישט געפונען קיין איין יונגער דייטשער ייד... אין דער „חלוץ־היים״ געפינט זיך בלויז ערנסט, דער „מאַטראַז״ און היינץ, דעם האַלער ראַבינערס זון, וואָס איז אַנטלאָפן פון ברויערס ישיבה. ער איז באַגייסטערט פון די חלוצים, ווייל דאָס זענען מענטשן — לויט אים — פון „זאַראַטוסטראַס״ שניט, פון ני־טשעס „איבערמענטשן״...

פאַלק, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט די שטילע, צוריק־געהאַלטענע, הערטאַ אָפּנהיימער, פון די ערשטע טעג, ווי נישט דערקענט. זי האָט עס געפילט אין זיין בליק און האָט געזאָגט:

— ווען איך האָב צביה׳ן, דאָס וווּנדערבאַרע מיידל, פון דער חלוצים־קיך, געפרעגט אויף דיר... האָב איך איר ענטפער מער נישט באַדאַרפט. איך האָב שוין געוווּסט, ווער דו ביסט... אַז ביסט אַהערגעקומען נאָר פאַר מיינעטוועגן... צוליב מיר...

פאַלק האָט מער נישט געהאַט קיין ווערטער. ער האָט געשוויגן. ער האָט זי נאָר באַטראַכט, אין איר לענשטול, ווי דורכן דינעם, פיינעם געוואַנט פון דער קימאָנאָ האָבן זיך בולט געצייכנט אירע שיינע, יונגע, מיידלשע גלידער. ער האָט זי באַוווּנדערט, ווי מען באַוווּנדערט אַ קונסט־בליד; אַ געשטאַלט, וואָס קאָן נאָר דערשיינען אין חלום.

— אין אונזערע דייטש־יידישע קרייזן — האָט הערטאַ צולעצט זיך אָפּגערופן — קען מען געפינען אַלץ: קולטור, האַלטונג, גוטע דערציאונג, פיינע מאַניערן... קורץ, אַ וווּנדערבאַרע יוגנט. נאָר אָן לעבעדיק בלוט אין די אָדערן... אַ יוגנט, אָן פרייד, אָן ליידן, אָן אַ מאָרגן... שמאי... — שמאי,

זינגט מיר אָפּט פֿאַרשידענע פֿאָלקס־לידער אין יידיש, ער דערקלערט מיר זיי גרינטלעך. די „לידער" אָבער, וואָס מיר, די דייטש־יידישע יוגנט זינגען, זענען זייער שיינע „לידער". נאָר זיי זענען נישט פֿלייש פֿון אונדזער פֿלייש, בלוט פֿון אונדזער בלוט. די ליבע פֿון „האַנס'ן צו ליזלען" איז טאַקע אוניווערסאַל, אָבער נישט יידיש... מיר האָבן פֿיל „האַנסן" און ליזל'ס, אָבער אַ האַנס, אָדער אַ ליזל אָפּנהיימער, אָדער פֿראַנקפֿורטער, איז נישט דאָס זעלבע, ווי דער „האַנס", אָדער „ליזל" וויינצבאַאוער, אָדער גאַללמייסטער... איך ווייס נישט, צי דו פֿאַרשטייסט מיך... איין זאַך איז מיר יאָ קלאָר געוואָרן די לעצטע צייט אַז אַ „אָסט־יוד" איז אַ ייד, און אַ דייטשער ייד, איז נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע. נישט קיין ייד און נישט קיין דייטש...

— אין בערלין — האָט פֿאַלק געזאָגט — האָט זיך פֿאָרט עפּעס אַ ריר געטאָן אויף דעם געביט, אין געוויסע יידישע קרייזן, זייט דער „באַלפֿור דעקלאַראַציע".

— אין „מאַנכע קרייזן" — האָט הערטאַ שאַרף באַטאָנט פֿאַלק'ס באַמערקונג — דער דאָקטאָר „זאָ אונד זאָ" אָדער דער הער „אָבערער געהיימראַט", האָט „גוט געהייסן" די דעקלאַראַציע פֿון לאָרד באַלפֿור וועגן שאַפֿן אַ היים „פֿיר די אָרמע יודן" אין פּאַלעסטינאַ... שמאַי, וואָס האָט זיין שטודיום געמאַכט אין בערלין און פֿאַרקערט אין „יענע קרייזן", האָט מיר עס אויפֿגעקלערט, ווי די „זאַך" דאָרט באַשטייט. ער האָט מיר געזאָגט: אונטערן איינפֿלוס, פֿון עטלעכע „אָסט יידישע" פּערזענלעכקייטן, האָט די נאַציאָנאַלע יידישע אידייע די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די הערצער, און אין די מוחות פֿון אַ טייל דייטש־יידישע אינטעלעקטואַלן. דאָ, אין פֿראַנקפֿורט, אָבער... — האָט הערטאַ איראָניש געשמייכלט — דאָ האָט עס, אפֿילו קיין קליינעם טייל פֿון אונדזער אינטעלעגענץ נישט אָנגערירט. די פֿראַנקפֿורטער יידישע געמיינדע, מיטן ראַבינער ברויער... די מעכטיקע איסטיטוציעס זיינע... אָה! מיט אַזאַ „מאַכט" ווילט זיך קיינעם נישט איינרייסן...

פֿאַלק, האָט זיך צוגעהערט צו די רייד, צו דער קריטיק פֿון דער פֿראַנקפֿורטער רייכער, יידישער בת יחידה און געשוויגן.

— און די „חלוץ־היים" — האָט הערטאַ געזאָגט — וואָלט דען מעגלעך געווען, אָן דער שטיצע און אָן דער צושטימונג, פֿון דער „סינאַגאָגע"? די באַדינגונגען? נישט קאָכן, נישט רויכערן אום שבת... ליכט־צינדן און „שאַלעט" (טשאָלנט) עסן...

פֿאַלק האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— דער „שאַלעט״ האָט מיר נעכטן זייער גוט געשמעקט.

און ער האָט דערציילט, אַז נעכטן אין אָוונט, אין זייער שותפות־צימער, האָט ער בייגעוווינט אַ הייסע דיסקוסיע צווישן ערנסט, דעם מאַטראַז, און דעם האַללער ראַבינערס זון, הייני פּאָללאַק, וועגן „ברויערס״ פּעסטער האַנט, איבער דער „חלוץ־היים״.

— אַה, דער אָרעמער הייני — האָט הערטאַ, מיט צער אין איר שטימע, באַדויערט דעם קראַנקן יונגנמאַן — אַ גוטן קאָפּ, ווי ער האָט, האָט אים זיין פּאָטער, דער ראַבינער אין „האַלע״, געשיקט צו ברויערן, וואַרשיינלעך, פון אים, אויך אַ ראַבינער צו מאַכן... אַ „ניטשעאַנער״, ווי ער איז, האָט אים דאָס „ראַבינער־פּאַך״ ווייניק וואָס געזאָגט. האָט ער איינפאַך דעזערטירט פון דער ישיבה און איז אַריבער אין „לאַגער״ פון די חלוצים...

זי האָט, ווי פאַר זיך, אַ זאָג געטאָן:

— אין מיר האָט ער זיך אַנגעכאַפּט, ווי אין אַ רעטונגס-גאַרטל. אַ ריינער מענטש, דעם ראַבינערס זון, אָבער אַ טראַגישע פיגור, שוין צוליבן קאָנטראַסט פון זיין פיזישער געשטאַלט, און זיין „ניטשע׳אַנער״ נשמה... איז דאָס ריכטיק ? — האָט הערטאַ פלוצלינג פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן — אַז אויך דער גרויסער משה מענדעלסאָן האָט געהאַט אַ האָרב (הויקער) אויפן רוקן ?...

פאַלק האָט דערויף געענטפערט : פיל מענדעלסאָן־פאָרשער באַשטעטיקן עס, אָבער אויף געוויס ווייסט מען נישט.

הערטאַ איז אַרויס פון צימער און צוריקקומענדיק, האָט זי באַזאָרגט געזאָגט :

— קוים וואָס זי איז איינגעשלאָפן, מיין מוטער. גאָט זיי דאַנק. איך וויל זי מיטנעמען מיט מיר, אין פרילינג, ווען כ׳וועל פאָרן קיין פּאַלעסטינאַ ; וויל זי נישט. שמאַי זאָגט מיר, איך זאָל זי נישט צווינגען. מיט דער צייט, זאָגט ער, וועט זי אַליין קומען צו אונדז... פון שמאַין, האַלט זי זייער, מיין מוטער, זי האָט אים אויפריכטיק גערן. נאָר פאָרן מיט אונדז וויל זי נישט. פאָרט נאָך דאָס יאָר אַהין... ער האָט שוין אַ שטעלע אין אַ קיבוץ. און איך... וועל ערשט אויף פסח צו אים פאָרן.

זי האָט געפאָרשט פאַלקס אויסדרוק, זאָגנדיק עס. אָבער ער האָט נאָר געקוקט אויף איר און געשוויגן. אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהויערט אין האַלב־טונקעלן מיידל־צימער ; אַ שווייגן, וואָס האָט מער באַדייט ווי רייד, האָט דאָ וויברירט, צווישן די צוויי יונגע מענטשן. אין זיין פאַנטאַזיע האָט פאַלק געזען, ווי הערטאַ קומט מיטן פרילינג אין לאַנד אַריין, און אין זיין מוח, און אין אַלע זיינע אברים האָט עס געברומט מיטן געזאַנג פון „שיר

השירים": קומי לך רעיתי... יפתי... ולכי לך; כי הנה הסתו עבר, הגשם חלף, הלך לו; הנצנים נראו בארץ, עת הזמיר הגיע... (שטיי דיר אויף, מיין געליבטע, מיין שיינע, און קום דיר. וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער. דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק. די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד, די צייט פון געזאַנג איז געקומען...). ער האָט נישט געהערט, וואָס הערטאַ האָט געזאָגט. ער האָט נאָר דערכאַפּט, דאָס לעצטע:

— זייט מיין באַקאַנטשאַפט מיט שמאיך, זייט זיין קומען אָפּיציעל צו אונדז אין הויז אַריין, האָט זיך פיל געענדערט אין די באַציאונגען צווישן מיין מוטער און איר גאַנצער פאַמיליע... קיינער פון דער משפחה קומט מער נישט צו אונדז און מיר גייען צו קיינעם נישט...

— אַלץ וועגן דיין „פאַרלאָבט"־זיין מיט שמאיך? — האָט פאַלק שטיל געפרעגט.

— פאַאַרלאָאָבט זיין?... — האָט הערטאַ אַ זאָג געטאָן — צווישן חלוצים איז געגוג אַ וואָרט...

— און איר האָט אייך ביידע דאָס „וואָרט" געגעבן?...

— יאָ! — האָט הערטאַ מער מיט די אויגן, ווי מיט די ליפּן באַשטעטיקט — מיין מוטער... פיל רעדט זי נישט מיט מיר וועגן מיין באַציאונג צו שמאי... אָבער פאַרשטיין, פאַרשטייט זי אַלץ... מערקווירדיק, ווי פאַרשטיין יעמאַנדן, בויטיקט מען זיך נישט אין ווערטער... אין רייד...

— ווען צוויי מענטשן האָבן זיך ליב... — האָט פאַלק אַ פילאָזאָפיר געטאָן — זענען רייד איבגאַנצן איבעריק.

— יאָ! האָט הערטאַ צוגעשטימט — ליב האָבן, הייסט פאַרשטיין... איינמאָל זאָגט צו מיר די מוטער: הער נישט קיינעם, מיין קינד נאָר טו, ווי דיר דיין האַרץ דיקטירט. אַן אַנדערש מאָל ווידער, קוקט זי אַזוי אויף מיר, און קוקט; און טוט אַ זאָג: אַ גרויס הויז ביי אונדז געווען, און פיל קינדער. אַלעס האָט מען געקאָנט ביי אונז: שרייבן, לייענען, מאָלן, מוזיק מאַכן, נאָר לאַכן, האָט מען נישט געקאָנט... גיי, מיין קינד, צווישן מענטשן, ווו מען לאַכט... געלט איז נישט אַלץ... אַזוי איז זי, מיין קלוגע, נאָבעלע מוטער. זי איז גליקלעך פאַר מיינעט וועגן. ביסט יונג, מיין קינד — זאָגט זי — הויב אָן אַ ניי לעבן. אַן עכט לעבן... מיר גייט שוין צו די פופציק יאָר, און איך פאַרלאַנג מער גאָרנישט, און באַדאַרף מער גאָרנישט; און אויף דיין פאָטער... וואָרט איך נאָך אַלץ, אַזוי ווי דעם ערשטן טאָג...

זיי זענען געזעסן נאָענט איינער לעבן צווייטן, און געשוויגן. פון ערגעץ אַ טורעם האָט אויסגעשלאָגן די צוועלפטע שעה. פאַלק האָט געמאַכט אַ זשעסט, אַוועקצוגיין; ער האָט אָבער אין הערטאַס אויגן געמערקט אַן

אומרו. איז ער זיצן געבליבן אויף זיין אָרט. זי איז געווען צעפּלאָמט, מונ־טער און וואַך; זי האָט געזאָגט:

— שמאי רויכערט נישט און טרינקט נישט.

זי האָט דערביי געזען דאָס פלעשל קאָניאַק אויפן טיש, ווי ס'ווערט אַלץ ווייניקער און לערער; געקוקט אויפן געדיכטן ציגאַרעטן־רויך, וואָס קרייזלט זיך, אין ליכט פון אַבאַזשור־לאָמפּ.

— שמאי איז אַ ווילנער? — האָט פאַלק געפרעגט.

— ניין, ער איז פון ביאַלאַ־סטאָק... מיר דוכט זיך, — האָט הערטאַ מיידלעריש אַ פלאַטער געטאָן — ווען איך קום היינט קיין ביאַלאַ־סטאָק (זי האָט באַטאָנט, דעם נאָמען פון דער שטאָט, מיט אַ ווייכע למד, אָפּגע־טיילט, גלייך עס וואָלטן געווען צוויי באַזונדערע שטעט) וואָלט איך יעדעס געסל, יעדן הויף דערקענט... אַ שטאָט, פון ישיבות, און פאַבריקן, פול מיט יידישע אַרבעטער. אין די פאַרטאָגן — ווי שמאי דערציילט — זעט מען אַ טייל יידן, אין די אַלטע יידישע טראַכטן איילן אין די געבעט־הייזער, צו לערנען און צו בעטן... אַ טייל יידן, מענער און פרויען, אָנגעטאָן, ווי אַלע אַרבעטער אין דער גאַנצער וועלט, איילן זיך אין די פאַבריקן, צו זייער אַרבעט... יאָ! — האָט הערטאַ, נישט אָן שטאָלץ, צוגעגעבן, — שמאי האָט מיר אַלץ דערציילט פון זיין שטאָט...

ס'האָט אויסגעזען, גלייך די פראַנקפורטער רייכע בת יחידה, וואָס האָט זיך, מיט איר איבערצייגונג, אָפּגעקערט פון איר סביבה, איבערגע־ריסן די בריקן, סיי מיט איר פאַמיליע, און סיי מיט איר שטודיום, וויל דאָ אויסנוצן די היינטיקע נאַכט, כדי ענדגילטיק זיך צו באַפרייען פון אַ קאָש־מאַר, פון אַ קאָמפּלעקס, וואָס מאַטערט זי, גיט איר קיין רו נישט. און פאַלקן איז נישט קלאָר געווען, צו וואָס פאַר אַ צוועק ער דינט דאָ... יעדער פון זיי איז אַריין אין זיינע אייגענע מחשבות. הערטאַ, אין איר לענשטול, האָט צוגעשלאָסן די אויגן, און קוים צו הערן, האָט זי גענוטשעט, פאַר זיך, אַ רעפריין פון אַ שטילער, טרויעריקער מעלאָדיע. איבער אירע באַקן האָט זיך געפּערלט אַ טרער. זי האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט:

— צו אינטערעסירט דיך דען מיין פּלוידעריי? האָסטו דען נישט דיינע אייגענע זכרונות, דיין יוגנט, דיין שטעטל, דיינע עלטערן, דיינע יוגנט־חברים? און אפשר אויך... אַ מיידל, וואָס בענקט נאָך דיר...

און אַז פאַלק האָט געשוויגן, האָט זי אויסגעשטרעקט אירע הענט צו אים, גענומען זיינע הענט אין אירע און געזאָגט:

— איך וויל פאַר דיר, פאַלק, זיין — דיינע זכרונות, דיין שטעטל, דיינע יוגנט־חברים, און אויך — דאָס מיידל מיט די ווונדערבאַרע אויגן, וועלכע בענקט גאָך דיר, און דו — נאָך איר...

קאַפּיטל 9

אי. גע. פאַרבן

אויפגעכאַפּט האָט זיך פאַלק אין זיין חלוציש צימערל, מיט אַ שווער געמיט. ער איז אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין, ווען ער האָט זיך געזען אין זיינע בגדים. אַ געוווינהייט ביי מיר געוואָרן — איז ער אין כעס גע־וואָרן אויף זיך אַליין — צו שלאָפן אָנגעטועגערהייט, ווי אַ קנעכט... צו דעם וועט אויך נעמען אַ סוף! מאַכן אַ סוף — מיט דעם געדאַנק, האָט זיך דער חלוץ פאַלק, אויפגעוועקט אינדערפרי.

קלאָר האָט ער נאָך אַליין נישט געוווסט, צו וואָס ער וועט עס מאַכן „אַ סוף". ווי יעדער פרימאָרגן, זייט ער קומט שלאָפן אין שותפות־חדר'ל, איז דאָס פעלד־בעטל פון מאַטראַז שוין פון פאַרטאָג אָן, „געמאַכט"; דער געפּאַקטער מאַטראַזן־־זאַק הענגט אויף זיין אָרט, נאָר די לעדערנע קורט־קע פעלט, צוליבן רעגן אוודאי, וואָס קלאַפּט מאָנאָטאָן און טרויעריק אויפן בלעכערנעם ראַנד פון פענצטער. עס פילט זיך אַ שטאַרקער גערוך פון שוואָמען אין ענגן צימער. און פאַלק דערמאָנט זיך, אַז נעכטן, זונטיק אינ־דערפרי, פאַרן אַוועקגיין, אויפן אויספלוג, האָט דער מאַטראַז, ווויליינגלע־ריש אַ זאָג געטאָן: „אונד דאַ פינדעסט דו די „גראָסע פילצע" אונד אַנדערע „זאָרטען שוואַממען". פון צווייטן שכנס בעטל, האָט ער געפילט אויף זיך אַ פּאָר צעעפנטע, פאַרוווּנדערטע אויגן... דאָס האָט יענער גע־וואָלט דערגיין דעם סוד פון די פאַרגאַנגענע פיר און צוואַנציק שעה, ווען דער ניי־געקומענער, וואָס ליגט אויסגעשטרעקט אויף זיין בעטל, אָנגעטו־ענערהייט, האָט אַרויסבאַגלייט פון דאַנען נעכטן אין דער פרי די הער־טאָ... זי איז געקומען צו אים מיט אַ פּעקל „זויבערע וועש". ווען פאַלק איז אַהיימגעקומען, האָט קיינער נישט געהערט; נישט ער, הייני פאַללאַק, און נישט ערנסט, דער מאַטראַז. און אַז פאַלק האָט אויסגעדרייט זיין פּנים צו אים, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן צום „רויטן ביכעלע", זיך געמאַכט, אַז ער באַמערקט אים נישט. האַלב זיצנדיק, האָט ער זיך גענומען שרייבן; שנעל, פּיבערדיק און אַמאָל, זיך פאַרטראַכט, מיט לאַנגע הפסקות. פאַלק

איז אַראָפּגעגאַנגען אין קאָלעקטיוון וואַש־זאַל, צוריקגעקומען, זיך געוואַשן און ראַזירט. זיין בעט־שכן, האָט נאָך אַלץ געשריבן, אָדער געקייעט דעם שפּיץ פון זיין בליי, מיט אַ צעחושטן בליק אויף זיין קנאַכיק, בלאַס פּנים.

פאַלק איז שטיל אַרויס פון צימער, אַוועק אין גאַס, מיט אַזאַ אימפּעט, גלייך ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ ראַנדעוווּ. ער האָט זיך געאײַלט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט נישט צו פאַרשפּעטיקן... אָבער, אין דער אמתן, האָט ער נישט געוווּסט וווהין ער גייט. ליידיק און הויל האָט ער זיך געפילט, און אַ דורשט, וואָס קומט פון דער נשמה. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט איז אים באַפאַלן. די הייזער מיט פענצטער, ווי מיט בלינדע אויגן, דער בלאָטיקער רעגן, וואָס פאַלט, ווי נישט פון הימל, האָבן אים נאָכמער טרויעריק געמאַכט; אַמליבסטן וואָלט ער זיך צעוויינט אינמיטן גאַס. האָט ער זיך דערגרונטעוועט צו דער סיבה, צום קוואַל, פון זיין צושטאַנד; אַז דאָס האָט זיך אין אים דער נעכטיקער טאָג אַ צעפלאַקער געטאָן: די זון... די רהיין־געגנט... און הערטאַ אינמיטן... איר שמייכל, אירע אויגן, איר גאַנג... צו דעם. — האָט ער פאַרביסן די ליפּן — וועט אויך נעמען אַ סוף!...

צומאָרגנס, פאַרטאָג, איז פאַלק אַוועק צוזאַמען מיט ערנסט, דעם מאַטראָז, אין דער פאַבריק, ווו ער איז געבליבן אַרבעטן, צווישן די הויכע שטיינערנע מויערן, פון דער־באַקאַנטער, אי. גע. פאַרבן־פאַבריק. פאַלק האָט זיך געמוטשעט, מיט אַ פאַפּירענעם זאַק צעמענט, ביים אויפלאָדענען אויף זיינע אַקסלען אָדער ביים טראָגן די שווערע משא אַ לענגערע שטרעקע, איז דער מאַטראָז תמיד אויסגעוואַקסן ביי זיין זייט, אים געהאָלפן. די האַלבע שעה, מיטאָג־פויזע, ווען זיי האָבן זיך אויסגערוט אויף די זעק צעמענט, האָט דער מאַטראָז געזאָגט צו פאַלקן:

— זע, דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן אין „עקיפ״ פון דעם דאַרן, קליינעם „אויפזעער״, דער מיט די שוואַרצע „ראַאַבן־אַאוגען״ (וואָראָנע־אויגן), וואָס לאָזט זיך רופן, „הער פרידאַ״, אַן אונגאַרישער יוד, און אַ שייסקערל... אַ ניקס... זאָג, אַז דו ווילסט אַרבייטן ביי דעם „לאַנגן פריטץ״, דער מיט די וואַסערדיקע אויגן. יעדער מאָל — האָט ער פאַלקן ערלעך געקוקט אין די אויגן — האָט דאָס רעכט, זיך אויסצוווילן זיין „עקיפ״...

די ערשטע דריי טעג האָט פאַלק נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים, אַזוי האָט אים די שווערע אַרבעט צעשרויפט און צעחושט. דער מאַטראָז האָט אים געהאָלפן מיט עצות און מיט רפואות; ווייל אין בעט, האָט ער נישט געקאָנט ליגן אויפן רוקן, אַזוי אָפּגעשיילט און ווונדיק איז געווען זיין רוקן. די פינגער פון זיינע הענט האָט ער נאָך דער אַרבעט נישט

געקאָנט צומאַכן, פאַרטאָג זיי נישט געקאָנט אויפמאַכן. די דריטע נאַכט האָט אים אַ שווערער פיבער געמוטשעט אַ גאַנצע נאַכט; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען שיט זעק מיט צעמענט אויף זיין קאָפּ, אויף זיינע באַקן, אויף די אויגן; אַז דער „הער פרידאַ" זיצט אויף אַ הויכן צעמענטענעם באַרג און שרייט: „העפּ! העעעפּ!"...

צומאָרגנס, האָט אים דער מאַטראַז נישט געלאָזט אויפשטיין פון בעט: „איבערן טאָג אינעם בעט — האָט ער כמעט באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן: — אונד דער „איבל" איזט רום! שלאַפן, אונד שלאָפן!"... — האָט ער קרעפטיק צוגעגעבן. ער האָט אים געגעבן אַ „פילעכל", איז אַוועק צו דער אַרבעט. ווען פאַלק האָט צומאָרגנס זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שטאַרקן שלאָף, האָט ער אָנגעטראָפן אויף זיך דעם מאַטראַז'ס פאַרבלאָזטע, אָבער וואַרעמע אויגן, וואָס האָבן צו אים ווויליינגלעריש געשמייכלט: נגנאָ! ווי געטס איהם?... — האָט ער זיך געוואָנדן צו פאַלקן אין דער דריטער פערזאָן. פאַלק האָט זיך אָנגעטאָן, און זיי זענען ביידע אַוועק צו דער אַר־בעט.

אַ טאָג שפּעטער האָט אים, דעם ראַבינערס זון, סודותדיק פליסטער געטאָן:

— די הערטאַ „וואר הויט־מארגן דאַ געוועזן"...

און אַז פאַלק האָט געשוויגן, האָט זיין בעט־שכן אַרויסגעצויגן פון הינטערן קישן, ווי מען נעמט אַרויס אַ רעליקוויע, אַ פאַרמאַכטן קאָנ־ווערט און דערלאַנגט פאַלקן. מיד פון דער אַרבעט, האָט זיך פאַלק אויס־געשטרעקט אויפן בעטל, דעם בריוו אַריינגעלייגט אין זיין בוזים־טאַש. דער מאַטראַז האָט ווי תמיד, עפּעס געלאַטעט, און ס'הויקערל האָט זיך ווידער גענומען צו זיין ביכל די „רויטע טעוועלעך". פאַלק האָט גע־פּילט דעם בריוו פון הערטאַ וואַרעמען זיין ברוסט, נאָר געעפנט האָט ער אים נישט. ער האָט געטראַכט: ווען איך וואָלט דאָ אַליין געווען אין צימער, וואָלט איך זיכער אים געעפנט און באַלד איבערגעלייענט. אין דעם שטיבל אָבער, וואָלט זיך מיר געדאַכט, אַז איך טייל דעם בריוו, מיט מיינע בעט־שכנים. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן, כדי זיך צו פילן אַליין מיט הערטאַס מעסאַזש... ערשט ווען ער האָט שוין געהערט זיינע ביישלעפער שנאָרכן, האָט ער געמאַכט ליכט און גענומען לייענען: „פאַלק! פאַלק! נאָך דיין אַוועקגיין פון מיר שפּעט אין דער נאַכט, האָב איך לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן; מוטי איז באַלד פאַרטאָג, אין מיין צימער געקומען, (וואָס דאָס טרעפט זעלטן) זיך ערקונדיקט וועגן מיין געזונט־צושטאַנד, איז זי באַלד אַרויסגעגאַנגען. זייט דאַן האָב איך יעדן אָונט געוואַרט אויף דיר. ערשט

נעכטן, דעם פינפטן טאָג בין איז געוואָר געוואָרן, אַז די אַרבעטסט מיטן מאַטראַז אין דער כעמישער פאַבריק פון אי. גע. פאַרבן. און אַז דו ביסט געלעגן אַ טאָג אין בעט מיט אַ שטאַרקן פיבער; און פיל מאָל, זאָלסטו אין פיבער האָבן גערופן מיין נאָמען... מיין ליבער פאַלק! פאַרוואָס אַזאַ איילנ־דיקן באַשלוס? וואָס איז געשען מיט דיר, פאַלק, נאָך אונדזער געמיינזאַמען זונטיק שפּאַציר, לענגאויס דעם רהיין?...

„פאַרוואָס ביסטו אַוועק אַרבעטן אין די אי. גע. פאַרבן, מיט וועלכן די „חלוץ־היים" האָט איבערגעריסן דעם אַרבעטס־קאָנטראַקט, ווייל די חלוצים, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט, האָבן נישט אויסגעהאַלטן מער ווי דריי טעג, צוליב די שווערע אַרבעטס־באַדינגונגען?... עס קאָן זיך דאָך נישט האַנדלען אין דעם שלעכטן מאַטעריעלן צושטאַנד דיינעם... צביה האָט מיר, צווישן אַנדערן דערציילט, אַז, מיטן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע חלוצים, ביסטו געקומען פון דאָרף מיט אַ ביסל געלט... דאָס האָט דיך די קליינע, אָבער רייכע קהילה פון קריידלהיים גוט באַלוינט פאַר דיין „פאָרבעטן" פאַר זיי אין „קיפּור" (יום־כיפּור). איך בין זיכער, אַז אויך שמאי וועט נישט זיין צופרידן פון דיין „חלוצישן" אייפער... אַ פּראָפּאָ, פון שמאי, האָב איך שוין דריי בריוו דערהאַלטן... אין זיין לעצטן בריוו מעלדעט ער מיר, אַז ער מוז זיך נאָך אַ לענגערע צייט, אויפהאַלטן אין בערלין, צוליב פאַר־שידענע אורזאַכן, דער הויפּט־גרונד איז, וואָס זיין אָפּפאָר אין לאַנד־אַריין, איז אַוואַנסירט געוואָרן מיט אַ גאַנצן מאָנאַט... דאָס הייסט, ווי נאָר ער וועט צוריקקומען פון בערלין, מוז ער זיך גרייטן אין וועג אַריין... מיין ליבער פאַלק! דעם פרייטיק צונאַכטס קום איך נישט אין דער „חלוץ־היים". איך דערוואַרט דיך דעריבער, נאָכן נאַכט עסן, ביי מיר אין צימער. איך האָב דעם ליבן היינע, (דיין בעט־שכן) איבערגעגעבן דעם בריוו פאַר דיר. גאָט מיינער! ווי ער האָט געקוקט אויף מיר... דער אָרעמער יונגע... מיט וואָס פאַר אַ בליק... קום, פאַלק! קום! איך וואַרט אויף דיר!..."

הערטאַ.

פאַלק, אַביסל צוגעווינט צו דער שווערער פאַבריק־אַרבעט, האָט ווידער צוריקבאַקומען אַפּעטיט צום עסן, אַ חשק זיך צו ראַזירן, צו וואַשן, איבערגעטאָן פרישע וועש; דער דריטער פרייטיק־צונאַכטס איז דאָס גע־ווען, זייט ער האָט אויפגעשלאָגן זיין געצעלט, אין דער האַלב־טונקעלער, אַלטער געביידע, פון דער פראַנקפורטער „חלוץ־היים". גייענדיק איצט צום שבת־טיש , מיט די בענטש־ליכט, מיטן ווייסן טישטעך, די חלות, באַדעקט מיט חלה־טישטעכל, מיט אַ פלאַש מיט קידוש־וויין, מיט אַ כוס דערלעבן,

קידוש צו מאַכן, פינף שווערע אַרבעטס־טעג הינטער זיך, האָט ער זיך געפילט בעסער, דער חלוץ פאַלק, ווי פאַר צוויי־וואָכן, ווען ער איז ערשט געהאַט אָנגעקומען. צביה, איז אַ שטראַלנדיקע געזעסן, און נישט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פון אים. באַלד נאָך דער סעודה, ווען פאַלק האָט זיך אויפגעשטעלט, אַוועקצוגיין אויפן ראַנדע־ווו, איז לעבן אים אויסגעוואַקסן צביה, אַ סימפּאַטישער בחור אין דיקע אויגן־גלעזער. זי האָט געזאָגט:

— באַקענט אייך. דער חלוץ פאַלק! און — דער עברית־לערער, אלי, מיין באָכור! (בחור) שלום!

האָט פאַלק פריינטלעך אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

— שבת טוב! — האָט דער לערער, ערנסט געענטפערט — אני זוכר אותך, מוואָרמס...

— היי־יאָר, נאָכן שניט — האָט צביה זיך אַריינגעמישט — ביים גרויסן צוזאַמענפלי, אין וואָרמס, איז אלי אויך געווען צווישן די חלוצים...

און שמייכלענדיק צו פאַלקן, האָט זי פילדייטיק אַ זאָג געטאָן;

— אלי! לאָמיר נישט אויפהאַלטן דעם חלוץ פאַלק...

אַז די מוטער הערטאַס זאָל קומען עפענען די טיר, וואָלט אים נישט איינגעפאַלן; ער איז געווען איבעראַשט און צוגלייך — דערשראָקן. נאָר אין דער קעגנוואַרט פון הערטאַס מוטער, האָט ער זיך גיך באַהערשט, זי צוערשט באַגריסט, און געפרעגט:

— ווו איז הערטאַ?

זי האָט אים שווייגנדיק געפירט צו איר טאָכטערס צימער און איז שטיל אַוועק. ער איז אַ ווילע שטיינגעבליבן הינטער הערטאַס טיר; די שלאַנקע געשטאַלט, אַן אידל, טרויעריק פנים, פון הערטאַס מוטער, איז אים לאַנג פאַרבליבן אין זיין געדעכעניש. ער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט און דערהערט אַ צאַפּלדיקע שטימע פון יענער זייט טיר. ער איז אַריין. זי האָט זיך פלינק אויפגעזעצט אין בעט, אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס צו אים, פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן ראַנד פון איר בעט. ווען פאַלק האָט זי אַרומגענומען, האָט זי צאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט געלייגט, טיף אָפּגעאָטעמט. גלייך די צייט וואָלט זיך אָפּגעשטעלט. שטיל האָבן זיךביידע ביי זייערע נעמען אָנגערופן:

— הערטאַ!

— פאַלק!

אירע אויגן זענען געווען פאַרשלאָסן און פייכט. זי האָט זיי פאַמעלעך געעפנט, ווי עס עפנט אַ קינד די אויגן נאָך אַ געשמאַקן שלאָף, און איר וווּנדערלעכער שמייכל האָט ליכטיק געמאַכט איר פנים. ער האָט

זיך אויפֿגעשטעלט, אוועקגעזעצט זיך אין אַ שטול, לעבן בעט. זי האָט אים אַ צייכן געגעבן, ער זאָל זיך גענטער צורוקן צו איר, נאָך נענטער, ביז זייערע הענט האָבן זיך איינגעשלאָסן, איז זי רואיק געוואָרן, זאַנפֿט איר קאָפּ צוריקגעלענט אין קישן. ס'איז געווען די זעלבע הערטאַ, ווי זונ־טיק אויפֿן דאַמפּער־שפּאַציר, לעבנאויס דעם רהייך. אַ צעשטראַלטע, מיט פֿארחלומטע אויגן, האָט זי געקוקט און געשוויגן. אויף זיין פֿראַגע: פֿאַר־וואָס זי ליגט אין בעט און וואָס איז איר, האָט זי קאַרג געענטפֿערט; מער מיט די אויגן ווי מיט די ליפּן; „ווייס זעלבער נישט"!... נישט אַראָפּלאָזנ־דיק קיין אויג פֿון אים, נישט אַרויסלאָזנדיק זיינע הענט פֿון אירע, האָט זי זיך געבעטן:

— זאָג מיר עפּעס, פֿאַלק!... זאָג מיר עפּעס...

טרינקענדיק אירע אויגן, אירע באַקן, אירע ליפּן, האָט ער גע־מורמלט ווי אין חלום:

— איך האָב דיך ליב... איך האָב דיך ליב...

אַז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זי מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן זיך געבעטן:

— זאָג מיר דאָס נאָכאַמאָל... נאָך...

טרערן זענען גערונען איבער אירע באַקן, באַנעצט די ליפּן.

אַ שטילער קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן זייער שווייגן, צעשיידט זייערע הענט. אַן עלטערע פֿרוי, מיט אַ פֿינקלדיקן טיי־סערוויס אויף אַ ווייסער טאַץ, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר; הערטאַ האָט איר אָנגעוויזן וווּ אַוועקצושטעלן די טאַץ און געזאָגט:

— דאַנקע שען, ראָזאַלינע!

ווען די עלטערע פֿרוי איז אַרויס, האָט הערטאַ ערנסט אַ זאָג געטאָן:

— שבת וועט מוטי קיין פֿייער נישט מאַכן, נו, האָט אונדזער אַלטע ראָזאַלינע אונדז געמאַכט טיי, אויף מוטערס פֿאַרלאַנג.

— איך האָב דיין מוטער געזען, ווען זי האָט מיר פֿריער די טיר געעפֿנט. — האָט פֿאַלק געזאָגט — איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך זע אַ רביצן פֿון מיינע קינדער־יאָרן...

— דערצייל פֿאַלק! דערצייל פֿון דיינע קינדער־יאָרן, — האָט הער־טאַ אויפֿגעשטראַלט.

זי איז געבליבן מיט אַן אָפֿן מויל, איר פֿראַגע נישט פֿאַרענדיקט. פֿאַלק האָט צוגערוקט דאָס טישל מיטן טיי־סערוויס האַרט צו הערטאַס בעט, אָנגעגאָסן די טאַסן פֿאַרביידן, און געזאָגט:

— דערציילן פֿון מיינע קינדער־יאָרן? נישט איין נאַכט, און נישט

צווי, און נישט דריי, וואָלט געגוג געווען, פון מיינע קינדער־יאָרן צו דערציילן.

— מיר האָבן פאַר זיך אַ גאַנצע נאַכט... פאַלק... — האָט הערטאַ אַ ווייבערישן פלאַטער געטאָן, זיך באַלד צוריק געכאַפּט, זיך אַנטשולדיקט

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, פאַלק, אַז ביסט אַ פאַבריקס־אַרבעטער...

פאַלק האָט זי פאַרשײַדיק אָנגעקוקט, ווייל ער האָט נישט געוווסט, צי באַדויערט זי אים, אָדער פאַרקערט, זי איראָניזירט. ער האָט דערויף געגעבן אַ צווײדייטיקן ענטפער:

— נישט סתם אַ פאַבריקס־אַרבעטער איז דער חלוץ פאלק, נייערט, אַ יידישער פּראָלעטאַריער, וואָס האָט אויסגענוצט דעם היגן ראבינער ברויערס איינפלוס, אויף אי. גע. פאַרבן, אַז אַן אַרבעטער פון „משה רבינו גלויבן", מוז נישט אַרבעטן אום שבת, אויב ער פאַרציכטעט אויפן לוין דעם טאָג... איך גיי מאָרגן נישט צו דער אַרבעט.

הערטאַ האָט אַ שטראַלנדיקן שמייכל געטאָן, און זיי האָבן מער נישט גערעדט דערפון. זיי האָבן שווייגנדיק געטרונקען דעם טיי. אויך די פלאַש מיט קאָניאַק, האָט זיך — זינדיק — אַרויסגעהויבן צווישן טיי־סערוויס; און פאַלק האָט זיך דערמאָנט אין הערטאַס זאָג, יענעם זונטיק אויפדער־נאַכט אין דעם זעלבן צימער:

— שמאַי טרינקט נישט און רויכערט נישט...

אין דעם אָוונט איז דאָס מיידלשע צימער ווידער פול געווען מיט רויך און דער קאָניאַק האָט פאַרפירעריש געפינקלט אין דער פלאַש.

קאַפּיטל 10

דערצייל מיר, פאַלק, פון דיינע קינדער־יאָרן

— די ערשטע רעגונג — האָט פאַלק דערציילט — צו דעם פרויען־מין אין מיינע יינגל־יאָרן, איז געקומען פון די יונגע רבי'צינס, מיט זייער טעכטערלעך, וואָס זענען געווען אין מיינע יאָרן. זיי זענען, מיט זייערע מוטערס, געקומען פון זייער ווייט, אויף קבר אבות, צו אונדז אין שטעטל אַריין. אין רבי'נס הויף בין איך כמעט אויפגעצויגן געוואָרן, דאָרט אויסגעוואַקסן. ס'איז געווען אַ גרויסע, פאַרצווייגטע משפחה אין רבינס הויף, וואָס אירע וואָרצלען האָבן אָנגעשפּאַרט, ביז אין טיף רוסלאַנד. זיי פלעגן

קומען יעדעס יאָר, שנורן, איידעמס, אייניקלעך, און אוראייניקלעך, פון אַלטן צדיק, זכרונו הברכה, צו זיין אוהל, אויף אונדזער שטעטלדיקן בית־עלמין. די מענער זענען געקומען אין זיידענע טוליפּעס, מיט העל־בלאַנדע פוטער־קרעגן, און אין זיידענע, פּילפּאַרביקע כאַלאַטן, מיט גלאַנציקע קאַלאָשן אויף די שוואַרצע שטיבלעטן. די ווייבער האָבן גע־טראָגן זיידענע קליידער, פון בראָקאַט און סאַטין, גלאָקנאַרטיק גענייט. טייל האָבן זיך געוויקלט אין וויכע, פּילקאָליריקע, סאַמעטענע, געפּאַסטע קליי־דער, מיט וואָלענע שאַלן, מיט שפּיצן־ציינדלעך אַרום די ראַנדן, פאַרוואָרפן אויף זייערע פּעך־שוואַרצע שייטלען. אין אַלע שטובן פון שטעטל האָט מען גערעדט פון זייער „גרעפּישן" טראַכט און פון זייער מאָדנעם יידישן לשון. נישט בלויז מיר, חדר־יינגלעך, האָבן געקלעפּט, טאָג און נאַכט, אַרום רבי׳נס הויף, נאָר אויך די בית המדרש־בחורים זענען אַרומגעגאַנגען צע־טראָגן. מיט פאַרחלומטע אויגן. אפילו די טאַטעס אונדזערע פלעגן, אַביסל פריער ווי תמיד, קומען צו מנחה־מעריב, און אַ ביסל שפּעטער, ווי גע־ווינטלעך, אַהיימגיין.

אָדער סתם אַזוי, האָט אַ יידן, אינמיטן העלן טאָג, אָנגעכאַפּט אַ חשק גיין אַריינקוקן אין אַ ספר, אין רבּ׳ינס בית המדרש. די ווייבער פון די דאָזיקע, „גייע לערנער" האָבן גערדייט מיט די נעז, בייז געוואָרטשעט: רביצינ׳ס... מעגן דאָך רעדן מיט אַ פרעמדן מאַנצביל... דאָס איז דאָך ביי זיי קיין עבירה נישט... רביצינ׳ס... זיי האָבן געקייעט די גאַל, די דאָזיקע ווייבער, געזאָטן און געשוויגן.

— רעד לאַנגזאַם, פאַלק — האָט הערטאַ געשטראַלט, און געקוואָלן

— וועל איך אַלץ פאַרשטיין...

פאַלק האָט פאַמעלעך, ווידער אָנגעהויבן.

— איז מיט זייער אָנפאָרן, געקומען אַן איבערקערעניש איבערן שטעטל: בית מדרש־בחורים זענען אַלע געוואָרן פּאָעטן... יונגע איידעמלעך אויף קעסט, וואָס האָבן קיינמאָל אין קיין גמרא נישט אַריינגעקוקט, זענען מיטאַמאָל געוואָרן פייערדיקע לערנערס אין רבי׳נס בית מדרש... איך גע־דענק איינעם, אַ בית־מדרש-בחור, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ליד, און מיר צוגעזאָגט „גילדענע בערג" איך זאָל דאָס ליד איבערגעבן איינע פון די רביצי׳נס טעכטער, מיט גרינע אויגן. מען האָט זי גערופן סימקע און אַלע זענען געווען פאַרליבט אין איר... כאָטש אַ חדר־ייִנגל, האָב איך מיך שוין געקענט אויף אַזעלכע ענינים, ווייל איך אַליין בין אויך געווען פאַר־ליבט, אין דער דאָזיקער שיינער סימקע... דאָס ליד האָט זיך אַזוי אָנגע־הויבן:

א בינטל בלומען, א בינטל בלומען,
שיק איך דיר אין מיין נאָמען;
איך האָב געריסן יעדע רויז,
פון מיין טיפן האַרץ אַרויס...

— הערלעך! — האָט הערטאַ באַגייסטערט א פּאַטש געטאָן מיט די הענט — דאָס איזט דאָך איינפאַך, וואונדערבאַר! און דו? — האָט הערטאַ מיט אומגעדולד אַ פרעג געטאָן — האָסט דאָס ליד סימקאַ איבערגעגעבן?...

פאַלק האָט געשוויגן, זיך אָנגעגאָסן אַ קאָניאַק, אַ שטאַרקן זופּ גע־טאָן פון גלעזל, און אַזוי געזאָגט:

— אין יענע צייטן, אין יענע באַדינגונגען, איז מיטן איבערגעבן דאָס „געדיכט" סימקען... געשען אַ קאַטאַסטראָפע.

הערטאַ האָט זיך ראַפּטום אויפגעזעצט, אָנגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָ־קענע אויגן און צאַפּלדיק געוואַרט.

— נו? — האָט זי זיך נישט געקענט דערוואַרטן — דערצייל!

— איך האָב דאָס ליד — האָט פאַלק אַביסל פאַרשעמט אָפּגעווענדט זיינע אויגן, פון הערטאַ'ן — אַזוי יינגלש און פאַרליבט איבערגעגעבן, אַז יעדער האָט עס געקאָנט מערקן. און דער עיקר, איר פאָטער, מיטן לאַנגן פייקע־ציבעך, מיטן היפּשן בייכל. ער האָט זי געהיטן, ווי מען היט אַ אוצר... וואַנאַ! (ווייז נאַר...) וואַנאַ אַהער!... — האָט ער מיר מיט רציחה אַרויסגעריסן דאָס בלעטל פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז געווען געשריבן די „פּאָעמ'ע". גינאַ, (גיב נאַר) אַהער, דו! — האָבן אויף מיר געבליצט זיינע קליינע בייזע אויגן... קורץ! ביי מנחה־מעריב, האָט דאָס בית מדרש גע־קאָכט... און צומאָרגנס — ס'גאַנצע שטעטל...

— און דער בחור, דער פּאָעט? — האָט הערטאַ ערנסט אַ פרעג־געטאָן.

— דריי טעג האָט מען אים אַרומגעזוכט, און קוים געפונען אין אַ שייער, ערגעץ אויפן פעלד, אַ פאַרהונגערטן און אַ האַלב־טויטן.

— לידלעך... — האָבן די ווייבער זיך געקניפּן די באַקן — מ'שראַאַאַבט שוין לידלעך צו די מיידן...

— איז דאָך שוין עק וועלט... — האָבן אַנדערע אונטערגעהאַלטן

— סדום!...

הערטאַ האָט זיך אַזש אַ הויב געטאָן אין בעט, זיך קינדיש צעלאַכט.

— דאָס איז דאָך אַ וואונדערבאַרע געשיכטע, וואָס קאָן אַריינגענומען

ווערן אין די „געשיכטן פון קליין־אַזיען" פון דעם אומבאַקאַנטן, אָבער טאַ־לענטירטן, דייטש־יידישן פּאָעט, און שרייבער, קאַרל עמיל פראַנצאָז...

פאַלק איז געבליבן זיצן אַביסל איבעראַשט, דערהערנדיק דעם מאָד־נעם אומבאַקאַנטן נאָמען אין הערטאַס מויל. ער האָט זיך אָבער באַלד גע־כאַפּט אַז עס זיצט פאַר אים אַ פראַנקפורטער יידישע בת יחידה, וואָס שטו־דירט ליטעראַטור אויפן פראַנקפורטער אוניווערסיטעט. און ער האָט גע־זאָגט:

— קאַרל עמיל פראַנצאָז, וועלכער איז אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג אין דער דייטש־יידישער ליטעראַטור, איז פון לאַנג שוין באַקאַנט, אין גאַלי־ציען, און מיינסטנס — אין די „השכלה"־קרייזן; ווייל אַזוי גוט ווי די „משכלים" האָבן געגלויבט, אַז די רעטונג פון יידישן פאָלק ליגט נאָר אין דער „בילדונג", אַזוי האָט קאַרל עמיל פראַנצאָז, אַ געבוירענער „אַסט יודע", נאָר אַפשטאַמיק פון אַ פראַנצויזיש־שפּאַניאַלישער יידישער משפּחה, געגלויבט, אַז די הילף פאַרן „אַסט־יודנטום" און זיין ענדגילטיקע רעטונג, ליגט נאָר אין דער דייטשער שפּראַך, און איר קולטור... און ער האָט דעמ־דאָזיקן צוועק געווידמעט, און פאַנאַטיש געדינט זיין גאַנץ לעבן...

הערטאַ האָט איבערגעריסן:

— דערצייל מיר נאָך פון דיינע קינדער־יאָרן, פאַלק...

און ער איז צופרידן געווען אָפּצוהאַקן, פון די „אייביקע פּראָבלע־מען" אָן אַן אויסוועג... ער האָט געגעבן אַ לעצטן ציִ פון סיגאַרעט, זיך אָנ־געגאָסן לאַנגזאַם, כמעט צערעמאָניאַל, אַ גלעזל קאָניאַק, צוריקגעפונען הערטאַ׳ס „מאָנאַ־ליזאַ"־שמייכל און אויפגעלעבט...

— די רבישע טעכטער, מיט די יונגע שנורן און איידעמס, זענען געקומען אויף קבר אבות, אַזוי שבועות־צייט. „אין דער צייט פון די קאַרשן". (אַזוי איז גראָד אויסגעפאַלן דער יאָרצייט, פון אַלטן צדיק, זכרונו לברכה). ס׳שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט לאָנקעס, סעדער, קאַרשן־בוימער, עפּל־בוימער, באַרנעס און פלוימען, האָט געשמעקט און פאַרריסן. דער גרויסער גאָרטן, פון גראַף לובאָמירסקי האָט סודותדיק, געלאַקט און געשראָקן...

דער טייך „סאַן" לויפט גאָר נאָענט הינטערן שטעטל און נעמט עס אַרום, ווי אַ גאַרטל, אַרום זיינע לענדן, שמעקט מיט אַ ביטערלעכן גערוך פון יונגע ווערבעס און וואַסער־קוואַל. שפּעט ביינאַכט, ווען ס׳איז זייער שטיל, אַ פולע לבנה, פאַרזילבערט די מאָכיקע שינדל־דעכער פון די נידערי־קע הייזלעך, פאַרכישופט דעם מאַרק און די קרומע געסלעך, הערט מען ווי דער טייך רוישט, רעדט... איז אין כעס... די בחורים פון שטעטל שלאָפן

נישט, וואַרפֿן זיך אומרואיק אויף די געלעגערס, מיט די חושים געווענדעט צום רבינ׳ס הויף... מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זעען זיי ביילקעך, אָדער האָדלען, אָדער סימקען שטיין אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניקל, פֿון רבס הויז, אין ווייסע, דורכזיכטיקע נאַכט־העמדער, אונטער דער הימלישער, אויסגע־שטערנטער חופּה, אין בלייכן ליכט פֿון גרינע לבנה־שטראַלן... און ווער עס מורמלט מיט פֿיבערדיקע ליפּן אַ פּערז פֿון היינריך היינע:

שטיל איז די נאַכט, עס רוען די גאַסן,
איינזאַם ביים פֿענצטער, זיצט דאָרט מיין שאַץ.

ווער עס זינגט, אָן ווערטער, אַ פּסוק פֿון שיר השירים: „על משכבי בלילות, בקשתי את שאהבה נפשי...״ (אויף מיין געלעגער ביינאַכט, האָב איך מיין האַרצנס־געליבטע געזוכט). נאַכט־ביי־נאַכט אַזוי; און די טירן און די פֿענצטער פֿון רבי׳נס הויף שטייען אָפֿן, און בליץ־לאָמפּן ברענען, און פֿון צייט צו צייט, באַווייזט זיך אַ פֿרויען־געשטאַלט, און פֿאַרשווינדט...

— אין אַ נאַכט אַזאַ — האָט פֿאַלק ממש אַ צאַפּל געטאָן — געדענקט זיך מיר אַזאַ מעשה... פּלוצלינג וועקט מיך די מאַמע פֿון שלאָף: „טו דיך אָן און קום!״...

הערטאַס פּנים האָט זיך מאָדנע פֿאַרענדערט, אויך פֿאַלק איז ווי משנה צורה געוואָרן און אַזוי געזאָגט:

— איך מוז דאָ באַמערקן, אַז מיין שטילע מוטער איז קיינמאָל נישט אַרויס פֿון איר רו, און קיינמאָל נישט אין כּעס געוואָרן, נישט אויף קיין קינד, און אוודאי נישט אויף איר מאַן, מיין פֿאָטער, און אויף קיין שום מענטשן נישט. און דאָ... דער מאַמעס בלויע אויגן גליען מיט אַן אומהיימלעך פֿייערל... ס׳איז גאָרנישט מיין מאַמעס אויגן... שנעל אָנגעטאָן זיך, אַ וואַרע־מע נאַכט, ליכטיק פֿון דער לבנה, די מאַמע, אין אַ לייכט קליידל, נאָר ס׳פֿאַרטעך דאריבער, איך — איך אין די קורצע הייזלעך, נאָר ס׳העמדל און דאָס לייבצודעקל איבער דעם. ווי אַלט בין איך דעמאָלט געווען? אַז די מאַמע מאַכט אַזעלכע פֿלינקע, לאַנגע שפּרייזן, אַז איך מוז איר נאָכלויפֿן, בין איך אוודאי זיבן, אָדער אַכט יאָר אַלט געווען. וווהין מיר לויפֿן? מיר שניידן דורך דעם פּירעקיקן מאַרק אין דער ברייט, מיר פֿאַרקירעווען צום כאָזשעוויצער וועג. אָט איז שוין הערש־יודעס קאָמעניצע, און אָט זענען מיר שוין אין רב׳ס גאַס. די מאַמע מורמלט עפּעס מאָדנע, בייזע רייד; איך דערקען גאָרנישט, נישט דאָס לשון, נישט איר קול... פֿון דער וויטנס דער־זעט זיך שוין אַ שטאַרק ליכט פֿון איינעם פֿון די פֿענצטער פֿון רבי׳נס הויף.

עס הערן זיך אפילו מענערישע און ווייבערישע געלעכטערן, אויסגעמישט, וואָס טראָגן זיך פון דאָרט. אין אַ ווינקל פון דעם הויז בלייבן מיר שטיין, און די מאַמע זאָגט צו מיר שטרענג: „גיי אַריין און רוף אים!...״ איך ריר זיך נישט פון אָרט, און כאָטש עס איז אַ וואַרעמע זומער־נאַכט, שוידער איך, אין מיינע לייכטע בגדים׳לעך. אויך דער מאַמען — הער איך — קלאַפּט אַ צאָן אויף אַ צאָן... זי זאָגט מיט אַ שטימע, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל ביי איר נישט געהערט: „דעם טאַטן דיינעם רוף!...״ אין אַן אָפענע טיר בלייב איך שטיין, אויף דער שוועל פון אַ פּירעקיקע, העל־באַלויכטע־נע, געראַנימע שטוב, מיט אַ קיילעכדיקן טיש אינמיטן, מיט אַ גרינעם טיש־טעך באַדעקט, באַלויכטן פון אַ שטאַרקן בליצלאָמפּ, וואָס הענגט איבער אים; אַרום טיש זיצן אַ האַלב טוץ מאַנספּערשוינען מיט שוואַרצע בערד, און שוואַרצע סאַמעטענע קאַפּלעך אויף זייערע קעפּ. אין דער אַנדערער העלפט פון טיש זיצן אין דער זעלבער צאָל יונגע פרויען, מיט צעפלאַמטע פּנימער, בלישטשענדיקע אויגן, אין ווייסע, זיידענע שפּיצן־בלוזקעלעך, און לייכטע וואָלענע שאַלן באַדעקן זייערע פּעך־שוואַרצע, און בלאָנדע שייטלען... אַ רויך פון ציגאַרעטן און אַ געפּילדער פון די יונגע ווייבער; מען זיצט און מען שפּילט אין „קוויטלעך״ (חסידישע קאָרטן). צווישן אַלע שטי־מען, דערקען איך מיין טאַטנס קול; מיט אַ פלינקן, באָרוועסן טריט שטיי איך הינטערן טאַטנס בענקל, און דערגרייך אים — זיצנדיק — ביז צו זיינע אויערן.

— טאַטע! — ציטערט מיין יינגל־קול — טאַטע! די מאַמע וואַרט אינדרויסן, קום!...

אַז די מאַמע זאָל פּעאיק זיין צו אַזאַ „שריט״ האָט זיך מיין פאָטער נישט גערעכט. פאַרטאָן אין שפּיל, האָט ער גאָרנישט געהערט.

— ט ט אַ ט ע! — האָב איך ווי נישט מיט מיין קול, אַ געשריי געטאָן.

מיינענדיק, אַז ס׳איז עפּעס געשען אין דער היים, האָט ער אָנגע־שטעלט אויף מיר אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן:

— וואָס איז געשען?

— די מאַמע! — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט, צום פענצטער צו — זי וואַרט אינדרויסן!

דאָ איז דער גאַנצער עולם אויפמערקזאַם געוואָרן און אויסגעשאָסן אין אַ הייטער געלעכטער, זיך וויצלענדיק אויף מיין פאָטערס חשבון. ער האָט די קוויטלעך אַוועקגעלייגט, און מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן אַוועק פון

טיש. איך האָב אינצווישן דערזען סימקען צווישן די ווייבער, און דאָס האַרץ איז מיר אַנטפאַלן געוואָרן...

— ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געדענק איך, האָט מיין מאַמע געשיט בייזע רייד אויף איר מאַנס קאָפּ. אָפּגעריסענע פראַזן זענען מיר עד היום געבליבן פון יענער נאַכט: „רביצינ׳ס... אַלץ „פּאַזוואָלעט״ זיך דאָס... שווילטאָג... ווערן משוגע פון גאָרנישט טאָן... פון ליידיק גיין... פרעמדע מענער? ס׳אי גאָרנישט אַזאַ שלעכטער ביסן... די נאַשערינס... אַלץ מעגן זיי...״

דער טאַטע האָט עפּעס געפּרוווט צו זאָגן, זיך פאַרטיידיקן; האָט ער נאָך ערגער געמאַכט:

— קענסט אפילו שוין צוריקגיין צו זיי... פאַר חרפּה... פאַר די קינדער... ביין עד דיך געגאַנגען זוכן...

און אונדזער גוטע מוטער האָט זיך קוים געקאָנט באַרואיקן:

— אַזאַ... אַזאַ... — האָט זי זיך געשטיקט און נישט געפונען קיין פאַסיק וואָרט צום „אַזאַ״.

דער טאַטע האָט זיך געמאַכט שלאָפנדיק, און ס׳איז שטיל געוואָרן.

הערטאַ איז געזעסן מיט אַן אָפן מויל, מיט שטוינענדיקע אויגן, האָט זי געקוקט אויף פאַלקן, גלייך זי וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל...

— ביסט ענלעך אויף דיין פאָטער? — האָט זי שטיל געפרעגט — זאָג! ביסט ענלעך... פאַלק?

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— שוין אַכצן יאָר אַריבער זייט דעמאָלט. אייגנטלעך, קיין „ום אויסערגעוויינלעכעס נישט. איינע פון די קליינע פּאַסירונגען פון אונדזערע קינדער־יאָרן, וואָס קריצן זיך איין און ווערן מך־ סתם נישט אויסגעמעקט ווערן אין גאַנצן לעבן אונדזערן... וואָס מער איך דערווייטער מיך פון יענער צייט, — האָט פאַלק גערעדט, ווי צו זיך אַליין — מער דערזע איך די טראַגישע זייט, פון יענער קאָמישער און פּשוטער פּאַסירונג... זומער... יענע זאָרגלאָזע, געזונטע, אויסגעכאָליעטע, יונגע רבי׳שע ווייבער און טעכטער, און — די אויסגעמאָגערטע, פאַרזאָרגטע, נאָך נישט אַזוי אַלטע שטעטלדיקע ווייבער; אין זייערע אָרעמע טראַכטן, מיט זייערע שטענדיק טראַגנדיקע בייכער... די מענער זייערע, אין די זעלבע יאָרן, זענען נאָך אין בעסטן בלי... געזונטע מענער, אין די היימען, אין די פּערציקער... אין די ענגע שטיבלעך אָנגעוואָלגערט מיט בעטגעוואַנט, מיט אַ סך קינדער, לאָכט מען שוין פון לאַנג נישט... און דאָ, די שיינע ווייבערישע טראַכטן יעדן טאָג, פרישע באַקן, די אויפגעלויכטענע אויגן, די זויבערע, ראָזיקע הענט, די געטאָקטע שיינע

פינגער... און איבערן שטעטל שטייט דער ליבער זומער... איז וואָס פאַראַ זינד באַגייט מען דאָ? ביי אַ גלעזל טיי מיט לימענע זיצט מען, מען שפּילט אין קוויטלעך, ווי אין אַלע רבי׳שע הייף... אַי, עס שטייט בפירוש געשריבן: „קול באשה ערווה״ (אַ קול פון אַ פרוי, איז אַ שאַנד), אָבער נישט פון די רבי׳שע טעכטער און ווייבער...

— זיי... — פלעגן זיך די ווייבער פון שטעטל רעוואָלטירן — זיי מעגן... זיי קומט...

פאַלק איז אַנטשוויגן געוואָרן. הערטאַ, לויטער אויג און אויער, איז זי דאָ געזעסן.

— איך האָב אין מיינע וואַנדער־יאָרן אַ סך געלעבט צווישן אַרבע־טער — האָט פאַלק ווייטער געצויגן דעם פאָדעם — און געפירט דאָס זעל־בע לעבן ווי זיי. געפילט אויף מיין אייגענער הויט דעם קלאַסן־אונטערשיד צווישן אַרבעטער און זייער באַלעבאָס, די סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אויף דעם געביט. נאָר איצט פאַרשטיי איך ערשט, אַז דער אונטערשיד צווישן אַזעלכע סאָרטן פרויען, ווי די רבי׳שע טעכטער און שנורן, און אונזערע שטעטלדיקע יידענעס, איז מער טראַגישער, און מער אומגערעכטער, ווי דער קלאַסן־אונטערשיד צווישן באַלעבאָס און זיין אַר־בעטער, צווישן באַלעבאָס, און זיין משרת...

— און די מענער זייערע? די יונגע רבי׳לעך? — האָט הערטאַ אַ פרעג געטאָן — זיי זענען גאָרנישט אייפערזיכטיק געווען אויף זייערע יונגע פרויען? אויף די רביצינ׳ס...

פאַלק האָט אַ שמייכל געטאָן, און געטראַכט: „אין „דעם״ ענין טרעפן פרויען, מיט זייערע פּשוטע פראַגן, אין סאַמע פּינטל אַריין״... און ער האָט געזאָגט:

— געוויינטלעך, מאַכט מען די רבי׳שע טעכטער חתונה גאָר יונג... אויך די מענער זייערע זענען קוים „ראוי לחופה״ (אַכצן יאָר). שוין די דערציאונג, פון אַזאַ רבי׳שן זון איז אַנדערש, ווי ביי די רבי׳שע טעכטער. די ייִנגלעך ווערן דערצויגן ווי פּרינצן, וואָס וועלן שפּעטער אַליין איבער־נעמען די רבי׳שע שטולן פון זייערע טאַטעס און ווערן רבי׳ס. די מיידלעך אָבער לערנט מען אָפּטמאָל „גויאישע״ שפּראַכן... איז נישט אויסגעשלאָסן צו טרעפן אַזאַ רבי׳שע טאָכטער אין דער האַנט מיט אַ ביכל פון פּושקין, מיצקעוויטש, אָדער שילער... עס ווענדט זיך אין דעם לאַנד, אין וועלכן זיי זענען געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן; און נאָך אַ זאַך — האָט פאַלק מיטן לעצטן גלעזל אויסגעליידיקט ס׳פלעשל פראַנצויזישן קאָניאַק — גע־רעדטע שידוכים... פלעגט דעריבער דויערן אַ לאַנגע צייט, ביז אַ זעכצן־

יאַריק מיידל, (אָדער נאָך יונגער) האָט זיך צוגעווינט צו איר האַלב־דער־וואַקסענעם באַשערטן... און עס פלעגט זייער אָפט טרעפן, אַז צווישן די דאָזיקע צוזאַמענגעפּאַרטע „זיווגים", האָט די פרעמדקייט צווישן „רבישן פּאַרל" אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ לעבן...

הערטאָס צעפלאַמט פּנים, אירע צעשטראַלטע אויגן, האָבן אין פאַלקן צעשפּילט די פאַנטאַזיע, און ער האָט, אָנצינדנדיק אַ סיגאַרעט, איינגעהילט דאָס מיידלשע צימער מיט אַ וואָלקן פון רויך, ווייטער גערעדט:

— אויך זענען די מענער פון די דאָזיקע לעבנסלוסטיקע, זאָרגלאָזע, צעפּיעשטשעטע, שיינע ווייבלעך, געווען אויסגעוויקט און בלאַס, מיט פאַרשידענע „מיחושן" (שלאַפקייטן). אַ יונגער רב מיט אַ רויט פּנים? פּפע! דאָקעגן האָט אַ יונג רב'ל מיט אַ צעבראָכענעם גוף, מיט בלוטלאָזע באַקן, געהייסן אַן „איידל קינד". די דאָזיקע „איידעלע קינדער" האָבן פּשוט צו זייערע קרעפּטיקע, אויסגערוטע ווייבער קיין כח נישט געהאַט...

אין פאַלקס זכרון האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן. ער האָט אַ רונצל געגעבן דעם שטערן און האָט געזאָגט:

— צווישן די אַלע צעבראָכענע רבי'שע איידעמס און זין פון אונדזער רבינ'ס הויף, איז געווען איינער צווישן זיי, וועלכן מען האָט גערופן: יעקוב. נישט רב, און נישט רבי, נאָר פּשוט: יעקוב. דאָס איז געווען אַ מאַן צווישן פינף און דרייסיק און פערציק, מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע מענער, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אין דער צייט פון קבר אבות... שלאַנק און בויגיק; מיט אַ גאַנג, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ, ווי ביי אַ „טאָרעאַדאָר"... אַ פּאָר ליכטיקע, גוטע, שמייכלדיקע אויגן האָט דער מענטש געהאַט. ער איז געווען רב אין אַ שטעטל, ערגעץ אַרום לובלין, און איז געווען דער יינגסטער איידעם פון אונדזער רב אין שטעטל. אין זיינע צווייטעקטערלעך, אין מיין עלטער, זענען אַלע חדר־יינגלעך געווען פאַרליבט, ביז איבער די אויערן. געזונגען האָט ער שיין, נאָר קיין לערנער איז ער נישט געווען. די מיידלעך פון שטעטל האָבן שעהן־לאַנג שפּאַצירט אויף די נייע טראָטואַרן, לענגאויס דעם רבי'נס הויף, מיט דער האָפנונג, כאָטש פון ווייטנס אַ קוק צו טאָן אויף אים... אפשר וועט ער זיך באַווייזן אויפן גאַניקל... די שטעטלדיקע יונגוואַרג איז געווען באַגייסטערט פון זיינע „גבורות", וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט באַווייזן אין גרויסן בית מדרש, נאָכן דאַוונען. עטלעכע טישן, געלייגט איינעם אויפן אַנדערן, פלעגט ער אויפהויבן מיט די ציין. די גרעסטע „קונץ" איז אָבער געווען, ווען ער פלעגט אַריינלייגן אַ קראַן אויפן דנאָ פון אַ געפּינגערטע האַלבע פון ביר,

און מיט אַ קרעפּטיקן בלאָז, האָט ער די מטבע אַרויסגעשליידערט פון גלאָז... „קיין עין הרע, אַ בעל כח"... — האָט מען אין אַלע שטובן גערעדט.

הערטאַ איז געזעסן און, ווי אַ קינד, זיך צוגעהערט צו פאַלקס מע־שיות:

— דער דאָזיקער יונגער רב האָט קיין חסידים נישט געהאַט...

הערטאַ האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אָרעמער יעקוב!...

פאַלק האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצושטעלן, אַוועקגיין, און האָט נאָך פאַרענדיקט:

— אין עלזע לאַסקער שילערס אַ ביבלישע פּאָעמע: „אונד דער יאַ־קאָב וואר דער ביפּפּעל זיינער הערדע" (און יעקוב איז געווען דער בור־פלאָקס פון זיין סטאַדע), האָב איך תמיד, אין מיין דמיון, געזען אונדזער שטעטלדיקן רבי׳נס יונגסטן איידעם, י ע ק ו ב! אַזוי איז ער מיר גע־בליבן אין מיין זכרון.

— עלזע? — האָט הערטאַ זיך אויפגעזעצט, אַ באַגייסטערטע.

— האָסט זי געזען? ווי זעט זי אויס?

— עלזע? — האָט פאַלק געענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע

— זי איז אַ גרויסע דיכטערין... נאָר קיין „חסידים" (אָנהענגער) האָט זי נישט.

— וואַרט נאָך אַ ווײַלע — האָט זי געזאָגט, זעענדיק ווי פאַלק גרייט זיך אַוועקצוגיין — העלף מיר דאָס קישן צורעכט מאַכן.

פאַלק האָט זיך דערנענטערט צום בעט. זי האָט זיך אָנגעלענט אין זיין אָרעם, ווען ער האָט איר גלייכגעמאַכט דאָס קישן האָט זי זיין האַנט גענומען אין אירער און געזאָגט:

— תמיד ווען דו גייסט אַוועק באַפאַלט מיך אַן אַנגסט, אַז איך וועל דיך שוין מער נישט זען... און אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל פון אונדזער בייזאַמען זיין...

ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט געשוידערט; געגלעט איר קאָפּ.

— דאָס איז דיין שוואַכער געזונט־צושטאַנד שולדיק.

— איך בין נישט קראַנק! מאָרגן נאָכמיטאָג וועל איך זיין אין דער „חלוצים קאַפע" גאַנץ אַליין... פאַלק!

ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און איז שנעל אַרויס פון צימער.

קאַפּיטל 11

אַלמאַ

די „חלוצים״־קאַפּע איז אין דעם טריבן שבת־נאָכמיטאָג געווען פול געפּאַקט מיט געסט. קיין חלוצים זענען כמעט נישט געווען, אָבער אין אַ ווינקל, האָט פאַלק דערזען צביה׳ס קלוגן שמייכל און די פינקלדיקע אויגן־גלעזער פון איר בחור, דעם העברעאישן לערער. אַ מיידל, מיט בלאָנ־דע, קורץ־געשוירענע האָר, איז אויך געזעסן ביי זייער טישל. צביה, האָט אים די ערשטע דערזען און היימיש אים צוגעווונקן. צוגעקומען, האָט זי אים געמאַכט פּלאַץ און געזאָגט:

— באַקענט אייך. — אַנווייזנדיק אויפן בלאָנדן מיידל — אַלמאַ — און אַנווייזנדיק אויף פאַלקן האָט זי פּייערלעך, אַ גלאַנץ געטאָן מיט אירע הייסע, ברוינע אויגן: — דער חלוץ פאַלק...

פאַלק האָט דערפילט אין זיין קאַלטער האַנט אַ ווייך, וואַרעם הענטל, און ס׳האָט זיך אים נישט געגלוסט אַזוי שנעל עס אַרויסצולאָזן פון זיין האַנט. אויך דאָס מיידל האָט זיך עפּעס נישט געאיילט צוריקצונעמען איר האַנט. זיי זענען אַזוי פאַרבליבן אַ היפּשע ווײַלע, זיך קוקנדיק היימיש פרעמד אין די אויגן. אַנידערגעזעצט זיך ביי דער זייט פונעם מיידל, האָט זיך פאַלק אַרומגעקוקט אין זאַל, פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ צעשטרייטן בליק צו דער אַריינגאַנגס־טיר. דער גערויש איז געווען געדיכט, דער רויך פון טאַבאַק האָט זיך געוועלבט ביז אונטערן סופיט, אַרום די אָנגעצונדענע, עלעקטרישע לאָמפּן. צביה האָט באַלד פאַרשטאַנען וועמען פאַלקס אויגן זוכן און זי האָט אים שטיל געזאָגט:

— די חלוצה אַלמאַ וואַרט אויף די הערטאַ. ס׳וואָר אַלמאַ?... — האָט זי זיך געוואָנדן צום בלאָנדן מיידל.

דאָס מיידל האָט מיטן פולן מויל אַ שמייכל געטאָן:

— די — הערטאַ?... זי ווירד איבעראַשט זיין מיך היער צו פינדען...

פאַלק האָט מיט איין בליק אַרומגענומען דעם פּירעקיקן, נידעריקן זאַל מיט די פּראָנט־פענצטער צו דער הויפּט־גאַס. ער האָט געוווּסט, אַז לינקס, אין איינעם פון די שמאָלע געסלעך, שטייט דאָס געטע־הויז, ווו דער גרויסער דיכטער איז געבוירן געוואָרן. אויף רעכטס געפינט זיך דאָס אַלטע הויז, צום „ראָטען שילד״, ווו ס׳איז געקומען אויף דער וועלט ר׳ מאיר אַנטשל ראָטשילד... הינטערן רוקן פון דעם קאַפּע איז די „חלוץ־היים״ מיט זיינע

ווינטער־קוואַרטיראַנטן, די חלוצים, פון שטעט און שטעטלעך אַרום סאַן און ווייסל, בוג, און ניעמען...

ער האָט באַטראַכט די געסט; מייסטנס אַ יונגער עולם, מיט ווילד־באַוואַקסענע קעפּ, מיט לאַנגע, ביז אויף די אַקסלען, בלאַנדע האָר און בערד, אין קורצע, ברוינע מאַנטשעסטער־הויזן. די נאַקעטע פיס שטעקן אין לעדער־סאַנדאַלן; אַ טייל אין לייכטע, זומערדיקע טואַלענע, רעגן־קורטקעס, אַ טייל, אין ווינט־יאַקן, מיט איבערגעלייגטע קרעגן פון כאַקי־העמדער. קנאַכיקע, אָפּגעברענטע קריסטוס־פּנימער, מיט קינדישע בלויע אויגן, זיצן זיי דאָ אין גרופּן, מיט זייערע פעסטע פולע מיידן, מיט „גרעטקעס" אויף זייערע בלאָנדע קעפּ, אַרום הייסע „שאַלן" שאָקאָלאַד, און פּלוידערן. זייערע לייכטע, זומערדיקע מלבושים און דער גרויער, האַרבסטיקער נאָכמיטאָג, וואָס קלעפּט טריב צו די פענצטער, האָט עפּעס „צייטלעכעס" און „מיסטי־שעס" צוגלייך.

פאַלק קען זיי, די דאָזיקע „פויגל־וואַנדערער" פון בערלין, פון דיסעלדאָרף און פון אַנדערע דרום־דייטשע שטעט... „און הערטאַ, — האָט פאַלק אַ טראַכט געטאָן — זעט מען נאָך אַלץ נישט". די גרופּע חלוצים זענען געזעסן און געשוויגן; יעדער פון זיי איז געווען פאַרנומען מיטן באַטראַכטן דעם מאָדנעם עולם אַרום זיי. דער לערער, האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן; ער האָט זיך אויסגעווישט די ברילן און גע־זאָגט:

— זייט ער איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער, דער חלוץ פאַלק, זעט מען אים נישט צווישן די חלוצים.

צביה האָט זיך אַריינגעמישט:

— אין דער אי. גע. פאַרבן־פאַבריק, ווו פאַלק אַרבעט, מוז מען שווער האַרעווען...

פאַלק האָט געזאָגט:

— איצט גייט עס שוין בעסער, ס'איז נאָר די ערשטע צייט, וואָס ס'איז שווער.

— אין אי. גע. פאַרבען? — האָט אַלמאַ זיך אָזש אונטערגעהויבן פון בענקל — דאָ מוז מאַן דאָך קרעפטע באַזיצן... ווי... ווי... איין... גייל... (אַ פערד).

צביה האָט אויף איר אַ קלוגן קוק געטאָן און אַלמאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

הערטאַ איז געבליבן שטיין ביי דער אַריינגאַנגס־טיר, זיך נערוועז אַרומגעקוקט. זי איז געווען אין אַ לאַנגן, שוואַרצן רעגן־מאַנטל. די האָר

אַביסל פּיכט פון נאַסן וועטער, דאָס עלעקטרע־ליכט האָט זיך געשפּיגלט אין איר גלאַנציקן גומי־מאַנטל. פאַלק איז די גאַנצע צייט פאַרנומען מיטן וואַרטן אויף איר, האָט נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דער טיר. ער האָט זי דער ערשטער דערזען, זי אים — אויך. צוליב דער אומגעריכטער קאָמפּאַניע, אין וועלכער פאַלק האָט זיך געפונען, האָבן ביידע געמוזט צוי־מען זייער עמאָציע, זיך באַגריסט, ווי צוויי מענטשן, וואָס טרעפן זיך דאָ צופעליק, און קענען זיך, ווייל זיי האָבן זיך ערגעצווו באַגעגנט. נאָר אין צביה׳ס לעבעדיקע אויגן האָט מען געקאָנט לייענען אַ גאַנץ אַנדערע ווער־סיע, צו דער „צופעליקער" טרעפעניש פון די צוויי מענטשן, די חלוצה הערטאַ אָפּנהיימער און דעם חלוץ, פאַלק... נאָר ס׳איז קיינער נישט מחויב צו קענען לייענען אויגן־שפּראַך...

— אה! אלמא! — וואָס פאַראַ גוטער ווינט, האָט דיך אַהער פאַר־טראָגן?

אַלמאַ האָט געענטפערט, אַז זי האָט באַקומען צוויי טעג פריי פון איר שטעלע; איז זי געקומען פאַרברענגען צווישן די „האלוצים"...

דער לערער האָט געזאָגט:

— אויסנאַמווייז, איז היינט נישטאָ קיין פּראָגראַם אין דער „חלוץ־היים" און נישט קיין שיחות.. (שמועסן). דאָס איז דערפאַר — האָט ער צוצוגעגעבן — ווייל היינט אין אָוונט איז אין קליינעם זאַל פון דער פיל־האַרמאָניע אַ מאָצאַרט־קאָנצערט פון באַרימטן זאַלצבורגער קוואַרטעט... ער באַשטייט פון אַן ערשטע און צווייטע פידל, אַן אַלטאָ און אַ וויאָלאָנ־טשעל...

דאָס האָט דער לערער — נישט אָן שטאָלץ — באַוויזן זיין קענטע־ניש אין הלכות מוזיק, און ער האָט מיט חשיבות, מעשה „מוציא מבין", צוגעגעבן:

— עס איז כדאי בייצווווינען אַזאַ רעציטאַל.

— אַה! — האָט זיך אַלאַמאַ באַגייסטערט — אַ קאָנצערט!

און הערטאַ און אַלמאַ און פאַלק האָבן באַשלאָסן צו גיין היינט אין אָוונט הערן מאָצאַרט־מוזיק.

— איבריקנס, — האָט דער לערער געזאָגט — וואַרט דאָ דער גאַנ־צער יונגער עולם, אין קאַפע, אויף דעם דאָזיקן שיינעם ספּעקטאַקל.

צביה און דער לערער האָבן זיך אַנטשולדיקט און זענען אַוועקגע־גאַנגען. צווישן די דריי מענטשן, וואָס זענען זיצן געבליבן, האָבן זיך קיין שום רייד נישט געקניפּט און נישט געבונדן. ווען אַלמאַ האָט גערעדט צו די הערטאַ, האָט פאַלק נישט געהערט, און ווען זי האָט זיך געוואָנדן צו

פאַלקן, האָט הערטאַ זיך נישט צוגעהערט... הערטאַס פּנים איז געווען אַן פרייד. זי איז געזעסן מיט אַן אויסדרוק פון אַ טויבן. די אַלמאַ איז געזעסן צווישן זייביידן, און מיט נאַשערדיקע ליפּן געזופּט שוין דעם צווייטן באַל שאָקאָלאַד.

— אימער בעססער אונד בעססער ווירד דער שאָקאָלאַד, — האָט זי ווי אַ שול-מיידל געליובט דעם געטראַנק — אַמעריקאַנער שאָקאָלאַד... אַך, יאַ — האָט זיך אַלמאַ אַ דריי אויס געגעבן אין הערטאַס זייט: — אונד דער שמאַי? וווא איזט דער?

— אין בערלין וועגן זיינע אנגעלעגנהייטן. — האָט הערטאַ, אַן חשק, געענטפערט.

זי האָט באַלד פאַרגעסן וועגן וואָס זי האָט גערעדט, די אַלמאַ, און מיט גרויס באַגייסטערונג פאַרגעשלאָגן פאַרן קאָנצערט נאָך, זאַלבעדריט צו גיין עסן אָוונט-ברויט צום „אשינגער". הערטאַ האָט געזאָגט, אַז זי האָט איר מוטער צוגעזאָגט אַהיימצוקומען צום אָוונט-ברויט, קאָן זי ליידער נישט מיטקומען.

— מאַכט נישט. — האָט אַלמאַ אַ זאָג געטאָן — דאַן געהען וויר איינצווייען — האָט זי אָנגעוויזן אין פאַלקס זייט. — אונד דיך „מעדטשען", האַלן וויר נאָך דעם נאַכט-עסן, צום קאָנצערט.

הערטאַ האָט זיך אַביסל צו שנעל אויפגעשטעלט און מיט אַ קלאַנגלאָזן „ביז שפּעטער", איז זי פאַרשוווּנדן.

זאַ! — האָט זיך אַלמאַ געמאַכט באַקוועם און געקוקט מיט אַ פּאָר בלויע, נאַאיווע אויגן אויף איר נייעם באַקאַנטן:

— ננאַ! דאַן געהען ווע... (גייען מיר).

ביי „אַשינגערן" האָט מען פון פאַרטאָג אָן, ביז זייער שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געגעסן איין און דאָס זעלבע עסן, וואָס איז באַשטאַנען, פון אַן אַרבעס-זופּ מיט חזיר-פלייש, און סערוועלאַ-ווורשט מיט זאַלץ-זעמל און ביר. אין אַלע גרויסע שטעט פון דייטשלאַנד זענען צעקלעפּט אויף אַלע באַנהויפן, געלע פּלאַקאַטן, מיט איין וואָרט: א ש י נ ג ע ר...

אַלמאַ האָט זיך אויסגעזוכט אַ שטיל ווינקל און דאָרט אַריינגעשטופּט איר יונגן, פעסטן קערפּער. פאַלק איז געזעסן אַקעגנאיבער איר, ביי אַ שמאָל טישל, אַזוי, אַז זייערע קניען האָבן זיך קיין פּלאַץ נישט געפונען אונטערן טיש, בכדי באַקוועם צו קענען זיצן, האָט ער געמוזט אירע קניען האַלטן צווישן זיינע. פאַלק האָט ערשט איצט דערזען, אַז דאָס מיידל האָט נישט קיין בלויע אויגן, נאָר גרינע, קיילעכדיקע אויגן, ווי די ווייך-טרויבן, אַ פעסטע ווייבלעכע נאָז און אַ פּאָר זאַפטיקע, שיינע ליפּן.

זי האָט געשמייכלט סיי צו פאַלקן, סיי צום מיידל, וואָס האָט זיי סערווירט. די פאַרעדיקע אַרבעס־זופּ, דאָס פּאַפּירענע, שאַרסקע סערוועטל האָט זי אַריינגעשטופּט אין אָפענעם ווייסן דעקאָלט און געזאָגט:

— גוטן אַפּעטיט...

געענדיקט די זופּ, האָט זי זיך אָפּגעווישט די תאווה׳דיקע ליפּן און זייער ליבלעך אַ זאָג געטאָן:

— אין אי. גע פאַרבן־פאַבריק, אַרבעט מאַן זייער שווער... דאַן מוז מאַן אויך קרעפטיק עסן.

זי האָט באַשטעלט נאָך צוויי זופּן, אַ דאָפּלטע פּאָרציע סערוועלאַ־ווורשט און נאָך אַ ביר. זי האָט דערביי אָנגעוויזן מיט דער האַנט ווי הויך די ערדענע ביר־קופלע זאָל זיין: זאַ! נאָכן עסן האָט זי קינדיש און גוט געשמייכלט צו פאַלקן.

— פון וואַנען זי איז? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ דאָרף אין רהיינלאַנד. פאַלק האָט געקענט דאָס דאָרף. דאָס האָט ער אין זיינע פרייע זונטיקס אַרבעטנדיק אַלס חלוץ, ביי די פּויערים, מיט אַ וועלאָ אויסגעמאָסטן יענע דערפער.

— וואָס אירע עלטערן מאַכן?

— פערד־הענדלער! — האָט זי געלאַכט, פּשוט געענטפערט.

פאַלק האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין פּויער, ביי וועמען ער האָט געאַר־בעט ביים היי־שניט, האָט געקויפט אַ פערד מיטן נאָמען „פּאַשאַ" אין יענעם דאָרף, ביי אַ יידישן פערד־הענדלער...

— פון וואַנען קען זי די הערטאַ אָפּנהיימער?

— פון היגן יידישן שפּיטאָל, ווו זי איז באַשעפטיקט אַלס קראַנקן־פלעגערין. ווען שמאַי, די הערטאַס „כאָסן", איז אָפּערירט געוואָרן אויפן „בלינדאַרם", האָט זי, אַלמאַ, אים געפלעגט, און הערטאַ פלעגט קומען צו אים יעדן טאָג.

זי האָט זיך געשפּילט מיטן מעטאַלענעם זאַלץ־מעסטל, און פאַלק האָט געזען, אַז זי האָט שיינע הענט. האָט ער חשק באַקומען זיי צו באַרירן.

זי האָט דערכאַפּט זיין מחשבה און געשמייכלט. ער האָט צאַרט אַרויפגעלייגט זיינע פינגער אויף אירע. זי האָט זיך נישט געוועהרט. פּאַמעלעך האָט ער איר ווייכע האַנט איינגעשלאָסן אין זיינער. זיי זענען געזעסן און גע־שוויגן. ער האָט געפילט איר הייסן אָטעם אויף זיינע באַקן. זי האָט אויפ־געהויבן אויף אים אירע גרינע אויגן און געלאָסן געזאָגט:

— די ליבע הערטאַ ווירד וואַרטן...

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ גענויע פּינקטלעכקייט.

דער זאַל איז געווען קליין. אפילו די עסטראַדע, מיט די פיר מוזיקער, אַקעגנאיבער זייערע נאָטן־שטענדערלעך, איז אויך געשטאַנען אין האַלבן טונקל. זיי זענען געזעסן זאַלבעדריט אויפן באַלקאַנדל מיט די רויטע פּלו־שענע אַנלען־ראַנדן; אַרום דעם קליינעם, קיילעכדיקן זאַל האָבן די באַל־קאַנדלעך אויסגעזען, ווי טונקעלע היילן. אַ ערשטער און צווייטער וויאָלין איז געווען, וויאָלענטשעל אויך, נאָר אַנשטאָט אַן אַלטאָ, איז געווען אַ פלייט. הערטאַ האָט געזאָגט:

— קלאָר! אַ מאָצאַרט־קאָנצערט, מיט אַ פלייט, איז פיל ריכטיקער... און אויך „מאָצאַרטישער". איך פאַרשטיי גאַרנישט, ווו דער העברעאישער לערער, האָט גענומען אַן „אַלטאָ"...

— ס'שטימט! — האָט אַלמאַ אַ שמייכל געטאָן אין הערטאַס זייט — מאָצאַרט־מוזיק, אהנע פלעטע? דומהייטן...

די צוויי מיידלעך זענען געזעסן האַרט ביים אַנלען ראַנד פון באַל־קאָן, און פאַלק — הינטער זייביידן. דער גאַנצער קליינער רונדער זאַל איז געווען פול געפּאַקט מיט אַ יוגנטלעכן עולם, אין קורצע מאַנטשעסטער־הויזן, מיט העל־בלאָנדע קעפּ און העל־ברוינע האָר, מיט סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס, ווי ביי מאַנאַכן. די מיידן, פעסט־געבויט, נאָך אין זו־מערדיקע דירנדל־קליידלעך, מיט שווערע ברוסטן און קינדישע פּנימער, זענען שטיל און אַרטיק געזעסן, ווי די שול־מיידלעך און געוואַרט...

ס'איז שטיל און טונקל געווען אין זאַל, ווי אין אַ טעמפּל, פאַר אַ „גאָטעס־דינסט". פאַלק האָט נאָר געזען הערטאַס אָפּגעצערטן, בלאַסן פּראָ־פיל, פון זיין רעכטער זייט, און דעם בלענדנדיקן, ווייסן נאַקן, פון דעם יידישן רהיינלענדישן דאָרפס־מיידל, אין זיין לינקער זייט. ער האָט גע־קענט די דאָזיקע פּאָפּולערע קאָנצערטן, באַקאַנט אונטערן נאָמען: „פער־ציק־פפעניג"־קאָנצערטן, צוליבן איינטריטס־בילעט, וואָס האָט נישט מער געקאָסט ווי פערציק פעניג, און אַזוי אַרום געגעבן די מעגלעכקייט די ברייטע שיכטן צו געניסן פונעם מעכטיקן קוואַל, פון דער דייטשער מו־זיק. מיט ערפורכט, מיט צעשטראַלטע אויגן, איז פון דער יוגנטלעכער אוידיטאָריע אויסגעהערט געוואָרן דער רעציטאַל, פון ווונדערלעכע מאָ־צאַרטישע מעלאָדיען. ווי אין אַ חלום, איז אַדורך דער קאָנצערט, אַן אַ פּויזע, אַן אַפּלאָדיסמענטן. ערשט צום סוף, ווען דער עולם האָט זיך אויפ־געכאַפּט, האָט דער יוגנטלעכער זאַל וואַרעם און לאַנג אַפּלאָדירט. הערטאַס אויגן־ווימפּערן, זענען געווען פייכט און אויף אירע בלאַסע באַקן האָט זיך געפּערלט אַ טרער...

ס'איז געווען אַ נעפּלדיקער, טריבער אָוונט, ווען אַלע דריי, הערטאַ,

אַלמאַ און פֿאַלק, האָבן דורכגעשניטן דעם שטאָטישן פּאַרק, און באַגלייט די הערטאַ צו איר אַהיים. אַלמאַ האָט אַ סך גערעדט פֿון „דעם גוטן שאַמאַי", וואָס האָט ליב געהאַט שפּאַס צו מאַכן, ליגנדיק אין שפּיטאָל, נאָך דער „אָפּעראַציאָן"... הערטאַ און פֿאַלק האָבן געשוויגן.

פֿאַרן טויער פֿון הערטאַס הויז זענען זיי שטיינגעבליבן. הערטאַ האָט זיך אײַלנדיק אָפּגעזעגנט, נישט אומקוקנדיק זיך. פֿאַלק און אַלמאַ זענען שטיין־געבליבן אונטערן עלעקטרישן לאָמפּן־שײַן, אַליין אין דער נאַכט אַ היפּשע ווײַלע נאָך הערטאַס פֿאַרשווינדן, און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַזוי אומגעריכט האָט זיי די הערטאַ פֿאַרלאָזט.

— אָרמעס הערטל... — האָט זי מיט באַדויער אַ זיפֿץ געטאָן — ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך מיט איר... אינגאַנצן פֿאַרלאָרן...

פֿאַלק האָט זי אָנגעקוקט.

— ווי מיינט דאָס, די אַלמאַ — האָט פֿאַלק גערעדט צו איר אין דער דריטער פּערזאָן.

— איך מיין... איך מיין... — האָט דאָס מיידל מיט פֿעסטע טריט געשפּרייזט בײַ זײַן זײַט — אַז איר מענער... האָט אויף אַזעלכע „דינגען" (זאַכן) נישט קיין נאָז און נישט קיין אויגן... ווײַל דאָס זעט דאָך יעדער בלינדער, אַז דאָס מיידל איז פֿאַרליבט...

און נאָך אַ פּויזע האָט זי צוגעגעבן:

— זיי זענען דאָך פּאַסט פֿערלאָבט, די ביידן.

— ווער? — האָט פֿאַלק, נישט ווילנדיק אַ פֿרעג געטאָן.

— נו! די הערטאַ און דער שאַמאַי...

דורכשניידנדיק דעם שטאָטישן פּאַרק, זענען זיי אַרויסגעקומען אויף אַן אַספֿאַלטירטן הויפּט־וועג.

— דאָס איז דער וועג — האָט אַלמאַ לוסטיק אַ זאָג געגעבן — וואָס פֿירט אין די „טאַונוס־בערג". מיט צוויי מאָנאַטן צוריק, האָבן מיר, אַ גרופּע „חלוצים", אַ נאַכט־מאַרש געמאַכט, ביז צום רהיין אַרונטער... אָנגעקומען אויפֿן אָרט, מיט דער „זאָננע" צוגלייך, און נאָך אַ געשמאַקן פֿרישטיק־עסן, האָבן מיר נאָך מיט די „יונגען" האַנט־באַל געשפּילט...

— הערטאַ, איז אויך געווען דערבײַ? — האָט פֿאַלק געפֿרעגט.

— ניין! נישט דער שאַמאַי און נישט די הערטאַ...

זיי זענען אַראָפּ פֿון הויפּט־וועג. זיך געהאַלטן בײַם ראַנד פֿון אַ יונג נאָדל־וועלדל, פֿינצטער, ווי אַ הייל; אויף דער רעכטער זײַט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַן אומענדלעכער פֿלאַכער שטח, אין נעפּל, ווי אין אַ וואָל. זיי זענען געגאַנגען מיט אַ שמאָלער סטעזשקע, וואָס איז געלאָפֿן

לענגאויס צווישן וועלדל און דעם פלאַכלאַנד. זיי זענען געגאַנגען נאָענט איינער ביים צווייטן, אַז זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט, נישט ווילנדיק, באַרירט מיט זייערע הענט. פאַלק האָט אין דער טונקלעניש אויפגעזוכט אירע פינגער. זיי זענען אַוועק צום טאַקט מיט אַ לייכטן טראָט. נאָכ־לאָזנדיק פאַלקס רעכטע האַנט, האָט זי אים גענומען ביי זיין לינקער, און געזאָגט:

— לאָז מיך גיין אין דער לינקער זייט, ווייל דאָ רעכטס איז אַ טייך, דער נעפל דעקט אים צו

זי האָט דעם טייך אָנגערופן ביים נאָמען און געלויבט דערביי די געשמאַקע פיש, וואָס ווערן דאָ געכאַפּט.

— ביי אונז אין שפּיטאָל — האָט זי פריילעך געפּלוידערט — עסט מען זייער אָפט די פיש פון טייכל. נאָר זי, אַלמאַ, וואָלט זיי געגעסן יעדן טאָג... וויפל קינדער זענט איר אין דער היים? — האָט זי פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן און האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער. — ביי אונדז זענען מיר אַכט שטיק... פינף מיידן, דינען אַלע אין די גרויסע שטעט, ביי רייכע יידי־שע פאַמיליען; און די דריי יונגען אַרבעטן מיטן פאָטער, ביים פערד־האַנדל. ווען דער פאָטער איז אַוועק אין קריג, און מיין מוטער איז אַליין געבליבן מיט אונדז, האָב איך ביי מיינע אַכט יאָר געמוזט פאַרדינען אויף מיין ברויט ביי די רייכע „באַוערן" פון אונדזער דאָרף. פאָטער, איז גאָט זיי דאַנק, צוריקגעקומען פון קריג, נאָר דער פעטער גימפל איז גע־פאַלן... ווו — ווייסט מען נישט...

פאַלק האָט געזען, נישט איר פּנים, נישט איר סולועט אין דער גע־דיכטער פינצטערניש. ער האָט געמיינט אַז דאָס רעדט צו אים די נאַכט אַליין; אָדער דאָס מיידל ביי זיין זייט רעדט דאָס צוליב פּחד... אָבער איר שטימע האָט געקלונגען זיכער און פאַרטרוילעך. זי האָט געזאָגט:

— מיטן הויפּט־וועג, אַז מען גייט צום שפּיטאָל, איז אַ היפּשע שטרעקע, אַ צוויי שטונדן מאַרש. אָבער לענגאויס, מיטן טייך, איז אַ קאַצן־שפּרונג... אַ דינסט־שטעלע אין שפּיטאָל האָב איך אַ גוטע — האָט דאָס מיידל אַלץ געפּלוידערט — אַ גוטן לוין, גוטע נאַרונג, אַ הערלעך צימערל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין מיין פרייער צייט, בין איך פריי צו מאַכן, וואָס מיר געפעלט.

זי איז אַ ווילע שטיל געבליבן, אַ קרעפּטיקן אָטעם געטאָן. זיי זענען שטיינגעבליבן פאַר טונקעלע אייזערנע שטעכטן, וואָס אַרום אַ גרויסן בנין, צוליב דער פינצטערניש, האָט מען גאָרנישט געקאָנט אונטערשיידן. דער נאַכט־לאָמפּ האָט אומעטיק געברענט איבער די אַריינגאַנגס־טרעפּן

פון שפּיטאָל. אַלמאַ האָט געזוכט אין איר טאַש די שליסלען. פאַלק האָט געוואַרט. זי האָט אויפגעשלאָסן די פורטקע פון הויפּט־טויער, און געזאָגט:

— דו מוזט דיך נישט באַמיען שטיל צו גיין, אויפן ברוק פון הויף, און נישט אין די קולואַרן. ביי מיר אין צימער קאָן איך מאַכן וואָס איך וויל, און באַסטאַ!

אין אַ לאַנגן קאָרידאָר האָט אַלמאַ רואיק אויפגעשלאָסן אַ טיר, פון אַ צימער, געמאַכט ליכט. פאַלק איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און אַן אינטימע וואַרעמקייט האָט אים אַרומגענומען...

אונטערן מאַטן־ליכט פון אַן אַבאַזשור־לאָמפּ מיט טראַלדן, איז אַלמאַ שטיינגעבליבן. דאָס צימערל איז פול געוואָרן מיט איר שמייכל און מיט איר ווייבלעכקייט. זי האָט אַ ווייבערישן זיפץ געטאָן:

— נו! מאַך זיך באַקוועם!

אָפּגעלייגט פון זיך דאָס מענטעלע, זיך אַ גלעט געטאָן איבער אירע געדיכטע, בלאָנדע האָר, איז זי צו צום שפּייז־שענקל און אַרויסגענומען פון דאָרט וואָס זי האָט געפונען. באַלד איז אויפן טיש אויסגעוואַקסן ברויט, וווּרשט, מאַרמעלאַדע, און אַ קילע פלאַש רהיין־ווייַן. אַלמאַ האָט צו די אַלע גוטע זאַכן געשמייכלט:

— אויך מאָרגן — האָט זי פריילעך כמעט אַ זינג געטאָן — בין איך פריי פון מיין דינסט... דאָ האָסטו אַ מעסער און אַ גלאָז, סערוויר זיך.

זי איז פאַרשוווּנדן הינטער אַ לייכטער שויבן־טיר, און פאַלק האָט דורך די פאַרהאַנגענע שייבלעך געזען איר שאָטן זיך באַוועגן, ביים טוישן די קליידער אירע. נאָך אַ היפּשער ווילע, איז זי צוריקגעקומען, ציכטיק און ריין ווי אַ קאַץ; אין אַ לאַנגן, רויטן שלאָף־ראָק, וואָס האָט זי שלאַנקער און העכער געמאַכט, ווי אין די קליידער, וואָס זי האָט פריער געטראָגן. זי האָט געזאָגט:

— דו ביסט נאָך זאַט פון „אשנינגער", מיך אָבער הונגערט...

און זי האָט זיך זגראַבנע און ווייך אַוועקגעזעצט ביים טיש. פאַלק האָט זי אויפמערקזאַם באַטראַכט; אירע רואיקע זשעסטן, אירע פיינע האַנט־באַוועגונגען, די גוטע האַלטונג, האָבן אים אימפּאַנירט. ער האָט געטראַכט: „אָט, אַ דאָרפס־מיידל, מיט אַ פּנים פון אַ שיקסע, וואָס מען קאָן אָנטרעפן, סיי אין בעלגיע, אָדער אין האָלאַנד ערגעץ; און אפילו אין די דערפער אַרום זיין גאַליציאַניש שטעטל; טראָגט אַזאַ „שיר השירים־דיקן" נאָמען: אַ ל מ אַ... און אַ בת יחידה, פון אַ גרויסער פראַנקפורטער יידישער מש־פּחה, טראָגט גאָר אַזאַ האַרטן פרויען נאָמען, ווי אַ געוויינלעכע דייטשקע: „הערטאַ"...

ער האָט געקוקט אויף איר, זי האָט אָבער איבערגעריסן זיינע גע־דאַנקען, און געזאָגט:

— דו מיזט מיר זיין, כאָטש שבת אַרבעט מען נאָר ביז מיטאָג אין אי. ג. פאַרבן.

— איך האָב היינט איבערהויפּט נישט געאַרבעט, — האָט פאַלק זי באַרואיקט.

זי האָט מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטאָן אויף אים, און געפרעגט:

— ברויער?...

און נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער:

— דאָ, אין שפיטאָל, איז אַלץ „קאשאר" און „קעשער"... (כשר). אין דער „האלוץ־היים" האָט מיר צביה געזאָגט, איז אויך דאָס זעלבע...

— ווי אַזוי קומסט צווישן די חלוצים? — האָט זי פאַלק אַ פרעג געטאָן.

זי האָט אים נאַאיוו אָנגעקוקט און געענטפערט:

— די „האלוצים", דאָס זענען דאָך „ארמע קערלען", און דאָ וואָ אַרמע זינד, איז מיין פּלאַץ...

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן, האָט זי צוגעגעבן:

— אַ וווּנדער איז מיר נאָר, די הערטאַ... ווי קומט זי צווישן די „האַלוצים"? נאָר ליבע איז בלינד... וואַרשיינלעך, צוליב דעם שאַמאַי, איז הערטאַ צווישן די חלוצים געגאַנגען... ער זאָל פאַרזוכן די מאַרמעלאַדע. דאָס איז עפּעס אַזוינס, און אַזעלכס, אַ לעקער־ביסן.

נאַשענדיק די מאַרמעלאַדע, האָט זי געזאָגט:

— זי פאָהרן באַלד וועק, אין... דאָס יידישע לאַנד...

— פּאַלעסטינע... — האָט איר פאַלק פאַרבעסערט.

— נו, יאָ — האָט זיך אַלמאַ אַביסל פאַרשעמט — איך באַהאַלט שווערלעך דעם נאָמען...

— אויב זי גרייט זיך אויך צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע, ווי הערטאַ? — האָט זי פאַלק געפרעגט.

— איך? — האָט זי גרויס אויפגעעפנט אירע גרינע, קיילעכדיקע ווייִן־טרויבן אויגן, — איך? — זי האָט זיך פאַרטראַכט — מיט אַ „כאַאָסע" (חתן) — פּילייכט...

פאַלק האָט באַמערקט, אַז אין רהיינלאַנד און אין דער בייערישער פּפאַלץ באַנוצן אַ טייל דייטשע יידן, די, וואָס וווינען אין די דערפער, אַ סך העברעאישע ווערטער. אָפטמאָל קאָן מען אויך, צווישן די פּויערים גופא, הערן אַזעלכע פרעמדע אויסדרוקן: מיינסטנס, ווען עס האַנדלט זיך אין

„געשעפט". און ער דערמאָנט זיך, ווי זיין פויער, ביי וועלכן ער האָט גע־אַרבעט, ווען ער האָט זיך געדונגען צוליב אַ פערד ביי אַ יידישן פערד־הענדלער פון שכנות'דיקן דאָרף, האָט בייז אויסגערופן: „וואָס פיר אַ „מאַסע־מאַטע" (משא־מתן) שלאָגסטו דאָ מיר פאָר, מענטש איינער!" (דער פרייז איז אים אוודאי, נישט געפעלן געוואָרן). און די רהיינלענדישע דאָרפס־יידן באַנוצן די העברעאיזמען, אין צוזאַמענהאַנג, מיט זייערע געבורטן, ברית'ן, בר מצוות, חתונות, און פטירות... נאָר מיט דער צייט, איז אָנגעוואַקסן אַ שטויב אויף די דאָזיקע אויסדרוקן, און זיי זענען פאַר־גרייזט און פאַרגרעבט געוואָרן, אין משך פון דורות, ממילא געוואָרן אומ־פאַרשטענדלעך. „דאָס איש אַ קאַפערניק" (כפרה'ניק) — קאָן מען הערן זאָגן אַ יידישן בהמה־הענדלער אויף אַ פויער אַ רשע; אַ „רישעס־מאַכער"... אַ „קיהלע" (כילי — פון העברעאיש, אַ קאַרגער).

פאַלק האָט מיט נייגעריקייט, מיט אַ פאַרבאָרגענע ליבשאַפט, זיך צוגעהערט צו די פאַרגרייזטע העברעאיזמען אין מויל פון דעם יידישן „שיקסל", וואָס זיצט אַקעגנאיבער אים און באַלעקט זיך ווי אַ קאַץ נאָכן נאַשן.

— צווישן די חלוצים — האָט פאַלק ערנסט אַ זאָג געטאָן — האָסטו נאָך ביז היינט קיין „כאָעסע" (חתן) דיר נישט אויסגעוויילט?

אַלמאַ האָט זיך פאַרטראַכט און געלאַסן געענטפערט:

— נאָך היינט, אַכט יאָר נאָכן קריג, קומט אויס ביי אונדז אין לאַנד דריי פרויען אויף צוויי מענער... אויסער צביה און די הערטאַ, וואָס האָבן „האַלוצים־יונגנס", זענען אַלע אַנדערע „האַלוצים" פאַרנומען פון נישט יידישע „מאידן". אין די שבת־נאָכמיטאָגן און די זונטיקס וועסטו נישט טרעפן אַ „האַלוץ" שפּאַצירן, אָדער זיצן אין אַ קאַפע, מיט אַ יידישער „מאיד"...

זי האָט אַ קלוגן, ווייבערישן, צוויי־דייטיקן שמייכל געטאָן:

— די „לאָטיס", די „טרודזשענס" און די „ליזלס", זענען „שטאַרקער" פון אונדז, „יידינס"...

און אַז פאַלק האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין, וואָס זי מיינט, האָט זי מיט איר האַנט אַ פיר געטאָן איבער זיינע האָר: בישט אַ „טעפּ", פאַלק! (אַ שוטה, אַ טיפּש).

דאָס פלאָשל רהיין־ווין האָט זיך לייכט אויסגעטרונקען; אַלמאַ האָט געזאָגט:

— אין אונדזער דאָרף טרינקט מען דאָס נאָכן „האַרבשטע" (האַרבסט, נאָכן וויינטרויבן־שניט) און אויך אַ גאַנצן ווינטער, אַנשטאָט ביר; אַזוי אַז

דער העלער ווין מאַכט מיר מער נישט אויס. און דו? — האָט אַלמאַ פּלוצ־לינג אַ פרעג געגעבן — ווען גרייטסטו דו זיך פאָרן אין יידישן לאַנד?...

— איך ווייס נישט. — האָט פאַלק אויפריכטיק געענטפערט.

זי האָט געקוקט אויף זיינע הענט:

— היינט נאָכמיטאָג, אין קאַפע, ווען צביה האָט אונדז בעקאַנט איינער מיטן צווייטן, און ווען דו האָסט דיין האַנט דערלאַנגט, האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: „דאָס איז נישט קיין האַנט, פון אַ „עכטן־האַלוץ"?... און ווען איך האָב זיך דערנאָך דערוווסט, אַז אַרבעטסט, אין די אי. גע. פאַרבן־פאַ־בריק, האָב איך נאָכמער געשטוינט. ווייל נישט דיין „פּאָנעם" (פּנים) און נישט דיינע הענט שטימען מיט דיין אַרבעטס־שטעלע... די כעמישע פאַ־בריק איז ווייט באַקאַנט; מען מוז ווירקלעך אַ „גראָסן קויאַך" (כוח) באַ־זיצן, דאָרט לענגער האַלטן, ווי דריי טעג... ווייל אַלע אונדזערע „יונגענס" (חלוצים), וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, זענען נאָך אַ פּאָר טעג אָנגעקומען קראַנקע צו אונדז אין שפּיטאָל. און דו? — האָט אַלמאַ אים באַטראַכט, גלייך זי זעט אים צום ערשטן מאָל — האַלטסט אויס?

— אַדאַנק ערנסט, דעם מאַטראָז... — האָט פאַלק געזאָגט — ער העלפט מיר אין די שווערע מאָמענטן...

— אה! דער? האָט אַלמאַ אַ דריי געטאָן מיט איר קרעפּטיקער באַז

— דער ברומבער? דער אַנאַרכיסט?

— קענסט אים? — האָט פאַלק מיט אינטערעס אַ פרעג געטאָן.

— דעם דאָ... ווער קען אים נישט? מיט „מעדלס" האָט ער „וואָהל" נישט צו טאָן... פאַרדאָס אבער, האָט ער גערן פאַרהייראַטע ווייבער... און קריגס־וויטוועס (אַלמנות...)

אַ נערוועזער רויטער פלעק האָט זיך צעבליט אויף איר לינקער באַק און פאַלק האָט אָפּגעהאַקט דאָס געשפּרעך וועגן ערנסט דעם מאַטראָז. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, און געזאָגט:

— ס'איז צייט נאַכט צו מאַכן.

און אָפּרוימענדיק פון טיש, האָט זי אונטערגעברומט אַ ליד, אַ פריי־לעכע מעלאָדיע, מיט אַ רעפרייַן, וואָס ענדיקט זיך:

אין יעדן „שטעטשען" אַן אַנדער מעדשען...

זי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימערל, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך, און געזאָגט:

— גיי, מאַך דיך באַקוועם אין וואַש־צימערל, און איך וועל דיר

דערווייל אויסבעטן אויף דער זאָפאַ לעבן פענצטער, מען שלאָפט דע־רויף וווּנדערבאַר. צוליב דיינע לאַנגע פיס, וועל איך צושטעלן אַ שטול.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון וואַש־צימערל, איז זי שוין געלעגן אין איר בעט; איר ווייסער, יונגער דעקאַלט, אירע געטאָקטע ראָזיקע אָרעמס האָבן פאַרפירעריש געבלענדט אין ליכט פון רויטלעכן אַבאַזשור־לאָמפּ. אויסלעשנדיק דאָס ליכט, האָט זי געזאָגט צום ביישלעפער:

— איך ווייס נישט ווי ביי דיר, נאָר איך, אַז איך שלאָף, קאָנסטו האַלץ האַקן אויף מיר, און דערוועקן וועסטו מיך נישט...

קיין ענטפער פון פאַלקן איז נישט געקומען; אַ סודותדיקע שטילקייט און אַ טיפע רו האָט איינגעהילט דאָס צימער, און דער גוטער מלאך פון שלאָף האָט די ביידע יונגע מענטשן פאַרטראָגן אין חלום־לאַנד אַריין...

קאַפּיטל 12

צביה׳ס מוסר־רייד

עס איז געווען אַ נעפּלדיקער זונטיק־פרימאָרגן, ווען פאַלק האָט געשפּאַנט, צווישן וועלדל און טייך, צוריק אין שטאָט אַריין. ער האָט די געגנט נישט דערקענט, ווען ער איז דאָ מיט אַלמאַ ביי זיין זייט געגאַנגען, זי באַגלייטן צו איר קוואַרטיר, אין יידישן שפּיטאָל. ס׳איז אים באַפאַלן אַ חשק, זי נאָכאַמאָל צו זען. זי זאָל אים דערציילן פון פעטער גימפּל, וואָס איז געפאַלן אין קריג. ער איז געגאַנגען, מיטן זעלבן נאָדל־וועלדל, ביי זיין רעכטער זייט. אויף זיין לינקער, איז געלעגן דער טייך. מען האָט זיין קענגנאיבערדיקן ברעג נישט געזען, צוליבן געדיכטן, האַרבסט־טיקן פרימאָרגן־נעפּל. ער האָט געטראַכט פון אַלמאַס ציכטיק וואַרעם צימערל, פון איר בעט, פון אירע רונדע ראָזיקע אָרעמס. ער האָט געשווי־דערט אין פייכטן פרימאָרגן און פאַרשנעלערט זיינע טריט, זיך צו דערוואַ־רעמען. ער וועט גיין צו הערטאַ... אין דער חלוץ־היים... אין דער קאָפּע זענען אים די געדאַנקען געשפּרונגען, ווי ביי אַ מענטש וואָס האָט פיבער... נאָר אַמיינסטן האָט אים געצויגן צום הויפּט באַנהויף, נעמען אַ בילעט, צו־ריק צו פאָרן קיין בערלין...

ער איז אַרויסגעקומען אויפן הויפּט־וועג, וואָס פירט אין די „טאַר־נוס״־געבירג; דורכגעשפּרייזט און געשפּאַנט גלייך פאַרויס, צום שטאָט־

פאַרק וואָס האָט זיך שוין געזען פון דער ווייטנס. ס'איז שוין געווען נישט אַזוי פרי, ווען ער האָט זיך דערנעטערט צו דער שטאָט. ס'איז שטיל געווען אַרום, נאָר די זונטיק־גלאָקן האָבן מאָנאָטאָן און פייערלעך, דערמאָנט, אַז די גאָטס־הייזער שטייען אָפן פאַר די גלויביקע, פרומע לייט, אויף דער לינקער זייט פאַרק.

צוליב זונטיק, איז געווען אַ געגיי אין די צימערלעך און אין גרויסן זאַל פון דער „חלוץ־היים". די חלוצים האָבן געוואַשן זייערע וועש, פאַר־לאַטעט זייערע מלבושים, האָבן געדרוישט און געליאַרעמט, ווי דער סדר פון יונגע, זאָרגלאָזע מענטשן. צביה איז געווען אומעטום. זיך באַגריסט מיט איר, האָט פאַלק דערקענט אין אירע אויגן, אַז זי ווייסט שוין, אַז ער איז די היינטיקע נאַכט נישט געשלאָפן דאָ, אין דער „היים". זי האָט גע־זאָגט:

— קום אין קיך, טרינקען אַ גלעזל טיי, משולחת, וואָס דו ביסט!

ער איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. זי האָט אים זייטיק באַטראַכט, פון די שיך ביז אויף זיין פנים; האָט אַוועק־געשטעלט דעם טיי און איז שטיינגעבליבן מיט פאַרלייגטע הענט אויפן בויך, ווי אַ אמתע קעכין, און געלאַסן, אַ זאָג געטאָן:

— אין דער „חלוץ־היים" איז מען צו „דעם" נישט געוווינט... עס זענען דאָ אויגן, וואָס זעען, און אויערן, וואָס הערן...

— און אַ האַנט... — האָט פאַלק צוגעגעבן, אין זעלבן ערנסטן טאָן — וואָס פאַרשרייבט... אַזוי ווי אין פּרק שטייט...

— מאַך חוזק! מאַך! — האָט צביה, זייער ערנסט אַ זאָג געטאָן — ס'זענען ביי אונדז פאַראַן חברה, וואָס האָבן ליב אַזעלכע ענינים אַרויפצו־לייגן אויפן טיש, ביי די „שיחות" (שמועסן)... וואָס הייסט ליב? — האָט זי פאַרבעסערט — אַ גאַנצע מציאה... זיי האָבן ליב, כלומרשט תמעוואַטע, אַ פרעג טאָן: „חברים! אויב ס'זענען דאָ צווישן אונדז אַזעלכע חלוצים, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען, צו שלאָפן אין האָטעלן, דאַרפן זיי נישט אויס־צונוצן די „חלוץ־היים"...

פאַלק האָט זי אָנגעקוקט.

— קוק נישט אַזוי אויף מיר — האָט צביה זיך חבריש אַ בייזער געטאָן — מיט דיינע כלומרשט אומשולדיקע אויגן... א גאַנצן פרימאָרגן דרייט ער זיך דאָ ביי מיר אין קיך, אַריין און אַרויס דער בעט־שכן, פון דיין שותפות־צימערל, דער ראַבינער־זון, הייני פאָללאַק, און פרעגט מיך אויס וועגן נעכטיקן נאָכמיטאָג, אין דער חלוצים־קאַפע; ווער ס'איז אַלץ דאָרט געווען, און וועגן קאָנצערט אין אָונט, אויב די „מאָצאַרט־מעלאָ־

דיען״ זענען מיר געפעלן געוואָרן... און איך ענטפער אים, אַזוי ווי מ'ען ענטפערט, אַ בר דעת, נישט ווי אַ צעדרייטן און אַ פאַרליבטן...

אין קיך איז אויסער צביה און פאַלק, קיינער נישט געווען. זיי האָבן ביידע לאַנג געשוויגן.

— איך ווייס נישט — האָב זיך צביה ווי אויפגעכאַפּט, פון אַ געדאַנק — אין די אַנגעלעגענהייטן זענט איר, מענער, געגליכן צום גויאישן גאָט: אויגן האָטיץ און צ'זעט נישט; אויערן האָטיץ און צ'הערט נישט...

— אָבער „רגלים״ — (פיס) האָבן זיי, די מענער... — האָט פאַלק, אַ טרויעריקער פאַרענדיקט.

— אַז דיר גלוסט זיך נאָך צו שפּאַסן... — האָט צביה אַ פאַרבאַרגענעם שמייכל געטאָן — דאָס איז דיין עסק. איך אָבער קען די חלוץ־היים און זיינע באַשיצער...

— ווילסט זאָגן, — האָט פאַלק שאַרף געקוקט צביה'ן אין די אויגן אַריין — אַז הייני, איז פאַרליבט אין די הערטאַ?

— רוף דאָס אָן ווי דו ווילסט... — האָט צביה געמאַכט אַ פילאָזאָפישע מינע — דאָס יינגל וואָלט דען געקאָנט לעבן איין טאָג אָן די הערטאַ? געקומען לערנען אין דער ישיבה צו ברויערן, האָט ער זי ערגעץ באַגעגנט אויף אַ נשף חנוכה... און זייט דעמאָלט לעבט ער אין איר שאָטן... אַז אַ קראַנקער מענטש איז פאַרליבט... — האָט אים צביה שאַרף אָנגעקוקט — איז דאָך נישט דאָס זעלבע, ווי אַ געזונטער מענטש האָט ליב...

פאַלק האָט אַזש צוגעמאַכט די אויגן ביי צביה'ס לעצטע ווערטער; ער איז זיכער געווען, אַז זי גייט זאָגן: „אַזוי ווי דו האָסט זי ליב״...

— איבריקנס — האָט צביה, אָפּגעשניטן — דאָס יינגל גייט אויס ווי אַ ליכט!...

קאַפּיטל 13

דער לעצטער טאָג

איבערגעקומען דעם דאָזיקן זונטיק, האָט זיך פאַלק קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען דעם איבעריקן טריבן טאָג. ער האָט גענומען די שטראָסן־באַן און איז אַרויסגעפאָרן ביז צו דער סטאַציע, פון וויסן דאַמפער, דאָרט, ווו ער האָט מיט הערטאַ, יענעם זונטיק פאַרברענגט; נאָר פוסט און שטיל

איז די דאַמפּער־סטאַציע געווען, אין דעם שפּעט־האַרבסטיקן זונטיק פרימאָרגן; קיינער איז דאָרט נישט געווען, נישט די ייִנגלעך מיט די מיידלעך, וואָס האָבן זיך יענעם לעצטן זוניקן אָקטאָבער טאָג, ביי די הענט געהאַלטן, און געזונגען פאַרליבטע לידער:

„וואָהל הויטע, נאָך און מאָרגען,
דאַן בלייבע איך ביי דיר...
ווען אַבער קאָמט דער דריטער טאָג,
דאַן מוז איך פאָרט פאָן דיר...

צומאָרגנס האָט ער זיך געוואָרפן אין דער פאַבריקס־אַרבעט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי איינער, וואָס וואַרפט זיך אין אַ שטראָמיקן טייך, און דער שטראָם און די כוואַליעס שלינגען אים איין. אָן געדאַנקען, אָן רייד, זענען די טעג פאַרגאַנגען. אין דער אָפּרו־שעה, שיצנדיק זיך פאַרן רעגן, זיצנדיק אויף אַ זאַק צעמענט, האָט דער מאַטראָז אַנגעקוקט פאַלקן פון דער זייט, אים אַ זאָג געטאָן:

— זאָל עס זיין וועגן אַ „געשיכטע" מיט אַ „מעדל", וואָס ער איז אַזוי „מאָנדזיכטיק" ?... נו... דאַן האָסטו עס פעסט זיצן, מיין יונגע...

נאָר א ווײַלע, האָט ער ווייך צוגעגעבן:

— אין דיינע יאָרן, גינג'ס מיר נישט בעסער...

אין אַ בין השמשות, סוף וואָך, ווען ער איז געלעגן נאָך דער אַר־בעט אויף זיין פעלד־בעטל, אין טונקעלן צימערל, אָן געדאַנקען, האָט פאַלקן עמעצער אַריינגעשטעקט אין האַנט אַ קאָנווערט. ער איז אויפגעשפּרונגען, געמאַכט ליכטיק, אויפגעריסן דעם קאָנווערט, און גענומען נערוועז לייענען:

„איך ליג קראַנק. קום, פאַלק! קום נאָך היינט!"

הערטאַ...

ער האָט נישט געוווסט ווו דער וועג איז אים אַהינגעקומען. ער האָט זיך פּלוצלינג דערזען פאַר הערטאַס הויז. די ראָזאַלינע האָט אים געעפנט דאָס טויער. אַנגעקלאַפּט אין איר טיר, האָט ער נישט געוואַרט אויף איר רוף, און איז ווי אַ ווילדער צוגעפאַלן צו איר בעט; קניענדיק, האָט ער זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, נישט אויפגעהערט צו מורמלען איר נאָמען: הערטאַ מיינע! הערטאַ טייערע!

— אָ, פאַלק! — האָט זי געלאַכט און געוויינט — אָ פאַלק, דו מיי־נער!

זיך באַרואיקט אַביסל, האָט זי, אָן צוזאַמענהאַנג, אָן אַ סדר, און איילנדיק, אים אַלץ אויף אַמאָל דערציילט; זייט דעם קאָנצערט... די זעלבע נאַכט, האָט זי באַקומען שטאַרקן פיבער... צוויי מאָל שוין איז דער דאָקטער געווען... מוטער האָט געוואָלט שמאַי טעלעפאָנירן... דער דאָקטער זאָגט: לייכטע ערקעלטונג... שמאַי? ניין! נישט טעלעפאָנירט...

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז זי איז אינגאַנצן רואיק געוואָרן, זיך אַפילו אויפגעזעצט אין בעט, און פאַלק האָט צוריק געפונען איר אייגנאַרטיקן, ווונדערלעכן שמייכל, וואָס האָט אים אויף אייביק שוין געפאַנגען...

— איך פאָר אַוועק — האָט פאַלק איבערגעריסן דאָס שווייגן, וואָס האָט דאָ שווער געדריקט אויף ביידן.

— ווען? — האָט הערטאַ אַ צאַפּל געטאָן, נאָר גלייך האָט זי צוריקגעהאַלטן און רואיק — איך האָב עס געוווּסט.

— מאָרגן! — האָט פאַלק געענטפערט — שבת.

— וואַרט איבער נאָך איין טאָג... — האָט הערטאַ צוגעפירט פאַלקס האַנט צו אירע הייסע ליפּן און זיי געקושט — וואַרט ביז זונטיק, וועל איך דיך קאָנען באַגלייטן... איך פיל זיך שוין פיל בעסער היינט.

— מען דאַרף נישט, מיין טייערע — האָט פאַלק זי געגלעט — באַגלייט מיך נישט!

— אַלמאַ? — האָט זי אָנגעשטעלט אַ פּאָר שמייכלענדיקע, פאַרטרערטע אויגן אויף אים — אַלמאַ?

— נו, גוט! — האָט פאַלק געזאָגט — זאָל זיין ווי דו ווילסט. איך וועל פאָרן, זונטיק אויפדערנאַכט...

— צוריק קיין בערלין?

— יאָ! איך פאָר צוריק קיין בערלין! — האָט פאַלק קיל געענטפערט

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט — נו, איך מוז שוין גיין, ווייל איך וויל דעם לעצטן פרייטיק צו נאַכטס, אין דער חלוץ־היים נישט פאַרפעלן...

— קום מאָרגן, פאַלק. — האָט הערטאַ שטיל געזאָגט.

— מאָרגן? — האָט פאַלק נאָכגעטראַכט — כ׳וועל נישט קאָנען.

— אַלמאַ? האָסט אַ ראַנדעוווּ מיט אַלמאַ? זאָג!

— ניין! — האָט פאַלק געזאָגט — אַלמאַ איז נישט פריי יעדע וואָך...

— שטימט! — האָט הערטאַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — ס׳שטימט!...

זונטיק אין דער פרי, האָט פאַלק געטראָפן הערטאַ, שוין אָנגעטאָן;

ס׳פּנים בלאָס, מיט צעשטראַלטע אויגן, איז זי געשטאַנען אין איר געפּאַסטן בלויען מאַנטל, מיטן פוטער־קרעגעלע, אין ווייסן געשטריקטן בערעט אויף איר פעך־שוואַרצן קאָפּ האָר, אין הויכע שיך צו שנירן, איז זי געשטאַנען גרייט צום גיין. ס׳איז געווען אַ טרוקענער, קאַלטער פרימאָרגן. געגאַנגען זענען זיי, ווי אָן אַ ציל, און געשוויגן. פון פּאַרק אַרויס האָבן זיי נישט געוואָלט, אָדער נישט געקאָנט אַרויסקומען. אויף פּאַלנדיקע בלעטער האָבן זייערע פיס געטראָטן, קראָען האָבן זיך מחנות׳ווייז, מיט געפילדער, אַ לאָז געטאָן פון איין בוים צום צווייטן. הערטאַ האָט פלינק און לייכט געשפּאַנט ביי דער זייט פון פּאַלקן, צעשטראַלט און גליקלעך.

— מיר האָבן אַ גאַנצן פרייען טאָג פאַר זיך...

פּאַלק האָט זי אָנגעקוקט און איז טרויעריק געוואָרן. אַרויס פון פּאַרק, האָט הערטאַ געוואָלט גיין מיט אַ ציל, ביז זיי זענען שטיינגעבליבן פאַר אַ געביידע מיט מאַרמאָרענע טרעפּ.

— דאָס איז מיין גרויסע קאָנדיטעריי פון פאַר מיין חלוץ־צייט...

זיי זענען אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

הערטאַ האָט באַשטעלט צוויי הייסע שאָקאָלאַד, פּוטער־געבעקס. זי האָט געגעסן מיט אַפּעטיט.

— מיר זענען דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, אַליין, ווי אויף אַ אינדזל...

פּאַלק איז אַזוי געווען פאַרטאָן מיט אירע אויגן, מיט אירע ליפּן, מיט איר נאָענטקייט, אַז ער האָט נישט אַלץ געהערט, וואָס זי רעדט. צוליב די פריע שעהן, איז נאָך די קאָנדידעטריי געווען ליידיק. קיינער איז אין גרויסן, רונדן זאַל נישט געווען חוץ, זייביידן; „אַן אינדזל... באמת אַן אינדזל...״ — האָט פּאַלק געטראַכט, און ער האָט נאָך שטאַרקער דערפילט הערטאַס נאָענטקייט... זי האָט געזאָגט:

— עס זאָל מיר ווער קומען און זאָגן: באַשרייב מיר, אָדער דער־צייל, ווי אַזוי איז דאָס געשען מיט אונדזביידן, פון אָנהויב אָן ביז היינט... וואָלט איך עס נישט געקאָנט... פּונקט אַזוי, ווי מען קאָן אָפט קיין חלום נישט דערציילן... איך געדענק נישט, ווען די זאַכן זענען געשען, וועלכע פריער, און וועלכע שפּעטער... און צי געוויסע פּאַסירונגען צווישן אונדז זענען איבערהויפּט פּאָרגעקומען... אָפט קומט מיר פאָר, אַז דאָס אַלץ, האָט זיך מיר נאָר געחלומט...

פּאַלק האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אירער און ער האָט גע־פילט, אַז ער האַלט אַ לעבעדיק און אַ צאַרט באַשעפעניש אין זיין האַנט...

— זאָג מיר עפּעס, פאַלק! — האָט הערטאַ, צושליסנדיק אירע אויגן, זיך געבעטן — זאָג מיר עפּעס, פאַלק!

ער האָט געזאָגט:

— איך האָב מורא צו רעדן, הערטאַ. ווייל איך וויל נישט מיט מיינע רייד צעשטערן מיין געפיל.

— צעשטערן אַ געפיל? — האָט הערטאַ געזאָגט. — שיינע רייד זענען אָפט מער ווי די שענסטע געפילן... שיינע רייד זענען, ווי שיינע קליידער, פאַר אַ שיינעם קערפּער...

— איך בין נישט קיין מבין... — האָט פאלק זיך פאַרענטפערט — איך פאַרשטיי נישט, הערטאַ, דיינע רייד...

— דערציייל'זשע מיר — האָט הערטאַ פלוצלינג אַ מאָדנעם בליץ געטאָן מיט אירע צעפלאַמטע אויגן — ווי אַזוי האָסטו פאַרברענגט מיט דער אַלמאַ נאָכן קאָנצערט...

פאַלק האָט זי אָנגעקוקט, נישט דערקענט אירע אויגן. צוליבן פרעמדן פייערל, וואָס האָט זיך אין זיי אַ צעפלאַקער געטאָן...

— מיר זענען לאַנג, זייער לאַנג געגאַנגען — האָט פאַלק אָנגעהויבן, ווי אין דער מיט.

— ס'שטימט — האָט הערטאַ באַשטעטיקט.

— ביז צום שפּיטאָל איז אַ האַלבע שעה, מיט דער שטראַסנבאַן. דער־נאָך האָבן מיר לאַנג געפּלוידערט ביי איר אין צימער.

— אַ הערלעך מיידל — האָט הערטאַ אַ זאָג געטאָן.

— איינפאַך און מענטשלעך... — האָט פאַלק צוגעגעבן — דערנאָך, האָבן מיר „גענאַשט" און געטרונקען קילן רהיין־ווייַן. צומאָרגנס האָבן מיר זיך געזעגנט: זי איז אַוועק צו אירער אַ שוועסטער, וואָס „דינט" ביי אַ יידישער פאַמיליע אין באַד הומבורג, און איך בין אַוועק אין שטאָט אַריין.

הערטאַ האָט געשוויגן, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— ווען שמאַי איז געלעגן אין שפּיטאָל, בין איך פאַסט טאָג־טעגלעך אַרויסגעקומען צו אים. איינמאָל בין איך זיך ביז שפּעט פאַרזעסן אין זיין צימער, האָט די אַלמאַ מיר פאָרגעשלאָגן איבערצונעכטיקן ביי איר. מיך האָט זי געגעבן איר בעט און אַליין איז זי געשלאָפן אויף דער זאָפע לעבן פענצטער.

— אויף דער קליינע זאָפע נעבן פענצטער — האָט פאַלק געזאָגט — בין איך די נאַכט געשלאָפן...

— דאָס איז געווען אַ נאַכט, וואָס איך וועל לאַנג געדענקען, וועגן דער רו, און וועגן דער שטילקייט, וואָס האָט מיך אַרומגענומען; און וועגן יעדער זאָרג און אַנגסט, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר, אין יענעם מיידל־צימערל פון די אַלמאַ...

— אויך איך האָב נעכטן ביינאַכט — האָט פאַלק געזאָגט — גע־פילט דאָס זעלבע; אַ טיפע, שטילע רו, האָט מיך אַרומגענומען און אַלעס בייזע און שלעכטע, האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר... און בין אַזוי איינגעשלאָפן.

— עס זענען פאַראַן מענטשן, — האָט הערטאַ ווידער אָנגעהויבן — וואָס אין זייער קעגנוואַרט לעבסטו אויף, ווי אַ נייע נשמה וואָלסטו באַקו־מען... אַן אינערלעכע רו און אַ פרידן קומט איבער דיר, און עס איז דיר גוט... און דו ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר אַ פאַרבאָרגענער קוואַל עפנט זיך אין דיינע טיפענישן, און נעמט שטראָמען, אין דיין מוח, אין דיין בלוט און פרישט דיך אויף מיט נייע קרעפטן, מיט יונגע האָפנונגען...

פאַלק האָט נישט געוואָלט שטערן איר עקסטאַז, האָט ער געהאָרכט און געשוויגן. נאָר באַלד האָט זי געזאָגט:

— אַנדערע האָריזאָנטן האָט שמאַי אַנטפּלעקט און אויפגעדעקט פאַר מיר, און אַנדערע, דו, פאַלק! נאָר דיינע קוואַלן, וואָס דו האָסט אַנטדעקט אין מיר, זענען נענטער צו מיין וועזן און צו מיין כאַראַקטער...

זי האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף פאַלקן, און געזאָגט:

— זעסט? ווען איך וואָלט געווען איינפאַכער... עכטער... און קוראַ־זשירט, ווי... די אַלמאַ... און נישט קיין „איינציקע" טאָכטער פון דער פראַנקפורטער פאַמיליע אָפּנהיימער... וואָלט איך מיט דיר מיטגעפאָרן קיין בערלין, פאַלק, און דאָרט פאַרגעזעצט מיין שטודיום... אָבער איך וואָלט דיך נישט אַוועקגעלאָזט, דיך צו פאַרלירן אויף אייביק...

פאַלק האָט אַלץ געשוויגן, ווייל ער האָט נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

— איך ווייס, אַז דו דענקסט, אַז מיינע רייד זענען נישט מער ווי אַ קאַפּריז פון אַ רייכער טאָכטער פון אַן אַלטן שטאַם... הערטאַ'ס אויגן האָבן באַקומען אַ מאָדנעם גלאַנץ און איר קול האָט געציטערט:

— פראַנקפורט איז אַ טויטע יידישע שטאָט... ניי בלוט האָבן דאָ אַריינגע־גאָסן, אין די סקלעראָזע יידישע אָדערן, די חלוצים פון „אָסטן". אָבער שמאַי טוט נישט גוט, וואָס ער נעמט מיך מיט קיין פּאַלעסטינא. איך בין נאָך נישט רייף צו דעם... און נישט גרייט... פאַרשטייסט, פאַלק?

זי איז שטיל געבליבן, נישט צוליב ווערטער, וואָס האָבן איר אויס־

געפעלט, נאָר צוליב אָטעם... — און איצטער... — האָט זי זיך באַרואיקט — אַז איך האָב דיך דערקענט...

זיי זענען געגאַנגען איבער גאַסן, איבער פּאַרקן, דער ווינט האָט געריסן די לעצטע בלעטער פון די ביימער. זיי זענען געווען אַליין, אין דעם שפּעט־האַרבסטיקן, נעפּלדיקן פּאַרק, אַליין, ווי אויף אַ אינדזל און זיי זענען גליקלעך געווען, מיט זייער צער, מיט זייער ליבע. הערטאַ, וואָרעם אָנגעטאָן, האָט געשפּרייזט מיט אַ לייכטן טראָט ביי זיין זייט און קיינעם פון זיי האָט זיך נישט געגלוסט מיט קיין ווערטער צו צעשטערן די שטילקייט. באַרג־אַראָפּ האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט דער גרינלעכער טייך, דער מאַין. עס האָט אויסגעזען, ווי דער טייך וואָלט געשטראָמט אַהיים צו די מעכטיקע אָרעמס פון „פאָטער" רהיין... פּאַלקן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גייט ער, לענגאויס פון טייך סאַן, פון זיינע קינדער־יאָרן, וואָס פאַלט אויך, נישט ווייט פון זיין שטעטל אין דער ווייסל אַריין... פאַרטאָן אין זייערע רעיונות, זענען די צוויי יונגע מענטשן געגאַנגען, אין דעם לעצטן טאָג פון זייער צוזאַמענזיין. הערטאַ האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף איר באַגלייטער מיט הייסע אויגן:

— אויך דו, פּאַלק, אויך דו ביסט נאָך נישט רייף צו גיין אין דער „יידישער היים"...

פּאַלק האָט געענטפערט:

— ביי מיר, איז דער „פאַל" אַן אַנדערער. נישט, אַז איך בין נאָך נישט רייף, נאָר פאַרקערט, איך בין שוין מער נישט רייף...

און פּאַלק האָט אויפגעקלערט, וואָס ער מיינט:

— ווען איך בין אַוועק פון מיין שטעטל, צו גיין קיין ארץ ישראל, האָב איך געהאַט נאָר ביז קראָקע געלט אויף אַ באַן־בילעט. פון קראָקע ביז ווין בין איך, איבער גרענעצן געגאַנגען צופוס... און איך בין נישט געווען דער איינציקער... דאָס האָט געדויערט וואָכן. אַז מען איז אַלט אַכצן יאָר, איז עס נישט קיין פּראָבלעם.

פּאַלק האָט זיך פאַרטראַכט, און ווייטער דערציילט:

— אַז מען האָט פון מיר אין ווין פאַרלאַנגט געלט צו פאָרן קיין ארץ ישראל, האָב איך נישט פאַרשטאַנען... געלט... זעקס ענגלישע פונט... די מענטשן, וואָס האָבן עס פון מיר פאַרלאַנגט, זייערע אויגן, וועל איך אויף מיין גאַנץ לעבן געדענקען. „איך האָב נישט" — האָב איך געזאָגט — און בין געבליבן שטיין פאַר אַ פאַרהאַקט ביוראָ־פענצטערל... וואָלט דער מיטל־לענדישער ים נישט געלעגן צווישן מיר און מיין „חומש־לאַנד", וואָלט איך,

ווי די יידן אין מדבר אהינגעקומען צופוס... און איך וואָלט נישט געווען דער איינציקער...

ס׳איז שטיל געווען אַרום, מען האָט נאָר געהערט, דאָס פּלעסקען ון די קליינע כוואַליעס אין טייך. די כוואַליעס האָבן זיך שפּילעוודיק אָנגעשלאָגן אין די קליינע קיזל־שטיינער ביים ברעג.

— ניין! — האָט פאַלק, ווי צו זיך אַליין, אַ זאָג געטאָן — אַז געלט זאָל זיין אַ שטערונג צו מיין עליה... דאָס האָב איך דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען...

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף זיין באַגלייטערין און געפונען אַ טרייסט אין אירע אויגן, אין איר שמייכל... זיי האָבן זיך גענומען ביי די הענט און ווייטער געגאַנגען;

— אַנטוישונגען — האָט פאַלק געזאָגט — וועלכע שלאָגן אונז אין אונדזערע יונגע יאָרן, בלייבט אַ וווּנד פון זיי אויפן גאַנצן לעבן...

דער בין השמשות איז שנעל צוגעפאַלן. זיי האָבן זיך דערפילט הונגעריק. הערטאַ האָט געזאָגט:

— מערקווירדיק, ווי געזונט און פריש איך פיל זיך היינט: קום, פאַלק, אַרום „הירשגראַבען״, נישט ווייט פון געטהעס געבורטס־הויז, קען איך אַ קינסטלער־ווינקל, אינטים און שטיל, קום!

און זיי זענען אַוועק, מיט אַ לייכטן, באַפליגלטן טראָט.

אין אַ טעמפּל־אַרטיקן, אַלטמאָדישן, קליינעם זאַל מיט אַ געוועלבטן סופיט, ביי אָנגעצונדענע ליכט אין קאַנדעלאַבערן, האָבן זיי געפונען אַ ווינקל, זיך אַוועקגעזעצט. מיד, אויסגעהונגערט פון לאַנגן מאַרש, האָבן זיי זיך דערוואַרעמט מיט אַ הייסן געטראַנק און צובייסעכץ. פאַלקן זענען די אַרט קינסטלער־קנייפּעס נישט פרעמד געווען, נאָך פון בערלין און פון אַנדערע דייטשע שטעט; נאָר דאָ, אין הערטאַס שטאָט, אַרום געטהעס געבורט־הויז, האָט ער זיך געלאָזט פון הערטאַן אַלץ דערקלערן, האָט מיט נייגער, מיט אינטערעס, שילער־אַרטיק צוגעהערט:

— דאָ — האָט הערטאַ מיט באַגייסטערונג דערציילט — צווישן די פיר ווענט, האָב איך זיך באַקענט מיט די בעסטע פאָרשטייער פון דער היינטצייטיקער דייטשער ליטעראַטור. דאָ אַהער קומען האַלטן פאָרטראַגן, אָדער לייענען זייערע מאַנוסקריפּטן, די יונגע פּאָעטן, ווי מאָרגנשטערן, סטעפאַן געאָרגע, ערנסט טאָללער, און אפילו פראַנץ ווערפל; לייענען קאַפּיטלען פון זייערע פּראָזע־ווערק, קומען אַזעלכע וועלט־באַקאַנטע נעמען, ווי די ברידער מאַן, היינריק און טאָמאַס, דער וווּנדערבאַרער דערציילער און מענטש הערמאַן העססע... ווען מאָרגנשטערן, מיט זיין טיפער מענלעכער

שטימע, טוט אַ ברום ארויס; „וויר, וועלט״!, פילסטו ווי אַ פלאַם וואַלט דיך אַ ברי געטאָן. דאָס איז אַ פּאָעט פון אַ אוניווערסאַלן פאַרנעם. דאַ־קעגן סטעפּאַן געאָרגע, איז אַ מיסטיקער, לייענט זיינע פּאָעמען און לידער הינטער אַ פאַרהאַנגענעם רויטן פלושענעם פאָרהאַנג ביי צוויי ליכט. מען זעט נישט זיין פּנים, נישט פּאָר און נישט נאָכן לייענען... נאָך אַזאַ רעצי־טאַל, שטרעקט ער נאָר אַרויס די האַנט פון הינטערן פאָרהאַנג, מענער באַ־רירן זי, און אַ סך פרויען קושן די דאַזיקע האַנט... פראַנץ ווערפל און ערנסט טאָללער אָבער, זיי לייענען זייערע סאָנעטן און לידער, אָן צערע־מאָניעס. טאָללערס „שוואַלבן־בוך״, געשריבן אין געפענגעניש, ווו ער איז געזעסן, אַלס קאָמוניסט, האָט באַגייסטערט די יוגנט... אַ באַזונדערע אוי־דיטאָריע קומען אויף זיינע אָוונטן, אים צו הערן.

מיט צעשטראַלטע אויגן האָט הערטאַ געהערט און פאַלק, אַ באַגייס־טערטער, האָט זיך צוגעהערט.

— נאָר אַמליבסטן פון אַלע, קום איך הערן לייענען פון זיינע ווערק דעם פּראָזע־שרייבער, הערמאַן העססע... זיינע רייזע־באַשרייבונגען, זיינע וואַנדערונגען... דאָ נעמט דיך אַרום אַ טיפע רו, אַ פּאַרטרויען אין מענטש... אַלע שלעכטע איבלען פאַלן אָפּ פון דיר...

הערטאַס שטימע האָט באַקומען אַ קלאַנג, ווי מוזיק, און דערוועקט אין פאַלקן יענעם פרימאָרגן, ווען ער האָט די שטימע צום ערשטן מאָל דערהערט. ער האָט דעמאָלט אויפגעוואַכט. אין צימערל, בשותפות מיט הייני און דעם מאַטראָז, אין „חלוץ־היים״.

— צופוס, ווי „איינזידלער״ — האָט הערטאַ ווייטער געהערט — וואַנדערן זיינע „העלדן״ אַרום אין דער וועלט... די גרענעצן פון די לענ־דער פאַלן אַוועק... דאָ, ווו עס וואַקסן ביימער און גראָז, ווו עס שיינט די זון, איז זיין היימלאַנד... אומעטום, אין אַלע לענדער פון דער וועלט, האָט ער זיינע פריינט און צו יעדער צייט קאָן ער קומען צו גיין מיט זיין רוק־זאַק, מיטן שטעקן אין דער האַנט, און ביי זיי פאַרבלייבן... אַלע טירן שטיי־ען פאַר אים אָפן, און אַלע הערצער... דו האָסט דעם איינדרוק, הערנדיק זיינע דערציילונגען, אַז דאָס מאָלט אונדז העססע די מאָרגנדיקע וועלט, און דעם מאָרגנדיקן מענטש.

אויף פאַלקן, וואָס איז געזעסן, אין בין השמשות, אַרום די אָנגעצונ־דענע קאַנדעלאַברן, ביי דער זייט פון הערטאַן, האָט אַ ווייע געטאָן, מיט עפּעס עכט'ס און שיינ'ס...

גלייכצייטיק, האָט אים אַ טיפער טרויער אַרומגענומען. ער האָט מיטאַמאָל באַגריפן, אַז ס'זענען זייערע לעצטע שעה'ן, אַז דאָס הערט ער

צום לעצטן מאָל איר קול, אַז דאָס פּילט ער צום לעצטן מאָל אויף זיין פּנים דעם לעבעדיקן הויך פון איר ווייבלעכן אָטעם... הערטאַ האָט געזאָגט:

— מיין באַגייסטערונג פאַר די חלוצים, וואָס זענען געקומען פון די דערפער, מיט ברוינע פּנימער, צופוס, האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם וווּנדערלעכן שרייבער און מענטש, הערמאַן העססע... דעם פאַרטאָג, וואָס איך האָב דיך דערזען, ווען כ׳בין געקומען באַזוכן דעם קראַנקן ראַבינערס זון היינו, ביסטו געשלאָפן אויפן בעטל אין אַנטון און דאָס האָט מיך דול געמאַכט; אָט האָב איך פאַר מיר אַ העססישן „טיפּ" — האָב איך געטראַכט — נישט פון בוך אַרויס, נאָר אַ מענטש, אַ לעבעדיקן, פון בלוט און פלייש...

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, מיט אַ ציטערדיק קול, האָט זי צוגעגעבן:

— און דאָס איבריקע האָט מיר צביה פון דיר דערציילט... זי האָט דיך געדענקט נאָך פון גרויסן חלוצים־צוזאַמענפלי, און וואָרמס... וואָס עס איז מיט מיר געשען, פון יענעם ערשטן טאָג, ווען איך האָב דיך באַקענט, ביז היינט ווייס איך נישט... — זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און דורך אַ נעפּל אים אָנגעקוקט — איך וויל אויך נישט וויסן... זיצסטו דאָ לעבן מיר, זיכער צום לעצטן מאָל, און אפשר גאָר — צום ערשטן מאָל...

זי האָט זיינע הענט נישט אַרויסגעלאָזט און געזאָגט:

— דער זעלבער אומרו, איז אין מיר, פאַלק! ווי אין יענעם ערשטן טאָג... און מיין אַנגסט, אַז כ׳וועל דיך שוין קיינמאָל מער נישט זען, פאַרלאָזט מיך נישט! זאָג מיר עפּעס, פאַלק! זאָג מיר עפּעס...

— דו ווייסט, אַז איך האָב דיך ליב! דו אַליין ווייסט עס...

פאַלק האָט דערזען אַ שטראַל אין אירע אויגן, און ער האָט דעם שטראַל באַהאַלטן אין די טיפענישן פון זיין נשמה, אויף אייביק...

צוויי בריוו

ערשטער בריוו. יאַנואַר 1927

פאַלק! שוין זענען אַוועק אַ סך טעג און נעכט, ווי דו ביסט אַוועקגעפאָרן. יענעם זונטיק אויפדערנאַכט, ווען די באַן, וואָס האָט דיך אַוועקגעריסן פון מיר, איז פאַרשוווּנדן, בין איך געבליבן אויפן פּעראָן, צווישן הונדערטער מענטשן, אַזוי פאַרלוירן, און אַליין, אַז איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. און דאָך האָב איך געוווּסט, אַז איך האָב קיין רעכט נישט... ווייל וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך אויף דיר? די עטלעכע וואָכן,

וואָס מיר האָבן פאַרברענגט צוזאַמען, זענען ווי אַ שיינער חלום פאַרגאַנגען... מיט וואָס בין איך בעסער, ווי אַ מענטש, וואָס וואַכט אויף פון אַ גליקלעכן חלום און דערזעט זיך ווידער אין דער רעאַליטעט? אינצווישן איז שמאי צוריקגעקומען פון בערלין, און די רייזע־פּאַפּירן קיין פּאַלעסטינע דערליידיקט אויך פאַר מיר. אַזוי, אַז מיר פאָרן ביידע צוזאַמען אָפּ, דעם קומענדיקן מאָנאַט (פעברואַר 1927). דאָרט הייבט זיך דער פרילינג אָן, אין דער צייט, און ביי אונדז דאָ איז נאָך טיפער ווינטער... דאָס צוגרייטן זיך צו אַזאַ ווייטער און אומבאַקאַנטער רייזע, פילן אויס מיינע טעג און נעכט, מיינע געדאַנקען... דער פּאַרק אַקעגנאיבער מיין צימער שטייט איינגעהילט אין שניי. געדענקסט דעם לעצטן זונטיק, ווי מיר האָבן געבלאָנדזשעט אין די אַלעען? קיין אויסגאַנג נישט געפונען... מיט מיינע געדאַנקען היינט גייט מיר אויך אַזוי... איך קען זיך נישט געפינען... אָן אַן אויסוועג...

אַהיימגייענדיק יענעם זונטיק אויפדערנאַכט פון דער באַן, אָן דיר, אָן אַן אַדרעס אפילו פון דיר, האָב איך ערשט דערפילט, אַז איך האָב דיך פאַרלוירן, און אויף אייביק... פילנדיק עס אַזוי קלאָר, אַזוי טיף, ביסטו מיר נאָך נענטער געוואָרן. אַז פאַרגעסן דיך — וואָס עס זאָל נישט געשען — וועל איך שוין קיינמאָל נישט. וואָס ווייטער דו ביסט פון מיר, אַלץ נענטער ביסטו צו מיין נשמה, צו מיין האַרץ... איך פאַרלאַנג גאָרנישט מער, ווי נאָך איינמאָל אין מיין לעבן צו קושן דיינע הענט, אַזוי ווי איך פלעג עס טאָן, ווען ביסט געקומען צו מיר... אָפּטמאָל בין איך זיכער, אַז איך וועל דיר באַגעגענען ערגעץ אין פּאַלעסטינאַ, אין אַ קיבוץ... אָדער אויף אַ חלוצים־צוזאַמענפלי, אין אַ גרויסן דאָרפס־שייער, אָדער אַרום אַ נאַכט־פייער אין פעלד, אין אַ זומערדיקע אויסגעשטערנטע נאַכט... כ׳ווייס אַז דאָס אַלץ זענען פאַנטאַזיעס... חלומות, וואָס איך חלום אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט...

אַז איך זאָל דיר שרייבן אויפן אַדרעס, פון דעם בערלינער סטודענטן־היים, האָט מיך צביה געראַטן... וואָס פאַר אַ פּראַכטפולער מענטש דאָס דאָזיקע מיידל איז! דאָ, אין פראַנקפורט, איז זייער שטיל. ס׳איז אַ שווערער ווינטער, מיט ווינטן און שטאַרקע שניי־שטורעמס, אָן אַ פּיצל זון... עס זעט אויס ווי אַלץ וואָלט געוואַרט... געוואַרט אויף וואָס? נאָר אין דער לופט פילט זיך, אַז עס גרייט זיך דאָ עפּעס... פּאַלק! לייען מיין בריוו, לאַנגזאַם... און זאָל מיין אויפריכטיקייט דיך נישט צו לאַסט פאַלן... אַ! זאָג מיר עפּעס, פּאַלק! דיינע לעצטע ווערטער: „איך האָב דיך ליב, הערטאַ!... איך האָב דיך ליב!" קאָן איך הערן, ווען איך וויל... איך דאַרף נאָר די אויגן צושליסן...

אַ זונטיק שפּעטער, נאָך דײַן אָוועקפאָרן, האָב איך פאַרברענגט מיט אַלמאַ אַ נאָכמיטאָג אין דער „חלוצים־קאַפע״. זי האָט פיל גערעדט פון דיר, און מיר דערציילט, ווי אַזוי איר האָט פאַרברענגט יענע נאַכט, נאָכן מאָצאַרט־קאָנצערט ביי איר אין צימער... גענוי אַזוי, ווי דו האָסט עס איבערגעגעבן... איך וואָלט געוואָלט האָבן אין פּאַלעסטינאַ, אַזאַ טרייע נשמה, אַזאַ חברטע, ווי די אַלמאַ. אָבער נישטאָ קיין אויסזיכט, אַז זי זאָל אַמאָל אַהינקומען... זי זאָגט: „אַז מען איז געבוירן ביים רהיין, פילט מען זיך אומעטום אין דער פרעמד״... ביי מיר אין צימער שרייב איך דיר, און מאָדנע, דײַן אָרט, ווו דו פלעגסט שטענדיק זיצן, באַהאַלט נאָך תמיד דײַן וועזן... דײַן געשטאַלט.. ס׳איז זונטיק... פון שבת נאָכמיטאָג ביז זונטיק אויפדערנאַכט איז ביי מיר געוואָרן אַ צייט פון וואַרטן און האָפן. אין דעם צייט־אָפשניט געשעט אַן אומוואַנדלונג אין מיר... נישט צום דעפּרימירן. די גאַסן באַקומען אַן אַנדערן אויסזען, די האַלט־שטעלע פון דער שטראַסנבאַן, וואָס פירט צו דער סטאַציע פון ווייסן דאַמפער, באַקומט אַ פייערלעכן אויסזען, און איז פול מיט האָפענונג און פרייד. פאַלק, פאַרוואָס רופט דײַן נאָמען אין מיר אַרויס אַ געמיש פון צער און פון גליק, אין איינעם מיט אַ קלאַנג פון אַ שניידנדיקן פײַף פון אַ רוט, און גלייכצייטיק — אַ צאַרטער טאָן פון אַ פליט... אָ! ווען דו ווייסט, ווי די הערטאַ איז אַליין... אַזוי אַ ל ל יי ן...

פ אַ ל ק! אַ, פ אַ ל ק! — — —

צווייטער בריוו

פראַנקפורט, האַרבסט, 1933.

מײַן ליבער פאַלק.

איך האָב די יאָרן נישט געציילט, זייט יענעם זונטיק אָוונט, אויפן פראַנקפורטער הויפּט באַנהויף, ווען מיר האָבן זיך אויף אייביק צעשיידט דאַכט זיך מיר, אַז ערשט נעכטן איז געשען, און, ווידער, דאַכט זיך מיר אַז עס איז קיינמאָל נישט געשען... איך האָב געלעבט אין לאַנד פון די חלוצים ווי אין אַ קאָשמאַר. אין די צריפים, ווו מיר האָבן געוווינט, איז מיר הייס געוועזן אין זומער, קאַלט אין ווינטער. קיין קינד האָב איך שמאַין נישט געבוירן, און אויך קיין גליק אים נישט געגעבן. (ווי קאָן אַ מענטש, וואָס איז אַליין נישט גליקלעך, עמיצן גליק געבן?) אינצווישן איז מײַן גוטע מוטער

געשטאָרבן. נו, בין איך גאַנץ אַליין געבליבן אין מיין געבוירן־שטאָט פראַנקפורט. פון אַלע גרויסע יידישע אינסטיטוציעס, באַשטייט נאָר נאָך, דאָס שפּיטאָל און ברויערס ישיבה. דאָס איבעריקע איז שוין אַלץ ליקווי־דירט... גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ חורבן! נו, ביסטו אין פראַנקרייך, דאָס בין איך אַ דאַנק דער בערלינער קהילה געוואָר געוואָרן, דיין ברודערס אַדרעס, וועלכער איז נאָך אַלץ אָנגעשטעלט אַלס העברעאישער לערער אין דער בערלינער יידישער געמיינדע. אויך דאָרט איז מען אומרואיק. זיי האָבן מיך געבעטן מער קיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זיי נישט צו פירן... קיי־נער פון די חלוצים, איז דאָ מער נישטאָ, און נישט קיין „חלוץ־היים״... נאָר אַלמאַ איז מיר געבליבן פון יענע גליקלעכע צייטן... זי איז מיר ווי אַ פעלדז אינמיטן אַ צעשטורעמטן ים...

מיין טייערער פאלק! איך וואָלט געוואָלט, כאָטש איינמאָל נאָך, הערן פון דיר... אַז דו ביסט געזונט און גליקלעך. און ווער דיין באַשערטע איז? און ווי אַזוי זעט זי אויס? און טאָמער, איז אַ קינד צווישן אייך שוין פאַ־ראַן, וואָלט איך עס געוואָלט האַלטן אין מיינע אָרעמס...

מיט שמאַי׳ן בין איך זיך פונאַנדערגעגאַנגען. גוט, לויטן יידישן געזעץ. מיר זענען ביידע פריי... שרייב מיר, פאַלק, ענטפער מיר, ווייל די טעג דאָ זענען נישט מער אונדזערע... און דאָך בין איך גליקלעך. מיין צימער, מיינע ביכער... די זונטיקס זענען נאָך אַלץ מיינע... און פול מיט דערוואַרטונג און מיט האָפענונג... אַזוי איינגעשפּאַרט, און פונקט ווי אין ערשטן טאָג, וואַרט איך אַלץ אויף דיר... אָ, פאַלק! — — —

אין אַ צייט אַרום האָט איר פאַלק געענטפערט אויפן לעצטן בריוו. אָבער דער בריוו איז אים צוריקגעקומען. אויפן ראַנד פון קאָנווערט, איז געווען געשריבן מיט אַ רויטער בליי: אַדרעס אומבאַקאַנט...

(סוף)

א י נ ה אַ ל ט

ערשטער טייל

ווין

הקדמה

קאַפּיטל 1 ווין, די געפאַלענע קרוין־שטאָט 1

קאַפּיטל 2 אין בעסערן יידישן רעסטאָראַן 4

קאַפּיטל 3 דאַנטשיק 9

קאַפּיטל 4 שוואַרצמאַן 11

קאַפּיטל 5 עמיגראַנטן 12

קאַפּיטל 6 אין די באַראַקן „צום שוואַרצן בער״ 13

קאַפּיטל 7 דאָס חלוצל 18

קאַפּיטל 8 ברענעראָווצעס 21

קאַפּיטל 9 „עוזר דלים״ 23

קאַפּיטל 10 דער הער יאָהאַן זאַביצקי 25

קאַפּיטל 11 „קאַפע ציאָן״ 29

קאַפּיטל 12 יעקב׳ס חלום 33

צווייטער טייל

בערלין

קאַפּיטל 1 די יידישע סטודענטן־היים 35

קאַפּיטל 2 אין ראָמאַנישן קאַפע 39

קאַפּיטל 3 דער פּאָגראָם 42
קאַפּיטל 4 דער מיניסטער פון גערעכטיקייט 47
קאַפּיטל 5 מזרח און מערב 49
קאַפּיטל 6 „אָזע" 52
קאַפּיטל 7 אַ מאָדנער גאַסט 55
קאַפּיטל 8 און קומען וועט... 57
קאַפּיטל 9 די סאָוויעטישע האַנדלס־מיסיע 60
קאַפּיטל 10 „פּער אַסטרא אד אסטרא" 61
קאַפּיטל 11 די וועלט קאָנפערענץ פון „אָזע" 63
קאַפּיטל 12 יידישע טעכטער 64
קאַפּיטל 13 די אָקטאָבער רעוואָלוציע 67
קאַפּיטל 14 אין יענע בערלינער יאָרן 74

דריטער טייל

וואָרמס (ביים רהיין)

קאַפּיטל 1 דער לאַנדווירט האַנעס שינדלער 79
קאַפּיטל 2 די קליינע עמאַ 82
קאַפּיטל 3 אַננאַ 85
קאַפּיטל 4 דער „לאַמער פּאַשאַ" 96
קאַפּיטל 5 אַ שטורעם 100
קאַפּיטל 6 דער פערד־הענדלער איזאַק שטראַסבורגער 109
קאַפּיטל 7 דער באַל 114
קאַפּיטל 8 וואָס טוט מען מיט אַזאַ וואונדערלעכן טאָג? 122
קאַפּיטל 9 ווי אַ רויז צווישן דערנער 127
קאַפּיטל 10 דאָס מיליטער געריכט 134
קאַפּיטל 11 דער אָפּשייד 142

קאַפּיטל	12	„יופּ"	146
קאַפּיטל	13	ביים דרעשן	150
קאַפּיטל	14	דער קערמעס	152
קאַפּיטל	15	דאָס געשלעג	155

פערטער טייל

שפּייער (ביים רהיין)

קאַפּיטל	1	מאַרטאַ	159
קאַפּיטל	2	דער פאַרלאָזענער יידישער בית עולם	162
קאַפּיטל	3	דאָס „האַרבסטן"	166
קאַפּיטל	4	דער לעצטער שיל־היטער (שמש)	171
קאַפּיטל	5	כל נדרי	175
קאַפּיטל	6	דער הער קראַאוזע	179
קאַפּיטל	7	מאַרטאַס געבעט	181

פינפטער טייל

די „חלוצים היים"

קאַפּיטל	1	פראַנקפורט (ביים מאַין)	185
קאַפּיטל	2	דאָס הויקערל	191
קאַפּיטל	3	דאָס געטהע־הויז	197
קאַפּיטל	4	די פרייטיק־צונאַכטס׳ן	202
קאַפּיטל	5	צביה	205
קאַפּיטל	6	ערנסט דער מאַטראָז	211
קאַפּיטל	7	הערטאַ	214

קאַפּיטל	8	די משפחה אָפּנהיימער	221
קאַפּיטל	9	אי. גע. פֿאַרבן	232
קאַפּיטל	10	דערציילט מיר, פֿאָלק, פֿון דיינע קינדער־יאָרן	238
קאַפּיטל	11	אַלמאַ	248
קאַפּיטל	12	צביה׳ס מוסר־רייד	260
קאַפּיטל	13	דער לעצטער טאָג	262
קאַפּיטל	14	צוויי בריוו	271

געשריבן און פֿאַרענדיקט אין ליל (נאָרד־פֿראַנקרייך)
אין די יאָרן 1967־1972

JEHIEL MOHR

HALOUTZ DE POLOGNE

(Roman)

1977

JEWISH PUB
LA BIBLIOTHEQUE
...עז פאלקס ביבליאטעק
...יקה העברית העממית